STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00112

DERTSEYLUNGEN UN ESEYEN

Der Nister

Permanent preservation of this book was made possible by
Betty Aronow
in memory of
Chaim Grade

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער נסתר

דער נסתר

דערציילונגען און עסייען

(1948 — 1940)

דאָס בוך איז דערשינען

מיט דער הילף פון לאָס־אַנדזשעלעסער איקוף

און נאַדיאַ און רבקה לון

לזכרון דעם פריצייטיק־פאַרשטאָרבענעם

י ע ק ב ל ו ן

און מיט דער הילף פון

מ ע י מ י י א ש אָ ן

אין זכרון פון איר מאַן

י אַ נ ק ל י א ש אָ ן

(געשטאָרבן אין ל״א, פעברואַר 1952).

ווי אויך אין אָנדענק

פון דער טרייער

ליבהאָבערין פון יידישן וואָרט

ח׳ט ע ע ל ק ע ה אָ ר אָ ו ו י ץ

(געב. אין בערדיטשעוו)

דער נסתּר

דערציילונגען און עסייען

איקוף־פֿאַרלאַג, ניו־יאָרק

מיט אַ פאָרוואָרט

דער נסתר — מענטש און קינסטלער

פון

נחמן מייזיל

DER NISTOR

DERTZEILUNGEN UN ESSEIEN

Published by
YIDDISHER KULTUR FARBAND (YKUF)
1957
189 Second Ave., New York 3, N. Y.

Copyright 1957
by YKUF

Printed in U. S. A.

GRENICH PRINTING CORPORATION
151 West 25th Street
New York 1, N. Y.

ביכער פון דעם נסתר

גערדאַנקען און מאָטיוון (לידער אין פּראָזע). 1) דער לעצטער מענטש (פון דעם נסתרס כתבים), 2) מרים (אַ פּירוש אויפן מאָטיוו פון „מאַליטווא דעתוי״), פ׳ „יוגענד״, ווילנע, 1907, 23 ז״ז.

העכער פון דער ערד, פאַרלאַג „פּראָגרעס״, וואַרשע, 1910, 54 ז״ז.

אינהאַלט: דער קדמון, גאָט און זיין טעות, מעריב, די ערשטע טאָג און נאַכט נאָך מעשה־בראשית.

געזאַנג און געבעט (פּאָעמעס).

אינהאַלט: מיר, אין יענער נאַכט, אויף די טירן, פון שיר השירים, נע ונד. קונסט־פאַרלאַג, קיעוו, 1912, 84 ז״ז.

מעשהלעך אין פערזן — דריטע פאַרגרעסערטע אויפלאַגע, פ׳ קולטור־ליגע, וואַרשע, 1921, 62 ז״ז.

די ערשטע אויפלאַגע איז דערשינען אין קיעוו אין 1919.

מעשהלעך אין פערזן. 12 קינדער־מעשהלעך אין פערזן, פערטע אויפלאַגע, פ׳ „שוועלן״, בערלין 1923, 65 ז״ז.

געדאַכט. ערשטער באַנד, ליטעראַרישער פאַרלאַג, בערלין 1922, 244 ז״ז.

אינהאַלט: דער נזיר און דאָס ציגעלע; צום באַרג; שדים; אויפן גרענעץ; אין וואַלד; אין ווייַן־קעלער.

צווייטער באַנד, בערלין 1923, 286 ז״ז.

אינהאַלט: מוסר; געקעפּט; דער בער און דער וואַלד־רוח; מדבר; אַ בבא מעשה אָדער די מעשה מיט מלכים.

פון מיינע גיטער — מלוכה־פאַרלאַג פון אוקראַינע, כאַרקאָוו, 1928, 230 ז״ז.

אינהאַלט: פון מיינע גיטער; אַ מעשה מיט אַ לץ, מיט אַ מויז און מיט דעם

נסתר אַליין; שיכור; ציגיינער (אַ מעשה); אַ מעשה פונעם גרינעם מאַן; ניר־גייסט.

הויפּטשטעט (פאַרצייכענונגען), פ׳ „ליטעראַטור און קונסט״, כאַר־קאָוו, 1934, 276 ז״ז.

סיקומען 14 אַרטיקלען, שילדערונגען, געטיילט אויף: כאַרקאָוו, לענינגראַד, מאָסקווע, צום טאָג.

זעקס מייסעלעך, אילוסטרירט פון קינסטלער מ. פראַדקין, מלוכה־פאַרלאַג פאַר די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין אוססר., קיעוו, 1939, 48 ז״ז.

אינעם אָקופּירטן פּוילן (דריי פּאַלן), אַרויסגעגעבן פון זשורנאַל „איקוף״, בוענאָס־איירעס, 1945, 82 ז״ז.

קאָרבאָנעס, אָגיז, מלוכה־פאַרלאַג „דער עמעס״, מאָסקווע, 1943, 72 ז״ז.

סיקומען אַריין 3 דערציילונגען: העשל אַנשעלעס; דער זיידע מיטן אייניקל; מאיר לאַנדשאַפט.

די משפּחה מאַשבער, ערשטער טייל, ערשטע אויפלאַגע — מאָסקווע 1939;

צווייטע אויפלאַגע — איקוף־פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1943, 440 ז״ז.

מיט אַן אַריינפיר פון נחמן מייזיל וועגן דעם נסתר;

דריטע אויפלאַגע — איקוף־פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1948, 440 ז״ז.

די משפּחה מאַשבער, צווייטער טייל, איקוף־פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1948, 446 ז״ז.

מיט אַ וואָרט „צום לייענער״ פון נ. מ.

א י נ ה אַ ל ט:

זייט

דער נסתּר, מענטש און קינסטלער — פון נחמן מייזיל — — — — — — 9

העשל אַנשעלעס — — — — — — — — — — — — — — — — 31

דער זיידע מיטן אייניקל — — — — — — — — — — — — — 48

מאיר לאַנדשאַפּט — — — — — — — — — — — — — — — 80

ריווע יאָסל בונציעס — — — — — — — — — — — — — — 101

מיין באַקאַנטער — — — — — — — — — — — — — — — 124

ווידערוואוקס — — — — — — — — — — — — — — — — 155

פלאָראַ — — — — — — — — — — — — — — — — — 184

מיט איבערוואַנדערער קיין ביראָ־בידזשאַן — — — — — — — — — 257

פרץ האָט גערעדט און איך האָב געהערט — — — — — — — — — 279

אַ בריוו צו דוד בערגעלסאָן — — — — — — — — — — — — — 290

נחמן מייזיל

דער נסתר — מענטש און קינסטלער

1.

דער נסתר — פיניע קאַגאַנאָוויטש — איז געשטאָרבן אָדער אומ־געקומען ערגעץ־וואו אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. דערוויל, צו אונדזער ווייטיק און צאַרן, איז ניט באַקאַנט, וואו און ווען און ביי וועלכע אומ־שטענדן. מיר ווייסן אויך ניט, וואו ער האָט געלעבט די לעצטע יאָרן, פון 1948 און ביז זיין טויט, און צי ער האָט געשריבן אין דער גרויליקער צייט און צי עס איז געבליבן עפּעס פון דעם, וואָס ער האָט געשריבן אין די־אָ יאָרן און אַפּריער.

מיטן נסתרס טראַגישן טויט איז אַוועק פון אונדז איינער פון די טיפסטע און אָריגינעלסטע יידישע שרייבער, וועלכער האָט אָנגעהויבן זיין קינסטלערישן שאַפן אין 1905—1906, צוזאַמען מיט דער גרויסער צאָל יידישע דיכטער און שרייבער, וואָס האָבן אין יענע מערקווירדיקע יאָרן געשטעלט זייערע ערשטע ליטעראַרישע טריט אין דער יידישער ליטעראַטור אין רוסלאַנד, אין די „זיבן גוטע יאָר" פון איר שטאַרקן פאַנאַנדערבלי און פאַנאַנדערוואוקס. זיין אָנהויב אין דער ליטעראַטור איז געווען אַן אייגנאַרטיקער, אַן אויסטערלישער, ווי זיין גיין און קלעטערן איבער די וועגן־שטעגן פון דער יידישער ליטעראַטור די אַלע איבעריקע 40 יאָר פון זיין אייגנטימלעכן פּראָדוקטיוון שאַפן. דער נסתר איז געווען ניט נאָר אַ פאַרבאַהאַלטענער פאַר אַנדערע, פאַר זייטיקע, נאָר ער איז עס געווען קודם כל פאַר זיך גופא. ער אַליין האָט כסדר און אַלעמאָל געזוכט זיך, געזוכט אינהאַלט און פאָרם, און אַלץ, ווי ער זאָגט אין סוף פון זיין פּרעכטיקן בוך „משפחה מאשבער", „מיט אייגענע מיטלען און לויטן נוסח וואָס איז אונדז אייגנטימלעך..."

נסתר, ער און זיין שאַפן, זיינען געווען פאַרוויקלט אין שלייערן, ער האָט אין רוב פון זיינע ווערק געהאַלטן אין אָראָפּוואַרפן פון זיך אָט די שלייערן און גלייכצייטיק אָרויפציען אַנדערע, נייע, און אַזוי

אויך אין זיין לעבן, וואָס איז געווען טיף צונויפגעבונדן, ניט צום אָפּ־שיידן, פון זיין שאַפן. ער אַליין האָט קיינמאָל אָדער אפשר זעלטן ווען געגעבן אַ געלעגנהייט אַריינצוקוקן אין „לפני ולפנים", אין דעם סאַמע אינעווייניקסטן, אין דעם תוך פון זיין געשטאַלט, סיי פון זיין דרויסנדיקן לעבן, און סיי אין דער אינערלעכער וועלט פון זיין שאַפונגס־פּראָצעס. עס איז דעריבער דער חוב פון די, וואָס האָבן אים געקענט נעענטער, פון די וואָס האָבן געלעבט אַרום אים און מיט אים, זיי זאָלן זיך טיילן מיט וואָס־מער פּרטים וועגן אָט דער אייגנאַרטיקער און אָריגינעלער קינסטלערישע פּערזענלעכקייט און איבערגעבן וואָס־מער שטריכן פון זיין אויסטערלישן כאַראַקטער.

איך בין געווען מיט נסתרן באַקאַנט, געבונדן, באַפריינדעט זינט 1908. געווען יאָרן, ווען מ'האָט געלעבט אין איין שטאָט, אין איין סביבה, זיך געטראָפן טאָג־איין טאָג־אויס ביי פאַרשיידנערליי סיטואַציעס און באַדינגונגען. אַ צאָל פון זיינע פריערדיקע ווערק איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דורך מיר, אָדער לויט מיין איניציאַטיוו. נסתר איז אויך געווען אַן אַריינגייער אין אונדזער שטוב, און מען האָט זיך געטראָפן מיט אים אינדערוואָכן און אין יום־טוב־טעג. אויך זיינע לעצטע שאַפונגען, ביז 1948, זיינען דערשינען אין זשורנאַלן און פאַרלאַגן, צו וועלכע איך האָב געהאַט אַ שייכות. איך האָב געהאַט פון אים, אין פאַרשיידענע צייטן, פיל בריוו, וואָס זיינען פאַרלאָרן געגאַנגען אין וואַרשע, בימי היטלער הרשע, י"ש. עס ליגן ביי מיר נסתרס בריוו פון די יאָרן 1940—1948, באַגלייט־בריוו און אָנווייזונגען בעתן דרוקן זיין „משפּחה מאשבער", די ביידע טיילן, און די לעצטע דערציילונגען...

און דאָך... איז נסתר, אָדער ווי מיר האָבן אים גערופן „פּיניע", געווען און פאַרבליבן פאַר מיר, פאַר אונדז אין אַ גרויסער מאָס אַ... נסתר, אַ געהיימניספולער, אַ פאַרבאַהאַלטענער. לאָמיר איצט טאָן אַ „חסד של אמת" צו אים און צו דער יידישער ליטעראַטור, וואָס איז געווען אַ שטיק פון זיין לעבן, און בקיצור דערציילן, ווי אַ פאָרוואָרט צו זיינע דערציילונגען און עסייען, וואָס ער האָט געשריבן די לעצטע יאָרן פון זיך שאַפן (1940—1948) און וועלכע זיינען איינגעזאַמלט אין דעם דאָזיקן בוך.

2.

ווי עס טרעפט אָפט מיט זייער נאָענטע מענטשן, וואָס מ'האָט מיט זיי געלעבט פיל יאָרן, און לאַנג געווען מיט זיי געקניפּט און געבונדן,

איז שווער זיך צו דערמאָנען, ווען אייגנטלעך און ביי וואָסערע באַדינ־גונגען מ'האָט זיך צום ערשטן מאָל געטראָפן און זיך באַקענט. עס איז שוין אַ 48 יאָר זינט יענער צייט, ווען עס האָט זיך באַוויזן ביי אונדז, — כ'געדענק ניט גענוי, ווי עס איז געקומען צו דעם, — אַ יונגערמאַן פון בערדיטשעוו אָדער זשיטאָמיר, אַ שעמעוודיקער, אַ צוריקגעהאַל־טענער, ער איז געקומען צו דער גרופּע יונגע־לייט אין קיעוו, וואָס האָבן זיך געשניטן אויף שרייבער, און דערוויל געשטאַנען נאָך פון דער ווייט שוועל ביים היכל פון דער יידישער ליטעראַטור. דאָ, אין דעם „פּאַרגויאישטן" קיעוו, ווייט פון די ליטעראַרישע יאַרידן, האָט געלעבט דוד בערגעלסאָן, וואָס האָט דאַן געאַרבעט אויף צוויי „פּראָנטן", — געגרייט זיך צו עקזאַמענס און גלייכצייטיק געשריבן, געשריבן אַלץ און דערוויל פאַרן „אייגענעם שופלאַד" און פאַר דער קליינער אוידי־טאָריע פון פאַרערער־באַגייסטערער; אָט אויך נחמן מייזיל, אַ טאַטנס אַ קינד, וואָס האָט אַנגעהויבן גאָר פיין מיט העברייאיש, זיך געדרוקט שוין אין העברייאישע צייטונגען און פּלוצלונג געוואָרן אַ „הציץ ונפגע", אַריבער האַסטיק צו יידיש. געווען אויך דער דיכטער אשר שוואַרצמאַן, וואָס איז צוגעקומען געוואָרן אין צאַרישער קאַוואַלעריע, אַזש קיין קאַליש... עס זיינען געווען אין קיעוו אייניקע אַנגעזעענע, איצט מער־געוועזענע טוער פון „בונד", ס. ס., סיימאָוועצעס, פּועלי־ציון, וואָס נאָך דער רוסלענדישער רעוואָלוציע פון 1905—1906, האָבן זיי זיך גענומען איבערברעכן און געזוכט אַ מאַטעריעלן און גייסטיקן אַנהאַלט און תכלית אין אַרומיקן קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן אין קיעוו.

די „קיעווער גרופּע", וואָס האָט דערוויל ניט געהאַט קיין מזל אַנערקענט צו ווערן אין וואַרשע און אין ווילנע, איז צוגעטראָטן אויפ־צושטעלן אַן אייגענע טריבונע. עס זיינען אַנהויב 1908 אויפגעקומען די „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטן" אין ווילנע (דורך ש. גאָרעליק, א. ווייטער, ש. ניגער — אַלע דריי — איצט אויפן „עולם האמת"), מיט אַ גאָר געהויבענעם מאַניפעסט און פּאַרמעסט, און אויפן פערטן נומער — זיך אָפּגעשטעלט. און אויך י. ל. פרץ האָט זיך פּאַרמאָסטן אַרויסצוגעבן אַ „וואָכנשריפט", וואָס האָט אויך לאַנג ניט אויסגעהאַלטן. עס האָבן דאַן זיך גענומען ציען פעדעם, דערוויל בלויז פעדעם, צווישן א. ווייטער און ש. גאָרעליק מיט דער „קיעווער גרופּע", וואָס האָט נאָך ניט באַוויזן אַרויסצוקומען פאַר דער ליטעראַרישער וועלט מיט עפּעס־וואָס וויכטיקס, וואָגיקס. מען האָט אָבער שוין פאַרמאָגט אומצופרידנקייט מיט די הערשנדיקע ליטעראַרישע „באַלעבאַטים" פון וואַרשע, ווילנע, מיט

זייערע טראַדיציעס און איינשטעלונגען און מיט זייערע קינסטלערישע טענדענצן. מיר איז שוין אַמאָל אויסגעקומען, אין מיינע שילדערונגען פון בערגעלסאָנס ייִנגערע יאָרן, אָפּצושטעלן זיך דערויף גענויער. („פאָרגייער און מיטצייטלער", ניו־יאָרק, ז"ז 304 — 341).

און אָט אין יענער צייט האָט זיך אַריינגערוקט (ניט אַריינגעקומען ברייט און פעסט) פון זשיטאָמיר אָדער פון בערדיטשעוו דער שטילער חנעוודיקער יונגער נסתּר. ער האָט (האָבן מיר געוואוסט פון דער זייט, ניט פון אים גופא) שוין באַוויזן אַפילו אַרויסצוגעבן אין ווילנע (אין 1907) עפּעס אַ מאָדנעם ביכל, מיט אַ מאָדנעם נאָמען און אויך מיט אַזאַ מין מאָדנעם אינהאַלט: „געדאַנקען און מאָטיוון — לידער אין פּראָזע", — מיט אַ צוגאָב, „אַ פּירוש אויפן מאָטיוו פון „מאַליטוואַ דיעווי"... (די צוויי ווערטער זיינען געגעבן אין רוסישע אותיות). אָבער, משמעות, ניט ער, נסתּר, אַליין, און ניט מיר האָבן ניט גענומען גענוג ערנסט זיין ערשטן ליטעראַרישן אַרויספּאַר.

אָבער דער יונגער (ער איז געבוירן אין בערדיטשעוו אין 1884), דאָן 24 יאָריקער, נסתּר, דער שטילער און טיף־שווייגנדיקער, האָט פאַראינטריגירט און געריי׳צט. פון אַ ניט הויכן וואוקס, מיט אַ מערווירדיקער צאַרטקייט און באַשיידענע מאַנירן פון גיין און רעדן, האָט ער אויסגעזען נידעריקער פון זיין וואוקס. ער האָט געהאַלטן זיין שיינעם קאָפּ מיט די שיינע געדיכטע האָר, אַריינגערוקט אין די איינגעבויגענע אַקסלען, ווי ער וואָלט זיך שעמען צו האַלטן דעם קאָפּ הויך, פאַרריסן. ער איז דערצו געגאַנגען ווי אויף די שפּיץ־פינגער, און זיך געהאַלטן, ווי מ׳זאָגט אין העברייאיש, „בצדי דרכים", אויף זייטיקע וועגן־שטעגן, ניט אויפן דרך־המלך, אויפן ברייטן שליאַך. און נאָך אַ ספּעציעלן שטריך האָט ער פאַרמאָגט — פון „הצנע לכת", פון גיין שטיל, באַשיידן, און אַזוי אויך רעדן שטיל, באַשיידן, און דאָס אויך — נאָר ווען מען קאָן שוין מער ניט שווייגן, נאָר מ׳מוז דאָך עפּעס זאָגן... הקיצור, אַ שווייגער, אַ שותק, אַ רענדל אַ וואָרט, און דאָס אויך — געוועדט מיט רמזים, אַנדייטונגען, און אַזוי אגב אורחא, אָן באַטאָנונג, אָן שאַרפקייט. זעלטן־ווען האָט ער געעפנט אַ פענסטערל, אָדער כאָטש אַ שליסל־לאָך מ׳זאָל קאָנען אַריינקוקן אין זיין אינערלעכער וועלט און אין זיינע איבערלעבענישן.

עס האָט געהייסן, און אַזוי האָבן מיר אים אויפגענומען פריער און שפּעטער, אַז ער איז אַ נסתּר צוליב פריזיוו־אַנגעלעגנהייטן, אָדער צוליב וועלכע עס איז פּאָליטישע סיבות, איז ער אַ נסתּר, אַן אומלע־

גאָלער, וואָס מען דאַרף ניט וויסן וועגן אים מער ווי מען ווייסט. האָט זיך נסתר, פּיניע, געוויזן אָפּט אין קיעוו, האָט מען ניט געוואוסט פון וואַנעט און צוליב וואָס ער קומט, ער האָט געוואוינט ערגעץ־וואו און ניט אָנגעגעבן זיין אַדרעס, און איז ער דערנאָך אַוועקגעפאָרן — האָט ער ניט דערציילט וואוהין און אויף ווי לאַנג. און איז ער אַריינ־געקומען אין הויז וואו מיר אַלע זיינען געווען, געטומלט און זיך באַ־וועגט, האָט ער זיך טיף אַריינגעזעצט אין דער סאָפע, געשוויגן און געקוקט ליב און וואויל, מיט נייגיר און אינטערעס אויף די אַרומיקע, שווייגנדיק געשמייכלט מיט זיינע פולע, גלאַנציקע טרויבן־אויגן און אַריינגעקוואָלן אין זיינע וואָנצעס, וואָס האָבן באַהאַלטן, פאַרשטעלט זיין מויל און ליפּן. זלמן רייזען גיט אָן אין זיין „לעקסיקאָן" (מסתמא זיך געשטיצט אויף נסתרס נאָטיצן), אַז ער איז „געווען אונטער דער שטאַרקסטער השפעה פון חסידות". מען דאַרף צוגעבן — אונטער דער באַהאַרצטער, נשמהדיקער בראַסלאַווער חסידות, וואָס ער האָט אַזוי פרעכטיק און מיט אַזאַ התלהבות און ליבשאַפט געמאָלט שפּעטער אין זיין „משפחה מאשבער".

3.

ווען מיר האָבן זומער 1908, נאָכן אָפּשטעל פון די ווילנער „ליטע־ראַרישע מאָנאַטשריפטן", גענומען גרייטן אַן אייגענעם קיעווער אַלמאַ־נאַך, ביי דער טיילוויזער מיטווירקונג פון שמריהו גאָרעליק, האָבן מיר שוין געהאַט ביי זיך דוד בערגעלסאָנס שטאַרקע, קרעפטיקע דערציילונג „דער טויבער", (וואָס וואַרשע האָט ניט געוואָלט דרוקן) און ביי נסתרן האָבן מיר געקראָגן זיין פרעכטיקע לירישע פּאָעמע אין פּראָזע „פרילינג". מיר האָבן זיך מיט איר אַרומגעטראָגן חדשים־לאַנג ווי מיט אַן אבן טוב און געווען אין געוואַלדיקער התפעלות פון נסתרס דערהויבענער אָנטציקונג פון דער נאַטור און פון דער יום־טובדיקער צאַפּלדיקער פרישקייט, וואָס האָט געשמעקט מיט „שיר־השירים", מיט וועלכן ער, נסתר, רופט זיך אין דער פּאָעמע כסדר איבער. אָט דער לייט־מאָטיוו, וואָס ציט זיך איבער דער גאַנצער פּאָעמע „פרילינג", האָט אין יענער צייט געמאַכט רירן אונדזערע יונגע הערצער און געמיטער.

דער פאַרבאָהאַלטענער און שווייגנדיקער נסתר איז אונדז אַלעמען נאָענט, אייגן און טייער געוואָרן. מיר האָבן דערשפּירט און דערפילט אין אים אַן אייגנאַרטיקן דיכטער, וואָס זוכט דערוויל, אָבער ער וועט

געפינען זיין וועג. גראַד אין יענער צייט האָט נסתר פאַרעפנטלעכט אין פּרצעס „יודיש" אַ שאַרף־רעאַליסטישע געשיכטע „אַ טאָג־ביכל פון אַ פאַרפירער", וואָס איז אונדז געבליבן פרעמד, און פון וועלכער נסתר גופא האָט ווייניק גערעדט, ווי ער האָט ניט ליב געהאַט בכלל צו רעדן, צו שמועסן וועגן זיינע זאַכן. האָבן מיר זיך שטיל געפרעגט: איז ווער טאַקע דער אמתער נסתר, — דער פון „פרילינג" אָדער דער פון „טאָג־ביכל פון אַ פאַרפירער".

און אינגיכן אַ נייע איבעראַשונג, — זיין ביכל „העכער פון דער ערד" (וואַרשע, 1910), וואו עס קומען אַריין פיר זאַכן: „דער קדמון", „גאָט און זיין טעות", „מעריב", „די ערשטע טאָג און נאַכט נאָך מעשה בראשית", אַלץ זאַכן, וואָס רופן זיך איבער מיטן „זוהר", מיטן „ספר יצירה", און מיט אַנדערע מיסטישע, מיסטעריעזע ספרים. נסתר פאַר־נעמט זיך אין גאָר הויכע דרכים, און ער שלאָגט אָן מיט זיין אייגנ־אַרטיקער שפּראַך אין הויכע מדרגות, וואָס זיינען העכער פון דער ערד און נאָך ווייטער פון די אַרומיקע בלויע הימלען.

עס איז געווען קלאָר: דער יונגער נסתר זוכט ערשט זיין וועג. דערווייל בלאָנדזשעט ער און ער קלעטערט אויף איינזאַמע, זייטיקע, פאַרוואָרלאָזטע שטעגן־וועגן. ער דאַרף ערשט דערגיין און צוקומען צו זיין קינסטלערישן ציל און צוועק. דער בלאָנדזשעט ניט, האָט אַמאָל געשריבן געטע, ווער עס זוכט בכלל ניט, ווער עס שטייט אויף איין אָרט. און נסתר איז שטענדיק געגאַנגען, געזוכט אינהאַלט און פאָרם, און קיינמאָל ניט גענומען פון גרייטן, — ניט פון פרעמדנס גרייטן און ניט פון אייגענעם. ער אַליין האָט ניט גערעדט וועגן זיין שרייבן־שאַפן און זיך ניט געטיילט מיט די גרעאַנגלענישן, וואָס ער האָט געהאַט אויסצושטיין מיט זיך אַליין, מיט זיין שרייבן, און וועגן די וועגן־אומוועגן, וואָס ער האָט אַדורכגעמאַכט ביז ער האָט דערגרייכט צום געגאַרטן און געוואונטשענעם.

מיר, די סאַמע נאָענטע, האָבן קיינמאָל ניט געזען אים זיצן „על האבניים", אויפן שאַפערישן „בראָך־שטול", ניט געטראָפן אים ביי דער אַרבעט און אויך ניט געהאַט פאַר זיך אַ ניט־פאַרענדיקטן מאַנוסקריפּט, וואָס זאָל פאַר אונדז אַנטפּלעקן דעם אופן פון זיין שרייבן און דעם וועג ווי ער בויט אַ מעשה און ווי זי וואַקסט אַרויס ביי אים. און דאָס האָט זיך באַזונדערס שטאַרק געוואָרפן אין די אויגן און עס האָט געצויגן אונדזער אויפמערקזאַמקייט, ווען מיר האָבן געהאַט פאַר זיך דוד בער־געלסאָנען, וואָס האָט, להיפוך פון נסתרן, געשריבן אָפן און עפנטלעך,

גערעדט גערן און שטענדיק וועגן זיינע טיפֿן־געשטאַלטן, וואָס ער ברענגט אַרויס, און גלייענט און געוויזן די אַלע וואַריאַנטן, די געראָטענע און ניט־געראָטענע אָנהויבן און זייטלעך פֿון זיינע דערציילונגען און ראָמאַנען, וואָס ער האָט געהאַלטן אין שרייבן. דער אַריינקום אין זיין שאַפֿונגס־לאַבאָראַטאָריע איז געווען אָפֿן, אויפֿן וואַרשטאַט זיינען געלעגן די „מאַטעריאַלן און שטאָפֿן" און די „געצייגן" פֿון דעם מייסטער בערגעלסאָן. גאַנץ אַנדערש איז געווען (און מסתמא פֿאַרבליבן) נסתר, וועלכער האָט געאַרבעט, ווי מ׳וואָלט איצט געזאָגט, הינטער אַן „אייזערנעם פֿאָרהאַנג", ניט צו וויסן וואָס ער טוט און מיט וועלכער זאַך ער פֿאַרנעמט זיך. ערשט ווען נסתר־פּיניע האָט שטילערהייט און פֿאַרשעמט געמאָלדן, אַז ער איז ווילּיק עפּעס איבערצולייענען, האָט מען זיך געפֿרייט, און דערביי ניט געוואוסט וואָס ער גייט פֿאַרלייענען און ווי לאַנג עס האָט אים גענומען עס אָנצושרייבן. און אַז מען איז זיך צונויפֿגעקומען די פּאָר מענטשן, האָט נסתר אַרויסגעצויגן פֿון זיין שטרויענער קאַרזינקעלע אַ פּעקל ווייסע, גלאַנציקע ציכטיקע בויגנס פּאַפּיר, מיט ליניעס, אַלע מאָל פֿונעם זעלביקן מין און גרויס, און אַריינגערוקט זיך טיף, ווי זיין שטייגער, אין דער סאָפֿע, און פֿאַררוקט טיף זיין קאָפּ אין די אַקסלען, האָט ער גלייענט מיט אַ באַזונדערן ריטם און שטימע, און דערביי ניט אויפֿגעהויבן די אויגן פֿונעם מאַנוסקריפּט און ניט אויפֿגענומען דעם איינדרוק, וואָס זיין דערציילונג מאַכט אויף די צוהערער און ניט געשענקט קיין שום אויפֿמערקזאַמקייט ווי זיי רעאַגירן. ווידעראַמאָל — אַ שאַרפֿער אונטערשייד פֿון דוד בערגעלסאָן, וועלכער האָט אויפֿן אָרט, ביי יעדן אָפּשטעל, קאָנטראָלירט מיט זיינע קלוגע, פֿאַרשנדיקע אויגן די צוהערער און געזוכט ביי זיי אינטערעס און פֿאַרגאַפֿונג פֿונעם גלייענטן. און דערנאָך — גערן געווען, מ׳זאָל זיך טיילן וואָס־גענויער מיט די איינדרוקן און פֿירן אַ שמועס און אַרויסזאָגן מיינונגען. אַזאַ איז געווען דוד בערגעלסאָן... און ווען נסתר האָט איבערגעלייענט די דערציילונג, האָט ער זאָרגפֿעלטיק צונויפֿגעלייגט די לאַנגע בויגנס און פֿאַרטיק, און באַשיידן־פֿאַרשעמט זיך אויפֿגעכאַפּט, און ווי פֿון אַ שכרות, — ניכטער געוואָרן אָדער פֿון אַ חלום — וואַך געוואָרן...

4.

אין זיין גלענצנדיקן „בריוו צו דוד בערגעלסאָן" (וואָס מיר גיבן אין בוך), געשריבן צו ד. בערגעלסאָנס 30־יאָריקן יובל, אין 1940,

זיינען דאָ שורות, וואָס זיינען ניט נאָר אויטאָביאָגראַפיש, נאָר זיי זיינען אויך אויטאָפּאָרטרעטיש. נסתר שרייבט, אַז ער האָט געלערנט, ביי בעגעלסאָנען „באַציאונג צו ליטעראַטור.״ און ער דערציילט, אַז עס איז געווען איינגעפּירט, ווען ער אָדער אַנדערע פלעגן זייערע ווערק פאַר בערגעלסאָנען פאָרלייענען, איז „עס פאָרגעקומען ביי אַנגעצונדענע ליכט און לייכטער״. און ער גיט צו, נסתר, אַז „דאָס איז ניט געווען קיין פּוסטע ביליק־געבלאָזענע דעקאָראַציע. ניין. דאָס האָט יעדעס מאָל באַטייט: ליטעראַטור איז יום־טוב; ליטעראַטור איז פייערלעכ־קייט...״

אָט דאָ האָט זיך נסתר אַרויסגעכאַפּט און זיך „אַרויסגעגעבן״. — ליטעראַטור איז יום־טוב... ליטעראַטור, שאַפן איז געווען ביי נסתרן כולו יום־טוב. זעלטן־ווען האָט ער געטראָגן וואָכעדיקע קליידער ביים שרייבן. און אַזוי אויך זיין סטיל — יום־טובדיק, זעלטן־ווען אַפילו חול־המועדיק. און דערפאַר האָט אים, אין זיין צייט, אין 1910, אַזוי געיאָגט און געטריבן פון וואַרשע, וואו עס האָט געהערשט וואָכעדיקייט. ער זאָגט עס אין זיין בריוו צו ד. בערגעלסאָן, אַז די שטימונג, די אַט־מאָספער, וואָס ער האָט געטראָפן אין קיעוו איז געווען גאָר אַנדערש פון דער וואַרשעווער, „מיט דעם דעמאָלטיקן וואַרשעווער ליטעראַרישן מאַרק, וואו ליטעראַטור איז שוין געוואָרן אַ האַנט־פּרנסה״. נסתר רעדט וועגן ד. בערגעלסאָן און מיינט זיכער אויך זיך, וואָס „ווען ער פלעגט אַמאָל קומען אויף אייניקע טעג נאָר אין זייער, וואַרשעווער, געזעלשאַפט, האָט עס אים גענומען וואַרגן״, און „איר האָט זיי מוחל געווען זייער ליטעראַרישע מעטראָפּאָליע און האָט זיך אַרויסגערוקט און צוריק אַוועק אינעם שטילן, פון טומל וויטן, פּראָווינציעלן, אין ליטעראַרישן זין, דעמאָלטיקן קיעוו.״

און הגם נסתר האָט וויניק גערעדט און מען האָט נאָך וויניקער געוואוסט וועגן אים, וועגן זיין הינטערגרונט און זיינע אייגענע אָנגע־זאַמלטע אוצרות, איז נסתר געווען איבערגעלאָדן מיט טיף־יידיש וויסן און ער האָט פאַרמאָגט אויך אַלגעמיינע ליטעראַרישע באַהאַוונטקייט און קענטשאַפט. נסתר האָט אין די יאָרן 1903—1906 אַדורכגעמאַכט, מיט גאָר זיין יוגנטלעכן אינעווייניקסטן ברען און אייגנאַרטיקער פאַר־טיפטער ליידנשאַפט, דעם אויפשטייג, דעם אויפברויז פונעם מענטש און ייד אין רוסלאַנד. ער האָט מיטגעמאַכט דעם באַרג־אַרויף מיטן באַרג־אַראָפּ אין דער ספּעציפיש־יידישלעכער און עכט־טראַדיציאָנעלער שטאָט בערדיטשעוו, וואָס ער האָט מיט אַ דרייסיק יאָר שפּעטער זיך

פֿאַרמאָסטן צו שילדערן אַזוי ברייט און אַזוי טיף, ווי קיינער ניט ביז אים. דאָס רעאַל־איבערגעלעבטע און אַדורכגעמאַכטע האָט ער דערווייל טיף־טיף באַגראָבן אין זיך, און ערשט אָנהויב די 30־ער יאָרן האָט ער אויפגעריסן די אייגענע קוואַלן און אָנגעהויבן גראָבן און דערגרונטעווען זיך צו דער אייגענער טיפקייט ביז ער האָט דערגרייכט די שיכטן פֿונעם גאָלד־אויל, וואָס עס האָט געגומען מיט אַזאַ האַסטיקייט אַרויסצושלאָגן פֿון אים. נסתר גופֿא זאָגט אויף זיין שטייגער, מיט רמזים און האַלב־ווערטער (אין זיין פֿאַרוואָרט צו „משפּחה מאשבער") וועגן יענער צייט, ווען עס האָט שוין „געריפּט דער לעבנס־פּעאיקער זוימען, וואָס פֿון אים זיינען זיך צעוואַקסן די אויפקלערערישע און שפּעטער די רעוואָ־לוציאָנערע באַוועגונג... עס האָט שוין געהאַלטן פֿאַרן אָנקומען פֿון יענע מענטשן, וואָס האָבן איבערגענומען דעם רודער און האָבן פֿאַר־קערעוועט די געזעלשאַפֿטלעכע שיף אויף גאָר אַנדערע ריכטונגען און רייסן. עס זיינען שוין דאָן געוואַקסן יענע קינדער, וועלכע האָבן שפּעטער געריסן מיט גאָר דעם אַלטן, טראַגנדיק פֿייער אין די פֿאַלעס פֿאַר אַלעם דורתדיקן שימל, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן ביז זיי (ב. 1, ז. 22)".

דאָס איז געשען העט־שפּעטער, אין זיינע רייפֿערע, עלטערע יאָרן.

אָבער אין די ערשטע צוואַנציק־ פֿינף און צוואַנציק יאָר פֿון זיין שאַפֿן, האָט נאָך נסתר ניט געקאָנט און ניט געוואָלט אויפֿנעמען אין גאָר דער ברייט און טיף דאָס דאָזיקע לעבן, וואָס ער האָט, אין 1934, גענומען שילדערן, ווען ער איז צוגעטראָטן צו זיין לעבנס־ווערק „משפּחה מאשבער". נסתר זאָגט טאַקע אין זיין פֿאַרוואָרט, אַז „מיר איז געווען גאַנץ שווער אויפצואוועקן, אויפצולעבן און מאַכן זיך באַוועגן יענע פֿאַרשוינען, וואָסווירקן אין דעם בוך."

5.

אים איז דערווייל אין די אַלע יאָרן געווען גרינגער צו גיין און צו בלאָנדזשען און לאָזן זיך וואוילגיין, געטריבן פֿון זיין פֿאַנטאַזיע, גע־שטויסן פֿון קינסטלעריש־דיכטערישן אימפּעט, און זיין פֿאַרכאַפּט פֿון וויזיעס, אילוזיעס, און ווערן אַליין פֿאַרגאַפּט און פֿאַרגאַפֿן דעם יונגן יידישן דורשטיקן לייענער, וואָס איז געווען אַזוי להוט נאָך פֿרישע, פֿרילינגדיקע, צאַפּלדיקע שאַפֿונגען, וועלכע האָבן אים אַרויסגעהויבן פֿון דער אַרומיקער שווערער ווירקלעכקייט. אמת, אין אַט די ווערק האָט נסתר אָפֿט פֿאַרלוירן דעם רעאַלן באָדן פֿון אונטער זיינע פֿיס,

פאַרזען דיווירקלעכקייט און זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ ניט־דאָאיקער וועלט פון זוכענישן און קלעטערנישן, זעאונגען און שפּירונגען פון אַ ניט רעאַלן כאַראַקטער און שטייגער.

אַזוי איז ער געווען אין זיין „העכער פון דער ערד״, און אַזוי אויך אין זיין גרעסערן בוך „געזאַנג און געבעט״ (קיעוו, 1912), וואו מיר האָבן מעשה בתוך מעשה, אַלעגאָריע, סימבאָליסטיק און משל מיט נמשל, און בעיקר — די פאַרשיידנערליי פאַרשוינען, מענטש צי חיה, מיט מאָדנע וויכטיקע, אָבער אומקלאָרע שליחותן, וואָס זיי טראָגן מיט זיך פאַר דער וועלט, פאַר זיך גופא, פאַרן פאָלק און מענטש.

שוין פיל קאָנקרעטער און נעענטער צו דער ערד, צו דער רעאַלער וועלט זיינען געווען זיינע „מעשהלעך אין פערזן״ (קיעוו, 1918), וואו עס זיינען אַרויסגעבראַכט נייע מאָטיוון און עלעמענטן פון וועלטלעכע פאָלקס־מעשיות, וואָס האָבן צו טאָן מיט היימישע געשטאַלטן, וואָס מען טרעפט ווייניק אין די פרומע, יראת־שמימדיקע מוסר־ספרים, נאָר וואָס זיינען געשאַפן אין דער יידישער שטוב, אונטער דער השפעה פון רוסישע, אוקראַאינישע און פּוילישע פאָלקס־מעשיות, וואָס עס האָט אַריינגעבראַכט די רוסישע, אוקראַאינישע און פּוילישע דינסט. ביי נסתרן זיינען זיי אַ פיין ביסל פאַריידישט, פאַריידישלעכט, סיי לויטן אינהאַלט און סיי לויט דער פאָרם.

עס געדענקען זיך גוט יענע וואָכן און חדשים, ווען נסתר האָט געבראַכט מיט זיך פון זיין „באַהעלטעניש״ אָט די פּרעכטיקע שפּי־לעוודיקע מעשהלעך, ווי זיי האָבן געווירקט אָפּפרישנדיק אויף אונדז אַלעמען, און אויף אים גופא. ס׳איז געווען אַ נייע התגלות פון נסתרן, עס האָט אַלעמען געפרייט, וואָס נסתר האָט אָנגעשלאָגן אין נייע קוואַלן, טריטקט דורשטיק פון זיי און זעטיקט אויך אַנדערע.

אָבער נסתר האָט נאָך ווייט ניט אויסגעלאָזן פון זיך, פון זיין פאַנטאַזיע די אַלע פאַרשוינען מיט זייערע וואָגלעענישן אין די הרי־חושך, די אַלע גייערס און ברואים, וואָס זיינען געווען פאַראורטיילט אויף „אייביקן גיין״, אויף „אייביקן שטרעבן״. ער האָט פאַרגעזעצט צו דערציילן מעשיות, און זייער באריכות און אויף פאַרשיידענע אופנים און אין כלערליי וואַריאַנטן, וואָס זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין זיינע „מאָטיוון״ (1921) און אין די צווי בענד „געדאַכט״ (בערלין, 1922, 530 זייטן). אָט די אייגנאַרטיקע מעשיות און געשיכטעס פאַר־לאַנגען אַן אויספירלעכע און גרינטלעכע אָפּשאַצונג. מען דאַרף אָנווייזן אויף די מעלות טובות, אויף זייער מייסטערישער שפּראַך און פּרעכטיקן

סטיל ווי אויך אויף די שטרויכלונגען, פעלערן פון נסתרן אין יענעם פעריאָד פון זיין שאַפן.

.6

מיר זיינען דערוויל פאַרלאָפן דעם וועג און געקומען צו נסתרס שאַפונגען ביז 1922. עס איז אָבער נויטיק, כדי צו באַגרייפן נסתרס גאַנג און זיין אָרט אין יידישער ליטעראַטור פון יענער צייט, זיך אָפּצושטעלן כאָטש פאַרבייגייענדיק אויף דעם, ווי די „אָפּיציעלע" יידישע קריטיק האָט אים אויפגענומען. מען האָט אים און זיין שאַפן געשענקט ווייניק אויפמערקזאַמקייט. דאָ פאָדערט זיך אַ מער־אויס־שעפּלעכע שטודירונג. מיר וועלן זיך איצט אָפּשטעלן בלויז אויף אייניקע פון די אָפּרופן.

ש. ניגער אין דער „יידישער וועלט" (ווילנע 1913) האָט געזאָגט, אַז „עס דוכט זיך, אַז נסתרס שרייבן איז ניט בלויז אָן אַ פאָרם, נאָר אויך אָן אַן אינהאַלט". און וויטער גיט ער צו: „... כאָטש אין דער אמתן איז דאָרטן געוויס פאַראַן אַן אינהאַלט און גאָרניט אַזאַ אומזיכטיקער". און לסוף זאָגט ניגער: „ווען די כוונה (און נסתר האָט געוויס אַזאַ כוונה) צו ווערן דער ערשטער מקובל אין דער יידישער בעלעטריסטיק, וואָלט אַרויסגעגאַנגען מן הכוח אל הפועל, וואָלט עס, נאָך מיין מיינונג, געווען ניט בלויז אַ דרייסטער, נאָר אויך אַ וויכטיקער שריט".

גאָר שלעכט האָט נסתר אָפּגעשניטן ביי ש. ראָזענפעלד, וואָס האָט אין זיין סעריע אַרטיקלען „אָן אַ באָדן" אין „צוקונפט" (ניו־יאָרק 1914) געמאַכט אינגאַנצן אויסצודרייען נסתרן און זיין שאַפן. ש. ראָזענפעלד שרייבט אָט וואָס: „... וואָרום עס איז דאָך, למשל, ניט קיין צופאַל, וואָס גראָד אין אונדזער צייט האָט זיך באַוויזן אַזאַ אומגעלומפּערטער, פאַרוואָלקנטער און שטאָק־פינסטערער שריפט־שטעלער ווי נסתר". און ער שיט נאָך צו זאַלץ און זאָגט ווייטער: „עס איז אַ טעות צו מיינען — ווי געוויסע קריטיקער מיינען עס — אַז נסתרן איז ניט קלאָר, וואָס ער איז אויסן, דערפאַר געפינט ער ניט די נויטיקע ווערטער, מיט וועלכע ער זאָל זיך קאָנען קלאָר אויסדריקן. וואָס ער איז אויסן, וואָס אים שוועבט פאָר, דאָס איז אים אַזוי קלאָר, ווי ווייט מטושטשע געדאַנקען, מיסטישע באַגריפן און פאָרשטעלונגען קאָנען בכלל קלאָר זיין. און כדי אים צו פאַר־שטיין איז בכלל ניט נויטיק צו הערן זיינע ווערטער, דערצו איז

נאָר נויטיק צו פאַרמאָגן אַ זעקסטן חוש, וועלכער זאָל אַלץ זען, אַלץ באַגרייפן, אָן ווערטער...״ (ז׳ 663).

פאַטערלעכער און מיט מער אחריות פאַר דער יידישער ליטעראַטור און מיט מער פאַרשטענדעניש פאַר דעם אייגנאַרטיקן יידישן שרייבער־אָנפאַנגער האָט זיך באַצויגן דער „פאָטער פון דער יידישער ליטעראַטור״ י. ל. פרץ צו נסתרן און צו זיינע ערשטע פּרוואוון־שאַפונגען פון די יינגערע יאָרן.

אין זיינע אינטערעסאַנטע זכרונות וועגן די באַגעגענישן מיט י. ל. פרץ (זיי קומען אין דעם איצטיקן בוך) גיט איבער נסתר וועגן זיין באַזוך ביי פרצן אין 1910. נאָך דעם ווי ער דערציילט זייער לעבעדיק וועגן זיין אַריינקומען צו פרצן און ער גיט איבער זייער טרעפלעך און אָריגינעל וועגן זיין לענגערן שמועס מיט פרצן, שרייבט נסתר: „דעמאָלט איז ער (פרץ) אַריבער צו רעדן מער קאָנקרעט. ער האָט מיך גענומען מוסרן. ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן איינער, מיינער אַ יוגנטלעכער געדרוקטער זאַך, וואָס אַלס טעמע האָט מיר געדינט דאָס געבורט פון קריסטוס. ער, פרץ, האָט צוערשט מיך אָפּגעמאָסטן פאַרחידושט; ווי קום איך גאָר אַריינצוקוקן אין אַ ווינקל, וואָס לויט מיין דערציאונג האָט דאָס מיר באַדאַרפט זיין אַזוי פרעמד... דערנאָך, כדי מיך איבערצייגן אין מיין גרייז און מיך פאַרהיטן פון ראָמאַנטישן פאַרערן דאָס, וואָס לויט מיין יוגנטלעכער אומדערפאַרנקייט קאָן זיך מיר דוכטן צו זען אין דעם אַ אידעאַל, — האָט ער גענומען רעדן וועגן דער קלאַסיק פון דער ביבל, וועגן אירע עטישע פאַרמען, און להיפוך צו איר — וועגן דעקאַדאַנס און צעווירענער מאַראַליטעט פון דער עוואַנגעליע״. און נסתר גיט צו, אַז פרץ „האָט זיך צעהיצט, צעפלאַמט, גערעדט מיט קורצע, אָפּגעהאַקטע זאַצן. אַפאָריסטיש...״

און דער פועל־יוצא פון אָט דער פאַטערלעכער זאָרג און אחריות איז געווען, ווי נסתר גיט צו: „כ׳האָב זיך געפילט באַגליקט און באַגייסטערט פון דעם אַליין, וואָס איך געפין זיך אין זיינע פלאַמפייערדיקע פיר איילן...״ נסתר דערציילט וועגן נאָך באַזוכן און וועגן דעם, ווי פרץ האָט אויפמערקזאַם און מיט טיפן ערנסט געהערט אים לייענען זיינע זאַכן פאַר אים. דערביי איז וויכטיק צוצוגעבן, אַז א. ווייטער איז עס געווען דער, וואָס האָט נסתרן שטאַרק פראָטעזשירט, און „ווי זיין גייסטיקער מעצענאַט״, איז ער געווען געוואַלדיק פאַראינטערעסירט אין פרצעס אויפנעמען און אין נסתרס

אויסנעמען ביי אים... זייענדיק שטאָלץ און צופרידן פון דעם, וואָס נסתר איז וואוילגעפעלן פּוצן, האָט א. ווייטער דערנאָך איבערגעגעבן נסתרן צווישן אַנדערן, וואָס פרץ האָט געזאָגט: „מיט דעם פּאַרשוין דאַרף מען טאָן ווי מיט אַ באַל: אַז מען וויל, ער זאָל הויך אַרויפֿשפּרינגען, דאַרף מען אים פריער אַ גוטן זעץ־אַראָפּ טאָן...״ נסתר האָט דערפילט אין דעם דערמוטיקונג, סמיכה, הסכמה, און ער זאָגט: „כ׳האָב דאָס אָנגענומען פאַר ליב...״ און ווער ווייסט, אפשר איז זיין „פרילינג״, וואו ער רופט זיך איבער מיטן יידישן „שיר השירים״, געווען אַ דירעקטער פּועל־יוצא פון פרצעס אָנווייזונגען און השפּעה...

ס׳איז אגב, אינטערעסאַנט, וואָס דערזעלבער א. ווייטער האָט דער ערשטער אין דער פּרעסע געלויבט אין טאָג אַריין דוד בערגעלסאָנס ערשטלינג „אַרום וואָקזאַל״. א. ווייטער איז דערנאָך געווען שטאַרק צוגעבונדן צו דער „קיעווער גרופּע״. דאָס איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך.

און אין 1945, מיט אַ 35 יאָר שפּעטער, האָט נסתר געשריבן, אַז אָט די ערשטע באַגעגענישן מיט פרצן איז געווען גענוג, ער „זאָל באַשטענדיק האָבן זיין, פּרצעס, געשטאַלט פאַר די אויגן, און פילן זיין אויפזיכט און לערעריש־זיטלעכן קאָנטראָל, וואָס היט און וואָרנט: געדענק פאַר וועמען דו ביזט פאַראַנטוואָרטלעך!...״

און עס איז גוט באַקאַנט, אַז נסתר האָט אָט די לערעריש־זיטלעכע קאָנטראָל געפילט אַלע זיינע יאָרן, און געווען איר טריי, טריי ביזן סוף פון זיין לעבן.

און ווען מיר רעדן וועגן דער ערנסטער באַציאונג פון די עלטערע שרייבער אין דער יידישער ליטעראַטור צו נסתרן און צו זיין אייגנאַרטיקן שאַפן, לאָמיר שוין אויך ציטירן עטלעכע שורות פון דעם באַוואוסטן קריטיקער, דעם „פּאַטער פון דער יידישער קריטיק״, בעל מחשבות, וואָס האָט געשריבן אין זיין אָפּהאַנדלונג „דאָס דרום־יידנטום און די יידישע ליטעראַטור אין 19־טן י״ה״ (דערשינען אין כלל־פאַרלאַג, בערלין, 1922). רעדנדיק וועגן דעם אויפבלי פון דער יידישער ליטעראַטור אין אוקראַינע, אין 1917 און ווייטער, און אָפּשטעלנדיק זיך אויף אַ צאָל דיכטער און פּראָזאַאיקער פון יענער צייט, שרייבט בעל־מחשבות: „דער נסתר מיט זיינע מעשהלעך פאַר קינדער און גרויסע אין פּראָזע און אין פערזן האָט אין מאַנכע פון די אַרויסגעוויזן אַזאַ איינפאַכקייט בנוגע צו די קינסטלערישע מיטלען, און צוגלייך אַזאַ מאַלערישקייט פון דער מעשה־וועלט, אַז זיי דערמאָנען ערטערוייז די מוסטערהאַפטע פרימיטיוון פון דער קונסט.

ערשט מיט נסתרן ווערט די יידישע מעשה־וועלט עפּעס אַזוינס, וואָס דערהויבט זי איבער אַלע פּרואוון פון פּרץ ביז אַלע זיינע נאָכטוער — און ווערט אַ יידישע ריינע שאַפונג פאַר זיך, וואָס איז דורכגע־דרונגען פון אַ ספּעציעלער מיסטישער פאָרם און דורכגעזאַפּט מיט אַ ספּעציעלן יידישן מעשהלע־קאָלאָריט..." „אַדאַנק נסתרס איי־גענער שפּראַך — זאָגט ווייטער בעל־מחשבות — וואָס איר הויפּט־מעלה איז איינפאַכקייט, איינפאַך ביז פּרימיטיוויזם, איז ער געוואָרן אין אַ גרויסער מאָס איר רעפאָרמאַטאָר, וועלכער האָט שוין געהאַט אַ מערקיקע ווירקונג אויף דער נייער יונגער ליריק, וואָס טרעט אַרויס אַזוי שטאַרק ביי די דרומדיקע פּאָעטן" (ז' 56).

און איך אַליין, אין אַן אַרטיקל וועגן נסתרן געשריבן אין 1925, („באַגעגטע און ווייטע" ב' 2), האָב געזאָגט: „זינט ס'איז אַרויס נסתרס ערשט ביכל, זיינען שוין פאַראיבער 18 יאָר. ביז היינט צו טאָג האָט ער שוין אַרויסגעלאָזט אַ צען ביכער און ביכלעך, און דאָך איז ער פאַר דעם ברייטערן יידישן לייענער־עולם פאַרבליבן די זעלבע רע־טעניש, דער זעלבער נסתר ווי אַמאָל — ביים אָנהויב פון זיין שאַפן. ער שרייבט און שרייבט, ער בייט זיך און ענדערט זיך, אָבער ער בלייבט אַלץ פאַרהילט און פאַרבאָרגן אין אַ סודות־מאַנטל. זיין יעדע נייע זאַך שיילט אים ניט אויס, העלפט ניט מיט צו אַנטפּלעקן זיין געשטאַלט, זיין מהות, נאָר אדרבא, פאַרקערט, — פאַרוויקלט אים אַלץ מער און פאַרבאַהאַלט אַלץ מער זיין דיכטעריש געשטאַלט..." און איך זאָג, אַז „ביז איצט הערשן וועגן נסתרן די קעגנזעצלעכע מיינונגען און באַציאונגען: העכסטע באַגייסטערונג און ערגסטער ביטול, טיפסטע התפעלות און שטאַרקסטע אויפרעגונג..." און איך שרייב ווייטער, אַז „פיל פון נסתרס ווערק אין די לעצטע יאָרן זיינען מער אָנרעג־שטאָף ווי פאַרענדיקטע קונסט־ווערק, מער מאַטעריאַל פאַר שאַפונג ווי שאַפונגס גופא." (ז"ז 138 — 144).

.8

לאָמיר זיך אומקערן צוריק צו נסתרן גופא און אַרויסברענגען נאָך אייניקע מאָמענטן פון זיין לעבן, וואָס זיינען ווייניק אָדער איב־גאַנצן אומבאַקאַנט און וועלכע דאַרפן פאַרצייכנט ווערן לזכרון. זאָל עס דינען גלייכצייטיק אויך ווי אַ מאַנונג צו די, וואָס האָבן געזען און געקענט נסתרן אין פאַרשיידענע צייטן און פעריאָדן פון זיין

לעבן, און באַזונדערס די לעצטע פופצן־צוואַנציק יאָר, זיי זאָלן, כל זמן עס איז נאָך ניט שפּעט, עס פאַרעפנטלעכן.

אין דער „צווישן־צייט" פון איין בוך און דעם צווייטן פלעגט נסתר „פאַרפאַלן" ווערן, ער האָט ניט געלאָזט קיין שפּורן פון זיך און ניט געגעבן צו וויסן, וואו ער איז און וואָס ער טוט. הכלל, — אַ נסתר!

אין 1912, ביי מיינעם אַ באַזוך אין באַהאַפּאַל־גאָלטע, די צווי צווילינג־שטעטלעך, וואָס געפינען זיך אויף די ביידע זייטן פונעם טייך „בוג" (וואָס שלום עליכם האָט אַזוי מייסטעריש געמאָלט אין זיין פּרעכטיקער טראַגיש־פריילעכער געשיכטע „הונדערט איינס"), האָב איך גאָר אומגעריכט „געפּאַקט" נסתרן ווי אַ לערער אין דער שולע פון „מפיצי השכלה". אין אַן אַלטער קליינער געביידע, האָט ער געקנעלט מיט יידישע אָרעמע קינדערלעך, און ביי דער זייט — מיט אַ צווייטן לערער — א. גאַלאַמב. עס איז געווען מאָדנע און אומגעריכט צו טרעפן נסתרן, וועלכער האָט שוין געהאַט אַ נאָמען פון אַ מאָדערנעם שרייבער און געהאַט אויסצושטיין פון דער אָפּגע־שטאַנענער יידישער קריטיק פאַר זיין מאָדערניזם און דעקאַדאַנס, צו זען אים ווי אַ לערער־מלמד מיט קליינע יידישע קינדער... ווי לאַנג עס האָט געדויערט זיין לערעריי, ווייס איך ניט. א. גאַלאַמב וואָלט געקאָנט דערציילן גענויער וועגן נסתרן און זיין קנעלן, און זיך טיילן מיט זכרונות וועגן אים.

מיט אַ צייט שפּעטער, לערך אין אַ יאָר אַרום, האָבן מיר פאַר־בראַכט מיט נסתרן עטלעכע שיינע און באַהאַרציקטע טעג אויף אַ זומער־וואוינונג אַרום זשיטאָמיר, ביים טייך טעטערעוו. אין אַ שיין יונג, ליכטיק און צויבערנדיק וועלדל. עס איז געווען די פּרעכטיקע שיינע וואָלינער לאַנדשאַפט, וואָס האָט מיט עטלעכע יאָר פריער שעפעריש און שפעדיק געווירקט אויפן געמיט פונעם גרויסן זשיטאָמירער ח. נ. ביאַליק. איצט האָט זי געצערטלט און געקעכלט דעם עמפּינדלעכן און וואַקסנדיקן נסתר, וואָס איז דאַן געווען פריש און פרימאָרגנדיק און געזאַפּט און איינגעזאַפּט אין זיך ליכט און העלקייט. אַזאַ איינדרוק איז מיר פאַרבליבן פון יענע עטלעכע טעג „אויפן שויס" פון דער פּרעכטיקער וואָלינער נאַטור, וואָס ח. נ. ביאַליק האָט מיט אַזאַ מייסטערשאַפט פאַראייביקט אין זיין פּרעכטיקער פּאָעמע „הברכה" (סאַזשעלקע) און אין אַנדערע פון זיינע זוניקע נאַטור־לידער. —

און אינגיכן אַ געמיינזאַמע באַגעגעניש מיט דוד בערגעלסאָן און נסתרן אין אָדעס. עס איז געווען נסתרס ערשטער באַזוך אין דער שיינער און ראַשיקער דרום־שטאָט ביים שוואַרצן ים. און עס איז אויך געווען נסתרס ערשט מאָל דערזען דעם ים, וואָס איז דאַן געווען באַזונדערס ברויזנדיק, ווי עס טרעפט אָפט מיטן אומרואיקן שוואַרצן ים ביי די אָדעסער ברעגעס. ביז איצט קאָן איך ניט פאַרגעסן, ווי נסתר איז געבליבן שטיין ביים סאַמע ברעג ים אַ פאַרגאַפטער, אַ אַנטציקטער, און לאַנג קיין וואָרט ניט אַרויסגעבראַכט פון זיין מויל. אַזוי טיף איז ער געווען „גערירט" פון דעם מעכטיקן ים־בילד. און ער איז שוין דאַן אַלט געווען אַ 28 יאָר!

ניט ווייניקער איז נסתר געווען פאַרגאַפט און אויפגעטרייסלט אין אָוונט, ווען מיר אַלע דריי, בערגעלסאָן, ער און איך, האָבן זיך געלאָזט אויף אַ וויזיט צו ח. נ. ביאַליק אין זיין דירה, אויף וואַגנע־ראָווסקי פערעאולאָק, נ׳ 6. איך און בערגעלסאָן האָבן געקענט ביאַליקן פון זיינע באַזוכן אין קיעוו. נסתר האָט אים געזען צום ערשטן מאָל. עס איז געווען פאַרנאַכט, און ביאַליק, ווי עס האָט מיט אים געטראָפן זייער אָפט, איז געווען גאָר לעבעדיק, אויפגעלייגט און אין אַ ספּע־ציעלער „שקאַצעוואַטער" שטימונג. מיר איז שוין אַמאָל אויסגעקומען צו דערציילן וועגן אָט דעם באַזוך אין מיינע זכרונות וועגן ח. נ. ביאַליק („פאַרגייער און מיטצייטלער", 1946, ז׳ז 208־210). מיר האָבן אָנגעקלונגען אין זיין טיר, ביאַליק גופא האָט אונדז געעפנט, און גלייך ביי דער טיר וואוילינגעריש אָפּגעשפּילט אַזאַ סצענע. „אַ פיינער מענטש — האָט ער זיך געווענדט צו מיר — מען שרייבט איך בריוו און איר ענטפערט ניט!" עס איז געווען גראָד פאַרקערט. ער, ביאַליק, איז געווען מיר שולדיק אַן ענטפער אויף אַ בריוו. און דערנאָך געמאַכט אַ פיינעם „ברוך הבא" צו ד. בערגעלסאָן: „נו, וואָס־זשע מאַכט מירעלע, זי זיצט אַלץ אויפן גאַניק און קוקט אַרויס אין דער וועלט אַריין!" און ווען מיר האָבן אים פאַרגעשטעלט נסתרן, האָט ביאַליק גלייך אויפן קול „אָפּגעקנאַקט" אויף אויסנווייניק די ערשטע פּאָר שורות פון נסתרס ערשט־דערשינענעם בוך „העכער פון דער ערד": „און דורות און צייטן, אָן ראיה און אָן שמיעה און ניט־געזעענע און ניט־געהערטע זיינען זייענדיק ניט געוואָרן, פון ניט געוואָרן צו ניט געוואָרן, און ניט אָנהויבנדיק זיך געענדיקט... א. אַז. וו."

מיר האָבן זיך געזעצט אויף דער סאָפע ביים טיש, וואו מ׳האָט

געגעבן אָוונט־ברויט (מיר דריי האָבן שוין געהאַלטן נאָך דער וועט־טשערע), און אַלע דריי, און באַזונדערס נסתר, וואָס האָט געזען ביאַליקן צום ערשטן מאָל, האָבן ניט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג פון אים, וועלכער האָט מיט אַ באַזונדערן אַפּעטיט און ברען געגעסן און בשעת מעשה גערעדט געשמאַק און מיט הנאה. ביאַליק האָט דאַן דערציילט שפּאַנענדיקע פּרטים וועגן זיין רייזע אין ארץ־ישראל, ער האָט גערעדט מיט התפּעלות, און אויך מיט אַ גענוגנדיקער דאָזע הומאָר. בינו לבינו האָט ביאַליק גענומען רעדן זייער שאַרף קעגן י. ח. ברענער, געשאָטן אויף אים פּעך און שוועבל, — עס איז געווען אין דער צייט, ווען ברענער איז עפנטלעך אַרויסגעטראָטן קעגן דער איבערגעטריבענער פאַרהייליקונג פון תנ״ך, וואָס האָט אַרויסגערופן קריטיק און גרימצאָרן ביי אייניקע און אויך מצד אחד־העם. ביאַליק האָט קריטיקירט ברענערן און פאַרטיידיקט אחד־העמען, און דערביי, ווי זיין שטייגער, ניט געווען איבערקלייבעריש אין ווערטער, אויס־דרוקן... אונדז, די דריי פאַרערער פון ברענערן, האָבן ביאַליקס בייסנדיקע רייד קעגן דעם ליידנדיקן ברענער, שטאַרק אויפגערעגט, און באַזונדערס — נסתרן. איז ער געזעסן ווי אַ דערשלאָגענער און דעם קאָפּ נאָך טיפער אַריינגערוקט אין זיינע אַקסלען, און פון אויפ־געבראַכטקייט אַזש ווייס געוואָרן...

9.

אין 1913 און אין די שפּעטערדיקע יאָרן, איז נסתר אָפט געווען אין קיעוו. עס האָט זיך דאַן באַוויזן אַרום אים אַ יידיש מיידל פון זשיטאָמיר, אַ קורסיסטין אויף קיעווער קורסן. און מן הצד האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז זי האָט אַ נאָענטע שייכות צו נסתרן. אָבער אַזוי ווי זיין שרייבן איז געווען איינגעהילט אין סודות, אַזוי איז אויך די שייכות זיינע צום מיידל געווען פאַרהוילן פון אונדז, זיינע נאָענטע חברים. מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער איז צו אונדז דערגאַנגען, אַז עס איז ביי זיי געבוירן געוואָרן אַ טעכטערל. שפּעטער האָבן מיר זיך שוין גוט געקענט מיט האַדעלען — אַ טייער, ליכטיק, לעבעדיק, שיין און געראָטן מיידעלע, וואָס פלעגט שוין אַריינקומען צו אונדז און איז געוואָרן אַן אייגענע, אַ מיטגליד אין אונדזער משפּחה, און אויך אַ נאָענטע חברטע צו אונדזערע קינדער, די צוויי יינגלעך, יינגערע פון איר מיט אַ פּאָר יאָר. עס איז אין יענער צייט געווען גאַנץ שווער

דאָס לעבן אין קיעוו, און דערנאָך — מיט אַ פרוי און קינד אין די גרויזאַמע הונגער־יאָרן פונעם בירגער־קריג אין 1918—1920.

אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז נסתר געווען ערגעץ אַ „נכתב" אין אַ וואַלד, געאַרבעט אויף „לאַנד־באַשיצונג" און געווען האַלב באַפרייט פון קריגס־פליכטן. אָנהויב דער רעוואָ־לוציע האָט זיך נסתר באַוויזן אין קיעוו, געווען ווי נײַ־געבוירן, און, ווי מיר אַלע, פאַרגאַפט און דערשטוינט פון דעם פּלוצלונגדיקן אויפ־ברויז און אויפשטורעם, פיל, פיל מער ווי מיט עטלעכע יאָר אַפריער ביים שטורמישן שוואַרצן ים... נסתר איז אַריינגעצויגן און איינ־געגלידערט געוואָרן אין די ליטעראַריש־קינסטלערישע פאַרמעסטן אין יענער מערקווירדיקער צייט, און הגם ער האָט גלייך ניט געקאָנט נאָך אויפכאַפּן די סטיכיע און זי גלייך פאַרגעשטאַלטיקן אין לידער און פּאָעמעס, ווי עס האָבן געטאָן די יונגע, די „בני־הנביאים". אָבער ער גופא איז מיטגעריסן געוואָרן מיט די האַסטיקע געשעענישן, אויפגענומען און געשפּירט און ווי אַלע אויך געווען פאַרדרייט אין דעם געווירבל, און פאַרכאַפּט פון דעם גרויסן יום־טוב, פון דעם אומגעריכטן, נייעם יום־טוב, וואָס די רעוואָלוציע האָט געבראַכט...

דער ענדערונג־פּראָצעס ביי נסתרן, ווי אויך ביי בערגעלסאָנען איז פאַרגעקומען פּאַמעלעך, בהדרגה, און איז ערשט שפּעטער גע־קומען צום אויסדרוק אין זייערע ווערק ביי יעדן איינעם פון זיי אויף אַן אייגנאַרטיקן שטייגער און אופן.

אויך דאָס איז אַן ענין פון באַזונדערער פאָרשונג, וואָס איז נאָך ביז איצט ניט געטאָן געוואָרן.

אָבער אין די אַלע קולטור־ליטעראַרישע פּאַרצווייגטע אונטער־נעמונגען און דרייסטע פאַרמעסטן אין יענע יאָרן, איז געווען שטאַרק קענטיק בערגעלסאָנס און נסתרס השפעה, זייער דירעקטע ווירקונג בכלל און אויף די יונגע דיכטער — בפרט. האָפשטיין, קוויטקאָ, מאַרקיש, ווי די „עלטערע" שוואַרצמאַן, אויסלענדער, דאָברושין, און די ייִנגערע — רעזניק, קושניראָוו, פיינבערג, פעפער זיינען זיכער און זייער שטאַרק באַאיינפלוסט געוואָרן פון נסתרן, אויב ניט די־רעקט פון זיין שאַפן איז אומדירעקט, — פון זיין יום־טובדיקייט, פון זיין פרישקייט, פון זיין סטיל, פון זיין זוכן נייע פאָרמען, פון זיין שטענדיקן בראשיתדיקן שאַפן...

סאַראַ מוראַדיקער שאָד, סאַראַ טראַגעדיע, וואָס קיינער פון די אויסגערעכנטע און אויך אַנדערע — זיינען מער ניטאָ, אַז זיי זאָלן

קאָנען דערציילן, וואָס בערגעלסאָן און נסתר, — די עלטערע — זיינען פּאָר זיי געווען אין יענע שטורעמדיקע יאָרן... עס איז שווער אָן טיפן האַרצווייטיק און צייַן־קריצעניש צו רעדן און צו שרייבן וועגן דעם אַלעמען.

מיר וועלן איצט ניט רעדן וועגן נסתרן אין די ווייטערדיגע יאָרן, ווען ער איז געווען — אַפּריער אין קאָוונע, דערנאָך — אין דייטשלאַנד, און לסוף צוריקגעפאָרן קיין סאָוועטן־פאַרבאַנד. מיר איז עס, ליידער, וויניק באַקאַנט. עפּעס וועגן דעם האָט נסתר גופא, אויף זיין „אַרום־אַרומיקן" שטייגער פון שרייבן, דערציילט אין זיין בוך־פאַרצייכענונגען „הויפּטשטעט" (דערשינען אין כאַרקאָוו אין 1934), וואו עס קומען 14 שילדערונגען און עסייען, וואָס זיינען געטיילט אויף: „כאַרקאָוו", „לענינגראַד", „מאָסקווע" „צום טאָג". דאָרטן האָבן מיר זייטלעך און שורות, וואָס גיבן אונדז איבער וועגן מאָמענטן פון נסתרס לעבן, וועגן זיין פּילן און צוגאַנג צו געשעענישן און צו די פּראָצעסן אינעם לעבן פון יענער צייט.

מיר וועלן זיך איצט אויך ניט אָפּשטעלן אויף נסתרס גרויסן און וואָגיקן ווערק, וואָס איז גאָר אַ נייס סיי פאַר אים און סיי פאַר דער יידישער ליטעראַטור בכלל. מיר מיינען זיין, „משפחה מאשבער" — די צוויי בענד, וואָס ער האָט געשריבן אַ 15 יאָר. מיר ווייסן ליידער ניט דעם גורל פון דעם דריטן באַנד, אויף וועלכן ער האָט געאַרבעט זייער פלייסיק. האָט עס געהאַט דעם זעלביקן טראַגישן גרויליקן סוף ווי זיין מחבר, אָדער עס איז ערגעץ־וואו אויפגעהיט און אָפּגע־ראַטעוועט? בלעטלעך צי קאַפּיטלען? ... וועגן דעם ווערק האָבן מיר געשריבן אין אונדזער פאָרוואָרט צו „משפחה מאשבער" (ניו־יאָרק, 1943), און שיקן אָפּ דעם פאַראינטערעסירטן לייענער צו יענעם בוך.

10.

און איצט אַ פּאָר ווערטער וועגן די דערציילונגען און עסייען, וואָס קומען אַריין אין דעם איצטיקן בוך. דאָס זיינען קריגס־געשיכטעס, וואָס נסתר האָט געשריבן אין די גרויזאַמע יאָרן פון דער שוידער־לעכער היטלעריסטישער אָקופּאַציע, וואָס האָט אָנגעמאַכט מוראדיקע מאַטעריעלע פאַרוויסטונגען און וואָס האָט זיך אויך פאַרמאָסטן צו דערנידעריקן, צו באַשפּייען דעם ייד־מענטש, דאָס מענטשלעכע אין ייד. נסתרן האָט, ווי מיר זעען, אויפגעטרייסלט און דערשיטערט

אָט דער דײַטש־נאַצישער אומווירדיקער העסלעכער אָנגריף אויף דער מאַראַל, אויף דער מענטשלעכער ווירדע פונעם ייִד. די שינדער־שענדער פון פעלקער האָבן פאַר די ייִדישע מענטשן אויסגעקליבן גאָר ספּעציעלע דערנידערונג־מיטלען. דאָס אַלץ גיט איבער נסתּר אין זײַנע דערציילונגען, וואָס ער רופט אָן „פאַלן" — איין פאַל, אַ צווייטער, דריטער א. אַז. וו. עס איז וויכטיק צו דערציילן, אַז נסתּר האָט די מענטשן פון די גרויזאַמע און טראַגישע „פאַלן" ניט אויס־געטראַכט, ניט צוגעטראַכט, נאָר גענומען לעבעדיקע פון זײַנע אַמאָליקע נאָענטע באַקאַנטע, און געשילדערט זיי אין די שרעקלעכע טראַגישע סיטואַציעס. ווען עס זײַנע אָנגעקומען די געשיכטעס פאַר אונדזער זשורנאַל, האָב איך נסתּרן געשריבן, אַז כ'האָב אין די אַרויס־געבראַכטע מענטשן, וואָס גייען אַדורך די שבעה מדורי היטלעריזם, דערקענט אונדזערע געמיינזאַמע באַקאַנטע און פרײַנט. (אויך מײַן פאָ־טער און מײַן שוועסטער אין „מאיר לאַנדשאַפט") — האָט ער מיר גע־ענטפערט: „יאָ, ריכטיק!..."

די דערציילונגען און די עסייען־אָפּהאַנדלונגען, וואָס קומען אַרײַן אין בוך, זײַנען דורך נסתּרן געשריבן אין יאָר 1948—1940. זיי זײַנען פאַר אונדז באַזונדערס טײַער און הייליק, ווײַל דאָס זײַנען אפשר די לעצטע שאַפונגען פון זײַן געבענטשטער און אייגנאַרטיקער פעדער, וואָס זײַנען אויפגעהיט געוואָרן. דערוויל הערן מיר ניט וועגן אַנדערע, לעצטערע נסתּר־זאַכן.

מען דאַרף נאָך צוגעבן, אַז אויסער די גרויליקע בלוטיקע פאַ־סירונגען, וואָס נסתּר האָט אין די גרויזאַמע היטלער־יאָרן אַדורכ־געמאַכט, האָט ער נאָך געהאַט אַ שווערע טראַגישע פאַמיליע־איבער־לעבעניש, וואָס האָט אים לחלוטין פיזיש און גייסטיק צעבראָכן. ער האָט וועגן דעם געשריבן, זייער איינגעהאַלטן, אין זײַנע בריוו צו מיר. און זײַן לעצטע בקשה צו מיר איז געווען, מ'זאָל געבן אין אָנהויב פונעם צווייטן באַנד „משפחה מאשבער" די ווייטיקדיקע, טיף־דער־שיטערנדיקע אויפשריפט. זי איז אָפּגעדרוקט געווען, ווי נסתּר האָט זי אויפגעשריבן און אונדז צוגעשיקט:

„מײַן קינד,
מײַן אומגליקלעך־אומגעקומענע טאָכטער ה אָ ד ע ל ע
(געבוירן יולי 1913, אין זשיטאָמיר,
געשטאָרבן פרילינג 1942, אין לענינגראַד)
זאָל דײַן טאַטנס צעבראָכן האַרץ זײַן די מצבה

אויף דיין פאַרלוירענעם קבר;
זאָל אַט דאָס בוך זיין געווידמעט
דיין אייביק הייליקן פאַר מיר אָנדענק,
דיין טאַטע — דער מחבר.״

ווען נסתר האָט צוגעשיקט אַט די טיף־רירנדיקע פאָטערלעכע אויפשריפט, באַגלייט מיט אַ טרויעריקן, וויטיקדיק־פּיינלעכן בריוו, האָט ער ניט געוואָוסט, אַז זיין בוך „משפּחה מאַשבער" וועט זיין זיין שוואַנען־ליד.

זאָל דאָס דאָזיקע הייליקע בוך, וואָס מיר האָבן צונויפגעשטעלט און טראָגן איצט צו דעם יידישן לייענער, זיין אַ מצבה אויפן קבר פון דעם פּריצייטיק פאַרשטאָרבענעם אָדער אומגעבראַכטן נסתר.

אַ מצבה אויפן קבר? ווייסט מען דען וואו ער איז באַהאַלטן, ווייסט מען דען וואו זיין קבר איז?

זאָל דאָס בוך זיין געווידמעט דיין אייביק־ליכטיקן אָנדענק, טייערער פּיניע־נסתר!

דעם 30־טן סעפּטעמבער, 1956.
כ״ה תשרי, תשי״ז. —

העשל אַנשעלעס

(דערציילונג וועגן איינעם אַ פּאַל אינעם איצטיקן אָקופּירטן פּוילן)

.1

העשל אַנשעלעס איז געווען גרויס באַוואוסט ביי דער אינטעליגענץ אין שטאָט — ביי זשורנאַליסטן, ליטעראַטן א. אַז. וו. מען פלעגט צו אים אָפט קומען פרעגן מבינות שוין אויף פּאַרטיקער מלאכה, און ווען מען האָט פאַרגענומען אַן אַרבעט, וועלכע האָט געפאָדערט גענוי וויסן אין אַ געוויסן געביט, אין וועלכן מ׳האָט אַליין אונטערגעהונקען, פלעגט מען ביי אים פאַראויס שעפּן ידיעות, ווי אין אַ הילף־בוך, אין אַן ענציקלאָפּעדיע.

ער איז געווען פיל באַלאַדן. כאָטש נאָך יונג, פון אַ יאָר פינף־זעקס־און־צוואַנציק, נאָר שוין אַזוי ווייט באַלערנט און באַלעזן, אַז ער האָט אויסגעזען אויך אַביסל איבערגעלאָדן: דער קאָפּ ביים קאַרק — עטוואָס אַראָפּגעבויגן; דאָס פּנים — מער אָפּגעצויגן און בלאָס, ווי די פּנימער אַפילו ביי אַזעלכע, וואָס פאַרנעמען זיך בלויז מיט לערן־זאַכן; די האָר פון קאָפּ — שוין היפּש שיטערלעך, די שלייפן — איינגעפאַלן און די הויט פון די הענט — דין און דורכזיכטיק, ווי די הויט פון אַ יונג עופהלע, ווען מ׳בלאָזט דעם צווישן די פעדערלעך.

מ׳דאַרף זאָגן, אַז אַ שטיק שווערע ירושה האָט זיך אים אויך נאָכגעשלעפּט. ערשטנס מצד זיין מוטער, וואָס נאָך ליגענדיק מיט אים אין קימפּעט, האָט מען באַמערקט, ווי ס׳איז אויף איר אָנגעפאַלן אַ שוויגעניש און זי האָט אויפגעהערט ענטפערן אויף די ווינטשעוואַניעס. אויף די מזל־טובס, וואָס איגענע און באַקאַנטע זיינען מיט זיי צו איר בעט אונטערגעקומען. זי האָט זיך גלייכגילטיק באַצויגן אויך צום קינד, צום זויגלינג, ניט ווי אַלע מוטערס; האָט מען איר עס צוגעבראַכט צום בעט צום אָנזויגן, האָט זי דעם די ברוסט געגעבן, ניט — איז ניט, אַליין

האָט זי זיך ניט דערמאָנט און אָפט פלעגט זי אפילו בשעתן זויגן אַליין אין דעם פאַרגעסן און זיך עפּעס ווילד פאַרטראַכטן.

דאָס שוויגן האָט אויך נאָכן קימפּעט פון איר ניט אָפּגעלאָזט. פאַרקערט, האָט זיך נאָך מער געשטאַרקט און דערגרייכט צו אַזאַ מדרגה, אַז מ׳האָט אָנגעהויבן מורא צו האָבן איר דאָס קינד צו פאַר־טרויען, זי זאָל זיך אַמאָל אַזוי ניט פאַרגעסן און זאָל דאָס גאָר פון די הענט אַרויסלאָזן.

אַ סברה, אַז איינמאָל האָט טאַקע אַזוי מיט איר געטראָפן, און דע־מאָלט האָט מען זיך גענומען עצהן מיט דאָקטוירים, און אַז יענע האָבן זי גוט באַטראַכט און עטלעכע מאָל איינס מיטן אַנדערן אויף קאָנסיל־יומס זיך דורכגעשמועסט, זיינען זיי צום אויספיר געקומען, אַז דאָס קינד דאַרף מען ביי איר אָוועקנעמען, ווייל אין אַזאַ שטאַנד איז זי ניט פּיאיק אירע מוטער־פליכטן אויסצופילן, און זי אַליין דאַרף מען אָפּ־געבן אין אַ געהעריקן שפּיטאָל צום היילן.

אַזוי האָט מען געטאָן, און ס׳איז ניט אָוועק קיין סך צייט, אַז איר לאַגע האָט זיך פאַרערגערט. זי איז אַלץ מער אין זיך פאַרזונקען, זיך אָפּגעזאָגט פון עסן, טרינקען און ניט דערלאָזט, מ׳זאָל זי אפילו מיט גוואַלד האָדעווען. און דער סוף איז געווען גאָר אַ שלעכטער. אין איינעם אַ טאָג, ווען די שפּיטאָל־באַדינער האָבן ניט באַמערקט און פון איר אָוועקגעקוקט, האָט זי געקראָגן עפּעס אַ שאַרפע זאַך, אַ מעסער, צי אַ גאָפּל, מיט וועלכן זי האָט זיך געפּרוּוּט דעם האַלדז דורכשניידן. און אַז מען האָט זי יענסמאָל אָפּגעראַטעוועט און איר אויסגעהיילט די וואונד, האָט זי זיך פאַרטייעט אויף אַ צייט און כלומרשט ניט געוואָלט קיינע שאַרפע זאַכן אין די הענט נעמען און אפילו אויף זיי ניט קוקן, ביז אַ צווייטער גינסטיקער פאַל האָט זיך איר געמאַכט, און דאָס מאָל האָט זי מיט זיך ענדגילטיק פאַרענדיקט: זי האָט זיך דעם האַלדז ביז טיף און אויף טויט דורכגעשניטן.

דאָס איז שייך די מוטער. דער פאָטער, וואָס האָט, זעט אויס, זי שטאַרק ליב געהאַט, האָט זיך די זאַך אַזוי שטאַרק צום האַרצן גענומען, אַז ער האָט געהאַלטן אויך זיין לעבן פאַר פאַרענדיקט. ער איז אַרומ־געגאַנגען אַ לאַנגע צייט צעמישט, זיך ניט געלאָזן טרייסטן, ניט אויס־רעדן, און ווען, ווי דער שטייגער, האָבן שפּעטער צו אים אין שטוב זיך גענומען אַריינשטעלן שדכנים מיט פאַרשיידענע פאַרשלאָגן, ווי מען קומט אַלעמאָל צו אַ יונגן אַלמן, האָט ער ניט בלויז זיי ניט גע־

וואָלט איסהערן ביזן סוף, נאָר שוין ביי די ערשטע ווערטער אויף זיי אָנגעשריען און זיי פּשוט דורכגעטריבן. יענע, די שדכנים, האָבן צוערשט בלויז מיט די אַקסלען אָוועקגעמאַכט, מיינענדיק, אַז ס׳איז צייטווייליק, ווייל דער צער איז אים נאָך פריש; נאָר אַז זיי האָבן נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל געפּרוואווט אַריינקומען, און יענער האָט ווידער און נאָך מיט מער בייזער אויף זיי זיך צעשריען, האָבן זיי געזען, אַז ס׳איז ערנסט, ס׳איז ניט געמאַכט און ניט בלויז לפנים, און זיי האָבן אָנגעהויבן זשאַלעווען און מער זיך צו אים ניט געוויזן.

ער, דער פּאָטער, האָט זיך אויך פון געשעפט אָפּגעוואָרפן. שטאַמענ־דיק אַליין פון רייכע עלטערן, וועלכע האָבן אים באַזאָרגט מיט היפש נדן סיי פון זייער צד, סיי אויך פון כלהס צד, און דאָס וואָס האָט אים מעגלעך געמאַכט, ער זאָל נאָך דער חתונה זיך אַ נעם טאָן צום גרויס־האַנדל מיט אויסזיכטן אויף גאָר גרויסע רווחים, ווי ס׳טוען אַלע רייכע זיינגלייכן נאָך דער חתונה — האָט איצט, נאָכדעם ווי דער אומגליק האָט אים געטראָפן, זיך באַזייטיקט און אַרויסגענומען פון דעם. ער איז געוואָרן אַ היימזיצער און ניט געוואָלט אויסהערן קיין מוסר ניט פון זיינע עלטערן און אויך ניט פון אַנדערע אייגענע, אַז „וואָסי?... ס׳טרעפט... ער איז נאָך יונג, און מען דאַרף זיך זען אין די הענט נעמען...“ ער האָט זיך אינגאַנצען אָפּגעגעבן מיטן קינד, וועלכן ער האָט אַ מוטער פאַרביטן. און וואָס געהער צו געשעפט און שטוב־באַלע־באַטישקייט האָט ער זיך פאַרלאָזט, ערשטנס, אויף זיין משרת, אויף איינעם, דעמאָלט נאָך אַ יונגער פאַרשוין מיטן נאָמען שמאי, וואָס ער האָט זיך דערוואָרבן אויף געטריישאַפט, ווי אויך אויף דער אַם און אויף דער דינסט, וואָס איינע האָט מיטן קינד געהאַט צו טאָן, און די צווייטע מיט דער שטוב.

די געשעפטן האָט ער ליקווידירט און פאַרן צונויפגעזאַמלטן געלט פון נאָך דער ליקווידאַציע האָט ער זיך געקויפט אַ גרויס הויז אויף אַן אָנגעזעענער גאַס — אַ הויז אויף פּרנסה, און אָנפירן מיטן הויז, אַכטונג געבן אויף דעם, אָפּנעמען דירה־געלט, רעמאָנט א. אַז. וו. האָט גענומען אויף זיך זיין לייב־משרת שמאי, וואָס ער איז אים אי באַדינער געווען, אי קאַסירער, אי כמעט באַלעבאָס איבער אַלץ, ווייל קיין אייגן לעבן האָט ער ניט געהאַט און קיין אייגענע פאַמיליע האָט ער ניט געדענקט איינצופירן.

דאָס איז געווען, ווען דער פּאָטער איז נאָך געווען יונג און ווען

דער אומגליק האָט אים געטראָפן. און איצט, ווען מיר דערציילן דאָס, איז ער שוין עלטער מיט אַריבער אַ פערטל יאָרהונדערט. ער גייט שוין אַרום שטענדיק אין כאַלאַט און אין די שטעק־שיך. צו די געשעפטן האָט ער זיך אַלץ ניט אומגעקערט, חתונה האָבן — אויך ניט. ער איז נאָך אַלץ באַלעבאָס פון יענעם גרויסן הויז אויף דער אָנגעזעענער גאַס, ווי אַמאָל. ער האַלט זיך נאָך אַלץ מיט זיין משרת שמאי, וועלכער האָט זיך, נאַטירלעך, אויך ווי דער באַלעבאָס געעלטערט און וואָס האָט זיך אַזוי איינגעלעבט מיט יענעם, אַז ער טראָגט אויך די זעלבע קליידער, ווי דער באַלעבאָס — אַמאָל, וואָס פון יענעם פאַלט אַראָפּ, און אַמאָל אויך נייע, פון אַ מער ביליקערן סאָרט, נאָר אין זעלבן שניט, וואָס דער באַלעבאָס, גענייט. ער עסט מיט אים צוזאַמען, גייט מיט אים אינאיינעם אין באָד און אין פרייע שעה׳ן שפּילן זיי ביידע אַ שטילן שאָך באַשטענדיק.

און די שטוב האָט זיך מיט גאָר ניט געענדערט, די 5־צימער־וואוינונג אויפן צווייטן שטאָק פון אייגענעם הויז איז, ווי פריער, אויך איצט רייכלעך אויסגעשטאָט. אַ ביסל האָט נאָר די וויכלעכע מעבל עטוואָס אָפּגעבליאַקעוועט, און דאָס איינציקע, וואָס האָט עטוואָס יאָ געענדערט דאָס פּנים פון דער שטוב, איז דעם באַלעבאָס אונטערגעוואַקסענער זון, וואָס צו זיין באַנוץ איז אָפּגעגעבן געוואָרן דעם באַלעבאָס אַמאָליקער קאַבינעט, וועלכן ער, דער זון, האָט דאָ אַלע פיר ווענט באַשטעלט מיט אָנגעגלייזטע ביכער־שאַפעס ביז דער סטעליע אַרויף אויבן, און וואָס אַהין קומען איצט אָפט מיט באַזוך מענטשן, מיט וועלכע ניט דער באַלעבאָס און ניט אויך שמאי, זיין משרת, פאַרגינען זיך ניט קיין מינדסט קענטשאַפט צו פאַרפירן, האַלטנדיק זיך פון וויטן און הנאה האָבנדיק בלויז פון זונ׳ס, העשלס קענטשאַפט.

זיי קוקן מיט שטאָלץ און איבערנעמערישקייט, ווי אַזוי די באַזוכער טרעטן אַלע מאָל מיט דרך־ארץ העשלס שוועל אַריבער, דענקענדיק, אַפּנים, זיך דערוויסן און קריגן ביי אים דאָס, וואָס ביי אַנדערע איז עס ניט צו דענקען. ס׳גרויסט זיך מיט זיין זון ניט נאָר דער פאָטער, בשעת ער זעט, ווי אַזוי די באַזוכער קלאַפּן אָן איידל אין דער טיר פון זיין זון, נאָר אויך שמאי דער משרת, וואָס אויך ביי אים איז העשל פאַר אַ שטיק זון פאַררעכנט, און וואָס אַלע מאָל, ווען ער זעט דעם באַלעבאָס אין זיין איבערנעמערישער און עטוואָס באַרימערישער גדולה, האַלט ער אים אונטער און באַרעכטיקט אים זיין שטאָלץ מיט אַ זאָג געבן דערביי

מיט אַ געטרייען משרת־לשון: „העשעניו, באַלעבאָס, איז קיין עין־הרע אַ מענטש, וואָס אַנדערע, משמעות, דאַרפן צו אים אָנקומען.״

דאָס אַלץ איז גוט. נאָר אין דער זעלבער צייט אָבער ערגערט זיי זייער, ווען זיי באַמערקן, ווי העשל טוט זיך אַלץ מער אַלט־בחוריש אין דער פלייצע בויגן און אַז דאָס בלאָס אויסזען פון זיין פריער יוגנט אָן האָט מיט זיין עלטער פון אים ניט אָפּגעלאָזט, זיך ניט אויסגענומען, נאָר פאַרקערט, זיך מער געשטאַרקט און אַזאַ שטענדיקער גאַסט אויף זיין פּנים געבליבן, אַז ווען דער פאָטער טוט אָפּט פאַרשטעלטערהייט אַ קוק אויף העשלען, אַזוי דערזעט ער מיט דערשרעק די גוואַלדיקע ענלעכקייט פון אים צו זיין מוטער אין יענער צייט, ווען זי איז מיט אים אין קימפּעט געלעגן און ווען דאָס געוויסע טרויעריקע שווייגעניש איז זי באַפאַלן.

דאָס האָט דעם פאָטער און שמאי, זיין באַדינער, פיל אַנגסט פאַר־שאַפט. זיי האָבן זיך אָבער געטרייסט מיט דעם, וואָס העשל איז אַ היים־זיצער און אַ גרויס־געלערנטער, און פאַר אַזאַ איינעם איז אייגנטימ־לעך און ס׳פּאַסט זיך אויך אין קערפּער עטוואָס אָפּגעשטאַנען צו זיין און אין געזונט געמינערט. און נישקשה, האָבן זיי זיך געטרייסט, — ס׳וועט נאָך קומען אַ צייט, ווען העשל וועט מער מיט דער וועלט אין באַריר קומען און דעמאָלט וועט זיך אויך זיין געזונט ענדערן צום מער געוואונטשענעם.

— אַ, ווי מיינט ער, שמאי? —פלעגט דער באַלעבאָס, ווען זיין זאָרג וועגן זון פלעגט אים באַפאַלן, צו זיין באַדינער זיך ווענדן און ביי אים אַ פרעג טאָן.

— יאָ, באַלעבאָס, — פלעגט יענער דעם באַלעבאָס אונטערהאַלטן און אים שטיצן אין זיין טרייסט. נאָרביידע פלעגן דאָך ביי זייער ניט־אַרויסגערעדטער און שטיל־אויסגעהאַלטענער מרה־שחורה בלייבן, און באַזונדערס דער באַלעבאָס, ווענען ס׳איז שוין אַ שטיק צייט גאָר אַ שווערער שטיין אויפן האַרצן געלעגן, טראַכטנדיק וועגן גורל פון זיין זון.

דאָס איז פון דעמאָלט, ווען העשל איז איינמאָל עפּעס קראַנק גע־וואָרן און אַ דאָקטאָר האָט אים באַזוכט. און ווען דער דאָקטאָר האָט אים באַטראַכט, האָט ער זיך פלוצלונג גענומען נאָכפרעגן וועגן זיין מוטער, פון וואָס זי איז געשטאָרבן. און אַז ער האָט זיך דערוואוסט, האָט ער נאָך אַמאָל אַ גאָר־גאָר באַאָבאַכטנדיקן בליק געוואָרפן אויף העשלען. און בשעת דער פאָטער האָט אים פון דער טיר און פון דער

שוועל אַראָפבאַגלייט און ווידער און נאָך אַמאָל וועגן זונס איצטיקער קרענק זיך געהאַלטן אין דערפרעגן, אַזוי האָט אים דער דאָקטאָר אַ זאָג געטאָן: „דאָס איצטיקע איז גאָרניט. ס׳וועט פאַריבערגיין. נאָר דער עיקר וואָלט מען דעם זון באַדאַרפט היטן פון דערשיטערונגען.״

— וואָס הייסט? — האָט דער פאָטער אַ פרעג געטאָן, וועלנדיק אויפקלערן און זיך דערוויסן דעם גענויעם מיין פון דאָקטאָרס ווערטער.

— דאָס הייסט, קיינע איבעראַשונגען, קיין דערשרעק, פון וועלכע מ׳פאַרלירט זיך אַמאָל און מ׳קאָן דערנאָך שווער צו זיך קומען.

דער פאָטער האָט דאָס פאַרגעדענקט און פלעגט אָפט ניט שלאָפן פאַר מרה־שחורה, און אַלע מאָל פלעגט ער וועלן, מיט העשלען וועגן דעם איבעררעדן, אַז יענער, העשל, הייסט עס, זאָל זיך זען היטן, מחמת דער דאָקטאָר האָט דעמאָלט און דעמאָלט דערפאַר און דערפאַר געוואָרנט, נאָר ער האָט ניט געוואוסט, ווי אַזוי צוצוטרעטן צו העשלען מיט אַזינע רייד, ניט געוואוסט, פון וואָס אָנצוהייבן און צי וועט אים יענער, העשל, גאָר פאַרשטיין. און העשל אַליין האָט, ווייזט אויס, ניט פאַרשטאַנען, און דאָס איז פאַר העשלען גאָרניט גוט געווען — אַ סימן, אַז ער ווייסט ניט, וואו ער האַלט, ווייסט ניט, וואָס ס׳ליגט און ס׳וואָרט אויף זיין טיר און שוועל אויף אים, און אויך אַזוי, קאָן אים דער אומ־גליק אַמאָל טרעפן אומגעריכט, ווען אַ געוויסע סיבה זאָל דאָ אויפקומען און זיך ווייזן אַזאַ, וואָס איז מסוגל אַרויסצורופן ביי אַזוינע אַן אומגליק.

דערווייל אָבער האָבן זיך קיינע סיבות ניט געמאַכט. דערווייל איז העשלס לעבן ביי זיין פאָטער אין הויז געפלאָסן, ווי געוויינלעך, אין די אַמאָליקע דורכגעלייגטע ברעגעס אָן ענדערונג. צו דעם פאָטער וואָס איז פאַרבליבן אַן אלמן און צו שמאי דעם משרת, וואָס איז אַ בחור פאַרזעסן, איז מיט העשלס אונטערוואַקסן צוגעקומען נאָך איינער, וואָס לויט אַלע סימנים, וועט אויך ער פאַרזיצן, מיטן איינעם חילוק נאָר, וואָס העשל האָט זיך פאַר׳קנס׳ט צו זיין קאַבינעט, וואָס דער פאָטער האָט אים צו זיין באַנוץ אָפגעטראָטן, און וואָס ער, העשל, האָט אים באַשטעלט מיט הויך־אַנגעגליזטע ביכער־שאַפעס אַרום אַלע פיר ווענט ביז דער סטעליע אַרויף אויבן, און וואָס אַלעמאָל האָט מען אים דאָרט געקענט טרעפן ביים לייענען — אַמאָל אַן אַלטן בוך, וואָס די בלעטער זיינען פאַרגעלט און שמעקן מיט צייט־עלטערלעכן שימל, און אַמאָל אַ נייעם בוך, אַ ערשט־צעשניטענעם, פון וועלכן די פאַרב פון דרוק און פון פריש פאַפיר פילט זיך אַרויס.

העשל וואָלט, עלטער ווערנדיק, ווי זיין פאָטער, שוין גאַנצע טעג

אין כאַלאַט און אין שטעק־שיך אַרומגעגאַנגען. און צום שטילן שאָך, וואָס דער פֿאָטער האָט אָפֿט געשפּילט מיט זיין משרת, וואָלט אַ דריטער, העשל, צוגעקומען, וואָס וואָלט אַמאָל געשטאַנען אונטער די פּלייצעס פֿון איינעם אַ שפּילער, און אַמאָל אונטער די פּלייצעס פֿון אַ צווייטן, זיך ניט אַריינמישנדיק און קיינמאָל אַפֿילו קיין עצות ניט געגעבן.

מעגלעך, אַז ווען ס׳טרעפֿט מער ווייטער גאָרניט, וואָלט ער אויף אַזאַ אופֿן, אויך זיין שווער שטיקל ירושה איבערגעקומען און דאָס מעגלעך־קרענקלעכע אין אים וואָלט אַזוי איינגעשלאָפֿן, ניט האָבנדיק קיין סיבה צום אויפוואַכן, ווי די זוימען פֿון געוויקסן אַמאָל, ווען זיי האָבן ניט די געהעריקע באַדינגונגען, דעם געהעריקן באָדן, זון און פֿייכטקייט צו זייער וואוקס.

מיטאַמאָל האָט אָבער יאָ עפּעס געטראָפֿן — און דאָס איז די מלחמה, וואָס האָט אויסגעבראָכן אין 1939, און פֿון וועלכער מיר אַלע און די גאַנצע וועלט זיינען איצט עדות.

2

אַז דאָס פֿאַשיסטישע חייל איז אַריין אין שטאָט, וואו העשל אַנ־שעלעס האָט געוואוינט, איז איידער זייער מאַכט האָט איינגעפֿירט די נייע אָרדענונג, איידער זיי האָבן באַוויזן די יידן פֿון זייערע הייזער אַרויסזעצן און זיי באַפֿוילן אַריבערפֿאָרן אין יענע ערטער, וואָס איז באַשטימט פֿאַר זיי — אין די געטאָ־קוואַרטאַלן, — האָבן די פֿאַשיסטן דערווייל צעשיקט קוואַרטירערן איבער דער שטאָט, אויסצוגעפֿינען וואוינונגען פֿאַר זייערע מיליטערישע און ציווילע פֿאָרשטייער, פֿאַר אָפֿיצערן, באַאַמטע א. אַז. וו., ניט אויסגעשלאָסן אויך אין יידישע וואוינונגען.

אַז מ׳איז צוגעקומען צו העשלס פֿאָטערס הויז, וואָס אויף דער אַנגעזעענער גאַס, האָט איינער אַ שכן, צי מיט אַ בייזן מיין, צי ניט מיט קיין בייזן, אַ וויז געטאָן אויפֿן באַלעבאָס וואוינונג אַליין, ווי אויפֿן סאַמע באַקוועמסטן און פֿאַסיקסטן פֿאַר אַזוינע לייט, ועמען מ׳דענקט דאָ איינצוקוואַרטירן.

העשלס פֿאָטערס וואוינונג איז געפֿעלן. און באַלד טאַקע האָט זיך אויף דער פֿאַראַד־טיר, אין הינטערשטן שטאָק, איינער אַן אָפֿיצער באַוויזן, שוין מיט געפּעק, גרייט צו פֿאַרנעמען, וואָס מ׳וועט אים אָנ־וויזן. אַ ווילע נאָר האָט ער דאָס געפּעק הינטן געלאָזט, אַז דער סטרוזש

אָדער אַנדערע זאָלן דערויף אַכטונג געבן, און אַליין האָט ער אַרויף איבן געשטייגט, אין צווייטן שטאָק, זען וואָס מ׳האָט פאַר אים אויס־געפונען.

די וואוינונג איז אים געפעלן, באַזונדערס העשלס קאַבינעט, וואו ער האָט געדענקט זיך באַזעצן, און באַלד האָט ער אַ באַפויל געגעבן, אַז אַליין די באַלעבאַטים זאָלן מיט אים אַראָפּ אונטן גיין, אים העלפן דאָס געפעק אַרויפברענגען.

ס׳האָט זיך, נאַטירלעך, באַלד געוואָלט לאָזן די דינסט. נאָר דער אָפיצער, דער קוואַרטיראַנט האָט מיט דער האַנט אָוועקגעמאַכט: ניין. די דינסט דאַרף ער ניט, — אים, — איז שמאי דער משרת אונטער־געשפרונגען, זיך גלייך אַרויסגעשטעלט און געוואָלט די דינסט פאַר־בייטן. — ניין, אויך דער ניט, — האָט דער אָפיצער אויך שמאיס ווילן און באַדין־גרייטקייט אָפּגעוואָרפן און ניט דערלאָזט. דעמאָלט האָט זיך אַרויסגערופן דער באַלעבאָס אַליין, העשלס פאָטער, מיטן אָפיצער אַראָפּצוגיין. נאָר אויך אים האָט יענער מיט דער האַנט ווי באַזייטיקט, ניין, — דער, — האָט ער געזאָגט, אָנווייזנדיק אויף העשלען, וואָס איז געשטאַנען ביי אַ זייט, עטוואָס מער בלאַס, ווי אַלעמאָל, צוזעענדיק דעם אָפיצערס קאָמאַנדע, און ניט פאַרשטייענדיק, פאַרוואָס אַלעמען האָט ער אָפּגעוואָרפן און אים, בלויז אים, האָט ער אויסדערוויילט צו אָט דער טראָג־מלאכה.

— פאַני... הער אָפיצער... — האָט זיך דערוויל העשלס פאָטער צום אָפיצער מיט תחנונים געווענדט, — ס׳איז מיין איינציקער זון... ווי ער זעט דער הער אָפיצער, פון די ביכער אין זיין קאַבינעט — אַ געלערנטער, און דערצו, ווי ער זעט אויך — אַ שוואַכער אין געזונט, איז צו וואָס גראָד דער זון, ווען אַלע אַנדערע זיינען גרייט דעם הער אָפיצער באַדינען און אים דאָס געפעליקייט טאָן מיט גרויס פאַרגעניגן?

— אַך, אַזוי, אַ געלערנטער? — האָט דער אָפיצער אַ קוק געטאָן אויף העשלען, ווי אויף אַ וואַנץ אָדער אַן אַנדער נישטיקייט, — נישקשה, זאָל ער זיך צוגעוואוינען. ער וועט זיך געוואוינען נאָך צו ערגערס. שנעל! — האָט ער אַ באַפעל געטאָן, ווי צו אַ ליאַדע שיק־יינגל, צו העשלען און מיט אַ האַנט אים אָנגעוויזן, ער זאָל גיין פאַראויס אַראָפּ אונטן, אָן טענות.

ס׳האָט נאַטירלעך, ניט געהאָלפן. ס׳האָבן זיך בלויז נאָכדעם, ווי העשל און דער אָפיצער האָבן זיך פון דער טיר אַרויסגעלאָזט, אויך אַלע איבעריקע אין שטוב, ווי גולמ׳ער, זיי זיך נאָכגעלאָזט, — סיי דער

פּאַטער, סיי שמאי דער משרת, סיי אויך די דינסט, פון הינטן גייענדיק — ניט דערפאַר, פאַרשטייט זיך, וואָס זיי וועלן דאָרט צונויצקומען און מיט עפּעס העשלען קאָנען העלפן, נאָר גלאַט אַזוי, ווייל עפּעס אַ גרינט־לעכער כח האָט זיי אונטערגעטריבן און זייערע פיס געמאַכט שפּאַנען.

דער אָפּיצער האָט, אַראָפּקומענדיק, העשלען אויף דעם געפּעק אַנגעוויזן... דאָס זיינען געווען צוויי טשעמאָדאַנעס. איינער — אַ גרעסערער און מער שווערער, און דער צווייטער — אַ מער לייכטער. נאָר דאָ האָט דער אָפּיצער אַ באַפּויל געטאָן: ניין! דעם, — האָט ער העשל האָט זיך אַנגעבויגן און געוואָלט ביידע אין בײדע הענט נעמען. אויפן שווערערן אַנגעוויזן — אין די הענט, און יענעם, דעם לייכטערן — מיט די ציין.

— וואָס? — האָט העשל, שוין אַ שטיק פריטשמעליעטער פון פריער, איצט, די לעצטע ווערטער דערהערנדיק, אויפן אָפּיצער אַ קוק געטאָן, ניט פאַרשטייענדיק, וואָס ער מיינט, און מיינענדיק, אַז ער האָט ניט גוט איינגעהערט.

— יאָ, יאָ... דעם — מיט די ציין.

אַ ווײלע זיינען אַלע בייוועזנדיקע ווי פאַרגליווערט געוואָרן. דער פּאַטער האָט זיך באַלד פון אָרט געוואָלט אַ לאָז טאָן, דעם אָפּיצער צו די פיס צופאַלן, ביי אים אויסבעטן, ער זאָל צוריקנעמען זיין באַפעל. אויך שמאי האָט, דאַכט זיך, געוואָלט טאָן דאָס זעלבע — אויך די דינסט. נאָר דעמאָלט האָט דער אָפּיצער אַזאַ געשריי געטאָן „שנעלער!" ווענדנדיק זיך צו העשלען, אַז יענע אַלע האָבן פאַרשטאַנען, אַז קיינע תחנונים און צו דער ערד פאַלן וועלן דאָ ניט העלפן און אַז ווער ס'האָט אויגן און קאָן צוקוקן, וואָס דאָ ווייטער דאַרף פאַרקומען, זאָל ער קוקן. און ווער ס'איז דאָס ניט אימשטאַנד, דער זאָל דעם קאָפּ אָפּקערעווען און אַוועקקוקן.

העשל אַליין האָט גאָרניט ניט געזאָגט, ניט קוקנדיק אויפן פּאַטער און אויף דעם באַדינער, וועלכע האָבן האַלב־טויט אויסגעזען, און אויך ניט אויף דער דינסט, וואָס האָט זיך מיטן פאַרטוך די טרערן געווישט, האָט ער זיך צום געפּעק אַנגעבויגן, דעם שווערן טשעמאָדאַן מיט דער האַנט גענומען און דעם צווייטן — אין ברירה, שוין מיטן פּנים זיך דערנעענטערט... אַ ווײלע נאָר האָט מען געזען, ווי זיין רוקן קווענקלט זיך אים, זיך אַראָפּ און אַרויף בויגנדיק. נאָר באַלד האָט זיך אויך דער רוקן אויפגעהערט קווענקלען. אָבער ווי די יאָרן... אַנגעבויגן צום געפּעק האָט זיך איינער אַ מענטש מיטן נאָמען העשל און אויפגע־

שטעלט, דעם טשעמאָדאַן שוין אין די ציין טראָגנדיק, האָט זיך אויפ־געשטעלט אַן אַנדערע, אַ צווייטער שוין, קאָן מען זאָגן, ניט קיין מענטש, אַלנפאַלס, ניט ער.

ווער ס׳וואָלט דעמאָלט אויף העשלען אַ מער אויפמערקזאַמערן קוק געטאָן, וואָלט מען געזען ווי מיטאַמאָל האָט זיך אים דער בליק געענדערט. זיינע אויגן, אַלעמאָל פון עטוואָס גרוילעכן קאָליר, זיינען איצט ווי גאָר ווייס געוואָרן, גלייך דער מאַמעס מילך וואָלט אים אין זיי געקומען. ער האָט אַזוי, גייענדיק, אין איין האַנט דעם שווערן טשע־מאָדאַן געטראָגן, און דעם צווייטן, דעם גרינגערן, ווי באַפוילן — אין די ציין; אַ שטילע לוויה פון אָפּיצער און פון זיינע אייגענע איז אים נאָכגעגאַנגען. דער אָפּיצער, וואָס איז, ווייזט אויס, געוואוינט געווען צו אַזוינס, און אויך, ווי ס׳ווייזט אויס, ניט אַזאַ, וואָס זאָל זיך מאַכן מחשבות און פּייאיק זיין אָפּצומעסטן די גרויס פון דערנידערונג און באַליידיקונג, וואָס ער דערלאַנגט אַ מענטשן, צווינגענדיק אים צו אַזאַ סאָרט דינסט — איז נאָכגעגאַנגען, ווי מ׳גייט נאָך אַ געוויינלעכן פּאַקנטרעגער, וועלכער טראָגט דיר אָפּ אויף אַ געוויינלעכן אופן דיין געפּעק — קאַלט, גלייכגילטיק, גליך ס׳געשעט דאָ גאָרניט. און העשלס אייגענע, דער פאָטער, שמאי דער באַדינער און די דינסט, וואָס האָט געהאַלטן די גאַנצע צייט אין איין ווישן די טרערן מיטן פאַרטוך, זיינען נאָכגעגאַנגען, ווי מ׳גייט נאָך אַ מת, ווען קיין ווערטער אין מויל זיינען ניטאָ, ווען דער בראָך איז דיר אַזוי גרויס, אַז דו ווייסט ניט צי דער קאָפּ איז דיינער און צי דיינע אייגענע פיס נאָך טראָגן דיך.

נאָר דאָס אַלץ איז נאָך געווען גאָרניט אַנטקעגן דעם, וואָס שפּעטער, ווען מ׳איז אין שטוב אַריינגעקומען און העשלען ביז אין זיין קאַבינעט אַריינבאַגלייט, איז געשען. אַריינקומענדיק אין קאַבינעט, איז העשל מיטן געפּעק שטיין געבליבן, ווי ניט האָבנדיג קיין כח אָדער קיין ווילן אים אַרויסצולאָזן, און אַז דער אָפּיצער האָט זיך אָן ווערטער צו אים אַ ווענד געטאָן: נו? דאָס הייסט, לאָז אַראָפּ, — איז ער ווייטער אַזוי געשטאַנען.

די דינסט האָט דעמאָלט צו אים אַ גיי געטאָן און דעם שווערן פּאַק פון די הענט אַרויסגענומען און דער צווייטער, וועלכן ער האָט אין מויל געהאַט, איז אים אויך ווייטער אין מויל געבליבן, ביז די דינסט איז ווידער ניט צו און אויך דעם צווייטן ביי אים אַוועקגענומען. העשל איז אָבער אויך ווייטער מיט אַן אָפן מויל געשטאַנען — אָפן אויף

אַזויפיל, אויף וויפיל דאָס הענטל פון טשעמאָדאַן האָט פריער ביי אים אין מויל פלאַץ פאַרנומען.

— מיין זון! — האָט דער פאָטער, דערזעענדיק זיין פאַרגליווערטן אומגליק פאַר די אויגן, צו העשלען אַ גיי געבנדיק, אויסגעשריען. באַלד אָבער האָט ער זיך צוריק געכאַפּט, אַ קוק געבנדיק אויפן אַפּיצער, וועלכער האָט זיך שוין אין קאַבינעט באַלעבאָס געפילט און זיך געוואָלט נעמען צו זיין באַלעבאַטישקייט, זיך מאַכן באַקוועמלעך, און די פרעמדע מענטשן, דאָס מיינט מען, דער באַלעבאָס, זיין יונג און די איבעריקע, האָבן אים געשטערט.

— העשעניו, — האָט אויך דער געטרייער משרת צום באַלעבאָס זון אַ גיי געטאָן, אים וועלנדיק דערוועקן און צו זיין פריערדיקן שטאַנד אים אומקערן.

— מאַרש! — האָט אַ געשריי געטאָן דער אַפּיצער און העשל האָט זיך ווייטער פון אָרט ניט גערירט און דעם אַפּיצערס אויסגעשריי האָט אויף אים קיין מינדסטן איינדרוק ניט געמאַכט, ער זאָל אים וועלן אויספאָלגן. ער איז אויך ווייטער אַזוי געשטאַנען מיטן געעפנטן מויל פאַרגליווערט, ביז דער באַלעבאָס און דער משרת האָבן, וויינענדיקע, זיך איצט צו זיינעביידע זייטן אָוועקגעשטעלט, אים פאַר די הענט אָנגענומען און אים אַרויסגעפירט פון קאַבינעט.

— ווי דעם טאַטן, — האָט העשלס פאָטער, אַריינפירנדיק העשלען אין צווייטן צימער, און זעענדיק, אַז יענער, אַז העשל, בלייבט אויך דאָ, ווי דאָרט, אינעם ערשטן, אין קאַבינעט, אַ שוויגנדיקער און מיטן אָפענעם מויל שטיין, אויסגעשריען.

— העשעניו, וואָס איז דיר? — האָט דער משרת, דעם באַלע־באָס אונטערהעלפנדיק, זיך צעווײנט און איז גלייך נאָך אַ דאָקטאָר אָוועקגעלאָפן.

ער האָט געבראַכט אַ היימישן — אַזאַ, וואָס פלעגט אַלעמאָל דאָס הויז באַזוכן; יענער האָט באַטראַכט, געקוקט און אַ שוויגנדיקע אומ־באַהאָלפנקייט האָט זיך אויף זיין פנים אָנגערוקט, ווייל העשל איז שוין ניט געווען העשל און דער דאָקטאָר האָט שוין ניט געהאַט מיט וואָס זיינע אייגענע צו טרייסטן.

— אויס!... פון דעמאָלט אָן האָט העשל שוין ניט געוואוסט, וואָס אַרום אים טוט זיך, ניט געוואוסט, אַז אין אַ שיינעם טאָג, באַלד נאָך דעם, ווי דער אַפּיצער האָט זיך צו זיין פאָטער אין וואוינונג אַריבער־געצויגן, איז געקומען אַ באַפֿויל, אַז זיי, די אייגנטימער פון הויז, דאַרפן

זיך פון דאָרט אַרויסציען. מ׳האָט עס געטאָן און מ׳איז גאָר אין אַ געמיינער דירה, ערגעץ אין אַ פינצטערלעכן, אָפּגעלעבטן קוואַרטאַל אַנגעקומען.

העשל האָט אויך ניט געוואוסט, אַז ער האַלט די גאַנצע צייט דאָס מויל אָפן און אַז דער פאָטער אָדער שמאַי דער באַדינער גיסן אים עפּעס אַריין, ווי מ׳האָדעוועט אַ קינד, אָדער ווי אַ ציטערנדיקן זקן, וואָס נויטיקט זיך אין אַ צווייטנס הילף. ער האָט ניט באַמערקט, ווי מען פירט אים אָפּט שפּאַצירן אין יענעם קוואַרטאַל, וואוהין פיל ווי זיי זיינען אַריבערגעקומען פון מער רייכערע און אַנגעזעענע קוואַרטאַלן — אויסגעליידיקטע, אָן געלט, אָן אויסשטאַטונג און באַנומענע ביז די מלבושים; דאָך איז דער אומגליק פון זיין פאָטער פיל גרעסער, ווי ביי אַנדערע, און יעדעס מאָל, ווען מ׳האָט געזען דעם פאָטער אָדער זיין משרת פירן אים, העשלען, אויפן שפּאַציר, אַזוי פלעגט מען זיך פאַרהאַלטן, קוקן, ווי יענער, העשל, האַלט דאָס מויל אָפן, גלייך ער איז מיט אָט דעם פעלער געבוירן.

— ווײַ די יאָרן, — האָט מען אים באַדויערט, — אויף וואָס מ׳איז איבערגעקומען, אַז ווער־וועמען האָט דאָ באַדאַרפט דאָס געפּעק נאָכטראָגן.

— און ווי אַזוי...

— אוודאי איז פאַר אַזאַ מענטש אַזאַ בזיון ניט צום איבערטראָגן.

— זאָל מען זיי שוין אַרויסטרייבן, — האָט מען זיך שטילערהייט אין פאָלק געוואונטשן, — אויף אומריינעם אָרט, ווי קעץ און הינט און אַלע אַנדערע פּגירות.

העשל האָט ניט באַמערקט, ווי דער פאָטער איז פאַר אַ קורצער צייט איינגעבויגן און צעבראָכן געוואָרן, אַרויסגעיאָגט פון זיין היים וואו ער איז אַזויפיל יאָרן באַלעבאָס געווען, און איצט — אָן אָפּגעקומענער יורד אין דער פרעמד, און דערצו נאָך מיט אַ קראַנקן זון אויף דער עלטער.

אויך שמאַי איז שטאַרק אַראָפּ. ער האָט נאָך דער אַראָפּנידערונג פון זיין באַלעבאָס; נאָכדעם, ווי ער, מיטן באַלעבאָס, מיטן זון, זיינען פון זייער איינגעזעסענער היים, וואָס אויף דער אַנגעזעענער גאַס, אַרויסגעריסן געוואָרן, ווי אַלע, אָן מיטלען, אָן מלבושים, און דערצו נאָך ווילד דערנידעריקט, מיטן ספּעציעלן שאַנדצייכן, מיט דער געוויסער לאַטע, וואָס יידן האָבן לויטן באַפויל געמוזט טראָגן אויפן אַרבל, אָדער אויפן רוקן, אָדער אויףביידע; נאָכדעם, ווי שמאַי דער משרת,

וואָס איז צו זיין באַלעבאָס שטוב שטאַרק צוגעבונדן געווען, ווי צו זיין אייגענער, האָט איצט דערזען דעם באַלעבאָס אין אַזאַ צרה, האָט ער אויף זיך גענומען ניט נאָר די אַרבעט, ווי אַלעמאָל פריער — די אַרבעט פון אַ משרת און אַ הויזווירט, נאָר אויך די אַרבעט פון אַ דינסט, פירנדיק די געמיינע און געקירצטע באַלעבאַטישקייט, אויף וויפיל דעם באַלעבאָס לעצט־געבליבענע מזומנים האָבן אים געקלעקט. ער האָט אויך גענומען אויף זיך העשלען נאָכצוקוקן און אין גאַס אַריין באַגלייטן, ווען דער באַלעבאָס איז מיד און ווען פון דערשלאָגנקייט פלעגט ער שוין אָפט קרענקלעך צו בעט ליגן.

שמאי איז אויך אַראָפּ. ער פלעגט שוין אָפט, ווי אַן עובר־בטל, רעדן צו זיך אַליין, ניט הערנדיק, וואָס ער זאָגט, און אַמאָל פלעגט ער, שפּאַצירנדיק מיט העשלען אַ רעד טאָן צו יענעם, ווי צו אַ פּאַר־שטאַנדיקן: אוי, העשעניו — פלעגט ער זאָגן — וואָס דיך און אונדז האָט דאָ געטראָפן! גאָט דער דערבאַרעמדיקער וואָלט זיך שוין געמעגט אומקוקן.

העשל האָט דאָס אַלץ ניט באַנומען. ניט באַנומען אויך, ווי איינ־יקע, זיינע אַמאָליקע באַקאַנטע און פאַרערער, וואָס אויך זיי האָבן זייערע היימען אין די פאַרנעמע שטאָט־גאַסן אָנגעוואוירן און אויך זיי האָבן, ווי העשל און העשלס משפּחה, אַהער, אינעם אָפּגעלעבטן פינצטערן קוואַרטאַל אַריינגעטראָפן — פלעגן אים באַזוכן און מיט גרויס באַ־דויערונג אים קומען געוואויר ווערן; ווען אָט די באַזוכער פלעגן פאַר אים אין פּנים רעדן וועגן אים און זיין געזונט־צושטאַנד, ווי וועגן אַ פרעמדן, אַן זיין אָנטייל.

ס'פלעגט אים ניט אָנגיין, ניט אַרן. ער איז נאָך אַלץ געבליבן אין זעלבן צושטאַנד, ווי באַלד נאָכדעם, ווען דער אומגליק האָט אים גע־טראָפן, ווען ער האָט אָפּגעטראָגן און געבראַכט דאָס געוויסע געפּעק, ווי אַ הונט ברענגט נאָך זיין באַלעבאָס אַ זאַך אין די ציין — מיט אַן אָפן מויל און אינגאַנצן ער, ווי ניט קיין היגער, מיט אַ פאַרגליווערט־געוואָרענעם בליק אין זיינע אַלעמאָל גרוי־קאַלירטע אויגן, וועלכע האָבן איצט באַקומען די מראה, ווי ביי אַ זויג־קינד, ווען דער מאַמעס מילך קומט אים אין זיי.

אמת, זעלטן, זעלטן פלעגט זיך אים דער בליק אויף ענדערן צום בעסערן, צום מער באַוואוסטזיניקן. נאָר ס'האָט לאַנג ניט געדויערט און באַלד איז ער אים גלאָזיק־שטייף געוואָרן און די מילכיקע צע־שוואומענקייט האָט באַקומען אַזאַ דראָענדיקן אויסדרוק, אַז מ'האָט זיך

געקאַנט שרעקן, אַז אָט־אָט גייט ער איבער פון שטילשטאַנד צו אויפ־גערייסענער ווילדעניש, וואָס איז אויך אַלץ פּיאיק.

דאָס איז פאָרגעקומען אַלעמאָל דעמאָלט, ווען שפּאַצירנדיק אין יענעם קוואַרטאַל, וועלכער איז באַשטימט געוואָרן פאַר אַ וואוין־אָרט בלויז פאַר יידן, פלעגט ער אָנטרעפן און באַגעגענען אַ מענטשן פון דער פרעמד־אַנגעקומענער מאַכט — אַ מיליטערמאַן, אַן אָפיצער, אין דער זעלבער קליידונג, פון זעלבן קאַליר, וועלכע ס'האָט געטראָגן יענער, וועלכער האָט מיט אים די געוויסע שפּיל אָפּגעשפּילט און וואָס נאָך איר האָט מיט אים געטראָפן, וואָס געטראָפן.

ווען ער פלעגט אַזאַ־אַ אין דער געוויסער אוניפאָרם באַגעגענען, אַזוי פלעגט ער זיך פלוצלונג אַ שטעל טאָן, אַ ציַ אויס טאָן, גלייך ער האָט עפּעס אין קערפּער אַריין באַקומען אַזוינס, וואָס האָט אים שטרענג אַנגעשטאָלט. ער פלעגט זיך פאַרהאַלטן און אָפּשטעלן אינמיטן גיין, און יעדעס מאָל האָט דעמאָלט יענעם אין האַנט געקוקט, צי טראָגט ניט יענער עפּעס אַ זאַך, וואָס באַלד וועט ער אים הייסן זי איבערנעמען און אים זי העלפן טראָגן — און ניט בלויז אין דער האַנט, נאָר אין מויל, ווי דעמאָלט... העשל פלעגט דעמאָלט דעם מויל עטוואָס ברייטער צעעפענען.

דאָס האָט זיך געמאַכט זעלטן, ווייל יענע מיליטערלייט האָבן דאָ, אינעם אָפּגעלעבטן קוואַרטאַל, ניט צו טאָן געהאַט: דאָס אָרט אַ פאַר־שריגנס און מחמת דער ענגשאַפט, צונויפגעדריקטקייט און איבער־פולטקייט פון דער באַפעלקערונג, איז דאָ אויך ניט איבעריק ריין געווען, אַז יענע, אַז אַנגעזעענע מיליטער־לייט זאָלן אַהער קומען זייער לייזיקע צייט פאַרברענגען, אָדער ווען אַמאָל דאָרט שפּאַצירן. ניין. און דאָך פלעגט אַמאָל אַזאַ איינער יאָ אַהין פאַרבלאָנדזשען. און קומען אַהער פלעגט ער בלויז צוליב איין זאַך, צוליב איין ציל, צוליב רציחה, ד. ה., צוליב כאַפּן אַ קוק, ווי אַזוי זייער פיינע מאַכט האָט דאָ די פיינע מלאכה אָוועקגעלייגט, שאַפנדיק דעם קויטיקן עיר־מקלט פאַר אירע ערגסטע שונאים, וואָס זי האָט אָוועקגעשטעלט אויסער נאָרמע און פון יענער זייט פון יעדער אָרט געזעץ.

ס'האָט זיך געמאַכט, אַז העשל האָט איינמאָל אַזוי שפּאַצירנדיק פאַרטראָגן אין זיין קרענק, אין דער באַגלייטונג פון זיין אָפּגעקומענעם און דערשלאָגענעם פאָטער, אין דער באַגלייטונג אויך פון שמאי דעם משרת, וואָס איז ביי זיין צווייטער זייט געגאַנגען — האָט זיך פלוצלונג

אַנגעשלאָגן אויף אַ גרופּע מיליטער־לייט, אַ דריילינג, וואָס איז אים פון אַנטקעגן זייטיקער ריכטונג אין פּנים אַנגעקומען.

ס׳האָט זיך ווייטער געמאַכט, אַז איינער פון די מיליטער־לייט, געקליידט אין דער זעלבער גרינער אוניפאָרם, ווי אַט יענער, וועלכער האָט העשלען מיט זיין געפּעק טראָגן באַערט, האָט איצט אויך עפּעס געטראָגן — ניט קיין גרויסע זאַך, וואָס ס׳זאָל אים שווער זיין, ווייל דעמאָלט וואָלט ער געוויס איינעם אַ קוואַרטאַל־איינוואוינער „איינגע־לאַדן״, ער זאָל דאָס אים באַכטראָגן, ווי ס׳פירן זיך אַלעמאָל אַזוינע „לייט״ אין אַזוינע קוואַרטאַלן. ניין, ניט קיין שווערס, נאָר אַ געוויינלעך האַנט־פּעקעלע.

און דאָ האָבן פּלוצלונג העשלס פאָטער פון איין זייט, ווי אויך שמאַי דער משרת, וואָס איז פון העשלס צווייטער זייט געגאַנגען, באַמערקט, ווי העשל האָט זיך מיטאַמאָל אַ לאָז געטאָן צו יענע דריי אַנטקעגנ־געקומענע; און איידער העשלס פאָטער און אויך שמאַי דער באַדינער האָבן זיך באַוויזן אומצוקוקן, אַזוי איז העשל שוין צו צו יענעם, וועלכער האָט דאָס פּעקעלע אין האַנט געטראָגן, זיך צו אים מיטן פּנים און מויל אַ בויג געטאָן, ווי וועלנדיק דאָס ביי אים אָוועקנעמען... און אַז יענער האָט זיך געוווערט, זיך אויך אַ ביסל דערשראָקן, זעענדיק מיט וועמען ער האָט דאָ צו טאָן, און אויך אין כעס ווערנדיק, וואָס ער, אַט דער דולער, הייסט עס, האָט די העזה געהאַט אים גאָר אינמיטן וועג אָפּ־שטעלן און אים פאַרהאַלטן, אין זיין שפּאַציר אים שטערן — און ער האָט אים געוואָלט אָפּשטויסן, — אַזוי האָט מען פּלוצלונג דערהערט אַ ווילד געשריי פון יענעם, ווי פון אַ מענטשן, וואָס מ׳וואָלט אים מיט־אַמאָל הייסן פּעך אויפן קאָפּ אַ גאָס געטאָן; און איידער יענעמס באַגלייטער, ווי אויך העשלס פאָטער און באַדינער האָבן זיך באַוויזן אומצוקוקן, אַזוי האָט מען דערזען העשלען אַ צוריק־אויפגעשטעלטן פון פריערדיקן אַנבויגן זיך צו יענעמס האַנט. זיין מויל איז אים געווען פאַרבלוטיקט און אין מויל האָט אים געשטעקט אַ זאַך, וואָס ער האָט עס צו שטאַרק און ווי צו טייער מיט די ציין צוגעהאַלטן.

אין יענער רגע האָט העשלס פּנים באַלויכטן אי אויפגעלעבט, אי פול געוואָרן מיט באַזיניקטער הנאה, גלייך ער וואָלט דאָ אָקאָרשט אַרויס אַ זיגער און אַ גרויס־באַפרידיקטער פון אַן אָפּגעטוענער טאַט, אויף וועלכער ער האָט זיך אַליין ניט געריכט, צי איז ער אויף איר, אויף אַט דער טאַט, גאָר פייאיק.

העשל האָט אין מויל אַ שטיק אָפּגעביסענעם פינגער פונעם

מיליטערמאַנס האַנט אין די ציין פאַרקלאַמערט געהאַט, און אַן איבער־גרויס גליק, האָט מען געזען, האָט אים, ווי געטראָפן, וואָס פאַר דער גאַנצער צייט, זינט זיין אומגליק, איז אים געשען, האָט ער איצט מיט פולער הנאה דאָס מויל צוגעמאַכט — נייִן, ניט צוגעמאַכט, נאָר צו־געשלאָסן, — נייִן, ניט צוגעשלאָסן, נאָר אַזוי פאַר׳חתמ׳עט, אַז מען האָט ווידער געזען, אַז אַלע טייערקייטן פון דער וועלט וועלן אים ניט צווינגען דאָס צוריק עפענען און דאָס אַריינגעקלאַפּטע, דאָס אָפּגע־ביסענע אַרויסצולאָזן.

זאָל דאָ אַ דאָקטאָר באַשיידן, צי האָט דאָס העשל געטאָן פון גאָר גרויס אומזין, אין וועלכן ער איז וואָס אַמאָל אַלץ מער פאַרזונקען, און ווי ס׳מאַכט זיך אָפט ביי אַזוינע אין אַזעלעכע צושטאַנדן, ווען זיי הויבן אויף אַ האַנט אויף זיך אָדער אויף אַנדערע מיטן מיין צו באַגיין מאָרד אָדער זעלבסטמאָרד, צי פאַרקערט, צי האָט ער עס געטאָן פון אויפ־געלויכטענעם זין, און אַז ווען מען וואָלט אים געלאָזט לעבן נאָך אָט דער טאַט, נאָך אָט דער באַוואוסטזיניק־אָפּגענומענער נקמה, וואָלט ער גאָר, מעגלעך, זיך געקענט צוריק, ווי פריער אויף די פיס שטעלן, צוריק מענטש ווערן... זאָל אַ דאָקטאָר דאָס באַשיידן, מיר וויסן ניט. מיר וויסן נאָר, אַז מען האָט אים ניט געלאָזט... ווייל באַלד זיינען יענע צוויי, וואָס האָבן דעם געשעדיקטן מיליטערמאַן באַגלייט, פון דער ערשטער איבערראַשונג, פון דער פלוצימדיקייט פון אָנפאַל און פון זייער חברס אויסגעשריי צו זיך געקומען און זיך באַלד פאַרן געווער געכאַפּט. זיי האָבן, איינער פון איין זייט, און דער צווייטער — פון דער צווייטער זייט, גענומען שיסן אין העשלען פון די רעוואָלווערן, וועלכע זיי האָבן אייליק פון די קאַבורעס אַרויסגעכאַפּט — אין קאָפּ, אין דער ברוסט, אין שלייף, און ווידער אין קאָפּ — און העשל איז באַלד אַנידער־געפאַלן, ווי אַ סנאָפּ.

ס׳איז באַלד אַן איינגעלויף געוואָרן פון פאָליציי און מאַכט־לייט, וואָס האָבן דאָ דערזען אַן איבערפאַל אויף אַ זייעריקן, און באַלד וואָלט שוין דער גאַנצער קוואַרטאַל אין סכנה געשטאַנען פאַר כלומרשטן מיטגעפיל צום איבערפאַלער און אַ ווילדע גזירה וואָלט דאָ אויסגעע־בראָכן אויף אַלע. אויף אַ גליקלעכן אופן איז די גזירה דערוויל אָפּגעלייגט געוואָרן: נישקשה, די מאַכט האָט צייט אויך שפּעטער זיך אָפּצורעכענען.

מ׳האָט באַלד דעם מת אין אַ מאָרג אָפּגעפירט, ביז דער גענויער אויספאָרשונג. מ׳האָט אַפילו דעם פאָטער און שמאי דעם באַדינער

ניט צוגעלאָזט, זייער אייגענעם צו באַגלייטן און צו זאָגן אַ פאַר־ענטפערנדיק וואָרט פאַר אים און פאַר זיין אומשולד, אַז מחמת ער איז ניט מיט אַלעמען, איז ער, ווי אַזוינער, ניט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיין טאָט.

מ׳האָט העשלען לאַנג דערנאָך אויך דער קהילה צום באַגראָבן אויפן יידישן בית־עולם ניט אַרויסגעגעבן, ביז מען האָט זיך לסוף ניט איבערצייגט, אַז אַזוי טאָקע איז דאָס — אַז דאָ, הייסט עס, האָט מען צו טאָן מיט איינעם אַזוינעם, וואָס שטייט אויסער פאַרדאַכט צו האָבן געמיינט עפעס שלעכטס מיט דער מאַכט... דעמאָלט האָט די קהילה דעם מת אַרויסגעקראָגן.

מ׳האָט אים געקומען טאָן דאָס רעכטס, ווי מ׳טוט מיט אַלע מתים: אים אַרומוואַשן און גרייט מאַכן... נאָר אַז מ׳האָט זיך גענומען צו זיין מויל, געוואָלט דאָס עפענען און אַרויסבאַקומען, וואָס ער האָט פון ביס אַריינגעכאַפּט — דעם מיליטער־מאַנס פינגער־גליד, האָט מען בשום אופן דאָס ניט געקאָנט: דאָס מויל איז אים געווען אַזוי ענג פאַר־קלאַמערט, אַז מ׳האָט מיט קיינע כחות אים די אַנגלען ניט געקאָנט אויפרייסן.

צווישן חברה־קדישה איז דעמאָלט אַ שטיקל מחלוקת אויסגע־בראָכן אייניקע זיינען געווען נוטה צו זאָגן: ניין, מ׳טאָר ניט... ס׳איז ניט רעכט... מיט אַ פרעמדנס אָן אבר אין מויל... און אַנדערע, דווקא די מער פרומערע, האָבן דאָ, אַלס אויסנאַם געדרונגען און גע׳פסק׳נט פאַרקערט: אדרבא, דווקא מיט דעם... און זאָל מען איבן דאָרט וויסן... זאָל מען דאָרט זען און זיך מיען...

אַ סברה, אַז אַזוי טאָקע האָט מען אים באַגראָבן — מיטןביינדל, ניט קאָנענדיק דאָס ביי אים אַרויסבאַקומען.

טאַשקענט, אויגוסט, 1942.

דער זיידע מיטן אייניקל

(וועגן אַ צווייטן פאַל אינעם איצטיקן אָקופּירטן פּוילן)

.1

דער רב ר׳ אהרן מאַנעסעס

ר׳ אהרן מאַנעסעס, דער אַלטיטשקער רב פונעם קליינעם פּויליש־יידישן שטעטעלע מעלעץ, וואָס ניט ווייט פון די קאַרפּאַטן, האָט אַזוי פרום געלעבט און זיך אויפגעפירט, אַז אַפילו די סאַמע פרומסטע האָבן, קוקנדיק אויף אים, געטראַכט, אַז ער איז ניט פון אונדזער עולם און אַז ס׳וואָלט אים געפּאַסט געבוירן ווערן גאָר־גאָר פאַרצייטן.

ר׳ אהרן האָט שוין מערסטע טעג אין וואָך געפּאַסט... אַז זיינע נאָענטע מענטשן, ווי דער אַלטער שוחט און שמש, וועלכע פלעגן אים אָפּט באַזוכן, האָבן, זעענדיק זיין הנהגה, אים אָפּט אונטערגעמוסרט, זאָגנדיק, אַז ס׳איז ניט רעכט, מען טאָר ניט און ס׳איז קעגן געבאָט, וואָס פאָדערט „וחי בהם״, ד. ה., אַז מען דאַרף היטן דאָס געזונט, ווי אַ גוט געשאַנק פון גאָט, — פלעגט ער אַלעמאָל האָבן מיט וואָס זיך צו פאַרענטפערן און זיך אַרויסדרייען פון זייער מוסר, אויסגעפינענדיק פאַרשיידענע תירוצים, און דער עיקר טאַקע דעם, וואָס דווקא זיין געזונט פאָדערט פון אים, ער זאָל וואָס וויניקער עסן.

פון פיש און פלייש האָט ער זיך אָפּגעזאָגט אַפילו אום שבת־יום־טוב, און זיינע גאַנצע סעודות, ווען ער האָט שוין יאָ געגעסן, זיינען באַשטאַנען פון אַ המוציא מיט זאַלץ און אויך פון עטלעכע וועלשענע ניס, וועלכע זיינען באַוואָרנט פון פוילעניש און פון ווערעם... און זיין עיקר חיונה האָט ער שוין געצויגן בלויז פון זיינע ספרים, וואָס ער האָט פון זיי די אויגן ניט אָפּגעטאָן ניט בייטאָג, ניט ביינאַכט. בייטאָג, ווי אַלעמאָל אַזאַ, ווי ער, געוויינלעך, לערנט, און ביינאַכט, ווען ער פלעגט אויפשטיין צו פּראַווען „חצות״, ווי גאָר אַמאָל מיט אַלע תגן — מיט זעצן זיך אויף דער שוועל, מיט אָנשיטן אַביסל אַש אויפן קאָפּ

און מיט זאָגן דעם „עד אנה בכיה בציון״. (ביז וואַנען וועט זיך הערן דער געוויין אין ציון?) אַמאָל ווײנענדיק אויפֿן קול און אַמאָל כּלי־פּענדיק, ווי אַ קליין קינד — פּלעגט ער שוין צוריק צו זיין געלעגער זיך ניט אומקערן, ווייל סיי־ווי האָט ער זיך שוין פֿון שלאָף אַרויס־געשלאָגן און ער האָט אויך די איבעריקע טייל נאַכט נאָר געטאָן און געלערנט.

און באמת: וואָס דען אַנדערש זאָל אַזאַ, ווי ר׳ אהרן טאָן, און מיט וואָס אַנדערש זיך באַשעפטיקן. אויב קיין משפּחה־לעבן האָט ער, ווי מיר וועלן ווייטער זאָגן, ניט געהאַט, און אויב אויך זיין אייגנטלעכע רב־אַרבעט איז אים קליין געווען און ווייניק צייט פֿאַרנעמענדיק, מחמת דאָס שטעטעלע קליין און מיט שאלות אויף טעפּל־לעפל האָט מען אים שוין ניט איבעריק באַאומרואיקט, אַפילו אויך פֿריער, ווען דער עולם איז נאָך שטאַרק פֿרום געווען, שטאַרק אָפּגעהיט, מורא האָבנדיק אַריבערצוטרעטן איבער דעם, וואָס מען טאָר ניט אַפילו, ווי אַ האָר דעם דין, ובפֿרט איצט, ווען מען איז גאָרניט אַזוי מקפּיד און מ׳דערלויבט זיך שוין אָפּט אָוועקקוקן פֿון אַכטונג געבן אויף גאָר שטרענגער כשרות... אַזוי, אַז קיין שאלות ניט. נו, און דין־תּורה׳ס און בוררותן, ד. ה. אויסגלייכן צווישן צוויי צדדים בעת אַ סכסוך און אַ לאַדעניש — אויך ניט, מחמת די געשעפֿטן אין שטעטעלע נישטיק, און ס׳איז זיך ניטאָ איבער וואָס צו קריגן און צו לאָדן. איז יאָ, איז מיט וואָס דען אַנדערש זאָל זיך פֿאַרנעמען אַזאַ, ווי ר׳ אהרן, אויב ניט מיט דאַוונען, מיט לערנען, און — אויב ס׳בלייבט אויך צייט אַביסעלע — אַ קליין ביסל אויך ווען צו קלערן. נו, טוט ער טאַקע אַזוי: דאַוונט ער, לערנט און קלערט אויך טאַקע, ווען ער האָט צייט... אַז וואָס? — אַז ער איז ניט זוכה און ניט ווערט ביי גאָט, וואָס ער האָט אים אויף דער וועלט אַראָפּגעשיקט און געמאַכט געבוירן אין אַזוינע יאָרן, ווען דער רב־באַרוף בכלל און אומעטום איז געשלאָגן און אָפּגעפּרעגט, ובפֿרט אין אַזאַ שטעטעלע, ווי מעלעץ, וואו ער נעמט, דאַכט זיך, גאָר שכירות אומזיסט...

ער איז שוין שטאַרק אַלט, ר׳ אהרן. די דינע ווייסע האָר פֿון זיין באָרד, אין וועלכער ער האָלט אַלעמאָל אַ גלינצלעך־שאַרנדיקע האַנט בעתן לערנען און קלערן, זיינען שוין שיטערלעך־געציילט און די דאַרלעכע הויט פֿון די באַקן און קין זעט זיך אים דורך זיי אַדורך, זיין פֿרום־שאַפֿענער, פֿאַר׳דמיונ׳טער בליק פֿון די אויגן, וואָס זיינען אַמאָל געווען קאַרע קאַליר, איז איצט וואַסערדיקלעך־אויסגעלאָשן און אַלע

מאָל געווענדט ניט צו דעם, מיט וועמען ער רעדט און וועמען ער האָט צו שטיין אָדער זיצן פאַר זיך...

ער איז שוין אויסגעטאָן פון אַלערליי תאוות, ר׳ אהרן, און נאָר איינער אַ פונק טליעט נאָך אונטערן עלטערלעכן אַש ביי אים, און דאָס איז — די קנאה צו זיינע פאָרגייער און אַ געוויסע גרינגשעצונג און אויך מיטלייד צו זיך.

ווען ער איז פריי פון לערנען, און ווען פאַרקלערט, ר׳ אהרן, אַזוי האָט ער אַלע מאָל פאַר די אויגן בילדער פון רבנים פון פאַרשיידענע אַלטע פאַרגאַנגענע צייטן: רבנים מיט תורה, מיט שטעל, מיט אַנזען און מיט פעסטער האַנט אויף אָנפירן מיט גרויסע קהלות און גאַנצע לענדער; רבנים, וואָס לפני מלכים יתיצב, ד. ה., וועלכע האָבן זיך פאַר מלכים מיט שטאָלץ געשטעלט. רבנים, וואָס אָדער זיי גייען בראש פון דער עדה בעת אַ גירוש, ד. ה., ווען מ׳האָט דאָס פאָלק פון אַ געוויס אָרט אַרויסגעטריבן, טראָגנדיק אַ תורה אין די הענט און טוליענדיק זי, ווי מען טוליעט אַ קראַנק קינד פאַר קעלט, ווי דער אברבנאל, למשל, בעת גירוש שפּאַניע. אָן אַנדערש מאָל זעט ער אַ רב — רבניש גע־קליידט, אינגאַנצן אין יום־טוב אָנגעטאָן, ווען ער האָט געדאַרפט קומען פאַר אַ קייסער אָדער פאַר אַ שררה און וואָס אויב ער וועט די בקשה ניט פועלן, וועט דער סוף זיין אַ שלעכטער אי פאַר די, וואָס האָבן אים געשיקט, אי אויך פאַר אים, פאַרן געשיקטן אַליין... ער זעט אים מיט ווערטער פון וידוי אויף די ליפּן און ווי אַזוי פון אונטערן אויסערלעכן יום־טוב איז ער אויך אין תכריכים אָנגעטאָן אויפן פאַל, אויב אויפן אָרט, וואו ער דאַרף קומען און זיין פאַרטיידיקונג־וואָרט זאָגן, וועט אים דער סוף טרעפן... ער זעט ווייטער, ווי בעת אַ גזר, אַ גזירה, ווען דאָס פאָלק איז געשטעלט געוואָרן פאַר אַ נסיון: אָדער צו פעלשן אין דער אמונה און איבערגיין צו אַ צווייטער, אָדער אַריינקומען, ווי אַזוי רבנים, האָבנדיק פאַר זיך די גאַנצע עדה אין שול פאַרזאַמלט, האָבן מיט חלפים אין די הענט געמאַכט די ברכה „על השחיטה" און ווי אַזוי איינער דעם אַנדערן האָט דערנאָך גענומען קוילען אָן רחמנות: אַלט — יונג, טאַטעס — קינדער, מענער — ווייבער ביז לעצט, ד. ה., ביז דער לעצטער האָט זיך אַליין געקוילעט.

דאָס דעמאָלט — אַמאָליקע רבנים און היינט — ער, ר׳ אהרן, וואָס ?... ר׳ אהרן פאַלט ביי זיך שטאַרק אַראָפּ, ווען ער נעמט דורכפירן אַ פאַרגליך צווישן זיך און יענע, צווישן איצט און פאַרצייטן, און ווען ער טוט זיך געדאַנקלעך אַ רוק אַרויף העכער צום שלשלת־היחוס,

ד. ה., צו דער דורותדיקער רבנים־קייט, און יענער דערזעט זיין איי־גענע נישטיקייט, איבעריקייט און ניט־באַרופן זיין צו גאַרניט... ער פאַלט ביי זיך שטאַרק אַראָפּ, און ער פּרואווט אַמאָל אַרויסגעבן זיינע אויסבאַהאַלטענע געדאַנקען אויך פאַר אַנדערע, ווי פאַרן אַלטן שוחט און שמש, וועלכע באַזוכן אים אַפט, אַ פרעג געבנדיק אַמאָל פון דער העלער הויט און אומגעריכט פאַר יענע:

— האַ, ווי מיינען יידן, ווען, חלילה, די שעה זאָל ניט זיין, ווען ס'זאָל זיך איצט מאַכן אַ גזר, אַ גזירה, און ס'זאָל זיך פאָדערן קידוש־השם — צי וואָלטן זיך געפונען אַזוינע, וואָס וואָלטן דעם האַלדז אונטערן חלף געשטרעקט, ווי בימי כמעלניצקי, בימי גאָנטאַ, למשל?

— וואָס פאַלט אים איין, ר' אהרנ'ען? — פלעגן יענע באַוואונדערן זיין פראַגע. — באַהיט גאָט, אָבער אַוודאי וואָלטן זיך געפונען... לא אלמן ישראל, יידן, הייסט עס, זיינען נאָך ניט אַזוי אָרעם און אויסגע־הוילט פון צו האָבן אַזוינע, וואָס אין אַ עת־צרה וואָלטן נאָך געגוג מוט געהאַט ניט אַנידערצופאַלן מיט געבראָכענע קני פאַרן שונא, פאַרן צורר.

— אַזוי זאָגן זיי? — זאָגט דעמאָלט אהרן און זיין אַלט־אָפּגעלעבט פנים ווערט אים לעבעדיק־אויפגעלויכטן און ער קוקט איצט יאָ אין די אויגן פון די, מיט וועמען ער האָט צו טאָן און וועמען ער האָט צו שטיין אָדער זיצן פאַר זיך. — יאָ, זאָגן זיי? נו, ווי ווער, למשל?

— וואָס הייסט ווער? אָט ווי איר, ר' אהרן אַליין... און אויך אַנדערע.

— אַזוי מיינען זיי? — מאַכט ר' אהרן מיט דער האַנט אַוועק און קערעוועט אָפּ דעם קאָפּ פון בושה און באַשיידנקייט און פון ניט גלויבן כלומרשט צו פאַרמאָגן דאָס, וואָס אַנדערע גלויבן יאָ צו זען אין זיין פאַרמעגן... אין האַרצן אָבער בלייבט ער דאָך אַ קליין ביסעלע צופרידן און אַפילו מיט עטוואָס איבערנעמערישן שטאָלץ דערפילט, וואָס אויב גאָט, הייסט עס, האָט אים ניט געשענקט מיט עפּעס זיך אַרויסבאַווייזן, איז על־כל־פנים, בכוח, זאָגן מענטשן, איז ער יאָ אויף עפּעס פייאיק, ווען מען וואָלט באַדאַרפט. און דאָס איז דאָך אַ האַלבע טרייסט און אַ שטיק באַרעכטיקונג פאַר ר' אהרנען. אָבער... יעדעס מאָל, ווען ער האָלט דערביי כאַטש אויף העלפט געטרייסט צו זיין, אַזוי קומט אים אויפן זכרון אַ זאַך, וואָס שלאָגט אים אָפּ צוריק און מאַכט אים ווידער אין מרה־שחורה פאַרזינקען, באַווייזנדיק אים, אַז ער איז פאָרט טאַקע

ניט דער און ניט אַזאַ, אויך ווען מען קאָן אויסשטעלן און זיך פאַר־לאָזן.

און דאָס איז זיין איינציקל איציקל, וואָס לויט אַלע לאַגעס, וואָלט ער זיך באַדאַרפט פון אים אָפּזאָגן און אים פון האַרץ אַרויסרייסן. אָבער ער קאָן ניט... צי דערפאַר, ווייל איציקל איז אים איינער פון זיין שטאַם געבליבן, צי איבער איציקלס מעלות, וואָס ער האָט קליינערהייט אַרויסבאַוויזן און וואָס אַפילו, ווען ער האָט, עלטער ווערנדיק, זיי פאַר־לוירן, קאָן דער זיידע זיי ניט פאַרגעסן, צי איבערביידע זאַכן אינ־איינעם, נאָר ער קאָן ניט. ניט געקוקט דערויף, וואָס אַנדערע, אַפילו ניט קיין רבנים, ווען ס׳מאַכט זיך, אַז קינדער שטעלן זיי זיך קעגן און גייען אַוועק אין ניט קיין געוואונטשענע פאַר זיי דרכים, זאָגן זיך יאָ אָפּ פון זיי און טוען זיי פון גאָרער קרובהשאַפט אויסמעקן. ער — ניט.

2.

איציקל, ר׳ אהרן מאַנעסעס אייניקל

ער איז אים געבליבן אַן איין־און־איינציקער פון זיין גאַנץ הויז־געזינד, וואָס איז אויסגעשטאָרבן: צוערשט די רביצין, דערנאָך זיין איינציקע טאָכטער, דערנאָך איר מאַן, זיין איידעם, דערנאָך אויך די עלטערע קינדער פון דער טאָכטער, וואָס זיינען נאָך איר אַוועק. איציקל האָט זיך קליינערהייט שטאַרק געקלעפּט צום זיידן, וועלכער האָט אים פאַרביטן טאַטע־מאַמע. ער האָט אים אין מויל געקוקט, אויספאָלגנדיק אַלץ, וואָס יענער האָט פון אים געפאָדערט; ער האָט זיך גוט געלערנט ביי מלמדים, און אויך ביים זיידן, וואָס האָט אים געהאָט צו געבן מער פון די מלמדים. נאָר מיטאַמאָל, אַז איציקל איז אַלט געוואָרן אַ יאָר צוועלף־דרייצן, האָט ער זיך גענומען אַרויסרוקן פון זיידנס רשות און השפעה. צי חברים האָבן דאָ געווירקט, צי ער האָט זיך אַליין מיטאַמאָל געענדערט, נאָר איציקל איז אַוועק קרום: אַזוי ווי פריער שטיל, באַ־שיידן און ניט באַמערקט צווישן קינדער, אַזוי האָט ער זיך איצט גענומען הערן פון צווישן די זיין גלייכן אונטערוואַקסנדיקע יוגנטלעכע, ווי גאָר אַ טיכטיקער אַנטיילנעמער אין אַלע שטיפערייען און געשלעגן, און זיין נאָמען איז אַלעמאָל געווען פאַרמישט אין אַזוינע אונטער־נעמונגען, וואָס אַז דער זיידע האָט זיך פון זיי דערוואוסט, האָט ער גרויס צער געהאָט און ער פלעגט אַזש אַ שטיקל באָרד אין מויל אַריינ־

כאַפּן, ער זאָל ניט אַרויסזיפּצן אָדער אַרויסשרייען פאַר צער... ס'איז רעכט געווען, אַז שפּעטער אַביסל זאָל איציקלס נאָמען דערגרייכן צום זיידנס אויער אין פאַרבינדונג מיט אַזאַ זאַך, ווי שפּאַצירן מיט מיידלעך הינטער דער שטאָט, מיט עלטערע און ייִנגערע פון זיך, וואָס גאָט ווייסט, צו וואָס אַזוינס קאָן דערפירן.

ער האָט זיך אַפילו אויסערלעך געביטן, איציקל: אַזוי ווי פריער אַ געוויינלעך, דאַר יידיש ייִנגעלע, אַזוי האָט ער איצט מיטאַמאָל גע־נומען אַ וואַקס טאָן אין די אַקסל, אין דער הויך און אין דער ברייט, אַז די קליידער זיינען אויף אים צו אָפּט ענג געוואָרן און האָבן ניט געקאָנט דעריאָגן זיין וואוקס. אויך די באַוועגונגען מער האַסטיקער און אויפגעריסענער, ווי ביי אַזאַ, וואָס ווערט דערצויגן אין אַזוינע הייזער, ווי ער. און דאָס איינציקע, וואָס איז אים יאָ פון זיין שטאַם און ירושה געבליבן, זיינען געווען זיינע קאַרע אויגן, ענלעכע צום זיידנס; אָבער ווען דעם זיידנס בליק איז שוין אויסגעלאָשן, שאָפּן־פרום און אַלעמאָל געווענדט ווי אויף צוריק, צום נעכטן, אייערנעכטן און פאַר־גאַנגענעם — האָט איציקלס בליק געבלאַנדזשעט מיט פייער פון פאַראויסבליקן און אַריבערקוקן איבער אַלץ, וואָס געשעט פאַר אים דאָ און איצט, און ווי זוכנדיק דאָס געגאַרטסטע און דאָס געוואונטשנסטע אין דעם, וואָס שטייט אים ערשט ווייטער און שפּעטער פאַר... און ווײ־טער, אין אַלעם איבעריקן, ער — דער היפּוך פון זיידן: ווען יענער — אויסגעבראָכן פון תאוות, ער — פול אימפּעטפולע אַפּעטיטן, הן צום עסן, וואָס ער האָט געשלונגען שטיקערווייז, הן צו אַלע אַנדערע זאַכן, וואָס זיין זיידע האָט אפילו אין די יאָרן, וואָס איצט איציקל, פון זיי קיין אַנונג ניט געהאַט.

ס'טרעפט זעלטן, אָבער ס'טרעפט דאָך, ווען מיטגלידער פון איין משפּחה זיינען אַזוי ווייט ניט ענלעך איינער צום צווייטן, אַז ס'איז קיין סימן ניט צו דערקענען, אַז זיי שטאַמען פון איין שורש אַרויס.

— ס'נאָך דאַנקען השם יתברך, — פלעגט שפּעטער זיך זאָגן דער זיידע ר' אהרן מאַנעסעס, ווען ער פלעגט טראַכטן וועגן זיין אייניקל, — וואָס איציקלס בלוטן, וועלכע קאָכן אין אים אַזוי שטאַרק און וואָס וואָלטן אים געקאָנט פאַרפירן אויפן וועג פון באַפרידיקן הויל און בלויז זיין היציק־צעפּלאָכעטן חומר, האָט ער די לעצטע צייט גענומען אויסנוצן און פאַרווענדן — כמעט אויך ניט אויף דעם, וואָס דעם זיידן איז ניחא, אָבער פאָרט דאָך בעסער, ווי סתם אַ זולל־וסובא, אָדער ווי אַזאַ, פאַר וועמען יידן זאָלן מוזן זייערע יונגע טעכטער אויסהיטן.

ווייל, יאָ, ווייל איציקל האָט זיך די לעצטע צייט אַ נעם געטאָן אין גאָר אַן אומגעריכטער זייט — אין דער זייט פון גאָר לינק־פאַרבאַטענער פּאָליטיק — אַ זאַך, וואָס אַפילו אין גאָר גרויסע שטעט פאַרנעמען זיך דערמיט בלויז איינציקע און געציילטע, ובפרט אין אַזאַ שטעטל, ווי מעלעץ, וואָס קיינער האָט דערמיט ניט צו טאָן, קיינעם קריכט עס אין קאָפּ ניט און מ׳ווייסט דערפון בלויז פון אויסלייענען אַמאָל וועגען דעם אין די בלעטער... אַוודאי איז אויך דאָס ר׳ אהרנען ניט צום האַרצן געווען, ווייל וואָס קער זיך אָן מיט אים און מיט דעם, וואָס שטאַמט פון אים, אין אַזוינע זאַכן זיך גאָר צו מישן, און אַוודאי האָט ר׳ אהרן ניט דאָס געמיינט, דערציענדיק דאָס קינד פון זיין קינד...

ער האָט זיך געמוזט צעגיין מיט איציקלען. געוויסע באַלעבאַטים, שטאַרקע קעגנער פון איציקלס זאַך, האָבן אים דערצו געצוואונגען, פאַרהאַלטנדיק אים אַלעמאַל אין קלויז, וואו ער פלעגט זיך מיט זיי באַגעגענען, מיט אַ פראַגע־שטאָך און מיט גיפט:

— האָ, ר׳ אהרן, אייער איציקל מיינט טאָקע באמת איינצופירן ביי אונדז דאָס, וואָס דאָרט? — און דערביי פלעגן זיי אַ וואונק טאָן צו דער מזרח־גרענעץ, מיינענדיק רוסלאַנד.

— האָ, — פלעגן זיי אַן אַנדערש מאָל אַ פרעג טאָן, — ער מיינט טאָקע באמת צו באַגליקן די גאַנצע וועלט מיטן מלכות הקאַזאַקן, ביי זיי בלייבט עס, — פלעגן זיי ווייטער אַהין אָנווייזן, מיינענדיק די באָל־שעוויקעס.

ר׳ אהרנען האָט דאָס זייער געערגערט, ניט זייענדיק אימשטאַנד צו פאַרטיידיקן, וואָס יענע האָבן געטאַדלט, אי מחמת זיין אָפּהענגיקייט פון באַלעבאַטים, ביי וועלכע ס׳איז די מאה און די דעה, און אי אויך דערפאַר, וואָס ער אַליין האָט דאָך אויך ניט מיטגעשטימט מיט דעם, אין וואָס איציקל האָט זיך אַזוי פאַגלויבט און פאַרקאָכט אַריינגעלאָזט.

נו, און איציקל אַליין האָט זיך, סוף־כל־סוף, פון גרויס פאַרקאָכט־קייט דעראַרבעט דערצו, אַז וועלר ס׳האָט באַדאַרפט האָט זיך דערוואוסט, אַז ער איז אַ שטיק הויפּט און אָנפירער פון יענע קרייזן, וועלכע ער שאַפט און גרינדעט גאָר ניט מיטן מיין און לטובת דער מלוכה... מ׳האָט זיך אויך דערוואוסט, אַז אַלע זיינע אויפטוען אויף זיין פאַרבאַטענעם געביט זיינען ניט בלויז אין זיין קאָפּ געבוירן, שאַפנדיק אַלץ אויף זיין אייגענער ניט־רייפער, יוגנטלעכער אחריות, וואָס וואָלט זיך נאָך גע־לאָזט האַלב פאַרציילן, נאָר אַז ער שטייט אין פאַרבינדונג מיט עפּעס העכערס פון זיך, מיט עפּעס איינער אַן אָרגאַניזאַציע אין אַ געוויסן

צענטער, פון וואַנען ער באַציט סיי מינדלעכע באַפעלן, סיי דרוק־זאַכן, אין דער פאָרם פון פלוג־בלעטלעך, בראַשורן אויף צו פאַרשפּרייטן צווישן די יעניקע, וועלכע געפינען זיך אונטער זיין אָנפירנדיקער ווירקונג.

און אַט, כאָטש ער איז נאָך זייער יונג געווען, איציקל, ניט מער ווי אַ יאָר זעכצן־זיבעצן, ווען דער שטראָף־געזעץ איז נאָך בנוגע אַזוינע ניט אַזוי חל, ווי אויף גרויסע, דאָך איז מען זיך מיט אים באַגאַנגען שוין דווקא יאָ, ווי מיט אַ גרויסן, און אין איינער אַ נאַכט, ווען זיין זיידע האָט געהאַלטן אינמיטן פּראַווען זיין „חצות", האָט מען אין רבס שטוב אָנגעקלאַפּט און פּוילישע זשאַנדאַרמען האָבן זיך באַוויזן. זיי האָבן פריער געמאַכט אַן אונטערזוכונג, ווי ס'פירט זיך, און דערנאָך איציק־ל'עך, דעם בעל־דבר, פאַרנומען, וואוהין מען דאַרף.

דעם זיידנס האַרץ איז געווען געבראָכן, אי פון בזיון, וואָס אים, אַ רב און אין זיין עלטער, איז אויסגעפאַלן צו זיין פאַרמישט אין האָבן אַ שייכות צו אַזוינס, וואָס האָט געקאָנט וואַרפן אַ חשד אויף זיין איי־גענער כשרות; און אי אויך פון וויטיק, וואָס מ'האָט איציקלען פון געלעגער אַראָפּגענומען און מ'איז זיך מיט אים גאָרניט אידל באַ־גאַנגען, נאָך אין שטוב זייענדיק, ובפרט, ווער ווייסט, וואָס ס'וועט מיט אים דאָרט, אינדערהיים, געשען.

ר' אהרן האָט אויף זיין באַדויערנדיקער עלטער געמוזט טאָן, וואָס ער קאָן און קענען האָט ער גאָרניט געקאָנט, אויסער גיין בעטן צו יענע קעגנעריש־געשטימטע באַלעבאָטים, מען זאָל פאַר זיין איציקלען אַ גוט וואָרט זאָגן און, אויב מעגלעך, אַ פּאַפּיר מיט חתימות דערלאַנגען אין געהעריקן אָרט. יענע האָבן אים נאָך שלעכטלעכן מוסר און בייזלעכע בליקן, געוועגדט אויף אים, אים צוגעזאָגט. און מ'ווייסט ניט, צי זיי האָבן טאַקע וואָרט געהאַלטן און זיך משתדל געווען און זייער השתדלות האָט געהאָלפן צי ניין, צי נאָר דערפאַר, וואָס איציקל איז טאַקע נאָך יונג געווען און טאַקע נאָך ניט קיין בר־עונשין, ד. ה., וואָס מען האָט נאָך צו אים די גאַנצע האַרבקייט פון געזעץ ניט געקאָנט אָנווענדן, און דערפאַר האָט מען אים אין אַ צייט אַרום פון געפאַנגענשאַפט אַרויס־געלאָזט. דאָס ווייסט מען ניט, מען ווייסט אָבער יאָ, אַז ניט געקוקט אויף זיין יוגנט, האָט איציקל, זייענדיק אין טורמע, קיין האָניק ניט געלעקט און דאָס איז צו זען געווען אויף זיין פּנים, וואָס איז געווען בלאַס געשטעמפּעלט, אַרויסקומענדיק פון טורמע, ווי אויך אין דעם

מער גרעסערן ערנסט, וואָס ער האָט מיט זיך אין זיין קליין פּעקעלע זאַכן צווישן אַנדערן פון דאָרט מיטגעבראַכט.

ס׳האָט אים אָבער ניט אָנגעלערנט, איציקלען. פאַרקערט, ער איז אַרויס אַ נאָך מער געשמידטער און איינגעגלויבטער אין זיין זאַך. ער האָט אַפילו קיין טאָג ניט אָפּגערוט און האָט זיך גלייך אַ וואָרף געטאָן צו זיינע קרייז־חברים, מיט וועלכע ער האָט פאַרן אַרעסט אָנגעפירט און בעתן אַרעסט — געווען צעשיידט. נאָך מער: ער האָט זיך איצט אַ נעם געטאָן מיט גרויס פלייס אַריינצודרינגען אויך אין אַזוינע קרייזן, וואָס פריער האָט ער צו זיי קיין צוטריט ניט געהאַט — די יידישע און ניט־יידישע באַלמעלאָכעס און געזעלן, ניט ווי פריער, ווען ער האָט צו טאָן געהאַט בלויז מיט זיין גלייכן, מיט יוגנטלעכע פון באַלעבאַטישן מיטלשטאַנד.

ער האָט, ניט געקוקט דערויף, וואָס ער האָט געוואוסט, אַז ער געפינט זיך איצט אין געוויסן שוואַרצן צעטל ביי דער פוילישער דעפענסיווע, וועלכע האָט די אויפגאַבע אַכטונג צו געבן און אין אויג צו האַלטן אַלץ, וואָס איז פאַרדעכטיק, בפרט אַזוינע, וואָס האָבן שוין אַמאָל אַ שטראָף באַקומען און פאַר געוויסע זינד אָפּגעזעסן און אַז אויב ער וועט זיך נאָך אַמאָל פאַרזינדיקן, וועט די שטראָף שוין זיין פיל האַרבער און מער דויערנדיקער — ניט געקוקט דערויף האָט איציקל זיך ניט געשאַנעוועט און באַלד גלייך נאָך זיין באַפרייאונג האָט ער זיך ווידער און נאָך מיט מער איפער אַ לאָז געטאָן צו זיין זאַך, וועלכער ער האָט זיך מיט זיין גאַנצער יוגנטלעך־פאַרגלויבטער באַגייסטערונג געווידמעט.

ער האָט נאָר, נעמענדיק איצט אין אַכט זיין זיידנס לאַגע אין שטאָט, זיך פון אים אַרויסגעצויגן און זיך איבערגעזעצט אין אַ וואוינונג פון עפּעס איינעם אַן אָרעם־אָפּגעפּאַרענעם באַלמעלאָכע, אין אַ זייטיק געסעלע, אין אַ פאַררוקט שטיבעלע פאַרשטעקט. ער האָט לפנים איבערגעריסן מיטן זיידן, ווי דער זיידע — מיט אים. אָבער דאָס האָט דאָך ניט געשטערט זיי זאָלן זיך פון צייט צו צייט זען, און כאָטש דער זיידע פלעגט ביי דער באַגעגעניש שטיל אונטערזיפצן און אים באַדויערן, און כאָטש ער האָט געפילט די פרעמדע לופט, וואָס איציקל ברענגט מיט זיך מיט פון זיין פינצטער־פאַררוקטן באַלמעלאָכישן געסל און אויך די גייסטיקע אָפּגעפרעמדקייט, וואָס האָט זיך צווישן זיי געשאַפן, האָט ער דאָך, דעם אמת געזאָגט, ניט אויפגעהערט צו איציקלען מיט ליבע זיך באַציען.

איציקל פלעגט, קומענדיק געוואויר ווערן דעם זיידן, אַריין צו אים מיט ווינט, מיט אימפּעטיקער האַפּערדיקייט איז מיט די הויך און ברייט־צעוואַקסענע אַקסל, פאַר וועלכע דעם זיידנס טיר איז ווי צו נידעריק און ענג געווען, און טרעפנדיק דעם זיידן בײַ זײַן געוואוינלעכער טועכץ — בײַ לערנען, פלעגט ער היימיש־צוגעלאָזט און אויפגעלעבט אַ זאָג טאָן:

— האַ, זיידע, וואָס מאַכסטו? וואָס לערנסטו? — און דערבײַ פלעגט ער אויך כאַפּן אַ קוק אַריין אינעם ספר, וואָס ליגט פאַר יענעם, און ווייטער אַ זאָג טאָן: — האַ, זבחים ומנחות? — איי, זיידע, האָסט נאָך אַלץ אינזינען דעם בית־המקדש, וואָס קיינער דאַרף ניט?

— און ווער, — פלעגט ר׳ אהרן אָפּענטפערן אין זעלבן היימיש־צוגעלאָזטן טאָן — ווער האָט דאָס איציקלען געזאָגט, אַז קיין בית־המקדש איז ניטאָ און אַז קיין כהנים און קרבנות דאַרף מען ניט? אָט איז דאָך ער, איציקל, אַליין אויך, דאַכט זיך, אַ שטיקל כהן אין אַ בית־המקדש, וואָס קיינער זעט ניט, און עפּעס איז ער אויך דאָרט, דאַכט זיך, מקריב, וואָס דאָס זעט מען שוין דווקא יאָ: זײַנע יונגע יאָרן, וואָס גייען אים אַוועק און וואָס ס׳איז זיי שווער דערנאָך צוריק צו כאַפּן!

— זאָרג זיך ניט, זיידע, פאַר מײַנע יאָרן, — פלעגט איציקל אָפּ־ענטפערן מונטער־אויפגעלייגט, און ס׳האָט אויסגעזען, אַז אָט־אָט וועט ער, בײַ די ווערטער, דעם זיידן גוט־ברודעריש אין פּלייצע אַ קלאַפּ טאָן, פאַרזיכערנדיק אים, אַז זײַן זאָרג איז אַן אומזיסטע.

— ניט זאָרגן, זאָגסטו? איז ניט, — פלעגט ר׳ אהרן ענטפערן און ווידער ניט אויפהערן אונטערזיפצן, קוקנדיק אויף איציקלען אי מיט באַדויערונג, ווי אַמאָל אַ פאָטער, ווען ער זעט, אַז דאָס קינד גייט אים אַוועק קרום און אין שאָדן, און אין דער זעלבער צײַט אויך מיט אויסבאַהאַלטענער ליבע, וואָס מאַכט, ניט געקוקט אויף אַלץ, דעם פאָטערס האַרץ צו דעם זיך ציען...

אָט אַזוי פלעגן זיי זיך דורכשמועסן און יעדערער איז, נאַטירלעך, בײַ זײַנעם געבליבן: איציקל בײַ זײַן אָפּגעפּרעמדטער טועכץ און דערווײַטערט־זײַן פון זיידן, און דער זיידע — צווישן חוב און ליבע געענגט און צונויפגעדריקט, ווען איינס האָט געפאָדערט ער זאָל זיך אינגאַנצן אָפּזאָגן פון איציקלען, און דאָס צווייטע האָט אים ניט דער־לאָזט דערצו...

און אָט דאָס איז ר׳ אהרנס ערגערניש געווען. זעענדיק ווי ער איז שוואַך און הינטערשטעליק און קאָן ניט בײַשטיין אַפילו אַזאַ קליינעם

נסיון מיטן איינקל, איז היינט וואָס וואָלט שוין געווען, האָט ער זיך געטראַכט, ווען ס׳פאָדערט זיך פון אים עפּעס מער גרעסערס.

אָבער לאָמיר אים לאָזן ביי זיין ערגערן זיך, ווייל באַלד וועלן מיר זען, אַז ר׳ אהרן האָט זיך גענאַרט אי אין זיך אַליין, ניט דערשאַצנדיק זיינע אייגענע כוחות, און אי אויך אין זיין איינקל איציקל, מיינענדיק אַז זיין ליבע צו יענעם איז פון יענעם ניט קיין פאַרדינטע, און אַז ער האָט דאָ צו טאָן בלויז מיט אַ קינד, וואָס איז אים אַוועק אין הפקר...

ס׳וועט דאָ גיין די רייד וועגן דער איצט־פאָרקומענדיקער מלחמה, ביי וועלכער בײדע זיי, דער זיידע מיטן איינקל, זיינען אויף איין מזבח אויפגעגאַן, כאָטש פון פאַרשיידענע זייטן, כדי דורך איין מעסער אַוועק־געקוילעט ווערן; און נאָר איידער מיר גייען דערציילן וועגן זיי, ווילן מיר זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן דער הענקער־האַנט, וואָס האָט זיך אויף זיי אויפגעהויבן.

אָט איז זי.

3.

דער געסטאַפּאָ־הויפּטמאַן, היינריך דרייער

ער שטאַמט פון אַלטאָנאַ — אַ פאָרשטאָט פון האַמבורג, ער האָט אַ טיפן בייל פון אַ פאַרהיילטער וואונד אין קין־באָרד — אַ רעשט פון דער ערשטער אימפּעריאַליסטישער מלחמה, וואָס איז אים פאַרבליבן פון אַ שאַרפן האַק פון אַ קאָזאַקס אַ שאַשקע בעת אַ האַנט־געפעכט אין גאַליציע.

ער האָט נאָכן קריג געדינט אַלס ביוראָ־אַנגעשטעלטער אין איינער אַ האַמבורגער פירמע מיטן נאָמען „באַכמאַן עט קאָמפּ.” פּאַר אַזאַ קליי־נעם געהאַלט, וואָס האָט אים קוים געקלעקט אַפילו זיינע בחורישע הוצאות צו דעקן. ובפרט ניט געקלעקט, ווען ער האָט פאַרטראַכט זיך צונויפגיין מיט איינער אַ געזונטער רויטבאַקיקער מויד מיט אַ הויך־פולען בוזעם, וואָס איז אים שטאַרק געפעלן.

ער האָט זיך דערום אַלעמאָל געבייזערט אויפן קריג, און ווי דער דייטשישער קייזער האָט צום אַנהייב קריג זיינע דייטשישע אונטער־טאַנען פאַרשפּראָכן, און ער האָט אויסבאַהאַלטן אַ שטאַרקע שנאה צו די שולדיקע אין דער דייטשישער נידערלאַגע, וואָס אין דער רעוואָלוציע פון 1918 האָבן זיי דעם דייטשישן פאָלק כלומרשט אַ מעסער אין רוקן

דערלאַנגט. דאָס האָט געמיינט די דעמאָקראַטן, סאָציאַל־דעמאָקראַטן, קאָמוניסטן א. אַנד., וואָס זיינען פון יידן אָנגעהעצט און אונטערגעקויפט געוואָרן, ווי געוויסע דייטשישע „פּאַטריאָטן" האָבן דעם פאָלק געגומען איינרעדן.

אויך ער, אַט־דער דרייער, האָט זיך געלאָזט איינריידן און האָט אַ שטאַרק ביטערן האַס געטראָגן אויף די, אויף וועלכע מ'האָט אים אָנגעוויזן. ניט אַלע אָבער פון די אָנגעוויזענע האָט ער פאַר די אויגן געהאַט, נאָר די פירמע „באַכמאַן עט קאָמפּ." האָט אים געשטעקט, ווי אַ ביין אין האַלדז; זי פאַרלאָזן און אַוועקגיין דינען ערגעץ אַנדערש האָט ער ניט געקאָנט, ווייל קיין אַנדער שטעלע איז נאָכן קריג ניט אַזוי לייכט געוועזן צו געפינען. און יאָ דינען אין די יענעצייטיקע באַדינגונגען האָט געהייסן דינען, ווי ס'געהער, דינען, ווי ס'פּאָדערט זיך: געהאָרכזאַם, אונטערטעניק און מיט גרויס הכנעה פאַרן באַלעבאָס.

— יאָוואָל, הער באַכמאַן, ס'ווירד געמאַכט, — פלעגט ער מוזן שטיין שטראַם אָנגעשטרענגט אַלעמאָל מיט אַ וואָרט פון דינסט־גרייטקייט פאַרן באַלעבאָס, אויף צו הערן און אויספאָלגן, ווען ער האָט פון יענעם אַ וואָסער ניט איז באַפעל געקראָגן: זאָפאָרט, הער באַכמאַן... אָבער, ווי נאָר ער פלעגט זיך אָפּקערעווען פון באַלעבאָס, אַזוי איז אים די היג־טישע הכנעה פון פּנים אַראָפּ, דאָס האַלב־זיסע שמייכעלע, וואָס ער האָט אויף זיך אַרויפגעצויגן, שטייענדיג פאַר יענעם, האָט זיך פון אים אָפּ־געטאָן, און אַ בייזע טעמפּע פינצטערניש פלעגט זיך אויף אים אָנרוקן, ווי נאָר ער איז אַליין געבליבן, אָדער מיט אַנדערע זיין־גלייכן־ אָנגע־שטעלטע, פאַר וועלכע ער האָט קיין מורא ניט געהאַט, אַז מ'וועט אים אַרויסגעבן, ווען ער וועט, אין כעס זייענדיק, אַרויס מיט אַ פאַרשטיקטער קללה אָדער מיט זידלערייען בנוגע זיין באַלעבאָס.

אַט־דער באַכמאַן איז דער שונא פון אַלע אַזוינע, ווי ער, דרייערס, וואָס אויף זיין חשבון לעבט זיך אים אַזוי ברייט, מיט אַ צען־צימער־וואוינונג, מיט אַ פּאָר אויטאָס, ווייל איינער איז אים קאַרג, מיט אַ גרויס־צעלייגט געשעפט אין שטאָט, מיט גרויס קרעדיט אין דייטשישע בענק און מיט פיל געלט־פונטן און דאָלאַרן איינגעלייגט אויך אין אויסלענדי־שע בענק. אָט דאָס איז דאָך דער, וואָס איבער אים קאָן ער, דרייער, זיך ניט צונויפגיין מיט דער היובער, פול־געפּאַקטער, רויט־באַקיקער מויד, וואָס ער האָט זיך אָפּגעקליבן לויט זיין געשמאַק, און וואָס ער היט זי אָפּ אַ גאַנצע און ניט אָנגערירטע ביז דער חתונה, און וואָס כדי צו באַ־פרידיקן זיינע בחורישע באַדערפעענישן מוז ער אַלע ערב אַרויסגאַנג־

טעג, פון שבת אויף זונטיק, אַוועק אין די געוויסע זנות־געסלעך אויף צו פאַרברענגען די שבתדיקע נאַכט מיט אַ געקויפטער פּרוי פאַר קליין געלט און פאַר ביליקע געטראַנקען און צובייסן... ער מוז... זיינע פאַר־דינסטן, די 120 מאַרק חודשלעכער געהאַלט, קלעקן אים ניט, ער זאָל אַפילו ביי די שטרענגסטע אָפּשפּאָרונגען, קאָנען ווען צונויפקלייבן מיטלען אויף אויסצושטאַטן אַ צוויי־צימער־וואוינונג, מיט אַ ברייט פּאַ־ראַדיז־בעט,מיט אַנדערע מעבל און קיך־געשיר, ווי זיין קליינבירגער־לעכער געשמאַק און השגה פאָדערט פון אים. און וואָס ווען מע האָט דאָס ניט, גייען אַזוינע לאַנג־לאַנג ניט חתונה האָבן, ווייל זיי פילן זיך האַלב מענטש און אין אַ עכטן עיקר געמינערט.

ער, היינריך דרייער, איז דערום אַלעמאַל, ווען ניט אויף דער אַרבעט און ווען ניט אין דער אַנוועזנהייט פון זיין באַלעבאָס, פאַר וועמען ער האָט געמוזט ווייזן אַן אויפגעלייגט פּנים, אַרומגעגאַנגען בייז און געזוכט אין וועמען זיך נוקם זיין פאַר זיין געענגטער לאַגע און זיינע אומדערפאַלגן. ער איז דערום שטילערהייט, אַז אין ביורא, אין יידישן געשעפט, פון וועלכן ער פילט זיך אָפּהענגיק, זאָל מען ניט וויסן, צוגעשטאַנען צו אַ רעכטער פּאַרטיי, וועלכע האָט צוגעזאָגט אויס־צובעסערן די לאַגע פון אָט־די דרייערס. ער האָט געהיימערהייט באַזוכט אירע פאַרזאַמלונגען, איז צוגעשטאַנען אין אַ פרייען זונטיק־טאָג צו אירע דעמאָנסטראַציעס, און אין אַ שווערן מאָמענט, ווען די לינקע זייגען אַרויס מיט שאַרפע לאָזונגען און מיט געווער, אָפּמאָנענדיק זייערס, ווי אָט אין דעם באַוואוסטן טייל שטאָט באַרמבעק וואָס אין האַמבורג, אין 23־טן יאָר; און ווען די פּאָליציי האָט פאַרוואָרבן מיט־פילנדיקע פון דער ציווילער באַפעלקערונג איר צו הילף, — האָט אויך ער, דרייער, ווידער שטילערהייט, איר אַן אַקסל אונטערגעשטעלט, אָנטיילנעמענדיק אין קאַמף און אין די באַוואָפנטע געשלעגן קעגן יענע...

ער האָט זיך אַזוי טיף פאַרפעסטיקט אין זיין שנאה צו זיינע קעגנער, אַז קיין אַנדער נאָמען האָט ביי אים די גאַנצע דעמאָלטיקע האַלב נאָך דעמאָקראַטישע מלוכה ניט געהאַט, ווי נאָר „יודען" און „יודענשאַפט". ווי די זייניקע, די „פּאַטריאָטן", האָבן די דעמאָלטיקע מלוכה־אָרדענונג אָנגערופן.

דער צאָרן האָט זיך אין אים נאָך מער צעברענט, ווען ער האָט, סוף־כל־סוף, געמוזט אויך אָנעם „פּאַראַדיז־בעט", אָנעם קיך־געשיר און אַנדערע שאַלעמויזן, חתונה האָבן פאַר דער געגאַרטער רויט־באַ־

קיקער מויד, פון וועלכער ער האָט אַ לאַנגע צייט זיך אָפּגעהאַלטן, זיך ניט צורירנדיק צו איר, ווי צו אַן אבן־טוב... גראָד אָבער האָט ער זי יאָ אַנגערירטע געפונען... ער האָט זי שטאַרק אויסגעפּאַטשט פאַר אירע מעשים־טובים אַן זיין וויסן... באַלד אָבער האָט ער זיך מיט איר איבערגעבעטן, באַקומענדיק פון איר אַ געוויסע סומע געלט, וואָס זי האָט שטילערהייט פון אים כלה־וויז אויסבאַהאַלטן — ווי ס׳וויזט אויס, אָפּשפּאָרונגען פון שטילן האַנדלען מיט זיך און וואָס אָט־דאָס אָנגעזאַמלטע געלט אָבער האָט אים געקלעקט אויף יאָ אויסשטאַטן די שטוב מיט דעם, וואָס ער אַליין האָט מיט זיינע פאַרדינסטן ניט געקאָנט דערלאַנגען... ער האָט זיך איבערגעבעטן, אָבער דאָך אינגאַנצן פאַרגעסן האָט ער ניט געקאָנט, און אַלעמאָל, ווען שיכור אָדער פון אַן אַנדער סיבה אויפגעבראַכט, האָט ער זיך אין זיין שאַנד און אָפּגעגאַרטקייט דערמאַנט, זעענדיק אויך דאָ די האַנט פון יענע שולדיקע אין דייטשישן געפאַלענעם כבוד פון נאָכן קריג בכלל, ווי אויך בפרט זיין אייגענע געפאַלנקייט, וואָס ער דאַרף נאָך עד־היום שטיין מיט אַן אַנגעבויגענעם קאָפּ און מיט הכנעה פאַרן יידישן פרינציפּאַל, וועלכער פאָדערט, ווי אַלע אַרבעטגעבער פון זייערע אַרבעטנעמער: פיל אַרבעט פאַר קליין געהאַלט און דערצו נאָך גרויס געהאָרכזאַמקייט.

ער האָט דעם כעס אויפגעהאַלטן אַזוי לאַנג, ביז די האַלב־דעמאָקראַטישע, נאָך־מלחמהדיקע אָרדענונג אין לאַנד האָט זיך איינגעבראָכן און ביז די מאַכט איז אַריבער צו די זייניקע, וועלכע האָבן נאָך אַ צייט דערפריער, נאָך איידער זיי האָבן זי אַריינגעכאַפּט, זיך דערפילט אַזוי זיכער און פעסט אין זאָטל, אַז זיי פלעגן שוין אָפּט אַרויס אין גאַס מיט אָפענע געשלעגן, אָפּצומאַנען, וואָס, כלומרשט, זיי קומט, באַוויינדיק, וואָס זיי קאָנען, אויף וואָס זיי זיינען פּיאיק און מיט וואָס פאַר אַ מיטלען זיי דענקען צום געגאַרטן זיך דערשלאָגן, און אויך — ווער ס׳איז זיי געוואונטשן אין זייערע רייען אַריינצודערוואָרבן ווערן.. ווער? — דער, וואָס וועט זיך פאַר גאָרנישט ניט אָפּשטעלן און וואָס בלוט פאַרגיסן איז ביי אים — וואָסער פאַרגיסן.

אָט דעמאָלט האָבן אָנגעהויבן צו זיי צושטיין פיל אַזוינע, ווי דרייער, — ביז אַהער אויסבאַהאַלטענע און פאַרשטעלטע, וועלכע זיינען איצט געוואָרן דרייסט און די פרעכקייט האָט זיי פון פּנים אַראָפּגעקוקט, דערפילנדיק דעם ערב־יום־טוב פון דעם, וואָס קומט אָן צו זייער גונסטן. דעמאָלט האָט זיך אויך אונדזער היינריך דרייער אַנטפּלעקט, ניט קיין מורא האָבנדיק אַפילו פאַר זיינע פרינציפּאַלן, ביי וועלכע ער האָט

יאַרנלאַנג געדינט און ברויט געגעסן, זיך דערקלערנדיק אָפּן פֿאַר אַן אָנהענגער פֿון יענע, וועלכע ווילן אַט־אָט אין זייערע רעכט אַריינטרעטן און זיך צערעכענען מיט די, וועלכע האָבן ביז אַהער מיט אומרעכט געגעסן קוילעטש. דאָ געמיינט, וועלכע האָבן אַליין געלעבט רייך און אים, הײַנריך דרײַער, געהאַלטן אין שוואַרצן העמד, אין נישטיקייט און אין בזיון.

און אַט האָבן די זייניקע צום מאַכט־טיש זיך דערשלאָגן און הײַנריך דרײַערס אויסבאַהאַלטענער און לאַנגיאָריקער צאָרן איז זיי צונוץ־געקומען אויף אים אויסצוגיסן און אויסצוברענגען אויף זייערע שונאים, וועלכע האָבן זיך לאַנג קעגנגעשטעלט און זיי ניט דערלאָזט צו דער הערשאַפֿט אַרויפֿשווימען.

הײַנריך דרײַער איז געוואָרן אַן אָנגעזעענער פּאַרטיי־מאַן — פֿריער אַ שטיק אָנפֿירער אין איינעם אַ ראַיאָן אין אַלטאָנאַ, דערנאָך איז ער אַריבער אין דער גרויס־קאָכיקער האַנדל־שטאָט, קיין האַמבורג, טראָגנ־דיק שוין די געוויסע קליידער־פֿאָרם פֿון די זייניקע. און דערנאָך, אַז ער האָט זיך אין געוויסע שלעגערישע פּאַרטיי־שליחותן אויסגעצייכנט פֿאַר אַ געניטן אויספֿילער, אויף וועמען מען קאָן זיך פֿאַרלאָזן, איז ער אויך פּראָפֿעסיאָנאַל געוואָרן. ער איז איבערגעגאַנגען אויף פּאַרטיי־אויסהאַלט און אויף אַזוי וויט שוין אָנגעזעען צו זיין און צום גוטן אָפּ־געמערקט, אַז אָפֿט פֿלעגט מען אים שוין אַרויסרופֿן אויך אין אַנדערע מקומות, וואו ס'איז פֿאָרגעשטאַנען אַ רעכט קעפּ־ברעכעריש שטיקל אַרבעט, וואו ס'האָט זיך געפֿאָדערט אַ פֿעסטע האַנט אויף דאָס דורכפֿירן.

ער האָט זיך סוף־כל־סוף אַזוי הויך אַרויפֿגערוקט אין ראַנג, אַז ער האָט אַריינגעטראָפֿן אַזש אין דער הויפּט־שטאָט, אין בערלין, וואו די ערשטע צייט, אַ סברה, ווען די זייניקע האָבן צו דער מאַכט אַרויפֿגע־שטיגן, איז אים פֿאַרטרויט געוואָרן אַפֿילו בייזיין און אָנטיילנעמען אין אַזאַ געהיים־באַהאַלטענער שטיק מלאכה, ווי אונטערצינדן דעם רייכס־טאַג, דערנאָך אין אַנדערע ענלעכע רויבערייען. ביז זיין נאָמען איז לסוף באַוואוסט געוואָרן אַלס גאָר־גאָר אַ פֿייאיקן אין איינעם אַ געביט, אין וועלכן ער האָט זיך גאָר פֿיין אויסגעצייכנט — און דאָס איז אין די ווילדסטע גרויזאַמקייטן בנוגע די ערגסטע שונאים פֿון זייניקע — צו די יידן. צוערשט אינעם עפֿנטלעכן וועלט־איבעראַשנדיקן יידישן פּאָגראָם פֿון יאָר 1938 אין בערלין; דערנאָך — די זייניקע האָבן זיך אַ לאָז געטאָן מיט גיר און גרויספּרעסערישע אַפּעטיטן אַריינצוכאַפּן און דעראָבערן נייע לענדער און פֿעלקער, וועלכע האָבן זיי זיך קעגנ־

געשטעלט, האָט ער זיך ווייטער אָרויסבאַוויזן דער עיקר בנוגע יידן וועלכע מ׳האָט אין יענע לענדער, ווי אין עסטרייך און אין טשעכאָסלאָוואַקיע, אַנגעטראָפן. און צום סוף האָט ער גאָר גרויס חן און חסד געפונען אין די אויגן פון די העכער־שטייענדיקע פון אים, ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכן, ווען ער איז דערהויבן געוואָרן צום טיטול געסטאַפּאָ־הויפּטמאַן, וועלכער האָט געהאַט די אויפגאַבע איינצופירן די „נייע אָרדענונג" אומעטום, וואו צוערשט איז די דייטשישע אַרמיי אַריין און אָנגעהויבן: יענע — באַצווינגען, ער — דאָס באַצוואונגענע אין פּעס־טע לאַפּעס צו האַלטן. און דאָ האָט ער ווידער באַוויזן, וואָס ער קאָן, באַזונדערס בנוגע יידן.

4.

די עקזעקוציע

אַז דאָס דייטשישע חייל האָט גענומען שפּאַנען און פאַראויסמאַר־שירן פון דער פוילישער גרענעץ, טרייבנדיק די צעשלאָגענע און מפּלה־ליידנדיקע פוילישע אַרמיי, אַזוי האָט זיך בליץ־שנעל צעטראָגן אַ ידיעה פון שטאָט צו שטאָט און פון אָרט צו אָרט, וואו יידן האָבן גע־וואוינט, אַז דאָס דייטשישע חייל, ווי דאָס דייטשישע חייל — אויך ווייט פון צדיקים און גאָרניט קיין קליינע קוילער, — אָבער זיי קומען אַריין און גייען גלייך אַוועק, זייענדיק פאַרנומען מיט זייער אייגנטלעכער מיליטער־זאַך — מיט טרייבן דעם שונא, אָבער נאָך זיי קומען אַריין די געסטאַפּאָ־טיילן, איינצובירגערן דעם געוויסן רעזשים, וואָס זיי ברענגען אין זייערע טריפהנע פּאַלעס, און אַז ווי איז צו יענע ערטער, וועלכע האָבן פאַרזוכט דעם טעם אַפילו אויף איין טאָג, אויף איין שעה מיט זיי זיך צו באַגעגענען.

זיי וואַרפן, פאַר אַלעמען, אַן אַ שרעק אויף דער באַפעלקערונג, כדי צו באַווייזן, מיט וועמען מען וועט דאָ האָבן צו טאָן, אויב מען וועט ניט אויספאָלגן די אַלטעגלעכע באַפעלן פון דער ניי־אָנגענומענער מאַכט און דערום איז, ווי נאָר זיי טרעטן אַריין און שטעלן דעם ערשטן פוס אין אַ געוויסן אָרט, אַזוי שטעלן זיי גלייך אויף תליות אויף די עפנטלעכע ערטער, אויף די שטאָט־פּלעצער, און קרבנות און זיך באַמבלענדיקע קערפּערס טוען זיך שוין אַלעמאָל דערנאָך געפינען.

דאָס דערהערט, האָבן זיך אַלע שטעט און שטעטלעך, צו וועלכע דאָס דייטשישע חיל האָט זיך דערנענטערט, פון די ערטער געבומען רירן, ווי נאָר ווער ס׳האָט געקאָנט, איז אויף פורן, אויף קאָטשן אַוועק; ווער ס׳האָט ניט געקאָנט, ניט בכוח זייענדיק צו צאָלן, איז אַוועק צופוס; און דעמאָלט האָבן זיך אויף אַלע פּוילישע וועגן, וועלכע ציען פון מערב אויף מזרח, מיט׳ן פנים צו דער רוסישער גרענעץ געווענדט, גאַנצע מחנות פּליטים זיך געוויזן: אַלט, יונג, ווייבער, מענער און קינדער — ווער מיט געפּעק, ווער — אָן, אָבער אַלע האָבן שוין אויסגעזען, ווי פון דער שווערד געטריבן, מיט פּחד און צעטומלונג אין די אויגן, וועלכע זיי האָבן אַלעמאָל אויף צוריק אויסגעקערעוועט, מורא־האָבנדיק, צי האָט זיי שוין דער שונא אָט־אָט אין רוקן ניט אָנגעיאָגט.

אַז די ידיעה האָט דערגרייכט אויך צום שטעטעלע מעלעץ, האָט עס געטאָן, ווי אַלע שטעטעלעך, אין איילעניש זיך פאַרפּאַקט. ווער־וואָס ס׳האָט פון נייטיקסטן געקאָנט פאַרכאַפּן, האָט פאַרכאַפּט; ווער מער פאַרמעגלעך, איז אויף פורן געפאָרן, ווער ניט, איז צופוס אַוועק. אָבער פאַרנומען האָבן זיך אַלע: אָנהייבנדיק פון אַלטן רב פון שטעטל, פון ר׳ אהרן מאָנעסעס, וואָס האָט שוין קיין כוח ניט געהאַט צופוס זיך שלעפּן, און מען האָט אים צוזאַמען מיטן אַלטן שמש, אים צו באַדינען, אויף אַ ווינקל־פור אַרויפגעזעצט, מיט טלית־און־תפילין און מיט אַ קליין טאָרבעלע געטריקנטע וועלשענע ניס, וואָס דער שמש האָט פאַר אים פאַרכאַפּט צידה־לדרך; אָנהייבנדיק פונעם רב און ענדיקנדיק מיט די לעצטע באַלעבאַטים פון שטעטל, ביז אויך ניט קיין באַלעבאַטים, ביז אַלע, אַלע, ווער נאָר ס׳האָט געהאַט אָטעם אין די נאָזלעכער און זיך געוואָלט און געקאָנט ראַטעווען.

מ׳האָט זיך געלאָזט קיין לעמבערג, קיין סטאַניסלאַוו א. אנד., מיינענדיק, וואָס נעענטער אונטערצוקומען צו דער גרענעץ פון יענעם לאַנד, וואָס דאָרט, ווי מען האָט געהערט, איז מען מיטן לעבן געוויס געזיכערט. ס׳האָבן זיך געלאָזט אַהין אַפילו די פריערדיקע קעגנער פון יענעם לאַנד און פון אַל־דעם, וואָס דאָרט קומט פאָר צום אומגעגאַרטן און אומגעוואונטשענעם היפּוך פון זייער באַלעבאַטיש־אייגנטימערישער השגה, — אַפילו אַזוינע, וואָס זיינען פריער גרייט געווען איבערצוגעבן אַ איציקלען אין די הענט פון זייער פּוילישער מלוכה פאַר זיין פיינט־לעכער באַציאונג צו איר.

דאָס שטעטעלע מעלעץ האָט נאָך געהאַט אַ באַזונדער גרונט צום איילי קן אַוועקלויפן דערפאַר, ווייל ווי מען האָט געהערט, איז יענער

ראַיאָן אַריינגעפאַלן אין די הענט פון גאָר אַ געסטאַפּישן אויסנאַם — אין די הענט פון אַ המן שבהמן און אַ קוילער שבקוילער, ווי מען האָט געזאָגט. מען האָט זיך אָנדערציילט פון אים אַזוינס, אַז אַ גרויל איז דורך דאָס לייב... מען האָט דערציילט, אַז די, וואָס קומען אַרויס פון אים לעבעדיק, לויפן אַרום דולע איבער די גאַסן; אַז אויסער די שחיטות, וואָס ער אָרדנט איין, טוט ער נאָך אָן פיל שענדלעכקייט צו די גאָר גרויס־אָנגעזעענע לייט, וואָס ער פאַקט אַריין. ווי אַט האָט ער אין איינער אַ שטאָט געצוואונגען אַ רב אַרומצופאָרן אַ טאָג איבער די גאַסן מיט אַ נאַכט־טאָפּ אויפן קאָפּ. אין אַ צווייטער שטאָט, אויך אַ רב — צו שטיין און ביזיין בעת איינער אַ זעלנערישער מנובל האָט זיך מיט זיין ווייב אין בעט געלייגט, זי פאַרגוואַלדיקנדיק, און נאָך און נאָך.

ס'איז דערום קלאָר, פאַרוואָס דאָס שטעטעלע מעלעץ האָט געהאַט גרונט צום גאָר גרויסן איילעניש און וואָס־גיכערן אַוועקלויפן.

***

ס'האָט זיך געמאַכט אַזוי, אַז אַרויס און פאַרלאָזט דאָס שטעטעלע האָט די יידישע באַפעלקערונג פון מעלעץ אַ טאָג פאַר ערב־יום־כיפור, ווען דער דייטשישער אָנגריף האָט זיך אַהין דערנעענטערט, און אומגע־קערט אין שטעטעלע האָט זי זיך אויף מאָרגען, שוין שפּעט נאָך האַלבן טאָג. פאַרוואָס אומגעקערט? — ווייל דאָס דייטשישע חיל איז דעם שטעטעלע פון די פלאַנגען פאַרגאַנגען און באַגעגענענדיק די גאַנצע מחנה פּליטים, פאָרער און צופוסגייער, מיט ווייבער, קינדער, אַלטע לייט און מיט'ן אָרעמען קוים־צונויפגעקליבענעם ביסל סקאָרב אין איילעניש, איז איר איינער אַ דייטשישער מאָטאָציקליסט אין פּנים פאַרלאָפן און אַ געשריי געטאָן: „צוריק!"... זאָלן זיי זיך, די פּליטים, הייסט עס, דעם דייטשישן חיל פאַר די פיס ניט פּלאָנטערן און ניט שטערן דעם פאָראויסמאַרש אויף די וועגן און צו די ישובים, וועלכע שטייען זיי פאַר באַלד איינצונעמען און באַזיגן.

דאָס שטעטעלע האָט פאַרקערעוועט, ניט האָבנדיק שוין די מעג־לעכקייט אָנצוקומען אין אַ נאָענטן, גרעסערן ישוב, צו וועלכן זיי האָבן געצילט און געצויגן, מיינענדיק דאָרט אָפּרוען, איבערנעכטיקן און געפינען כוח אויף דערנאָך ווייטער לויפן.

מ'איז אַהיימגעקומען שוין פאַרנאַכט, שוין אַ קליינע שעה פאַר

כל־נדרי. דער שמש איז גלייך אַוועק אין שול און גענומען גיסן גאַז אין די לאָמפּן און אויסגעפּינען ליכט צום אָנצינדן. דער עולם האָט ניט באַוויזן איבערצוכאַפּן און פאַרפּאַסטן. און דער רב ר׳ אהרן מאַנעסעס, ווען מע האָט זיך צו אים געווענדט און געבעטן אַ דער־לויבעניש — דאָס מאָל, אַלס אויסנאַם, אָביסל אָפּלייגן און פאַרשפּעטיקן מיטן כל־נדרי, האָט אַ זאָג געטאָן האַרב און באַפעלעריש:

— ניין! ס׳איז יום־כיפּור... און אדרבא, היינט איז אַ צווייענדיקער יום־הדין...

און באמת: ווי יידן האָבן זיך אין דער צעבראָכענער מאָס, נאָכן לאַנגן, צוויי־טאָגיקן אומוואַגלען אַרויס פון שטעטעלע און צוריק אַריין אין שטעטל, אין שול זיך פאַרזאַמלט און גענומען צוטרעטן צו די תפילות, ווי מען דאַרף, אַזוי האָט זיך באַלד אַ קלאַנג צעטראָגן, אַז פון דער צווייטער זייט שטעטעלע, פון דער אַנטקעגנאיבערדיקער פון דער, דורך וועלכער דאָס שטעטעלע האָט זיך נאָר וואָס אומגעקערט פון דער מערב־זייט, זיינען שוין אַריין די געסטאַפּאָ־טיילן, אויף וועלכע מען האָט מיט אַזאַ פחד געוואַרט און אַרויסגעקוקט.

יידן זיינען אין שול געבליבן. קיינער איז אין דרויסן ניט אַרויס. אַ טויט-בלאַסקייט האָט זיך אַנגעזעצן אויף די פּנימער פון אַלע דאַוונער אין די טליתים און אַ גרויס פאַרלוירנקייט האָט זיך אַרויסגעפּילט פון צווישן עולם, ביי וועלכן די געדאַנקען האָבן זיך צעמישט און ניט גע־לאָזט הערן ניט דאָס, וואָס דער חזן זינגט, און ניט דאָס, וואָס זיי אַליין זאָגען. אַ גרויס געוויין האָט זיך פּלוצלונג פון דער ווייבערישער שול אַרויסדערהערט, וואָס איז באַלד אַריבער אין אַ יללה און באַלד איז זי אויך פון דער ווייבערישער שול אין דער מאַנצבילשער אַריבער.

ס׳איז טאַקע ניט געווען אומזיסט: ווייל ווי נאָר מען האָט דעם כל־נדרי פאַרענדיקט און די שמונה־עשרה אויסגעשטאַנען און דער חזן האָט באַדאַרפט צוטרעטן צו די „יעלות" — אַזוי האָט זיך ווידער אַ קלאַנג צעטראָגן און פון מויל צו מויל האָט זיך איבערגעגעבן: „גע־הערט?... מ׳שטעלט שוין אויף תליות אין מאַרק..." ר׳ אהרן דער רב, אַז מ׳איז צו אים צוגעטראָטן מיט אָט־דער ידיעה, אים זי אָנזאָגנדיק, און פאַרלייגנדיק, מען זאָל די תפילות איבעררייסן און זען זיך האַלטן אַן עצה, האָט ער מיט דער האַנט אַוועקגעמאַכט: אַי, נו, זאָל מען פאַרזעצן, האָט עס געהייסן: תפילה איז תפילה, און די עצה וועט מען שוין זען דערנאָך, ווען מ׳וועט ענדיקן. דער חזן, וואָס אויך צו אים איז די ידיעה דערגאַנגען, האָט זיך גענומען מיט דער תפילה וואָרגן: „יעלה תחנוננו

מערב"... (זאָל אויפגיין אונדזער געבעט פון אויפדערנאַכט). האָט ער זיך שטאַרק צעוויינט, און דער עולם האָט מיטגעוויינט...

וויל ווירקלעך: פון מאַרק, וואָס איז ניט ווייט פון שול, האָט זיך באַלד טאַקע דערהערט אַ דייטלעך הילכיק קלאַפּן פון העק אין באַלקנס און אין ברעטער, און וויסנדיק, וואָס דאָרט קומט פאָר, האָט יעדער איינער געקאָנט קלערן: ווער ווייסט, וואָס היינטיקן ראש־השנה איז אים אָנגעשריבן געוואָרן און וואָס איצט, יום־כיפור, ווערט אים גע־חתמעט.

נאָכן ענדיקן די תפילות האָט מען זיך אויך דערוואוסט, ווער ס'איז אין שטאָט אַריין, אַז יאָ, טאַקע יענער, דער געוויסער...

יענעם אויפדערנאַכט אָבער איז גאָרנישט ניט געשען. יענער האָט צוערשט באַדאַרפט באַקומען ידיעות וועגן די, אויף וועמען זיין ערשטן צאָרן אויסגיסן און זיין הענקער־האַנט אַראָפּלאָזן. און פאַר דער נאַכט האָט ער זיך טאַקע דערוואוסט: געוויסע „זאַגטערס" און מיילער האָבן זיך שוין געפונען, וועלכע האָבן זיך געוואָלט אויסדינען און די אייגענע פעל ראַטעווען, וועלכע האָבן צוגעשטעלט און דערלאַנגט דאָס, אין וואָס מ'האָט זיך גענויטיקט.

מ'האָט זיך דערוואוסט. צוערשט וועגן רב פון שטאָט, וועגן שטאַרק־פרומען און געאַכטעטן מאַן פון דער קהלה, און אויך פון זיין אייניקל איציקלען, וואָס ווי מען האָט איבערגעגעבן, איז ער אַ שטיק פאַרשטייער און אָנפירער פון אַלע יוגנטלעכע לינקע און אַז ביי דער פוילישער מאַכט איז ער, איציקל, ניט געקוקט אויף זיין יוגנט, שוין איינמאָל פאַר קעגנמלוכהשער טעטיקייט אָפּגעזעסן. און אָט דאָס האָט דאָך יענער באַדאַרפט: אי פאַרשטייער פון יידן, אי „מאַרקסיסטן", דורך וועמען ער, דער געסטאַפּאָ־הויפּטמאַן, וועט דער באַפעלקערונג פון שטעטל אי קאָנען, אי מעגן, די ערשטע, בעסטע, אָנשוילעכע לעקציע געבן.

יענער דער הויפּטמאַן, האָט שוין גלייך, נאָך אין אָוונט, צו דער מלאכה געזאָלט צוטרעטן, געבן אַ פאַראָרדענונג, מען זאָל פאַרנעמען אַלע יענע, וועלכע ער האָט שוין אין זיין שוואַרץ צעטל פאַרצייכנט געהאַט. אַ קליינער אָפּהאַלט צום באַלדיקן אַרויסגעבן די פאַראָרדענונג איז נאָר געווען דאָס, וואָס ערגעץ אונטערן שטעטל האָט זיך אין אָוונט אַ שיסעריי דערהערט, צי פון אַ גאַנצן פוילישן טייל, וועלכער איז פאַרבליבן אָפּגעריסן פון דער אַנטלויפנדיקער אַרמיי, צי בלויז פון אַ קליין הייפעלע פאַרשטעקטע פוילישע פּאַטריאָטן, וועלכע האָבן אויף אייגענער אחריות און אָן שום פאַרבינדונג מיט קיינעם געשאָסן. דאָס

איז געווען אַ שטיקל שטער און אָפּהאַלט, וואָס האָט געצוואונגען די געסטאַפּאָ־לייט זיך אָפּצושלאָגן פונעם אָנפאַל איבערצולעבן אַ מורא־דיק שטיקל נאַכט, אַרויסשיקן וואַך אין אַלע שטעטלשע עקן, ביז מע האָט זיך לסוף ניט באַרואיקט, איבערצייגנדיק זיך, אַז ס'איז גאָרניט, ס'איז קיין געפאַר, און אַז טאַקע האָט מען דאָ צו טאָן געהאַט בלויז מיט איינצלנע געציילטע און ניט מיט קיין גאַנצן מיליטערישן טייל.

דעמאָלט האָט מען זיך צו דער אייגנטלעכער אַרבעט גענומען, מ'האָט לויטן צעטל באַלד גענומען, ווען מ'דאַרף, און בתוכם אויך איציקלען, דעם רבס איינקל, וואָס מ'ווייסט ניט, צי בשעת דאָס גאַנצע שטעטל איז אַרויסגעלאָפן, איז ער מיטגעלאָפן און צוזאַמען מיטן צו־ריקגעקערטן שטעטל זיך צוריק אומגעקערט, צי ניין, צי ער איז פון לכתחילה אָן ניט מיטגעגאַנגען, בלייבנדיק אין שטעטל אויף אונטער־ערדישער אַרבעט ביי דער נייער דייטשישער מאַכט, ווי פריער ביי דער אַלטער, פוילישער... מ'ווייסט ניט, אָבער גענומען האָט מען אים. און אַ סברה, אַז ער איז דער ערשטער אויפן פאַרהער גענומען געוואָרן טאַקע פון יענעם, פונעם הויפּטמאַן אַליין, און ער, איציקל, האָט דער ערשטער שוין דעם געוויסן פּרואוו באַדאַרפט ביישטיין, ווען מען האָט זיך ביי אים געפּרואווט דערוויסן, ווער די מיטפּילער און מיטגייער זיינע זיינען, ווער — די העכער־שטייענדיקע פון אים, מיט וועמען ער האַלט פאַרבינדונג, און פון וועמען ער אַליין, הייסט עס, ווערט אָנגע־פירט.

קיין וואָרט, קיין מינדסט וואָרט האָט מען זיך ביי אים ניט דערשלאָגן, ניט אַרויסגעצויגן. און דערפאַר האָט ער, איציקל, שוין בעתן אויספרעג ביטער־ביטער געליטן... ער איז אַרויס אַ צעשלאָגענער מיט אַ האַרט־לעבן גומי־שטעקן, וואָס דערלאַנגט ווייטיקלעכער, ווי ווען מען שלאָגט מיט אייזן, און אויף אַלע געשלאָגענע ערטער זיינען אים געבליבן סימנים פון רויט־בלוי געשווילעכץ מיט בלוט פאַרלאָפן און באַזונדערס, אויף זיין פּנים, וואו מ'האָט אים פיל מאָל שווער דערלאַנגט.

איציקל האָט זיך געהאַלטן האַרט־געשלאָסן און שטאַנדהאַפטיק. אַנדערע אָבער, מער שוואַכערע, האָבן שטאַרק געשריגן... דאָס שטעטעלע איז יענע נאַכט ניט געשלאָפן. כאָטש מען איז איבערגעקומען מיט „גאָט־זיי־דאַנק" דעם אָוונט בשלום, אָבער וויסנדיק פון די תּליות, וואָס זיינען אויפגעשטעלט אין מאַרק, האָט ביי יעדערן דאָס האַרץ געציטערט; בפרט, אַז מע האָט סוף נאַכט דערהערט די געשרייען און געוואַלדן אַרויסקומען פון יענער געביידע, וועלכע די אָנגעקומענע געסטאַפּאָ־

לייט האָבן פאַרנומען אין מיטן שטאָט, און וואוהין מע האָט די ערשט אָרעסטירטע געבראַכט און די ערשטע אויספרעגן דורכגעפירט. דאָס דערהערט, האָט שוין אַוודאי קיינער אין שטעטעלע קיין אויג ניט צוגעמאַכט, און אַוודאי און אַוודאי ניט — דער רב פון שטעטל, ר׳ אהרן מאָנעסעס, וואָס פלעגט סיי־ווי אַלע יאָרן, אין דער יום־כיפור־נאַכט אויף זיין, האַבנדיק פיל צו טאָן, זיך צו מיען פאַר זיך אַליין, ווי אויך פאַר דער גאַנצער עדה, וועלכע ער האָט אויפן קאָפּ געהאַלטן פאַר איר זיך איינ־צושטעלן אין הימל. און באַזונדערס היינט, דאָס מאָל... ער האָט בלייבנדיק אויף דער גאַנצער נאַכט אין שול, אַפילו זיך ניט צוגעשפּאַרט כמעט, וואַרטנדיק אויף טאָג, ווען דער עולם וועט מיט די ערשטע זון־שטראַלן אין שול זיך ווייזן, כדי צו נעמען זיך פאַר דער עבודה, צו די תפילות פון טאָג...

ס׳איז טאַקע אַזוי געווען: ווי נאָר די ערשטע זון־שטראַלן האָבן זיך אויפן הימל־ראַנד געוויזן, אַזוי האָט זיך דער גאַנצער שטעטלדיקער עולם אין שול גענומען לאָזן — אי פאַר מורא פאַרן יום־הדין, אי אויך דערפאַר, וואָס אינדערהיים איז שטאַרק אומהיימלעך געווען צו בלייבן און מען האָט זיך געאיילט צונויפקלייבן אַהין, וואו צווישן קהל און עדה, האָט זיך געדאַכט, איז די געפאַר ניט אַזוי גרויס און וואו אַלעמענס גאָט איז שטאַרקער און דערבאַרעמדיקער, ווי יעדן איינעמס באַזונדער.

מען האָט זיך גלייך געווענדט צו ר׳ אהרנען, און ר׳ אהרן האָט באַפוילן זיך גלייך שטעלן צום עמוד... פון קיין זאַכן האָט ר׳ אהרן ניט געוואָלט הערן און ניט וויסן, און ניט געקוקט אויף זיין אומגעוויינלעכער שלאָבעריקייט פון די לעצטע טעג פון אַרויס פון שטעטל און צוריק אַריין אין שטעטל, ניט געקוקט אויך אויף אַלע יסורים, וועלכע מ׳האָט פון גאַנצן עולמס פנימער אַראָפּגעלייענט, אי בשעת מען האָט שמועסנ־דיק צווישן זיך, די לאַגע באַהאַנדלט, אי אויך בשעת מען האָט געשוויגן, ניט האָבנדיק איינער דעם אַנדערן וואָס צו זאָגן; ניט געקוקט דערויף האָט ר׳ אהרן דאָס אַלץ, ווי מיט דער האַנט אָוועקגעמאַכט, גלייך ס׳גייט אים ניט אָן און גלייך דאָס אַלץ דאַרף אָן אַ זייט אָפּגערוקט ווערן פאַר עפּעס גרעסערס און מער וויכטיקערס, וואָס אָט באַלד, היינט, שפּעטער, קאָן דאָ געשען...

ר׳ אהרן האָט אויסגעזען אַפילו מער אויפגעלעבט און רירעוודיקער, ווי אַלע מאָל, עפּעס האָט מען, דאַכט זיך, ביי אים געזען אַפילו אַ ביסעלע פאַרב אין פנים, ווי ס׳פלעגט זיך מאַכן אויף אַ סעודת־מצוה, ווען ער

האָט גענומען אַ ביסעלע משקה — ווײַן אָדער בראָנפן אויף צו מאַכן די ברכה „הגפן" אָדער „שהכל".

וואונדעלעך: ר׳ אהרן האָט זיך דאָס מאָל אַרויסגעוויזן אַפילו מער טיכטיקער, ווי מען איז די לעצטע יאָרן אים געוואוינט געווען צו זען — אַ פאַרטראַגענעם און אַן אָפּגעזייטיקטן... ער האָט דעם עולם ניט גע־לאָזט רעדן און זיך דערציילן, וואָס יעדערער האָט, ניט שלאָפנדיק די נאַכט, איבערגעלעבט, אַרויסהערנדיק די געשרייען פון דער געוויסער געבײַדע, און אַפילו ניט געוואָלט הערן, וואָס מען האָט אים אַליין גענומען דערציילן: — ניט, ניט, — האָט ער געזאָגט, — מ׳דאַרף ניט... — חזן! — האָט ער זיך צום חזן אַ ווענד געטאָן. — ס׳צייט.. שחרית!

און באַלד טאַקע ביי דער ערשטער, נאָך האַלב־שוואַכער זונען־שײַן, וואָס האָט שווערלעך דורך די פאַרטונקלטע שול־פענצטער אַרײַנדער־לאַנגט, האָט דער חזן, צוטרעטנדיק צום עמוד, זיך גענומען צו וואָס מען דאַרף. דער עולם האָט, אַרײַנקומענדיק אין דאַוונענדיקן רעש, אַ ביסל זיך דערוואַרעמט און פאַרגעסן... עס האָט אַזוי אַ גוטע פאָר שעה גע־דויערט, ביז מע האָט דעם שחרית פאַרענדיקט, אויפגעהיצט פונעם פרימאָרגן, וואָס האָט מיט אַ סוף־זומערדיקער העלער זון אין שול אַרײַנגעקוקט, ווי אויך פון די תפילות, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן פונעם פײַערלעכן „אדון־עולם" און וועלכע האָבן וואָס ווײַטער דעם עולם אַלץ מער מוט און געשטאַרקטע האָפענונג אין בוזעם אַרײַנגעבראַכט.

און אָט האָט מען שוין געהאַלטן בײַם שחריתדיקן לייענען. ר׳ אהרן דער רב, וואָס איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אויף זײַן באַשטענדיק אָרט, לעבן אָרון־קודש, האָט שוין דעם פרוכת פאַררוקט און די טירלעך פון אָרון געעפנט, אַרויסצונעמען די ספר־תורה צו דער קריאה. דאָס מאָל האָט מען פון איינעם אַ גאָר אַלט־געשריבענעם קליינעם „ספר", וואָס מחמת זײַן גרויס חשיבות און עלטער האָט מען אים ניט גענוצט אַפילו אום שבת־יום־טוב, אויסער איינמאָל אין יאָר, אום יום־כפור. ר׳ אהרן האָט אים אַרויסגענומען און שוין געזאָלט איבערגעבן דעם חזן, יענער זאָל מיט אים צו דער בימה זיך לאָזן...

אָבער פּלוצלונג האָט זיך פון לעבן דער טיר פון שול עפּעס אַ שטילער רעש און אַ דערוואָרגענער טומל דערהערט. און פּלוצלונג האָט מען אויף דער שוועל פון שול איניקע דײַטשישע סאָלדאַטן מיט ביקסן אַרויפטרעטן דערזען. די סאָלדאַטן זײַנען אַרײַן און גלײַך צום אָרון־קודש אַרויף און אַזוי ווי ר׳ אהרן האָט די תורה געהאַלטן, גרייט דעם חזן זי איבערגעבן, אַזוי האָבן זיי אים ניט דערלאָזט דערצו און אים

באַפוילן, ער זאָל זיי נאָכגיין צום אַרויסגאַנג. ר׳ אהרן האָט, פאַרשטייט זיך, געפאָלגט די סאָלדאַטן, און ווי ער איז אַזוי אויף דער שוועל געקומען, אַזוי האָט זיך פון איינעם אַן עלטסטן פון דעם סאָלדאַטן־טייל אַ צווייטער באַפעל דערהערט: אַרויס! אַלע אַהער! אַלע צוזאַמען, און ווי מ׳שטייט און מ׳גייט אין די טליתים אַנגעטאָן, זאָל מען די שול פאַרלאָזן.

און דאָ איז שוין געווען דאָס אמתע בילד צו זען: ווי אַזוי ר׳ אהרן, דער אַלטער רב פון שטעטל, איז איינדרויסן און פאַר דער שול אַרויסקומענדיק, פאַר זיין גאַנצער עדה אַוועקגעשטעלט געוואָרן, מיט דער קליינער, אַלט־געשריבענער ספר־תורה אין די הענט, אַנגעטאָן אין אַ קיטל, פון אויבן דעם טלית און אויפן קאָפּ בלויז די יאַרמולקע, ווי מ׳טראָגט אין שול... אַלע, סיי די מענער פון דער מענערישער שול, סיי די ווייבער — פון דער ווייבערישער שול, וואָס זיינען אויך אַהער אַרויסגעטריבן געוואָרן, זיינען געשטאַנען פאַרשטומט, אָן אַ וואָרט צו זאָגן... ביי ר׳ אהרנען האָט זיך אַ ביסל דער טלית פון די אַקסל אַראָפּגערוקט, מחמת מ׳האָט אים קיין צייט ניט געגעבן זיך אומצוקוקן און זיך בעסער אויסריכטן. דער אַלטער שמש, וואָס האָט זיך גראָד געטראָפן לעבן ר׳ אהרנען, האָט אים גענומען העלפן. ר׳ אהרן האָט מיט דער לינקער האַנט איין זייט טלית צוגעהאַלטן, און מיט דער צווייטער, מיט דער רעכטער האָט ער די ספר־תורה איינגעוויקלט, האַלטנדיק זי, ווי מע האַלט אַן איינגעוויקלט קינד, טוליענדיק דאָס פאַר קעלט.

און דאָ איז ווידער אַ באַפעל געקומען: פאַראויסמאַרשירן! — ר׳ אהרן צוערשט און נאָך אים די גאַנצע עדה... דאָ אָבער איז אַ קליינער אָפּהאַלט פאָרגעקומען: פון איינער אַ זייט פון דער שול איז אַן אַנדער סאָלדאַטן־טייל מיט איינעם אַן אַרעסטירטן אַנגעקומען. און ווי דער שול־עולם האָט דערזען דעם אַרעסטירטן, אַזוי האָבן אים אַלע דערקענט. אַרויסברענגענדיק עפּעס אַ ווילד־אויפגעהאַלטענעם קרעכץ בעת דער דערקענונג: איציקל, דעם רב ר׳ אהרנס איניקל, איז פון דעם צווייטן סאָלדאַטן־טייל געווען געפירט. און דאָ ווייסט מען ניט, צי ס׳איז פון פאַראויס אַזוי פאַראָרדנט געווען, צי ס׳איז צופעליק פאָרגעקומען אַט די באַגעגעניש (גיכער איז צו דערלאָזן דאָס ערשטע, ווי דאָס צווייטע), נאָר ווי דער צווייטער סאָלדאַטן־טייל האָט דערזען דעם עולם ביי דער שול, ווי אַן ענג־צונויפגעדריקטע הורבע שאָף, שטייענדיק, אַזוי זיינען זיי מיטן אַרעסטירטן צו די שול־לייט צוגעקומען — אַהין, צום פונפאַרנט פון דער עדה, דאָרט, וואו ר׳ אהרן דער רב איז פאַראויס געשטאַנען.

און דאָ ווידער איז פֿאָרגעקומען די באַגעגעניש פֿון זיידן מיטן אייניקל. איציקל, וואָס האָט געוויס געוואוסט, אָדער אויף זיכער זיך געשטויסן, וואוהין ער ווערט געפֿירט אין יענעם פֿרימאָרגן נאָך דער נאַכט פֿון פֿייניקונג, האָט, דערזעענדיק דעם זיידן מיט דער תורה אין די הענט, אַרויסגעפֿירט אויף בושה און אויף דרויסן־בזיון און אפֿשר נאָך אויף ערגער — ווי אויף דעם, אויף וואָס ער, איציקל אַליין ווערט געפֿירט — האָט פֿון גרויס רחמנות צום אַלטן מער פֿון מויל ניט געקאָנט אַרויסברענגען, ווי נאָר דאָס וואָרט „זיידע!"... אויך ר' אהרן פֿון זיין זייט האָט, דערזעענדיק איציקלען, לכתחילה אים ניט דערקענט אי פֿון צעטומלונג און אי אויך, וואָס איציקלען איז בכלל ניט געווען צו דער־קענען, מחמת אייניקע ערטער אין פּנים זיינען אים געווען שטאַרק צעשלאָגן און ברוין און בלוי אויפֿגעלאָפֿן; אָבער דערהערענדיק דאָס וואָרט „זיידע" פֿון יענעמס מויל אַרויסקומען, האָט ער זיך בעסער איינ־געקוקט און נאָך אַ קליין־ווייליקער אָנשטרענגונג איז אויך ער מער ניט בכוח געווען אַרויסצוזאָגן, ווי נאָר דאָס וואָרט „איציקל"!... אַז ער האָט אויף אים נאָר אַ קוק געטאָן, האָט ער דערזען, ווי אויף איציקלס ברוסט איז עפּעס אַ בילד אויף אַ שטריקל פֿון איבער זיין האַלדז אַראָפּגעהאָנגען פֿון עפּעס איינעם אַ אים־אומבאַקאַנטן מענטשן מיט אַ קלוג־אָפֿן פּנים, אין אַ פּראָסטן אָנצוג און אַביסל אַ צעקנייטשטן היטל.. דאָס איז, אגב געזאָגט, געווען אַ לענין־פּאָרטרעט, וואָס איציקל האָט נאָך פֿאַר דער פּוילישער מאַכט געהאַט אויסבאַהאַלטן, צוזאַמען מיט אַנדערע זאַכן, פֿאַרבאָטענע אין פּוילן, און וואָס נעכטן, בעת דער אונטערזוכונג און אַרעסט פֿון איציקלען, האָט מען ביי אים געפֿונען. און איצט, צוליב פּאַראַד און שענדנדיקער אָנשוילעכקייט, וואָס דער געסטאַפּישער הויפּט־מאַן האָט איינגעאָרדנט, האָט מען אים מיט דעם די ברוסט באַצירט... אויך אַלע אויסער אהרנען, האָבן דאָס נאָך פֿריער אויף איציקלען דערזען.

און דאָ האָט ווידער איינער אַן אָנפֿירער פֿון די פֿאַראייניקטע סאָל־דאַטן־טיילן אַ באַפֿויל געגעבן איציקלען לעבן רב זיך צו שטעלן, ביידע צוזאַמען זאָלן האַנט ביי האַנט גיין און אַלע איבעריקע זאָלן זיי היגטן נאָכשפּאַנען.

מ'האָט זיך געלאָזט צום מאַרק־פּלאַץ פֿון ביידע זייטן באַגלייט פֿון סאָלדאַטן, וועלכע האָבן די באַגנעטן צום עולם געווענדט, גרייט אין די רוקנס און אין די זייטן שטעכן, ווען ווער פֿון עולם זאָל וואַגן אַ פּוס פֿון דער שערענגע אַרויסשטעלן.

דער גאַנצער עולם איז געגאַנגען, ווי צו דער שחיטה געפירט, האַבנדיק בראש דעם רב ר׳ אהרנען, אין קיטל און אין טלית אַנגעטאָן און מיט דער ספר־תורה אין די הענט, און איציקלען, זיין אייניקל, ביי זיין זייט, אַ צעשלאָגענעם און מיט דעם בילד אויף דער ברוסט.

ביי ר׳ אהרנ׳ען האָבן זיך ביי די ערשטע טריט פון מאַרש די אויגן צוגעשלאָסן און אים געמאַכט ניט זען און ניט מערקן ניט ווען ער האָט ביי זיין זייט צו גיין — איציקלען, און ניט די גאַנצע עדה הינטער זיך — אים נאָכשפאַנען... די אויגן צוגעמאַכט און די ליפן האָבן אים אַליין פון זיך גענומען שעפטשען עפּעס אַ געמיש פון פסוקים פון תהלים, שטיקלעך פון די הייינטיקע יום־כיפּורדיקע תפילות, ווי אויך געוויסע פּייערלעכע אויסצוגן פון דער משנה „יומא״, וועלכע האָבן אַ שייכות צום היינט. ווער ס׳וואָלט אָן אויער צוגעלייגט צו ר׳ אהרנען, וואָלט פון זיינע ליפן אַראָפּדערהערט:

שפטני אלהים וריבה ריבי, מגוי לא חסיד...
סלח לעם קדוש ביום קדוש, מרום וקדוש...
אמר רב עקיבא: אשריכם ישראל... לפני מי אתם
מטהרין? מי מטהר אתכם? — אביכם שבשמים.

ר׳ אהרן האָט אַזוי שפּאַנענדיק מיטן טלית און קיטל און מיט דער ספר־תורה צו דער ברוסט צוגעטוליעט, זיך אַזוי פאַרגעסן, אַז ער האָט ניט געוואוסט, וואו ער איז, וואו ער געפינט זיך און צי די פיס גאָר גייען אים, — אַזוי לאַנג ביז מע איז, נאָך לענגלעכן גאַנג, אין מאַרק אָנגעקומען, און ער האָט פּלוצלונג די אויגן אָן עפן געטאָן און דערזען פאַר זיך דאָס, וואָס ס׳איז שווער געווען ניט צו זען — דאָס, וואָס מ׳האָט נעכטן ביינאַכט אינמיטן פלאַץ אָוועקגעשטעלט... ער האָט דערזען, ווי אויף איינער אַ זייט פון אויפגעשטעלטן איז עפּעס אַ פרעמדלעכער אים עולם געווען פאַרזאַמלט, און דאָס איז די ניט־יידישע באַפעלקערונג פון שטעטל, ווען דער געסטאַפּישער הויפטמאַן, דער הייינטיקער הויפּט און אַליין־הערשער פון שטעטל האָט אַהער אויף דער פאַרשטעלונג צונויפגעטריבן, מען זאָל זען, אַז וואָס היינט, באַלד וועט געטאָן ווערן בלויז מיט אייניקע פון די מאַכט־פּיינטהאַבנדיקע, וועט מאָרגן, שפּעטער געטאָן ווערן מיט אַנדערע, וועלכע וועלן זיך דערצו דערדינען.

און ווירקלעך: אויפן מאַרק, ביי דער צווייטער זייט תליה, האָט זיך אַליין דער הויפטמאַן, דער אונדז שוין באַוואוסטער היינריך דרייער, געפונען, אַרומגערינגלט פון אַ בינטל אויך אַזוינע, ווי ער, געסטאַפּאַ־לייט, אָפיצערן, קאָמאַנדירן א. אַנד. ביי היינריך דרייער איז דאָס פּנים

היינט געווען בייז־אַנגעדראָלן פון דער שלאָפלאָזער נאַכט, וואָס ער מיט די זייניקע האָבן פאַרבראַכט, אָפּשלאָגנדיק זיך פון דעם אָנפאַל, וואָס איז ערגעץ הינטערן שטעטל פאַרגעקומען, ווי אויך פון ביי־זיין ביי די פייניקונגען בעתן אויספרעגן די אַרעסטירטע, מיט וועלכע ער, דער הויפּטמאַן אַליין, האָט דערהויפּט אָנגעפירט. דאָס בייזקייט האָט זיך אָנגעזען אויף זיין פּנים און אויפן שראַם, וואָס איז אים געבליבן אַ רעשטל פון אַמאָליקן האַק פון אַ קאָזאַקס אַ שווערד, און וואָס יעדעס מאָל, ווען ער איז צערודערט און אויפגערעגט, האָט דער שראַם זיך אים באַזונדערס צערויטלט, ניט געקוקט, וואָס ער האָט אים אָפּט דע־מאָלט געפּודערט... ער האָט איצט גרייט געהאַלטן עפּעס אַ פּאַפּיר צום פאַרלייענען פאַרן פאַרזאַמלטן עולם, באַזונדערס פאַר דער פּוילישער באַפעלקערונג, איידער מען וועט אַט־באַלד צוטרעטן צו וואָס מען דאַרף — צו דער עקזעקוציע.

און אַט איז דער יידישער טייל באַפעלקערונג, מיטן רב און זיין אייניקל בראש, צום ריכטיקן אָרט געבראַכט געוואָרן. אַ באַפעל איז באַלד אָפּ־געגעבן געוואָרן, אַז אַלע יידן, אויסער די צוויי פון פאַרנט־גייענדיקע, אויסערן רב מיט זיין אייניקל, זאָלן אָן אַ זייט אָפּגיין, אין דער אַנטקעגנ־איבערדיקער זייט, וואו די פּוילישע באַפעלקערונג מיט איר גלח בראש זיינען געשטאַנען און פּלאַץ פאַרנומען.

באַלד האָבן זיך צוויי סאָלדאַטן צו די אויסגעטיילטע צווי, צו ר׳ אהרנען און צו זיין אייניקל איציקל צוגעשטעלט: איינער — איינעם צו באַאַרבעטן, און אַ צווייטער — דעם צווייטן. און באַלד איז איינער פון די תליונים לויט אַ באַפעל פון העכער, פונעם הויפּטמאַן, צו איציק־לען צוגעטראָטן, אים נאָענט צו זיין זיידן צוגעפירט און ביי אים גע־פאָדערט, ער זאָל אַ שפּיי טאָן אויף דעם, וואָס ר׳ אהרן האָט אין דער האַנט געהאַלטן, אויפן „ספר״, אַ זאָג געבנדיק דערביי: זאָל ער... אַניט וועט אים געשען ערגער, ווי ס׳געשעט... איציקל, אַזוי אויך אַ צעשלאָ־גער, מיט ברוין און בלוי דאָס פּנים פאַרלאָפן, האָט אויסהערנדיק, וואָס יענער פאָדערט, לפנים געפאָלגט, און אַ גיי געבנדיק צום זיידן, האָט אַט־אַט, האָט זיך געדאַכט, שוין געזאָלט טאָן, וואָס מען הייסט אים... אָבער ניין. צוגעקומען גאָר נאָענט צו פאַרן זיידנס פּנים, האָט ער בלויז אַ שטילן זאָג געטאָן: „זיידע, זע, איך פאָלג ניט, וואָס מען פאָדערט ביי מיר, פאָלג דו אויך ניט, וואָס מען וועט ביי דיר פאָדערן״ — און איציקל איז צוריק באַלד אָפּגעטראָטן פון זיידן, ניט אויספאָלגנדיק דעם באַ־פעל. דעמאָלט איז דער צווייטער תליון צו ר׳ אהרנען צוגעגאַנגען און

פון אים אַ פּאַדער געטאָן, וואָס דער ערשטער פון איציקלען: צו טאָן מיטן בילד, וואָס איז אויף איציקלס האַלדז געהאָנגען, וואָס איציקל האָט געזאָלט טאָן מיטן „ספר", מיינענדיק, אַז ער, דער אַלטער, אַ מער־שוואַכער, אַ נאָכגעביקער און מיט פּחד איבערפּולט, וועט געוויס יאָ אויספּאָלגן וואָס מ׳דאַרף.

— נו, — האָט דער תּליון אונטערגעטריבן ר׳ אהרנען, — זאָל ער...

— אַי. נו, — האָט ר׳ אהרן זיך אָפּגעקערעוועט פון תּליונס פאָדע־רונג מיט אַ ווידערווילן, — ער איז ניט פון די, הייסט עס, וואָס שפּייען אויף מענטשן בכלל, ובפרט אויף אַט דעם אים־אומבאַקאַנטן מענטשן מיטן אָפּן־קלוגן פּנים, מיטן פּשוטן אָנצוג און אַ ביסל צעקנייטשטן היטל, — ניין, ער טוט דאָס ניט, ר׳ אהרן...

דעמאָלט איז דער הויפּטמאַן מיטן צעוויקלטן פּאַפּיר אין האַנט פאַרן עולם אַרויס, אַרויסלייענענדיק הויך און אויף אַ קול אַ באַקאַנט־מאַכונג און דערקלערונג, אַז אַט, זאָל די מער גוט־געניגטערע פּוילישע באַפעלקערונג זען, וואָס דאָ וועט געטאָן ווערן מיט אַט דעם אַלטן, איינ־געבראַכענעם פאַרשטייער פון יידן, וואָס האָט אַרויסגעגעבן פון זיך אַ צווייטן פאַרשטייער פון דער באַנדע שלענג, אויסוואורפן און וועלט־פאַרברעכער, וואָס רופן זיך „מאַרקסיסטן" און וואָס דייטשלאַנד האָט זיך פאַר אַ ציל געשטעלט זיי אויסראָטן ביז לעצט, ביז אַ סימן פון זיי וועט אויף דער וועלט ניט בלייבן — פון זיי, פון אַלע יידן, וואָס אַלע אומגליקן שטאַמען אַרויס פון זיי.

— שאַרפריכטער! — האָט ער אַ געשריי געטאָן צו די צווי גרייט־שטייענדיקע תּליונים — און פון אַט־דעם וואָרט איז איבערן גאַנצן עולם, סיי פון דער פּוילישער באַפעלקערונג, וואָס איז געשטאַנען פון איין זייט תּליה, סיי פון דער יידישער, וואָס איז געשטאַנען אויף דער צווייטער זייט — אַדורכגעגאַנגען אַ ציטער.

דער פּוילישער גלח, שוין אויך אַן אַלטער, אַ געגאָלטער, מיט אַ לאַנגער, שוואַרצער סוטאַנע און מיט אַ יאַרמולקע, וואָס האָט גוט גע־וואוסט, וואָס די יידישע שטעטלשע באַפעלקערונג שטעלט מיט זיך פאָר, און באַזונדערס דער רב, וואָס וועגן זיין גרויס פרומער אויפפירונג האָט ער זיך געוויס פיל אָנגעהערט, — האָט דערזעענדיק איצט, ווי אַזוי דער תּליון האָט זיך אונטער ר׳ אהרנס פּלייצעס אַוועקגעשטעלט, אים אונטערשטויסנדיק צום אויפגיין אויפן בריקל, צו וועלכן אייניקע טרעפּלעך האָבן אַרויפגעפירט, האָט זיך גענומען צלמען, און נאָך אים

— זיין גאַנצע פּוילישע עדה מיט שרעק. און צווישן דעם יידישן עולם האָבן שוין אייניקע גענומען פאַלן חלשות, דער עיקר ווייבער און אָפּגעשוואַכטע מאַנצבילן.

און דאָס זעלבע, וואָס האָט געטאָן ר׳ אהרנס תליון מיט ר׳ אהרנען, האָט געטאָן אויך איציקלס — אים, איציקלען, שוין עטוואָס גרעבער און האַסטיקער אונטערצושטופּן... און אַרויספירנדיק זיי אויפן בריקל, האָט מען צום אַלעם ערשט ר׳ אהרנען די ספר־תורה פון אונטערן טלית אַפּירגענומען און גאַרניט מיט קיין כבוד, ווי ס׳געהער פאַר אַן אַלט־געשריבענעם „ספר״, אים אויף דער ערד אַ שמיץ געטאָן, און דאָס זעלבע, וואָס מיט ר׳ אהרנען, האָט מען געטאָן אויך מיט איציקלען, אַראָפּרייסנדיק ביי אים דאָס בילד, וואָס איז אויף זיין ברוסט געהאַנגען, און אויך דאָס אויף דער ערד געוואָרפן.

ס׳האָט געדויערט נאָך אַ קליין שטיקל צייט, ביז די תלינים האָבן זיך מיט די תליה־שטריק געפּאָרעט, זיי אויסריכטנדיק און אויס־פּאַרטיקנדיק, ווי ס׳געהער.

און אַט ערשט דעמאָלט, שוין אויפן בריקל שטייענדיק, האָט ר׳ אהרן דערזען, וואו ער האַלט... ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן יידישן עולם, וואָס איז געשטאַנען ווי אַן ענג־צונויפגעדריקטע הורבע שאָף, און דער־זען, ווי מאַנצבילן אין טליתים וויינען און ווי די ווייבער האַלט מען אין איין מונטערן, און ער האָט זיך גענומען גרייטן אין וועג, אויף וועלכן ס׳זיינען אַוועק אַלע יענע, וועמען ער האָט פריער אַמאָל שטילערהייט מקנא געגען, זעענדיק זיי אויפגערופענע אָפּצוגעבן דאָס וואָס מען דאַרף פאַר דעם , וואָס מען דאַרף בעת קידוש־השם. „כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם מכל עונותיכם״ — איז אים אַ פּסוק אין מויל פון היינטיקן דאַוונען געקומען, און ער האָט גענומען אויף זיך זיין אַ כפּרה און אָפּ־קומער פאַרן כלל.

דער טלית האָט זיך אים פון צעטומלונג, פון די אַקסלען אַראָפּגע־רוקט און צו דער ערד געפאַלן, און ער האָט זיך האַסטיק צום הינטער זיין רוקן אַ דריי אויס געטאָן און אים געוואָלט אויפהייבן, אָבער דער תליון האָט דאָס אים ניט דערלאָזט: נישקשה, האָט עס געהייסן, ער וועט זיך שוין באַגיין אָן דעם... און ר׳ אהרן איז שוין בלויז אין קיטל געבליבן און אין גאַרטל, און אויך נאָר אין דער יאַרמולקע, צו וועלכער ער האָט איצט אַלעמאָל אַ האַנט אויפגעהויבן, זען זי אָנטאַפּן, צי געפינט זי זיך אים אויפן קאָפּ, מחמת ס׳האָט אים געדוכט, אַז דער קאָפּ איז אים בלויז.

אַזוי ר׳ אהרן און אין דער זעלבע צייט אויך זיין אייניקל איציקל, וואָס אַרום אים האָט זיך דער צווייער תליון געפּאָרעט, האָט זיך גע־האַלטן אין גרייטן, זען ניט אָפּצושטיין און זיך אויפפירן, ווי אַלע זייך־גלייכן אין זיין לאַגע, פון וועלכע ער האָט געלייענט און זיך פיל אָנגע־הערט.

ער האָט אויך אַלע ווילע געכאַפּט אַ קוק אויפן זיידן, וואָס ער איז אים אַ שטיק טרייסט געווען, זעענדיק, ווי יענער זעט כלל ניט אויס, ווי אַזאַ, וואָס איז גרייט פאַר זיין לעבן בעטלען געשאַנקען, ובפרט ביי תּלינים — רחמנות צו דערוועקן. דער זיידע, האָט איציקל געזען, זאָגט וידוי און די תּלינים האַלטן שוין באַלד ביי זייער מלאכה צו פאַרענדיקן.

און טאַקע: באַלד האָבן די תּלינים, אָפּפאַרטיקנדיק זיך מיט די שטריק, צום הויפּטמאַן, וואָס איז אונטער דער תּליה ביי אַ זייט גע־שטאַנען, אַ וואונק געטאָן: פאַרטיק, מען קאָן צוטרעטן, האָט עס געהייסן.

דעמאָלט האָט דער הויפּטמאַן זיך אַ שטעל געטאָן, שטייף זיך אויסגעצויגן, ווי בעת מיליטערישן פּאַראַד, און אַ געשריי געגעבן אויף אַ קול, אַז אַלע אויפן פּלאַץ פאַרזאַמלטע זאָלן הערן: צו ערע דויטש־לאַנדס!... און אַ פויסט האָט ער אַ הויב געטאָן, דעם סימבאָל פון וועלט־פאַרגוואַלדיקונג, און דערביי אַ רעווע געטאָן:

— הייל היטלער!

— הייל! — האָבן אים באַלד די תּלינים אָפּגעענטפערט. און איינער איז צו ר׳ אהרנען צוגעטראָטן און אים דעם שטריק אויפן האַלדז אָנ־געטאָן — רואיק, געלאַסן, ווייל ר׳ אהרן האָט זיך געלאָזט, אָן שום ווידערשטאַנד. און דער צווייטער האָט דאָס זעלבע געמאַכט מיט אי־ציקלען, אָבער פיל גרעבער, ווי מיט ר׳ אהרנען, ווייל איציקל האָט אויף אַ ווײַלע, צי פון דערשרעק, צי פון עפּעס אַנדערש, זיך אַ וואַקל געטאָן, ווי ניט וועלנדיק דעם האַלדז אין תּליה־שלייף אַרייַנגעבן.

— שמע ישראל, ה׳ אלהינו ה׳ אחד! — האָט ר׳ אהרן אַ געשריי געטאָן אויף וויפל זיין אַלט רבניש קול האָט אים געקלעקט, ווען דער האַלדז איז אים שוין אין שטריקל־שלייף אַרייַנגעקומען, און פון דער זייט פון דעם יידישן טייל באַפעלקערונג האָבן זיך דערהערט אַ פּאָר איינציקע, שטיל־פאַרשטיקטע שטימען פון אַלטן שוחט און אַלטן שמש, ר׳ אהרנס שטענדיקע באַזוכער, אים אָפּענטפערנדיק:

— ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד...

אויך איציקל האָט בשעת דער קאָפּ איז אים שוין אין שטריק געווען, עפּעס אויסגעשריגן אויף זיין אופן, און געהערט האָט מען, דוכט זיך:
— לעבן זאָל די וועלט־אויסלייזונג!...

ער האָט אָבער ניט באַוויזן אויסשרייען, ווי דאָס בענקל פון אונטער זיינע פיס איז מיטאַמאָל אַרויסגעשטויסן געוואָרן, און ער האָט גענומען כאַרכלען און מיטן גאַנצן קערפּער פלאַטערן, זיך דרייען, באַמבלען — דאָס, וואָס ביי ר׳ אהרנ׳ען איז דאָ צוגעגאַנגען פיל שטילער, ווייל יענער איז ביים ערשטן שטריק־ציִ גלייך דערשטיקט און אַנטשטומט געוואָרן, און ער האָט נאָך אַ קליין ביסעלע, פאַמעלעך־פאַמעלעך, ווי אַ בלאַט אויפן ווינט זיך געהוידעט...

און שוין. דעמאָלט האָט דער פּוילישער טייל עולם, נאָך אַ ווײַלע פאַרגליווערטן שטיין, זיך ווידער גענומען צלמען, דערנאָך זיך אָפּגע־קערעוועט און איז אַוועק, ניט קאָנענדיק מער אויף צוריק קוקן. און דער יידישער טייל איז גאָר אָן קעפּ געבליבן און מ׳וויסט ניט, ווי אַזוי ער האָט זיך אַפילו אַהיים דערשלעפּט.

ביידע געהאַנגענע זיינען נאָך לאַנג־לאַנג הענגען געבליבן אַ טאָג און צוויי, ביז אויפן דריטן טאָג איז באַקומען געוואָרן אַ דערלויבעניש זיי אַראָפּנעמען און זיי ברענגען צו קבורה. ווער ס׳האָט געקאָנט קוקן יענע טעג אויף דער תליה, האָט געזען, ווי איינער האָט דעם קאָפּ גע־האַלטן עטוואָס אָפּגעבויגן אויף רעכטס, און דער צווייטער — אויף לינקס, ווי גלייך זיי וואָלטן אויף פריער זיך אָפּגערעדט אויך נאָכן הענגען זיך ניט פאַרלירן און איינס דאָס צווייטע אין אויג האַלטן...

און שוין. מ׳האָט זיי ביידע אין איין קבר באַגראָבן. און אַזוי ווי די נייע צרות, וואָס דעם שטעטעלע איז שפּעטער אויסגעקומען אויסצו־שטיין, האָבן אין די אַלטע געמאַכט פאַרגעסן, האָט מען זיי אַפילו ניט געצאַמט... דאָס בערגל ערד, וואָס אויף זיי, פּוסטעוועט, אָבער ווער ס׳דאַרף געדענקען, געדענקט און שפּעטער, ווען בעסערע צייטן וועלן קומען, זעען מיר שוין אַ מצבה דאָרט אויפגעשטעלט, מיט אַ געוויסן אויפשריפט, אין אַלטן יידישן נוסח אַזוי געשריבן:

פ״נ

הקדושים... בחייהם ובמותם לא נפרדו... ה״ה הרב ר׳ אהרן נולד בשנת... ונתלה בגזרת היטלער ביום חכפורים, ביחד עם נכדו ר׳ יצחק־איציקל, נולד בשנת... ונתלה בו ביום ובה בשעה בשנת... תנצ״ה.

דאָס איז טייטש:

דאָ ליגן באַהאַלטן פאַר דער הייליקער זאַך אומגעקומענע... דער רב ר׳ אהרן, געבוירן דעמאָלט און דעמאָלט... און אויפגעהאַנגען געװאָרן אין דער צייט פון היטלערס גזירה אום יום־כיפור, צוזאַמען מיט זיין אייניקל איציקל, געבוירן... און אויפגעהאַנגען דאָס יאָר... זאָלן זיי רוען אין זעליקייט.

טאַשקענט. אָקטאָבער־דעצעמבער, 1942.

מאיר לאַנדשאַפט

(וועגן אַ דריטן פאַל אינעם איצטיקן אָקופּירטן פּוילן)

1.

ס'איז געווען עטלעכע טעג נאָך זייער אַריינקומען... מ'האָט גע־שמועסט, אַז דער שטאָט־קאָמענדאַנט האָט זיך שוין געווענדט צו דער יידישער קהלה און זי באַפּולמעכטיקט דורכצופירן אַלע באַפעלן און פאַראָרדנונגען, וועלכע די מאַכט וועט האָבן אַרויסצוגעבן ספּעציעל פאַר דער יידישער באַפעלקערונג.

ביי מאיר לאַנדשאַפט אין שטוב, ווי אין אַלע יידישע שטיבער, איז מען אַרומגעגאַנגען אָן קעפּ... מאיר לאַנדשאַפט — אַן אויסגענומענער טיפּ פּויליש־יידישן סוחר, אַ שוויגער, אַ געלערנטער און אַ בן־טובים; ד.ה. אַ מיוחס, אויך אַ פרומער, וואָס די פרומקייט אָבער האָט אים ניט געשטערט ניט אין דער יוגנט און ניט אויך איצט, ווען ער איז שוין אַריבער די פופציק, אַריינצוקוקן אַמאָל אין די ספרים פון אַ שד"ל פון ר' נחמן קראָכמאַל און אַפילו אויך אין ניט־יידישע, אין וועלכע ער איז געווען באַהאַוונט, ווי אין אַ קלאַפּשטאָק אָדער שילער; אָט דער מאיר לאַנדשאַפט — אַ הויכלעכער, מיט אַ ברייט־צעוואַקסענער בלאָנ־דער באָרד, מיט בלאָנדלעכע ברעמען איבער סיוור־קאַליריקע אויגן, וואָס האָבן אים אַרויסגעקוקט פון צווישן זיינע וויעס, ווי שטילע אָזערעס אַרומגעשטעלט מיט טשערעט; אָט דער מאיר לאַנדשאַפט, וואָס אַליין זיין שטענדיק זויבערע קליידונג האָט געפאָדערט פון יעדן אין זיין אָנ־וועזנהייט זיך צו האַלטן עטוואָס שטילער, ווי ער האַלט זיך ביי זיך, און וואָס יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט זיך ווייזן אין שטוב, אַריינקומענדיק פון גאַס אָדער אַריינגייענדיק פון אַ צווייטן צימער, בשעת עמיצער האָט געוואָרט אויף אים, האָט ער געצוואונגען דעם עמיצן, מען זאָל זיך אַפילו עטוואָס אויפשטעלן פון זיין כבוד וועגן; אָט דער מאיר לאַנדשאַפט, וואָס אין אַלערליי לאַגעס, אַפילו אין די שטאַרק־געענגטע, ווי ווען אַ קינד איז קראַנק אָדער בעת אַן אַנדער צרה אין שטוב, איז

אויף זיין פּנים קיינמאָל ניט געווען צו זען קיין ענדערונג, ווייל זיין אינערלעכער גלויבן האָט אים ניט דערלויבט צו צווייפלען און צו אויפ־הערען זיכער זיין אין אַ מער בעסערן אויסגאַנג אַפילו פון דער גרעסטער ענגעניש; אָט דער מאיר לאַנדשאַפּט האָט איצט, נאָכדעם, ווי מען האָט זיך פריער געענוג אַנגעלייענט אין די צייטונגען, וואָס די נייע מאַכט האָט אָפּגעטאָן צוערשט מיט די יידן פון איר אייגן לאַנד, בפרט דערנאָך, ווען זי האָט זיך געלאָזט מיט מלחמה אויף פוילן, ווען מ׳האָט זיך דער־וואוסט, וואָס זי האָט געטאָן מיט די פוילישע יידן פון פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך, וועלכע זי האָט דעראָבערט און באַצוואונגען, — איצט, ווען אָט דער מאיר לאַנדשאַפּט האָט, ווי פיל אַנדערע, ניט באַוויזן צו פאַרלאָזן די שטאָט, וואוהין דער שונא איז אַריין פלוצלונג, איידער מ׳האָט זיך אומגעקוקט און געקאָנט כאַפּן אַ ישוב: צי בלייבן צי ניט, — איצט האָט אַפילו אָט דער מאיר לאַנדשאַפּט זיך דערפילט, ווי אין אַ פאַסטקע אַריינגעכאַפּט און גענומען אַרויסגיין פון זיין אַלעמאָליקן איינגעשטעלטן גדר — פון צו גלויבן אין בעסערס..

מ׳האָט דאָס געזען אין זיינע סיוולעך־קאַלירטע אויגן, וועלכע האָבן אַרויסגעקוקט פון צווישן זיינע וויעס, ווי בעת אַ שטאַרקן שטורעם, וואָס טוט זיך אַמאָל דערקלייבן אַפילו צו די שטילסטע אָזערעס, מיט טשערעט פאַרשטעלט; מ׳האָט דאָס דערקענט פון זיינע אומרואיקע, אָפּגעהאַקטע ענטפערס, ווען מ׳פלעגט זיך צו אים ווענדן, בעת ער פלעגט יענע טעג זיך צוריקקערען פון שטאָט, וואוהין מ׳איז שוין ניט אַרויס צו האַנדלען — קויפן, אָדער פאַרקויפן, — נאָר בלויז זיך צו דערוויסן נייעס, הערן, וואָס מען זאָגט און וואָס מען שמועסט מכוח דעם, פאַרוואָס מען שרעקט זיך אַזוי שטאַרק... ער האָט אַפילו אויף די פראַגעס פון זיין ווייב חנה־גיטל, וועלכע איז אַלעמאָל געגאַנגען מיט אים האַנט־ביי־האַנט, האָט אים גרויס ערלעך געהאַלטן, אים געליבט און געקוקט אין מויל אַריין, גרייט צו באַפרידיקן זיין יעדן באַגער און אַפילו פאַרלויפן פאַראויס פאַר זיין באַגער — אויף אַלע אירע פראַגעס: וואָס הערט מען און וואָס שמועסט מען אין שטאָט? — האָט ער געענטפערט: ניט, ניט... מען רעדט ניט, מען שמועסט ניט... און ער פלעגט זיך אָפּקערעווען, ניט קוקן אין די אויגן און זיך נעמען אומדרייען און טאָן אַזוינע זאַכן אין שטוב, ווי מ׳טוט אַמאָל, איידער מען דאַרף זיך פון אַ שטוב אַרויסציען, אָדער איידער מען דאַרף זיך לאָזן אין אַ רייזע, ווען מ׳איז צעטומלט און מ׳ווייסט ניט, צו וואָס מען נעמט זיך.

איצט האָט ער זיך אויפגעפירט גאָרניט ווי זיין שטייגער פריער,

וואָס יעדעס מאָל, ווען נאָר ניט ביים עסן, אָדער ווען ער איז געווען פּאַרנומען מיט מענטשן, פּלעגט מען אים כסדר זען מיט אַ ספר אין דער רעכטער האַנט, אַ ביסל קורצזיכטיק אונטערגעטראָגן צו זיין רעכטן אויג און רעכטן טייל פּנים, און אין אים אַריינקוקן. איצט מער ניט. איצט זיינען אים קיין ספרים אין קאָפּ ניט געלעגן. און אויב ער האָט יאָ ווען־ניט־ווען געקאָנט אויסטיילן אַ קליין מינוטקעלע צייט אַרויס־צוקומען פון די פּערזענלעכע דאגות, וועלכע זיינען באַפאַלן אים, מאיר לאַנדשאַפט, ווי אַלע יידישע איינוואוינער דעמאָלט אין שטאָט, האָט ער אָט די מינוט אויסגענוצט נאָר דערויף, ער זאָל אומגיין, אַן אַפּגעזונדער־טער און מיט קיינעם זיך ניט טיילנדיק, פון וואַנט צו וואַנט און פון ווינקל צו ווינקל אין שטוב, זיך ברעכן די פינגער, ווען קיינער זעט ניט, און שעפּטשען נאָר איינס: רבונו של עולם, הכלה אתה עושה? ד. ה. צי האָט גאָט טאַקע, חלילה, באַשלאָסן צו מאַכן איצט אַן עק, און אויס מיט יידן?...

אָבער ניין, אויך דערויף האָט אים קיין צייט ניט געקלעקט, ווייל דער עיקר און פאַר אַלעמען איז ער געווען פאַרנומען מיט זאָרגן וועגן זיך און זיין הויזגעזינד, אויף וועמעס קעפּ ער האָט געזען די שווערד אומשוועבן... דאָ ווידער אָבער איז אים צום־אַלעם־ערשטן געקומען אויפן געדאַנק ניט קיינער פון זיינע אייגענע — ניט ער אַליין, וועלכער איז געווען איינגעשטעלט באַגלייך מיט אַלע, ניט זיין ווייב חנה־גיטל, וועלכע איז מיט אים אַ גאַנץ לעבן געגאַנגען האַנט־ביי־האַנט, האָט אים אַלעמאָל אין מויל געקוקט, גרייט צו באַפרידיקן זיין יעדן באַגער און אַפילו פאָראויסלויפן פאַרן באַגער; ניט זיינע שוין אויסגעגעבענע זין און טעכטער מיט די איידעמס און שנורן, מיט זייערע קינדער — זיינע אייניקלעך; — ניט קיינער איז אים אַזוי ניט געקומען אויפן געדאַנק דעמאָלט, ווען ער האָט געגומען זוכן לופט און אויסגאַנג פון דער שטייג, אין וועלכער ער האָט זיך געפונען געפאַנגען, ד. ה. פון די פאַרשיידענע קלאַנגען, איינער שרעקלעכער פון אַנדערן, וועלכע האָבן דערגרייכט צו זיין אויער — קיינער ניט אַזוי, ווי זיין יונג טעכטערל, זיין מעזינקע ויטל אָדער וואַנדע, ווי מע האָט זי גערופן אין גימנאַזיע, וואו זי האָט זיך געלערנט און האָט שוין געהאַלטן ביים ענדיקן.

.2

זי האָט געהאַט צערטלעך־לאַנגע פינגער, וואַנדע — אַ סימן פון אַ שטאַרק אויסגעאיידלטן שטאַם, און נאָך אפשר אַ סימן פון אַ פאַרשפּעטיקטער פּרוכט פון עלטערן, וואָס האָבן זי געבוירן, נאָך פיל קינדער האָבן, שוין צולעצט. זי האָט זיך אויסגעטיילט פון אַלע קינדער מיט גרויס ענלעכקייט אויפן פאָטער, מיט שטילער און פיינער מאַנירלעכקייט — ניט ווי די איבעריקע קינדער — מער ענלעכע צו דער מוטער, צו חנה־גיטלען, וועלכע האָט געשטאַמט ניט פון אַזאַ הויך מיוחסדיקן גראַד און וואָס, ווי מ'האָט געשמועסט, האָט איר פּראָסטלעכער פאָטער, כדי אַריינצובאַקומען אַזאַ איידעם, ווי מאיר לאַנדשאַפט, זיך היפּש געלאָזט קאָסטן.

זי איז אויך געווען דעם פאָטערס ליבלינג, אי ווי די מעזינקע, אי אויך דערפאַר, וואָס דער פאָטער האָט אין איר געזען אַ שטיק אָפּשפּיגלונג פון זיך, און כאָטש אויסערלעך האָט ער איר ניט אַרויסגעוויזן מער צערטלעכקייט, ווי צו די איבעריקע קינדער, דאָך האָבן אַלע אין שטוב זי געפילט ווי אַן אויסנאַם, ווען דער פאָטער טיילט אויס, אויב ניט מיט קיין ווערטער, איז מיט אַ שטיל פאַרליבטן בליק, וואָס ער לאָזט אויף איר פאַלן פון צייט צו צייט.

פאַרשטענדלעך, אַז ניט די מוטער, ניט אויך די קינדער האָבן איר ניט מקנא געווען, נאָר פאַרקערט — האָבן צום פאָטערס אויסנעמלעכער ליבע צוגעלייגט אויך זייערע, מען האָט איר ניט מקנא געווען, וואָס דער פאָטער האָט איר דערלויבט, וואָס די אַנדערע קינדער — ניט: זיך צו לערנען אין גימנאַזיע, וואָס, אַגב געזאָגט, האָט מען צוליב איר אויסגעפּועלט ביים קשיאַנדז, ביים לערער פון רעליגיע, זי זאָל זיך ניט לערנען אום שבת, מחמת זי האָט געגעבן פלייס אַרויסגעוויזן אָפּצוטאָן, וואָס זי דאַרף, אינדערוואָכן.

מיט איין וואָרט, וואַנדע — אַן אויסנאַם אי אין דער היים, אי אויך צווישן חברטעס, צווישן וועלכע זי האָט זיך געהאַלטן שטרענג־געשלאָסן, זיטלעך־זויבער, — אַן אָפּבילד פון איר טאַטנס האַלטן זיך, וואָס האָט געהאַט אַ שם אי אין זיין משפחה, אי אין שטאָט. צווישן אַלע האַנדלס־לייט. צווישן חברטעס האָט מען געשמועסט, אַז וואַנדע לאָזט זיך קיינמאָל פון קיין שילער, אַן אירגלייכן, קיין פריי וואָרט ניט זאָגן, דערלויבט קיין פריי־ייִנגלישן צוגאַנג צו זיך. און נאָך: אַז זי זעט אַפילו אירע מיידלשע פאַרמען אויסבאַהאַלטן, איינציען, גלייך זי וואָלט זיך

שעמען מיט זיי און ווי זי וואָלט באַדויערט, וואָס זי איז ניט געבוירן אין קיין פּאַנצער.

און אַט זי, אַט די וויטל—וואַנדע, די זיבעצניאָריקע שלאַנק־בלאָנדע באַשעפעניש, מיט אַ גרויסער מאָס נאָך קינדער־אומשולד, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון אירע אויגן, עטוואָס פאַרטראַגענע, און מיט אַ דין, דין טרוים־הייטל פאַרצויגענע, האָט איצט דער פאָטער, מאיר לאַנד־שאַפט, אַממערסטן אין זין געהאַלטן און אַממערסטן פאַר איר זאָרג געטראָגן דערפאַר, ווייל איר איז די מערסט־גרעסטע סכנה פאַרגע־שטאַנען — זיך צו וואַרפן אין די אויגן און צו געפעלן ווערן די, וועמען מען דאַרף ניט און ס׳איז כלל און כלל ניט געוואונטשן.

דאָס מאָל האָט דער פאָטער שוין זייער אַפּט אויף איר זיין בליק גע־ווענדט, און ווער ס׳האָט זיך דעמאָלט ניט געקערט צו אים מיט אַ וואָס־פאַר־ניט־איז וויכטיקייט, האָט ער אינמיטן שמועס זיך אָפּגעדרייט פון יענעם און אַ קער געטאָן דעם קאָפּ צו איר, ווי מורא האָבנדיק זי צו פאַרלירן און פון אויג אַרויסלאָזן.

— פאַרוואָס? — ווייל אַחוץ די קלאַנגען וועלכע האָבן זיך דער־טראָגן וועגן די פיינע מעשים, וואָס די נייע מאַכט איז שוין געהאַט באַגאַנגען אין אַלע יענע ערטער, וואוהין זי איז נאָך פון פריער אַריין, און וועגן דעם זעלבן, וואָס זי האָט שוין אָנגעהויבן באַגיין דאָ אין שטאָט, וואו מאיר לאַנדשאַפט האָט געוואוינט, — אַחוץ דעם אַלעמען, שוין אַליין אויך גענוג גרויליק — האָט נאָך צו מאיר לאַנדשאַפטס אויער, ווי צו די אויערן פון אַנדערע פאַראינטערעסירטע פאָטערס, זיך דער־טראָגן אַ קלאַנג, וואָס האָט גאָר־גאָר געמאַכט אויפציטערן: אַ קלאַנג וועגן געוויסע הייזער, וואוהין ס׳ווערן פאַרנומען יונגע פרויען: מיידלעך, ווייבלעך צום שאַנד־פאַרגעניגן פון די פאַרשטייער אָדער פון די פּשוטע זעלנער פון דער מאַכט...

ס׳איז שוין באַלד אויך גאָר קיין קלאַנג ניט געווען. מ׳האָט איבער־געגעבן אויף זיכער, אַז די יידישע קהלה האָט שוין אַפילו באַקומען אַ בפירושע פאַראָרדענונג מכוח איר צושטייער מיט אַ צאָל יידישע פרויען צום שאַנד. מ׳האָט דאָס נאָך געהאַלטן בסוד און ניט געלאָזט וויסן קיינע פּרטים פאַרן ברייטן עולם, מיינענדיק זיך משתדל זיין און פועלן ביי דער מאַכט, זי זאָל אָפּשאַפן די גזירה. מ׳האָט אָבער ניט געפועלט, און דעמאָלט איז שוין דער עולם אוודאי מיט פאַרוויסטע קעפּ אַרומגעגאַנגען, און בתוכם און, ווי ס׳האָט געדוכט, מער פון אַלע, — אַט דער מאיר לאַנדשאַפט, וואָס האָט אויסגעזען אַזוי געפּלעפט, אַז

מ׳האָט שוין פון אים קיין וואָרט ניט געהערט אַרויסקומען, נאָר געזען, ווי ער ברעכט די פינגער שטילערהייט... דאָס — איינס, און דאָס צווייטע: אינדערפרי, פאַרנאַכט און אויפדערנאַכט, ווען עמיצער וואָלט זיך צוגעהערט צו זיינע געבעטן אין הימל, וואָלט ער אַרויסגעהערט בלויז איין באַגער, אויסגעדריקט אין די ווערטער פון אַ פסוק דווקא ניט פון דאַוונען: כנשר יעיר קנו... יקחהו על אברתו... וואָס ווערט אויסגעטייטשט, אַז אַזוי ווי דער אָדלער האָט קיין מורא ניט פאַר קיין רויב־פייגל, העכער פליענדיקע פון אים, נאָר פאַרן יעגער, נעמט ער דערום זיינע קינדער, פליענדיק מיט זיי, ניט אונטער זיך, נאָר איבער זיך, זאָגנדיק: זאָל בעסער די פייל אַריין אין מיר, איידער אין מיינע קינדער — אַזוי אויך האָט זיך געוואונטשן מאיר לאַנדשאַפט: בעסער אין מיר, איידער אין די מייניקע, דאָ געמיינט — וואַנדע.

3

פון גרויס פאַרלוירנקייט האָט מאיר לאַנדשאַפט זיך אויפגעהערט ווייזן צווישן מענטשן, איז געבליבן גאַנצע טעג אין שטוב, און כדי כאָטש מיט וואָס־ניט־איז זיך צו באַשעפטיקן, האָט ער גענומען טאָן אַזעלכע זאַכן, ווי שאַרפן די שטוב־מעסערס, וואָס דאָס פלעגט ער אַלע־מאָל טאָן בלויז פרייטיק, לכבוד שבת — אַן אַלטער מנהג ביי אים איינגעפירט.

— וואָס איז פלוצלונג? — האָבן חנה־גיטל, אויך די עלטערע קינדער, דערזען אים אינמיטן וואָך ביי דער ניט־געוואוינטער מלאכה, אַ פרעג געטאָן.

— גאָרניט... גלאַט... — האָט ער געענטפערט און ניט געקוקט אין פנים, ווי אַלע לעצטע טעג, ווען מ׳האָט זיך צו אים געווענדט, און פון גרויס כבוד און אָפּשיי האָבן ניט חנה־גיטל, ניט אויך די קינדער אים מער ניט איבערגעפרעגט, פאַרשטייענדיק, פאַרוואָס ער פאַרנעמט זיך איצט מיט אַזעלכע אומנוצלעכקייטן און אויך פאַרוואָס ער שפּאָרט ווערטער און ענטפערט ווייניק.

ער האָט, זיצנדיק אַזוי און שאַרפנדיק די מעסערס, געוויס קיינע מחשבות ניט געהאַט, אויסער אפשר נאָר וועגן דעם, וואָס ער, ווי אַ וויסנדיקער מענטש, האָט אַמאָל ערגעץ אויסגעלייענט, ווי אַזוי אין שווערע, און ענלעכע צו די איצטיקע, צייטן פאַרן פאַלק זיינען פאָטערס אַמאָל געוווען געצוואונגען צו באַגיין זיך מיט אייגענע קינדער, ווי

תלינים — מיט פרעמדע: אַליין זיי אומברענגען, כדי זיי ניט לאָזן אין פרעמדע הענט אַריינפאַלן... ער האָט ניט געוואוסט, ווי אַזוי דאָס איז געטאָן געוואָרן און וואו האָט זיך אַהינגעטאָן דער כרחם אָב על בנים, אָבער ווי אַמאָל, — האָט ער זיך געטראַכט, — איז רחמנות די גרעסטע אומדערבאַרעמדיקייט, וואָס מען דאַרף אויסרייסן און זען אין זיך דערוואָרגן.

ער האָט געוויס אַ ציטער געטאָן ביי אַט דעם געדאַנק... אָבער נאָך אַ גרעסערן ציטער האָט ער געטאָן איינמאָל, בשעת ער איז אַזוי געזעסן ביים טיש ביי דער שאַרף־מלאכה, און ווען ער האָט פּלוצלונג דערהערט אַ קלונג אין טיר, וואָס איז געקומען געוויס ניט פון קיין הימישן, וועלכן מ׳וואָלט זיכער דערקענט, נאָר פון אַ פרעמדער האַנט, וואָס האָט שטאַרק די קנאַפּקע געדריקט און לאַנג, פעסט און פאָדערנדיק דאָס גלעקל גע־לאָזט דרינדזשען.

דאָס איז געקומען זיכער אָדער פון אַ פּאָסט־טרעגער, אַ טעלעגראַם־ברענגער, ווען ער איילט, אָדער פון מענטשן פון דער מאַכט, ווען זיי פאָדערן, מ׳זאָל זיי וואָס גיכער עפענען, אַריינלאָזן, אָן איבעריקן דרך־ארץ צו די, צו וועמען זיי קלינגען.

מאיר לאַנדשאַפט האָט פון דערשרעק פון קלונג זיך אַ ניט־געראָ־טענעם ריר געטאָן און געכאַפּט אַ שניט אין אַ האַנט, פון וועלכער ס׳האָט זיך דאָס בלוט געלאָזט. ער האָט אָבער ניט דעם שניט, ניט דאָס בלוט באַמערקט. באַלד, האָט ער געהערט, האָט זיך עמיצער פון די שטוב־אייגענע געלאָזט צו דער טיר און זי אויפגעעפנט. און פון דער שטילקייט בעתן עפענען און באַגעגענען זיך מיט דעם, אָדער מיט די, וואָס האָבן אָנגעקלונגען, האָט מאיר לאַנדשאַפט באַשלאָסן, אַז דאָס זיינען טאַקע ווירקלעך ניט קיין געוויינלעכע באַזוכער די שוועל אַרי־בערגעטראָטן און אין זיין שטוב איצט אַריינגעלאָזט געוואָרן.

אין קאָרידאָר, וואָס פאַרן עס־צימער, וואו מאיר לאַנדשאַפט האָט זיך געפונען, האָבן זיך דערהערט סאָלדאַטן־טריט, שווער־באַזוילטע, און די שטיל־איבערראַשטע — און, ווי ס׳ווייזט אויס, דערשראָקענע באַגעגעניש פונעם שטוב־אייגענעם מיט די, וועמען ער האָט אויפגע־עפנט, האָט זיך געלאָזט פילן איבער אַלע צימערן.

מ׳איז אַרויס און מ׳האָט זיך גענומען זאַמלען אין עס־צימער, וואו מ׳האָט געפילט, אַז די אָנגעקומענע וועלן זיך ווענדן צוערשט, ווי אין ערשטן צימער, וואָס פון קאָרידאָר זעט זיך אָן אַ טיר אַהין. ס׳איז טאַקע אַזוי געוועזן. אַלע שטוב־אייגענע האָבן זיך דעמאָלט אין דער היים גע־

פונען, ווי בכלל אַלע יענע טעג, ווען אין שטאָט האָט געהערשט די אומבאַשטימטקייט פון דעם נאָך ניט אויסגעקלאַרטן פּרצוף פון דער מאַכט פאַר דער ניט־יידישער באַפעלקערונג, אָבער שוין זייער און זייער אויסגעקלאַרטן פאַר דער יידישער, וועלכע האָט זיך דערפילט עלנט און שוין אויף דריי פערטל פאַראורטיילט.

אַלע מאיר לאנדשאפּטס אייגענע זיינען, דערשראָקענע, אויסגע־בלאָסטע, אין עס־צימער זיך צונויפגעגאַנגען. און ווי נאָר זיי זיינען אַהין אַריין און ווי נאָר דער אַנגעקומענער סאָלדאַטן־טייל האָט אויך אַהין אַ פּוס אַריבערגעשטעלט, אַזוי האָבן אַלע, סיי די סאָלדאַטן, סיי מאיר לאנדשאפּטס אייגענע, דערזען, ווי מאיר לאנדשאַפּט האָט, ווי ריכטנדיק זיך פון פריער, פון זיין אָרט זיך אויפגעהויבן — אויך אַ בלאַסער, — און דערזעענדיק אַלע אין צימער פאַרזאַמלט, האָט ער מיטאַמאָל נאָר איינס אַ וואָרט געהאַט פון מויל אַרויסצוברענגען: וואנדע, ד. ה., אַז פון אַלע אייגענע זאָל וואנדע צו זיין נאָענטקייט צו־טרעטן און ביי זיין זייט זיך שטעלן.

4.

— הענדע האָך! — האָט זיך דערהערט אַ צווייט קול, העכער פון מאיר לאנדשאפּטס, פון מויל פונעם אָנפירער פון דעם סאָלדאַטן־טייל אַרויסקומען, און באַלד נאָך אָט דעם באַפעל האָט זיך פון זעלבן אָנפירער אַ צווייטער דערהערט: — אין אַ ריי זיך אויסשטעלן! מאַנצבילן באַ־זונדער און פרויען באַזונדער, און קיינער זאָל ניט וואַגן זיך אַ ריר טאָן...

מ'האָט געפאָלגט. מ'האָט דאָס געמאַכט שטיל. מאיר לאנדשאפּט האָט באַקומען צו זיין לינקער האַנט די מאַנצבילן פון שטוב אויסגע־שטעלט, זיינע זין און איידעמס, און גלייך ביי זיין רעכטער האַנט האָט זיך געטראָפן פון אַלע שטוב־פרויען די נאָענטסטע צו אים וואנדע, וועלכע ער האָט פריער, בעתן ווייזן זיך פון דעם סאָלדאַטן־טייל, צו זיך אַרויסגעפאָדערט, און נאָך איר, נאָך וואַנדען, זיין ווייב, און נאָך יענער זיינע שניר און טעכטער.

דער אָנפירער, אַ לייטענאַנט, האָט צוערשט שווערלעך־שוויגנדיק באַקוקט די שערענגע, זען, צי איז זי אין אָרדענונג און צי איז ריכטיק אויסגעפילט זיין באַפעל און צי ס'רירט זיך ניט קיינער... — אין אָרדע־נונג. דעמאָלט האָט ער זיך אַ ווענד געטאָן צו איינעם אַ מאַן, ניט קיין

מיליטערישן, וואָס איז אַריין צוזאַמען מיט דעם זעלנער־טייל, — און דאָס איז געווען איינער אַ פאַרשטייער, באַפּולמעכטיקט פון דער קהלה און פון דער נייער מאַכט געצוואונגען מיטצוגיין איבער די יידישע הייזער, ווי אַט איצט צו מאיר לאַנדשאַפט אין הויז, און צו טאָן, וואָס ס'האָט זיך פון אים געפאָדערט: דאָס מאָל בייצוזיין ביי עפּעס אַ סאָרט רעגיסטראַציע, וועלכע די מאַכט האָט געהאַט פאַר נויטיק.

— צייל, — האָט דער לייטענאַנט אַ באַפעל געטאָן צו אָט דעם קהלה־באַפּולמעכטיקטן. — אָבער... ניין!... — האָט ער זיך פאַרכאַפּט און אַ זאָג געטאָן, אַ קוק געבנדיק פריער אויף דער מענער־ריי, דערנאָך אויף דער פון די פרויען, וואו ער האָט זיין פאַרגעניגנטן בליק אָנגעשטעלט אויף וואַנדען און אויף איר אים לענגער פאַרהאַלטן.

ווען פון די שטוב־אייגענע ס'איז נאָך פאַרבליבן אַביסל זין פון דערשרעק פון אָט דער דערנידעריקנדיקער צערעמאָניע, האָט געקאָנט זען, אַז דער לייטענאַנט, דער אָנפירער פון דעם סאָלדאַטן־טייל, איז מער באַטרונקען, ווי ניכטער. און דאָס האָט מען באַמערקט אין זיינע בלוי־בלימלדיקע אויגן, וועלכע האָבן אַי געגלאַנצט, אַי ווי אומגעשוואומען אין פעטס, ווי אויך אין די ניט איבעריק זיכערע באַוועגונגען, גאָר וויט פון גלייכגעוויכטיק.

ער האָט גענומען ציילן פון דער לינקער ריי, פון די מאַנצבילן, טייטלענדיק מיט אַ פינגער אין יעדערנס ברוסט אַריין: איינס, צוויי, דריי, ביז ער איז געקומען צו דער ברוסט פון אַליין מאיר לאַנדשאַפט, וועלכער האָט, ווי אַלע, געהאַלטן די הענט אין דער הויך אויפגעהויבן און וואָס דעם קאָפּ און די אויגן האָט ער די גאַנצע צייט געהאַלטן געווענדט ניט צו דער מאַנצביל־ריי, וואָס אין זיין לינקער זייט, נאָר צו וואַנדען, וועלכע האָט זיך געפונען רעכטס פון אים.

ביי מאיר לאַנדשאַפט האָט זיך דער לייטענאַנט, איידער ער איז איבערגעגאַנגען מיטן פינגער צו דער פרויען־ריי, אַ ווײַלע פאַרהאַלטן. דעמאָלט האָט ער אַ שטרעק געטאָן זיין ציילנדיקע האַנט צו וואַנדען, קוקנדיק לעכלדיק־נאַשעריש אַהין, וואוהין ער האָט לייכט־לייכט מיט זיינע פינגער אָנגעטראָפן — אויף וואַנדעס ברוסט, גלייך ער וואָלט אים געהאַלטן אין האַניק, פון וועלכן ער איז זיך גרייט צו באַלעקן.

דעמאָלט האָט זיך דערהערט אַ קול פון מאיר לאַנדשאַפט — פון אים, אַ מענטש אַ שווייגער, וואָס האָט קיינמאָל צו קיינעם קיין הויך וואָרט ניט באַנוצט און איז, דאַכט זיך, אויך גאָר ניט פייאיק געווען דערויף. — הענדע וועק! — האָט זיך דערהערט פון מאיר לאַנדשאַפטס

מויל אַ שטרענג, באַפוילעריש וואָרט, וואָס ביי אַלע, אויסער ביי אים אַליין, האָבן זיך פון דערהערטן די הענט אַראָפּגעלאָזט, פאַרגעסנדיק, אַז מ׳דאַרף זיי הויך האַלטן, לויטן לייטענאַנטס באַפעל.

— וואָס?! — האָט דער לייטענאַנט, ווי ניט פאַרשטאַנען, וועמען מען מיינט מיט אָט דעם אומדרך־ארצדיקן, דראָענדיקן אויסגעשריי — אַז טאַקע אים: אַז טאַקע ער, דער הער אָפיצער, הייסט עס, זאָל זיינע טמא הענט דערוויטערן פון דעם, וואָס איז ניט פאַר אים און וואָס ער דאַרף בלייבן דערפון ווייט אָפּגעשיידט.

— וואָס?! — האָט ער, אַ קוק געבנדיק אויף מאיר לאַנדשאַפּט, אַ רעווע געטאָן און איז באַלד אָפּגעטראָטן אַ פּאָר שפּאַן פון אָרט, וואָס ער האָט פאַרנומען, כדי ער זאָל אים, אָט דעם מאירן, מער בעסער פון דער ווייט באַטראַכטן. — וואָס האָט ער געזאָגט? וואָס האָט ער געוואָגט צו זאָגן אַ דייטשישן אָפיצער?

און דאָ האָט ער אַ פאַרזשמורעט־שיכורלעכן בליק געטאָן אויף מאיר לאַנדשאַפט און דערזען, ווי יענער שטייט מיט די הענט אַרויפגעהויבן, און ווי פון איינער אַ האַנט גייט אים בלוט און רינט אין אַרבל.

— בלוט?! — האָט ער אַ צוויטן רעווע געטאָן, גלייך ער וואָלט דאָס דערזען אויף זיין אייגענער האַנט, וואָס עמיצער האָט זי אים אָקאָרשט־אָ געהאַט פאַרוואונדעט. — וואָס פאַר בלוט? — האָט ער אַ געשריי געטאָן און זיך גענומען אומקוקן פאַרדעכטיק אויף דער שטוב, אויף די מענטשן אַרום, גלייך מ׳וואָלט דאָ, איידער ער איז אַהער אַריין, וועגן אים עפּעס שלעכטס פאַרטראַכט און געשאַרפט געווער, מיט וועלכן מ׳האָט זיך צעשניטן.

ווירקלעך: ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן טיש און דערזען מעסערס און אַ שאַרפשטיין, וואָס, ווי ס׳ווייזט אויס, האָט דאָ עמיצער נאַרוואָס, פאַר זיין אָנקומען, זיי אין די הענט געהאַלטן און זיי אויסגעפּאַרטיקט און צוגעגרייט צו אַ פאַרדעכטיקן געברויך — האָט אים געדאַכט.

— ווער האָט דאָס געמאַכט און ווער — געשאַרפט? — האָט דער לייטענאַנט אַ פרעג געטאָן, אָנווייזנדיק די מעסערס, וואָס אויפן טיש.

— איך! — האָט מאיר לאַנדשאַפּט געענטפערט, און ס׳האָט זיך געפילט אַ הויך־צופרידנקייט אין זיין ענטפער — אַפּנים דערפאַר, ווייל מיט דער מעשה־מעסערס ציט ער אָפּ די אויפמערקזאַמקייט פון דעם לייטענאַנט פון צו קוקן אויף דער, וועלכע איז אים געפאַלן אין אויג און צו וועלכער ער האָט מיט אַזאַ הנאה זיין באַהאַניקטן פינגער אויסגעשטרעקט.

ס׳האָבן געדויערט עטלעכע רגעס, ביז דער לייטענאַנט האָט זיך געכאַפּט, ווי אַזוי דאָ צו האַנדלען... (אַגב זאָל דאָ געזאָגט ווערן צו דער האַנדלונג, אַז דאָס אַלץ דערציילטע איז פֿאַרגעקומען דעמאָלט, ווען יענע מאַכט האָט נאָך ניט באַוויזן צו צעבינדן די רעכטע האַנט אויף אויס־צופירן איר פּאַרטראַכט בנוגע צו יידן אין יענע געגנטן, אין וועלכע זי איז אָקאַרשט אָנגעקומען און זיי ערשט פריש געהאַט באַהערשט, האַלטנ־דיק זיך נאָר אין געוויסע, כלומרשט, געזעצלעכע ראַמען — ניט, ווי איצט, ווען מיר שרייבן דאָ, ווען אַזאַ לייטענאַנט וואָלט מיט אַזאַ ווי אַ מאיר לאַנדשאַפּט קיין לאַנגע שהיות ניט געמאַכט און איינס־צוויי אים אַוועקגעלייגט קאַלט, אָן שום איבערלייגעניש, פֿאַר אַ מינדסטן וואָרט, וואָס וואָלט אים ניט געפֿעלן, ווי בכלל מיט אַ יידן, יאָ—שולדיג, ניט—שולדיג, מיט וועמען מ׳דאַרף זיך באַגיין, ווי מיט אַ מגפה־שטשור: אים פֿאַרניכטן...)

.5

— פֿאַרנעמען! — האָט דער לייטענאַנט, באַלד ווי ער האָט זיך געכאַפּט, וואָס מ׳דאַרף דאָ טאָן, אַ געשריי געטאָן צו די זעלנער, וואָס זיינען מיט אים מיטגעקומען, — פֿאַרנעמט אָט דעם בלוט־יידן, וואָס שאַרפֿט מעסערס אויף דער מאַכט.

— ...אוי, ניין, — האָט זיך דאָ פּלוצלונג אַרויסגערוקט מאיר לאַנד־שאַפּטס טאָכטער, וואַנדע, פֿון דער ריי... און ווי צניעותדיק איר האַל־טונג איז ניט געווען מיט די איר־גלייכן, מיט די באַקאַנטע שילער, וועמען זי האָט קיינמאָל ניט דערלויבט קיין פריי וואָרט, קיין מינדסטע אָנצוהערעניש בנוגע זיך, ווי צום צוויטן, פרויען־מין, האָט זי אָבער דאָ, אין מאָמענט פֿון סכנה פֿאַר איר פֿאָטער, וועלכער איז איר, אַפּנים, אַזוי טייער געווען, ווי זי — אים, ניט אַרויסברענגענדיק דאָס פֿאַר די ליפּן, נאָר טראָגנדיק אין מיידלשער אויסבאַהאַלטעניש, ווי דער פֿאָטער זיין ליבע צו איר — אין זיינע בליקן... ווי צניעותדיק וואַנדעס האַלטונג איז ניט געווען ביז אַהער, ניט אויסנוצנדיק אירע מעגלעכקייטן קיינמאָל קיינעם צו געפֿעלן, האָט זי אָבער איצט, קומענדיק פֿאַרן לייטענאַנט און וועלנדיק ראַטעווען איר פֿאָטער פֿון דער צרה פֿאַר זיין צו שטאַרקן שטעל, וואָס ער האָט זיך דערלויבט בנוגע יענעם, דעם לייטענאַנט, — האָט זי פּלוצלונג, מ׳ווייסט ניט ווי אַזוי, געלאָזט אויפשפּילן אין זיך יענע פֿייאיקייט, וואָס איז אייגנטימלעך פֿאַר אַלע פרויען אין אַ געוויסן

מאָמענט, ווען זיי האָבן נויטיק נושא חן זיין און עפּעס פּועלן פאַרן חן . . .

— אוי, ניין, הער לייטענאַנט, — האָט זי אַ זאָג געטאָן, דאָס ערשטע מאָל פאַר איר לעבן זיך אַרויסשטעלנדיק, ווי אַ גרויסע, פאַר דער משפּחה, פאַרן הויזגעזינד פון איר פאָטער און מוטער. זי האָט באַקומען לויפיק לשון, און האַלטנדיק איר בליק אָט אַראָפּ פון איר געוויינלעכער צניעות, ווי ווען זי פלעגט אַלע מאָל שטיין פאַר אַ פרעמדן מאַנצביל, און אָט אַרויף, דווקא צו אָט דעם פרעמדן מאַנצביל אים געווענדט, האָט זי אַפילו מיט ערגעץ אַ געקראַגן שמייכעלע אַ זאָג געטאָן:

— אוי, ניין, לייטענאַנט. ס׳איז אַ טעות. ס׳איז ניט פאַר דער מאַכט קיין מעסערס. מיין פאָטער איז ניט אַזאַ. ס׳איז ביי אונדז אַ מין מנהג, וואָס דער פאָטער פירט אים אַלע מאָל אויס פרייטיק אַנטקעגן שבת, און איצט, ווען איבער דער צערודערונג אין שטאָט איז אין די געשעפטן ניטאָ וואָס צו טאָן, האָט ער זיך גענומען דאָס מאַכן אינדערוואָכן, און זאָל ער זען, דער הער לייטענאַנט, ס׳איז דאָך געוויינלעכע שטוב־מע־סערס.

דערביי האָט וואַנדע מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן לייכט־לייכט אונ־טערגעשמייכלט און ווייטער געלאָזט אויפשפּילן אין זיך יענע פּיאַי־קייט, וועלכע האָט געזאָלט מאַכן פאַרגעסן דעם, פאַר וועמען זי איז איצט אויפגעטראָטן, דעם לייטענאַנט, די באַליידיקונג, וואָס ער האָט אַריינ־געכאַפּט פון איר פאָטער, ווען יענער האָט אים אויפגעפּאָדערט, ער זאָל אָוועקנעמען די הענט, מיט וועלכע ער האָט זיך דערלויבט ניט אנשטענ־דיקס... זי האָט אַ גיי געטאָן צום פאָטער און זיך אַ צערטלעכן טוליע געטאָן צו אים, כדי צו באַווייזן זיין אומשולד, פאַר וועלכן זי איז ערב מיט איר נאָענטקייט און איינשטעלן זיך פאַר אים, ד. ה. פאַר דער מעשה־מעסערס, וואָס ווי דער הער לייטענאַנט זעט, איז דאָס אַ שפּאַס, וועגן וועלכן ס׳איז ניט כדאי אַפילו אָן איבעריק וואָרט צו פאַרלירן.

וואַנדע האָט געווירקט. מ׳האָט געזען, ווי אין לייטענאַנטס בליקן האָבן זיך געוויזן פייערלעך, געמישט מיט שאָטנדלעך, בעת ער האָט געקוקט אויף איר צוערשט, ווען זי איז אַרויס פון דער ריי און ווען זי האָט זיך קעגן אים אָוועקגעשטעלט מיט דער פאַרענטפערונג פאַר איר פאָטער און באַזונדערס דערנאָך, ווען זי האָט אים אָפּגעענטפערט און האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו אים מיט צערטלעכקייט און זיך אַ לייכטן רייב געטאָן אין אים.

דער שיכורלעכער לייטענאַנט האָט נאָכגעגעבן, און אַ האָר איז

אָפּגעגאַן; נאָך אַ ביסל, נאָך אַ ביסל, ווען וואַנדע זאָל געווען אין זעלבן פאַרענטפּערנדיקן טאָן נאָך אַ פּאָר ווערטער זאָגן לטובת דעם פּאַטער, און ווען דער פּאַטער, מאיר לאַנדשאַפט, זאָל זיך אויך ווייטער, שווייגנדיק, געווען לאָזן פון איר פאַרטיידיקן—איז אַ האָר אָפּגעגאַן, אַז דער לייטענאַנט זאָל זיין גאַרן רוגז פאַרגעסן און זיין באַפעל וועגן אַרעסטירן מאיר לאַנדשאַפט צוריקנעמען.

ס׳איז אָבער ניט אַזוי געשען. ווייל ווי נאָר וואַנדע האָט זיך צערטלדיק צום פּאַטער צוגעשטעלט, און ער, דער פּאַטער, האָט דערזען, מיט וואָס פאַרא מיטלען זי, זיין וואַנדע, וויל דאָ דערווערבן דעם לייטענאַנטס גוט־געגנויגטקייט און יענעמס בייז פון אים אָפּווענדן; ווי ער האָט דערזען, אויף וואָס פאַרא אופן וואַנדע וויל אים אויסקויפן, אַזוי האָט ער זי אַ קליינעם שטויס אָפּ געטאָן פון זיך, און ווי ס׳האָט שוין געהאַלטן דערביי, אַז דער לייטענאַנט זאָל, אויף וואַנדעס ערבות און איר צוליב, איר פּאַטער פון אַלערליי חשדים באַפרייען און מער אים צו באַשולדיקן זיך ניט אומקערן — אַזוי איז מאיר לאַנדשאַפט, אומפאַרשטענדלעך צוליב וואָס, פּלוצלונג פון דער ריי אַרויס און קעגן לייטענאַנט זיך אַוועקגעשטעלט, און נאָך פּלוצלונגער און אומגעריכטער האָט ער מיטאַמאָל אַן אומזיניקן זאָג געטאָן און איבערגעחזרט דאָס זעלבע וואָרט, וואָס ווען דער לייטענאַנט האָט זיך פריער צו אַלעמען געווענדט, פרעגנדיק: „ווער האָט די מעסערס געשאַרפט?“, האָט ער, מאיר לאַנדשאַפט, זיך אַרויסגעשטעלט פאַר אַלע, האָט עס אויף זיך גענומען און אַ זאָג געטאָן: „איך!“

— איך! — האָט ער איצט נאָכאַמאָל דאָס זעלבע וואָרט איבערגעחזרט, ווי געוואָלט דערמאָנען, אַז ניט קיינער, נאָר טאַקע ער, מאיר, האָט עס געזאָגט, און אַז ער האַלט זיך אויך איצט ביים געזאָגטן, פון וועלכן ער וויל ניט אָפּטרעטן, האָט קיין חרטה ניט און נעמט ניט אָן קיינע השתדלותן, וואָס מ׳איז זיך משתדל פאַר אים פאַרן לייטענאַנט, אַפילו פון אָט דער, זיין אַזוי געליבטער טאָכטער, וואַנדע.

— וואָס?! — האָט דער לייטענאַנט, דערזעענדיק מאיר לאַנדשאַפטס טראַציקייט און קוקנדיק אויף אים, ווי ער וואָלט אים פּלוצלונג דערזען פון דער ערד אַרויסוואַקסן, אין גרויס פאַרוואונדערונג אויסגעשריען. ער האָט ניט געגלויבט זיינע אויערן צו דערהערן פון דעם, וואָס האָט אָקאָרשט געקאָנט אַרויס אַ באַפרייטער פון זיין צרה, ער זאָל זי, אָן שום סיבה, ווי דעם לייטענאַנט האָט זיך געדוכט, ווידער דערוועקן און ווידער זי וועלן אויף זיך נעמען. ס׳איז דאָך גלייך, ווי איינער וואָלט

מיט אַ געזונטן, אומשולדיקן קאָפּ געקראָכן אין אַ תליה־שטריק.

— מאיר! — האָט דאָ חנה־גיטל, זיין ווייב, צו אים הויך אַ זאָג געטאָן אין גרויס שרעק און פאַרוואונדערונג, זעענדיק אים, איר מאַן, דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן צו באַגיין אַזאַ אומזיניקייט, ווי אַט איצט, אַרויסזאָגנדיק דאָס, וואָס קאָן, חלילה, אי אים אַליין, אי אַלעמען ברענגען אויפן פייער.

— וואָס טוט דער מענטש?! — האָט זיך אומוויליק און מיט גרויס פאַרשטעלטער און אויסבאַהאַלטענער מורא אַרויסגעכאַפּט אַ פראַגע אויך ביי דעם פאַרשטייער פון דער קהלה, וואָס איז די גאַנצע צייט בייגעווען ביי אַט דער סצענע, ווען ער האָט דערהערט מאיר לאַנד־שאַפטס טראַציק וואָרט, פון וועלכן ער האָט זיך געוואָלט, ווי באַגראָבן, זעענדיק, ווי יענער, אַט דער מאיר, שלעפּט אַליין דעם אומגליק אויף זיך, אומפאַרשטענדלעך פאַרוואָס: ס׳האָט דאָך שוין, אַט־אַט, זיך גע־קאָנט ענדיקן בשלום און אויפן בעסט־געוואונטשענעם אופן, ווי ס׳גע־שעט זעלטן אין אַזאַ פאַל.

— וואָס טוט ער? — האָט דער קהלה־מאַן צו זיך אַליין אַ זאָג געטאָן, און בעת־מעשה האָט ער דעם קאָפּ אָפּגעקערעוועט פון ניט קאָנען קוקן אויף מאירן און אויף זיין אומזיניקייט. — גזלן און מאבד עצמו לדעת — זעלבסמערדער, הייסט עס, — האָט ער שיר ניט אין דער הויך אַרויסגעזאָגט, ניט באַנעמענדיק, וואָס ס׳געשעט מיט אַט דעם מענטש, וועלכער פאַרשטייט ניט אַזאַ זאַך, אַזאַ אלף־בית, דוכט זיך, ווי אַזוי מען דאַרף זיך האַלטן בכלל פאַר אַ מאַכט, ובפרט פאַר אַזאַ מאַכט, ווען זי איז דיך אין עפּעס־וואָס חושד, זאָל זיין אַפילו אין אַ נאַרישקייט, וואָס קאָן דערפון אַרויס אַן ערנסט, פון וועלכן מען דאַרף זיך ריינוואַשן, — און ער, ניט נאָר ער פאַרענטפערט זיך אַליין ניט, נאָר לאָזט נאָך דורך אַזאַ מעגלעכקייט ווי די ווירקונג פון זיין טאָכטער, וואָס אַט־אַט האָט זי אים געקאָנט גאָר אינגאַנצן פון גרוב אַרויסציען.

אַזוי האָט זיך געדוכט דעם קהלה־מאַן, אַזוי אויך מאירס ווייב חנה־גיטל און אַזוי אויך אַלע איבעריקע פון זיין הויזגעזינד, וואָס זיינען, קוקנדיק אויף אים, געבליבן געפּלעפּט און אַן לשון אין מויל, ניט פאַר־שטייענדיק, פאַרוואָס ער שלעפּט אויף זיך דעם שלאַק, ווי אַ בגד, וואָס איז אים ליב.

מאיר לאַנדשאַפט אַליין האָט אָבער יאָ פאַרשטאַנען און געהאַט אַ גרונט און באַרעכטיקונג פאַר זיין טאַט, ניט וועלנדיק דערלויבן אַפילו אויף קיין איין מינוט צו לאָזן פאַלן דעם לייטענאַנטס פאַרליבט אויג

אויף וואַנדען, זעענדיק, ווי אַזוי יענער קוקט און באַטראַכט זי פון קאָפּ ביז די פיס, און ווי אויף יעדן איר אבר לאָזט ער פאַרהאַלטן זיין פרעך־אויפגעריסענעם און טריף־אָפּיצערישן בליק מיט הנאה...

.6

— נעמט אים! — האָט דער לייטענאַנט אַ געשריי געטאָן צו די זעלנער נאָכדעם, ווי מאיר לאַנדשאַפט האָט דאָס צווייטע מאָל דערוועקט זיין כעס און אים, פון גרויס אויפגעבראַכטקייט, אַפילו געמאַכט פאַר־געסן אין וואַנדען, וועמען ער האָט נאַרוואַס מיט אַזאַ חשק נאָכגעקוקט און וואָס ווען מען וואָלט אים דערלויבט כאָטש אַ קליין קאַפּעלע זיין צוגעלאָזט צו איר, וואָלט ער פון אַלערליי פאַרדאַכטן און באַשולדיקונגען זיך אָפּגעזאָגט.

— נעמט אים! — האָט ער אַ זאָג געטאָן האַרב, אַנטשלאָסן, און ניט געקוקט שוין מער אויף וואַנדען, טוענדיק זיין אָפּיצערן־פליכט — דעם אָפּענעם שונא, אָט דעם ייד, וואָס שאַרפט מעסערס אויף דער מאַכט, פון וועג אָפּראַמען.

— טוט דאָס ניט, הער אָפּיצער! האָבן זיך ביים לייטענאַנט גענומען גלייך בעטן, צוערשט חנה־גיטל, דערנאָך אויך אירע און מאיר לאַנד־שאַפטס עלטערע קינדער, דערנאָך וואַנדע, וועלכע האָט אַ זאָג געטאָן דעם לייטענאַנט: — מיך, הער לייטענאַנט, נעמט מיך אַנשטאָט אים!

— נעמט אים! — האָט דער לייטענאַנט צום דריטן מאָל באַפוילן, ניט הערנדיק און ניט וועלנדיק קוקן אויף די אַלע, וועלכע האָבן אים אַרומגערינגלט מיט זייערע בקשות.

מ׳האָט אים פאַרנומען, מאיר לאַנדשאַפטן... וואַנדע און אויך די איבעריקע קינדער האָבן אים געפּרוּווט באַגלייטן אין קאָמענדאַטור, וואו מ׳איז מיט אים אַוועק, האַלטנדיק זיך די גאַנצע צייט ביי אַ זייט און ניט וועלנדיק אָפּשטיין פון אים. אָבער אַז מ׳איז צוגעקומען, וואוהין מ׳האָט געדאַרפט, — צום הויכן, ברייטן מויער די לענג אויף אַ גאַנצער גאַס, און מ׳איז צו צו איינער אַ גלעזערנער פּאַראַד־טיר, וועלכע איז ברייט געעפנט געוואָרן פון אַ וואַכמאַן אויף אַהין אַריינגעלאָזן צו ווערן, און נאָך דעם, ווי די קינדער זיינען אַ צייט לאַנג אָפּגעשטאַנען אויפן טראָטואַר, קעגנאיבער יענעם מויער, וואַרטנדיק, ער זאָל צוריק אַרויס, און ער האָט זיך ניט געוויזן, האָבן זיי זיך מיאש געווען פון אים צו זען היינט ווידער אַ באַפרייטן, און זיי זיינען אַוועק טאָן דאָס, וואָס מען טוט

אין אַזוינע פאַלן: זיך משתדל זיין, לויפן זוכן הילף ביי דער קהלה און ביי פּריוואַט־לייט, ביי יידן, ווי ביי ניט־יידן, ביי וועמען נאָר מ׳האָט געגלויבט די הילף צו קאָנען קריגן.

אַ נאַרישקייט... אין פלוג, דוכט זיך, אַ שפּאַס... אָבער שוין אַליין דאָס, וואָס מ׳האָט מאיר לאַנדשאַפּטן געבראַכט אין קאָמענדאַנטור באַ־גלייט פון אַ באַשולדיקונג פון שטעלן זיך קעגן דער מאַכט, ערגער — פון שאַרפן מעסערס אינמיטן העלן טאָג, וואָס אַזאַ מענטש, געווייינלעך, פאַרנעמט זיך ניט דערמיט; — אַליין דאָס, און דאָס עדות זאָגן פון דעם לייטענאַנט, וואָס האָט באַשטעטיקט, אַז ווען ער האָט אים געטראָפן ביי אַט דער שאַרף־מלאכה און האָט אים אַ פרעג געטאָן, וואָס ער טוט, האָט יענער ניט געלייקנט, נאָר פאַרקערט, האָט גאָר טראַציק אָפּגעענטפערט, אַז יאָ, אַז דאָס האָט ער זיך טאַקע מיט אַט דעם באַשעפטיקט, — אַט דאָס אַלץ איז גענוג געווען, מ׳זאָל זיך מיט מאיר לאַנדשאפּט ערנסט פאַרנעמען און מ׳זאָל אים גלייך איבערגעבן אין די הענט פון אַ געוויסן אויספאַרשער, צו וועמען מ׳האָט אים אָפּגעפירט אין אַ געהיים־געהאַל־טענעם און פאַררוקטן צימער אין דער גרויסער, טויב־קלינגענדיקער קאָמענדאַנטור־געביידע.

דער אויספאַרשער — אַ הויכער, אַריסטאָקראַטיש־אויסזעענדיקער פאַרשוין, מיט שטאַרק אויסגעריבלטע באַקן, ווי ס׳זעט אויס, פון זינד־נעכט און פון פיל לעב־יאָרן, איצט אַ שטרענגער, אַ שטאַרק־שווייגנ־דיקער, מיט אַ זייטלדיקן קוק, ווי ביי אַ האָן, און אין אויג אַ מאָנאָקל.

מ׳קאָן ניט זאָגן, אַז מ׳האָט אים דאָרט שטאַרק געפּייניקט, מאיר לאַנדשאפּטן. נאָר אַליין דער אָפּגעזונדערטער און שטאַרק־פאַררוקטער צימער אין לאַנגן, טויבן קאָרידאָר פון דער קאָמענדאַנטור־געביידע, אַליין דאָס שווייגנדיקע האַלטן זיך און זייטלדיקער קוק פונעם אויס־פאַרשער מיטן מאָנאָקל, וואָס דאָס אויג האָט אים דורך דעם אויסגעזען, ווי ביי אַן אַלטן, קרענקלעכן בערקוט מיט אַ שלעכטן געוויסן, — אַליין דאָס איז גענוג געווען, אַז מאיר לאַנדשאַפּט, אַ שטילער, אַ געלערנטער און אַ מיוחס, וואָס האָט קיינמאָל מיט קיין מלוכה־מאַכט ניט צו טאָן געהאַט און קיינמאָל זיך ניט געטראָפן אין דער לאַגע פון צו דאַרפן זיין אויסגעפאָרשט, ובפרט פון אַזאַ סאָרט אויספאַרשונג, — אַליין דאָס איז גענוג געווען, ער זאָל זיך גלייך פון אָנהויב אָן פילן, ווי אין איינער אָן אָפּטיילונג פון גיהנום...

ער האָט, אמת, צוערשט זיך געפּרואווט האַלטן פריי און ניט גע־צוואונגען פאַרן אויספאַרשער, זייענדיק דאָ אַליין און אויסער דער

סכנה, וואָס איז אָקאָרשט אין דער היים פאַרגעשטאַנען זיין וואַנדען...
ער האָט די כלומרשטע באַשולדיקונג, וואָס מ׳האָט אים אויסגעשטעלט, געהאַלטן פאַר גרינג און פאַר אַזאַ, וואָס ס׳וועט אים לייכט זיין זי צעשלאָגן און מאַכן צונישט. ער האָט, קומענדיק פאַרן אויספאַרשער, אויך צוזאַמענגענומען זיין גאַנצן ביסל קענטעניש, דערוואָרבן אין די ביכער, וואָס זיינען געשריבן אויף יענער שפּראַך, אויף וועלכער ס׳האָט זיך צו אים געווענדט דער אויספאַרשער, דענקענדיק אי באַשיידן, אי אויך אַ ביסל באַרימעריש זיך אַ באַוויז טאָן, אַז ער, דער אויספאַרשער, זאָל הייסט עס, זען, אַז ער האָט דאָ צו טאָן ניט מיט אַבי וועמען, נאָר מיט אַ מענטש, וואָס אויסער זיין לאַגע אַלס אַנגעזעענער מענטש אין שטאָט, פאַרשטייט ער נאָך אין די ווערק פון אַ קלאָפּשטאָק, אַ שפּילהאַגען און שילער, וואָס דערפון דאַרף יענער, דער אויספאַרשער, במילא פאַרשטיין, אַז אַליין דאָס האָבן אַ שייכות און באַהאַוונט זיין אין אַזוינע זאַכן איז שוין, דוכט זיך אַ גענוגענע גאַראַנטיע און קאָן דינען פאַר אַ שטיק שוץ פאַר אַזאַ איינעם, אַז קיין שלעכטע אויסטראַכטעניש און קיין שום חשד זאָל צו אים ניט צושטיין...

דער אויספאַרשער האָט אויף אים געקוקט קאַלט און גלייכגילטיק. ער האָט אים געלאָזט זיך אויסריידן און ווי אים געמאַכט גלויבן, אַז אַלץ, וואָס ער זאָגט, מאיר לאַנדשאַפט, נעמט ער אָן ווי אַ גילטיקע און ווערטיקע מטבעה — אַ באַוויז אויף זיין אומשולד, און אַז דער לייטענאַנט, וואָס האָט אים געבראַכט אַהער, האָט כלומרשט געמאַכט אַ פעלער, חושד זייענדיק אַ מענטש, וואָס שטייט אויסער חשד.

דער אויספאַרשער האָט אים אויסגעהערט, ער האָט לאַנג אים אין מויל געקוקט און, שווייגנדיק, ווי געציילט זיין יעדעס וואָרט, ביז אַ לעצטנס, וואָס דאָס האָט שוין דערלויבט מאיר לאַנדשאַפטן צו מיינען, אַז אָט־אָט וועט מען זיך אַפילו פאַר אים אַנטשולדיקן, אים הייסן גיין אַ פרייגעלאָזטן און אַ מענטש, וואָס האָט באמת אומזיסט און אומנישט אַריינגעטראָפן אַהין, וואוהין ער קער ניט.

אַזוי האָט ער געמיינט, און דאָ האָט זיך מיטאַמאָל דער אויספאַרשער אַ הייב געטאָן פון זיין בענקל, אויף וועלכן ער איז געזעסן, וואָס דאָס האָט געצוואונגען מאיר לאַנדשאַפטן, — ער ווייסט ניט פאַרוואָס — אַז אויך ער זאָל זיך פון אַנטקעגן יענעם פון זיין בענקל אויפשטעלן, דערפילנדיק אין דער לעצטער מינוט, אַז יענעמס אויפהייבן זיך איז עפּעס ניט צום גוטן. ווירקלעך...

מען קאָן ניט זאָגן, אַז אויך איצט איז זיך דער אויספאַרשער באַ־

גאַנגען מיט מאיר לאַנדשאַפּטן, ווי ס׳פּלעגן זיך באַגיין אַלע יענע מאַכט־אויספאַרשער, לויט דער איינגעשטעלטער פּראַקטיק, נאָכן פאַרהער. מ׳האָט אים ניט אַריינגעשליידערט אין אַ זייטיק צימער, וואו געוויסע גע־סטאַפּאָ־לייט זאָלן אים נעמען אין דער „אַרבעט״: אים באַפוילן אַרויפ־קריכן אויף אַ טיש און זיך זעצן אויף אַ בענקל, וואָס איז דאָרט געשטאַ־נען, און דערנאָך זאָל דאָס בענקל אַרויסגעשלאָגן ווערן פון אונטער אים, ער זאָל פאַלן און רוק־און־לענד ברעכן; מ׳האָט אים ניט געשלאָגן מיט קיין גומי־שטעקן; אויך ניט דערלאַנגט מיט אַ פויסט אין קין, ציין אַרויף, און געצוואונגען צו פאַררייסן דעם קאָפּ אַלץ העכער, העכער, ביז אוממעגלעך, ביז דער האַלדז זאָל זיך אים שיער ניט איבערברעכן.

ניין, דאָס מאָל האָט דאָס דער אויספאַרשער געמאַכט אַליין, אָן קיינעמס הילף, אי דאָס אויך ניט אַזוי האַרב... ער איז נאָר שטיל, אָן ווערטער, צוגעגאַנגען צו מאירן, און אַזוי ווי יענער איז פאַר אים גע־שטאַנען עטוואָס אַ פאַרוואונדערטער און שוין אָן איבערגעשראָקענער, אַזוי האָט ער אים אָנגענומען מיטביידע הענט פאַר די ביידע זייטן באָרד, און מיטאַמאָל אַזאַ האַסטיקן ריס און צופּ געטאָן, אַז באַלד האָבן זיך ביים אויספאַרשער אין די הענט צוויי זשמוטעס שטאַרק פאַרקלאַ־מערטע האָר שטעקן געטראָפן, און ביי מאיר לאַנדשאַפּטן ביידע באַקן אויסגעפּליקט, מיט אַ קליינעם נשאר האָר־סימנים אויף זיי, ווי סטערניע נאָך שניט — מער ניט.

— גיי, — האָט דעמאָלט דער הויכער, אַריסטאָקראַטיש־אויס־זעענדיקער אויספאַרשער, מיטן בליק פון אַ קראַנקן בערקוט און מיט אַ שלעכטן געוויסן, אַ זאָג געטאָן צו מאיר לאַנדשאַפּט. — גיי, און דאָס האָסטו דיר פאַר די מעסערס, וואָס דו האָסט געשאַרפט, ווי דו זאָגסט, פאַר דיין יידיש־פאַרשטונקענעם שבת. פאַרנעם זיך, און אַז מ׳וועט דיך דאַרפן, וועט מען דיך נאָך רופן, אָן אָפּגעפּליקטן.

7.

ער איז אַרויס... אָבער ווער פון די היימישע און באַקאַנטע ס׳וואָלט אים דעמאָלט באַגעגנט, אַהיימגייענדיק פון פון דער קאָמענדאַנטור, וואָלט אים זיכער ניט דערקענט: אַזוי האָט ער זיך געביטן פאַר דער צייט פון זיין אָנקומען אַהין ביז זיין צוריק אַרויסגיין פון דאָרט, אי דערפון, וואָס די האָר פון באָרד זיינען אים געמינערט געוואָרן, אי דערפון, וואָס זיין געוויינלעכע שטילקייט האָט זיך אויף אַזויפיל געמערט, אַז מיט זיין הויכלעכן וואוקס און מיט זיין שטילן און פאַרדמיונטן שפּאַן האָט ער

שוין שיר־שיר ניט געכאַפּט דעם אַנבליק פונעם באַוואוסטן טרויעריקן ריטער, ווי מ׳מאָלט אים, ד. ה., ווי איינער, וואָס האָט עפּעס אינערלעך אָפּגעברענט און אַליין זעט ער אויס ווי אַ שטעקן־געבליבענער קוימען אויף זיין געוועזענעם בנין.

אַז ער איז אַהיים געקומען, האָט מען אים פאַרשפּאַרט פרעגן, וואָס איז געשען, מ׳האָט געזען, ניט פרעגנדיק, און מ׳האָט גלייך פאַרשטאַנען זיין פאַרשטעלטן און ניט אַרויסגעזאָגטן מיין: צו בלייבן אַליין אין זיין אָפּגעזונדערטן צימער, ביז דער בזיון וועט איבערגיין און ביז די האָר פון באָרד וועלן אים אָנוואַקסן.

מ׳איז אים ניט נאָכגעגאַנגען אין צימער, ניט קיינער פון זיין הויז־געזינד, אויסער נאָר חנה־גיטל זיין ווייב, אויף אים צו דערלאַנגען און באַדינען, און אַפילו זי, ווען זי איז צו אים אַריין, האָט זי די ערשטע שעה׳ן און אויך אַפילו די ערשטע טעג קיין איינציק וואָרט כמעט פון אים ניט געקאָנט אַרויסציען. אַפּנים, אַז מיטן ריס פון אויסן איז אים אויך אינערלעך עפּעס אָפּגעריסן געוואָרן. ער איז געבליבן פאַרשטומט. און דאָס איינציקע, וואָס האָט אים געהאַלטן, געשטאַרקט און געטרייסט אין זיין אָפּגעזונדערטקייט, איז געווען, מעגלעך, נאָר דער געדאַנק, וואָס מיטן נעמען אויף זיך דעם בזיון פון דער קאָמענדאַנטור און פון יענעם אויספאָרשער־פאַרשוין מיט די גריבלדיקע באַקן, מיט די לאַנגע פיס און מיטן מאַנאָקל — מיט נעמען אויף זיך דעם בזיון פון פילן דעם ריס פון יענעמס הענט, האָט ער, מאַיר לאַנדשאַפט, פאַרט דאָך געראַטעוועט די ערע פון זיין קינד, פון וואַנדען, וועמען ס׳איז פאַרגעשטאַנען אויף אַ פיל ערגערן אופן, ווי ער, געשענדעט צו ווערן.

— אַדאַנק דעם השם־יתברך, — האָט ער געוויס געטראַכט אַלעמאָל, ווען חנה־גיטל איז צו אים אַריין און ער האָט זיך גענומען ביי איר דער־פרעגן: וואָס ס׳הערט זיך אין שטאָט, וואָס רעדט מען, וואָס שמועסט מען, און... וואָס מאַכט וואַנדע? — האָט ער אַלע מאָל זיין אויספרעגן פאַרענדיקט, בלייבנדיק ווייטער אין זיין ערי־מקלט פאַרשפּאַרט, ניט וועלנדיק זיך ווייזן פאַר דער וועלט און פאַר מענטשן אָן זיין געוויינלעכן הדרת־פנים.

ס׳האָט אָבער אויך אָט די טרייסט ניט לאַנג געדויערט: ניט אומ־זיסט איז דער לייטענאַנט מיט זיין זעלנער־טייל, מיט דעם פאַרשטייער פון דער קהלה, דעמאָלט צו אים מיטן באַזוך געקומען. מ׳האָט אין פיל יידישע הייזער, ווי אויך אין ניט־יידישע, פיל פרויען פאַררעגיסטרירט, אויסגענומען פרויען, וואָס האָבן זויג־קינדער, אויסגענומען אויך

מעוברתע, און פון מאיר לאַנדשאַפּטס שטוב האָט אין צעטל פאַר־רעגיסטרירטע אַריינגעטראָפן וואַנדע.

ווי אַזוי מ׳האָט דאָס געמאַכט און ווי אַזוי מ׳האָט דורכגעפירט דאָס פאַרנעמען אָט די פרויען אויף אומדערהערטער שענדלעכקייט, איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך, וואָס האָט אין קיינע רשעותדיקע כראָניקעס, וואָס די וועלט וויסט, צו זיך קיין גלייכן. ווי אַזוי מ׳האָט אָפּגעריסן קינ־דער פון היימען, ווי מ׳האָט זיי געפּאַקט אין פראַכט־וואַגאָנעס, נאָר מיט איין קליין פאַרגראַטעטע פענצטערל ביי איינער אַ וואַנט פון אויבן; וויפל מ׳האָט אין איין וואַגאָן אַנגעשטאָפּט; ווי אַזוי מ׳האָט זיי אויפן וואָקזאַל געזאַמלט און ניט דערלאָזט קיין עלטערן, קיין קרובים זיך קומען געזעגענען, און ווי אַזוי די געפּאַקטע צוגן מיט אָט די פאַרנומענע האָבן זיך פון די וואָקזאַלן געריירט, און וויפיל טרערן, געוויינען און שטילע חלשותן ס׳האָבן זיך אַרויסדערהערט פון די אָפּגעשלאָסענע וואַגאָנעס דורך די פאַרגראַטעטע קליינע פענצטערלעך — וועגן דעם רעדט מען ניט איבעריקס, ווייל ס׳איז גענוג, וואָס מ׳ווייסט.

מ׳דאַרף זיך פאַרשטעלן, וואָס אין אָט די אַלע הייזער האָט זיך אָפּגעטאָן, בעת קינדער האָבן צום ערשטן מאָל טאַטע־מאַמעס שוועל אַריבערגעטראָטן אויף שוין קיינמאָל זיך ניט אומצוקערן, און אויב יאָ זיך אומצוקערן, איז שוין בעסער, דוכט זיך, וואָלט מען זיך געוואונטשן, אַזביידע זאָלן דאָס ניט דערלעבן, ניט אַליין די פאַרנומענע און ניט יענע, וועמען זיי זיינען אייגן און טייער געווען.

מ׳דאַרף זיך פאַרשטעלן, וואָס ביי מאיר לאנדשאפּט האָט זיך געטאָן — מיט אַלע, מיט חנה־גיטלען, מיט די עלטערע קינדער, מיט די שוועסטער און ברידער, אָפּגערעדט שוין — מיט וואַנדען אַליין, אָבער מער ווי מיט אַלע, מיטן פאָטער, מיט מאיר לאנדשאפּט. ער, מאיר, האָט די גאַנצע טעג, ווען מ׳האָט וואַנדען אויסגעריכט אין וועג (לויט דער פאַראָרדענונג, האָט מען באַדאַרפט מיטנעמען שיך, קליידער און עסן אויף איניקע טעג, כלומרשט מ׳פאַרט אויף אַרבעט), ווען אין שטוב האָט זיך אַלע מאָל דערהערט אַ קריי, אַן אויסגעשריי אַמאָל פון איינעם, אַמאָל פון אַ צווייטן פון די שטוב־אייגענע, וואָס האָט היסטעריש אויפגעפּלאַצט; — אין די אַלע טעג האָט זיך מאיר לאנדשאפּט ניט געוויזן, גלייך ניט קיין היגער. אויך ניט דעם לעצטן טאָג, ניט די לעצטע שעה און די לעצטע מינוט אפילו, ווען וואנדע האָט זיך שוין מיט אַלע אָפּגעזעגנט, באַגלייט פון ווילדע קולות פון דער מוטער, חנה־גיטל, ווי אויך פון ברידער, שוועסטער און אַנדערע קרובים, — אַפילו דע־

מאַלט, ווען וואַנדע איז צום פּאַטערס אַלקער צוגעקומען און פון צווישן אַלע געשרייען אין שטוב האָט זיך פון דער זייט אַלקער־טיר געהערט איר קול מיט אַ געבעט: „טאַטע, עפן, כ׳וויל זיך מיט דיר געזעגענען“. אויך דעמאַלט האָט מאיר לאַנדשאַפט זיך ניט אָפּגערופן, ניט געעפנט די טיר און אויף וואַנדעס האַלדז זיך ניט אַרויפגעוואָרפן. ער האָט די ערשטע מינוט געשוויגן, דערנאָך האָט ער אַ זאָג געטאָן: — ניין, טאָכטער, כ׳קאָן ניט. — ניט פון אכזריות, פאַרשטייט זיך, נאָר דערפון, וואָס קיין הארץ האָט אים ניט געקלעקט. שטייענדיק אַזוי הינטער דער טיר, האָט וואַנדע דעמאַלט, דוכט זיך, דערהערט אַ געוויין, וואָס האָט זי לאַנג אין וועג באַגלייט, און אַפילו שוין אויפן אָרט קומענדיק, פאַר־פאַלגט, — אַ געוויין פון אַ מאַנצביל, וואָס קלאָגט ניט נאָר אויף זיין אייגענעם חורבן, נאָר ווי אויף אַ חורבן פון אַ גאַנצער וועלט.

דאָס האָט שוין וואַנדע ניט איבערגעטראָגן און איז אַוועק — אַ ניט געזעגנטע, אַ ניט געבענטשטע און אַ ניט געאַרעמטע פון איר טאַטן פאַרן אָפּשייד... זי האָט נאָר, אין אָוונט, אויפן וואָקזאַל, ווען דער צוג איז אָפּגעפירט געוואָרן אויף אַ וויטער ליניע, כדי קיינער, אַפילו פון די באַן־באַאַמטע, זאָל ניט זען, ווי אַזוי די פאַרנומענע פּרויען וועלן אָפּפאָרן; ווען אייניקע פון אָט די פאַרנומענע און פון קיינעם ניט באַ־גלייטע האָבן זיך צוגעשטעלט אין יענעם וואַגאָן, וואו ס׳האָט זיך געפונען אויך וואַנדע, צום הויכן פענצטערל, צו וועלכן זיי האָבן קוים דערלאַנגט, געזעגענענדיק זיך מיט לעצטע בליקן מיט זייער היים, פון וועלכער זיי זיינען אַרויסגעריסן געוואָרן, — אָט דעמאָלט האָט אויך וואַנדע, צווישן אַנדערע, דעם קאָפּ צום פענצטערל געשטרעקט... זי האָט קיינעם דעמאָלט אין זינען ניט געהאַט, אַפילו ניט די מוטער, וואָס אירע לעצטע ליב־קושונגען האָט זי נאָך געפילט אויף איר קאָפּטל, נאָענט לעבן דער ברוסט, ווען יענע האָט בעתן געזעגענען אין איר ברוסט אַריינגעווײנט און לאַנג דאָרט דעם קאָפּ באַגראָבן געהאַלטן, ניט קאָנענדיק זיך פון איר אָפּרייסן, — ניין, ניט די מוטער, ניט קיינעם האָט זי געהאַט אין זין, נאָר געדענקט האָט זי בלויז דעם פאָטער, פאַרשטעלנדיק זיך, ווי אַזוי ער שטייט הינטער דער פאַרשלאָסענער טיר, הערט איר געבעט, דאָס געבעט פון זיין אַזוי־געליבטער מעזינקע, וואַנדע, און ווי אַזוי ס׳קלעקט אים קיין האַרץ ניט די טיר צו עפענען, אַרויסגיין און אויף איר כאָטש אַ קוק טאָן פאַרן אָפּגיין.

ריווע יאָסל בונציעס

(וועגן אַ פּערטן פּאַל אינעם געוועזענעם אָקופּירטן פּוילן)

זי איז שוין אַפילו אינעם אַלט־פּרענקישן פּרום־אָפּגעשטאַנענעם, יידיש־פּוילישן קליין שטעטל געווען אַ חידוש — אַ מין געשיכטלעך רעשטל, אין אַ מוזיי זי אַרויסצושטעלן.

— ווער?

— ריווע יאָסל בונציעס, וועלכע מ׳האָט געקאַנט זען סיי ווינטער, סיי זומער אין אַ לאַנגן ראָק מיט ניט פאַרשפּיליעטע פאַלעס, מיט אַן אַלט־מאָדישן קאַפּאָר נאָך פון מלך סאָביעסקיס צייטן, מיט אַ יאַמשע־נעם שטאָק מיט אַ ווייס־ביינערנער סקיפקע, ווי ביי אַן עפּיסקאָפּ, אין איר ברייט־צעשטעלטן און סאָליד־שווערלעכן גאַנג ווי פון אַ הויך־גייסטלעכן.

מ׳האָט זי אויך אַלע מאָל געזען ניט אַליין, נאָר מיט אַן אונטער־געוואַקסן מיידל, אַ יתומה, וועלכע האָט זיך ביי איר אויפגעהאָדעוועט, זיך דערצויגן, און וואָס זי, ריווע, האָט געהאַלטן פאַר איר מצווה צולעצט זי אויסצוגעבן, זי חתונה מאַכן, און אויפן אָרט פון דער אויסגעגעבענער באַלד אַריינקריגן אַ נייע צום דערציען.

די יתומה, וואָס פלעגט זי באַגלייטן, פלעגט טראָגן אַ צדקה־פושקע, מיט וועלכער ריווע פלעגט זיך אָפּט לאָזן איבער דער שטאָט, — מערסטנטייל, צו די היגע באַלעבאָטים אויפצוקלייבן פאַר נויט־באַדערפטיקע און אַן אַנדערס מאָל צו פרעמד־אַנגעפאַרענע סוחרים, הענדלער, וואָס פלעגן זיך, ווען־ניט־ווען, אין שטעטל באַווייזן.

די בעלי־אכסניהס פלעגן איר וועגן די אָנגעפאָרענע מודיע זיין, און דעמאָלט פלעגט זי זיך אַריינשטעלן מיט איר גאַנצער גרויס, מיטן ניט־פאַרשפּיליעטן ראָק, מיטן יאַמשענעם שטאָק צום אורח, ביי וועמען זי האָט געמיינט עפּעס קריגן, און אַ זאָג געבן ניט ווי קיין געוויינלעכע גבאיטע מיט זיסע רייד און געמאַכטע תחנונים, נאָר באַפּוילעריש, גלייך ס׳קומט איר, און דערביי אויך ניט אירצענדיק קיינעם, סיי יונג, סיי אַלט.

— סוחר, גיב צדקה אויף אָרעמע לייט.

ווער ס׳האָט, זי דערזעענדיק, גלייך געגעבן, אָן טענות — איז גוט, ווער אָבער ס׳האָט זיך געוואָלט דערוויסן, ווער זי איז, — צי סתם פון נייגער, צי כדי זיך משער זיין, וואָס פאַר אַ סאָרט נדבה ער זאָל אויסטיילן לויט איר ראַנג, און האָט אַ פרעג געגעבן: „ווער זייט איר? און אויף וואָס נעמט איר צונויף דאָס געלט? פלעגט ריווע ענטפערן:

— פרעג ניט, סוחר־מוכר, נישקשה, שטאָט קאָן מיך און ווייסט, אַז ניט איך, ניט מיינע אָרעמע לייט ווען דיין נדבה ניט פאַרנאַשן.

אַז אַזאַ איינער האָט אַמאָל געקמצנט און ניט געגעבן, ווי וועדליק ריווע האָט אים געשאַצט לויט זיין אויסזען און פאַרמעגן, פלעגט זי אויף אים אַ שטרענג־מאָנענדיקן קוק טאָן פון אויבן ביז אַרונטער, און אַ זאָג געבן:

— ברייטער! מילדער! סוחר־מוכר... צעעפן, צעעפן גאָטס בייטל, וואָס איז ניט דיינער...

מ׳האָט געזען, אַז מיט אַזאַ דאַרף מען זיך ניט אָנהויבן, זיך ניט קעגנשטעלן, ניט דערווידערן. מ׳האָט נאָכאַמאָל די האַנט אין קעשענע אַריינגעטראָגן און נאָך עפּעס צוגעטראָגן צו דער פּושקע, און דעמאָלט פלעגט ריווע צושאָקלען מיטן קאָפּ מיט הסכמה און ווידער צוגעבן:

— גיב, גיב, נישקשה, וועסט צו דיין גאָב ניט דערלייגן!

זי פלעגט, באַקומענדיק וואָס געדאַרפט, זיך אויסדרייען מיט איר גרויס־מענערישן גוף, וואָס האָט זיך שוין ניט גלייך געהאַלטן אויף אירע פיס, נאָר אַ ביסל איבערגעבויגן פון דער רעכטער זייט אויף דער לינקער, ווי עטוואָס צוהינקענדיק פון עלטער; און קוקנדיק אויף איר אַלט־מאָדישן קאָפּאַר, וואָס האָט זיך געבונדן מיט צוויי בענדלעך אויף אונטער איר גאָמבע פון פאָרנט, און וואָס אונטן האָט ער אויסגעזען, ווי אַ מין פרעמד־פויגלשער טשוב, האָט מען זי אַרויסבאַגלייט אי מיט פאַרוואונדערונג, אי מיט אַ ביסל שמייכלענדיקן דרך־ארץ, ניט וויסנדיק פאַרוואָס דער שמייכל און פון וואַנען דער דרך־ארץ...

אַזוי פרעמדע. דאָס אייגענע שטעטל אָבער האָט זי גוט געקאָנט און שטאַרק ערלעך געהאַלטן, ווי אַ מין אַלגעמיינע באָבע, פון וועמען אַלע קומען אַרויס, און מאָנצבילן האָבן איר דעם געהעריקן כבוד אָפּ־געגעבן און ווייבער פלעגן זיך צו איר קומען בענטשן.

ס׳איז ניט געווען קיין חתונה אין שטעטל, אויף וועלכער ריווע זאָל די ערשטע חתן־כלה ניט צוזווינטשעווען, — קיין ברית, וואו ריווע זאָל ניט נעמען קוואַטערשאַפט, און מיט פאַרשיידענע ווייבערישע שאלות

און נאָך עצות איז מען צו איר געגאַנגען מער ווי צום רב.

זי האָט דאָס אויך פאַרדינט: ווי אַ וואוילקענענדיקע, אי אַזאַ, וואָס שטעלט אויף זיך ווי אַ שטאַרקער תקיף אין דער דעה, — האָבן דערום די ווייבער געקוקט אויף איר, ווי אויף אַן אָנפירערין, ווען מ'דאַרף הערן, פאָלגן און מיט איר וואָרט זיך רעכענען.

זי האָט טאַקע געשפּילט די ראָל פון אַזאַ: מ'האָט זי באַדאַרפט זען, זאָגט מען, אַמאָל, תשעה באב אויף דער נאַכט, צו קינות, ווען אַ האַלב שטעטל ווייבער פלעגן זיך צו איר צונויפקומען און האָבן זיך געפונען אויסגעזעצט אויפן פּאָל, מיט קאָלדרעס פאַרשפּרייט, מיט ריוון אינ־דערמיט, וואָס האָט אויסגעזען, ווי אַ קייסערן, וואָס האָט פון איר גדולה אַראָפּגענידערט — אויף אַ קישן, מיט אַ ליכט אין דער האַנט, אַרויס־לייענענדיק פאַר אַלע פונעם טייטש־חומש וועגן חורבן בית־המקדש.

מ'האָט באַדאַרפט הערן די שטרענגע ריווע, ווי אַזוי זי לייענט, — מיט וואָס פאַר אַן אויסדריקלעכקייט, און ווי יעדעס בילד פון חורבן קומט ביי איר אַרויס אַזוי בוילעט, ווי גלייך ס'איז ערשט נעכטן געשען; ווי אַזוי, למשל, דער רשע נבוזראַדן טרייבט די יידן, אַלט און יונג, אין קייטן געשמידט דורך דער מדבר, וואו זיי האָבן באַקומען צו עסן נאָר געזאַלצנס, און אַז זיי האָבן זיך געבעטן אַ טרונק, האָט מען זיי דער־לאַנגט לאָגלען אָנגעפּילט מיט לופט, צו וועלכע זיי האָבן זיך דורשטיק צוגעכאַפּט און זיי זיינען געבליבן דערשטיקט; און ווי אַזוי, ווידער, אַז מ'איז געקומען צו די טייכן פון בבל, האָבן די פּענגער געפאָדערט ביי די לוויים, זיי זאָלן זיי זינגען, שפּילן אויף זייערע כלים פון די לאַנד־לידער, פון ציון; און ווי אַזוי די אויפגעפאָדערטע געפאַנגענע האָבן זיך, ריכטנדיק דערויף, אַפּריער די פינגער אָפּגעהאַקט, און האָבן אָפּגעענטפערט די פּענגער: „איך נשיר?... ווי אַזוי זאָלן מיר שפּילן? זעט, מיר האָבן קיין פינגער ניט"... און דערביי האָט ריווע פאַר די אויף דער ערד פאַרזאַמלטע און אויסגעזעצטע ווייבער אַ האַנט אויפגעהויבן צום באַווייז, און ווייבער האָבן, קוקנדיק אויף איר, זי געזען, ווי ביי די לוויים — אַן אָפּגעהאַקטע און...

אַזוי אויך האָט מען זי באַדאַרפט זען אַן אַנדערש מאָל, ראש־השנה, צו די רעכט־געדיכטע תפילות, ווי למשל, צום „ונתנה תוקף". ווען די וואָגשאָל אין הימל וויגט זיך: אָט וועגן אַריבער די זינד, אָט די זכיות... צום לעבן, אָדער, חלילה — פאַרקערט... און ווען דאָס האַרץ ביי אַלע בעטנדיקע פאַלט אָקאָרשט ניט אַרויס פון פּחד פאַרן גורל, וואָס דאַרף באַלד אָנגעצייכנט ווערן פאַר זיי, פאַר זייערע מאַנען,

קינדער און אייגענע... אַט דעמאָלט האָט מען באַדאַרפט זען ריוועץ, ווי נאָכדעם, ווי זי האָט אָפּגעבעטן וואָס געדאַרפט, אַליין פאַר זיך, פּלעגט זי זיך אויפהויבן פון אָרט ביים שטענדער, וואו זי זיצט, אין איר גאַנצער גרויס, און אָנגעשפּאַרט אין שטעקן, וואָס אָן אים האָט זי זיך שוין ניט געקאָנט באַגיין, האָט זי גענומען אומשפּאַנען צווישן אַלע איבעריקע שטענדערס, וואו אַלע אַנדערע זיצן; און ווי אַ הויכער קאָמאַנדיר, וואָס האָט צו זאָגן און צו באַפעלן זיינע זעלנער, נעמט דערוועקן די הערצער פאַרן שלאָכט, איידער אַלעמענס מזל לייזט זיך, אַזוי האָט זי, ריווע, דעמאָלט אַ זאָג געטאָן אין דער הויך, אַז אַלע זאָלן הערן:

— ווייבעלעך, הערט... קוקט זיך נאָר אַרום, צי איז ניטאָ דער מלאך־המות צווישן אייך...

יאָ, שטאָט האָט זי געאַכטעט, און מ'האָט איר אָנטקעגן געטראָגן אי דעם כבוד, אי דאָס, וואָס יעדערער האָט באַדאַרפט געבן, לויט איר פאָדערונג, קומענדיק מיט דער יתומה מיט דער פּושקע, לטובת אירע נויטבאַדערפטיקע, וואָס זי האָט זיך אונטערגענומען זיי צו באַזאָרגן.

זי האָט זעלטן ווען באַדאַרפט מיט עמיצען זיך דינגען, איינריידן, און אויב זי האָט אַמאָל באַמערקט, אַז מ'קווענקלט זיך, פּלעגט זי זאָגן:

—... שוטה איינער... וואָס? ווילסט ניט? איז ניט!... וועל איך פאַר דיר געבן... כ'וויל נאָר ביי דיר די מצווה ניט צונעמען... איך האָב גענוג...

און אמת טאַקע, זי האָט געהאַט, ריווע: אויסער דער מצווה פון דערציען יתומות ביז אַ געוויסן עלטער און דערנאָך זיי חתונה מאַכן מיט גרויס פּאָמפּע, מיט שיינעם אויסשטייער, מיט קלעזמער, מיט כלי־קודש, ביי דעם אָנטייל כמעט פון דער גאַנצער שטאָט באַלעבאַטים; אויסער דעם און אויסער אירע זאַמלונגען לטובת אָפענע אָרעמע לייט און אויסבאַהאַלטענע יורדים, וועגן וועלכע קיין אַנדערע האָבן ניט באַ־דאַרפט וויסן; אויסער דעם האָט זי געהאַט נאָך איינע אַ מצווה — צו באַגלייטן אויף אַ ידיש־לייטישן אופן אַן עלנטן, אָן קינדער, אָן קרובים, ווי אַ פאַרוואָגלטן לאַנד־גייער, וואָס די יאָרן זיינע זיינען אים אויסגעגאַנגען דאָ אין שטעטל, און וואָס אויסער איר, ריוועץ, איז ניט געווען ווער ס'זאָל זיך מיט אים מטפל זיין.

דעמאָלט האָט מען זי געקאָנט זען אָן דער יתומה, אַליין, מיטן זעלבן ניט־פאַרשפּיליעטן ראָק, מיטן שטאָק און מיטן קאַפּאָר, טראָגנדיק אַ פּאָר זילבערנע, אויסגעשייערטע לייכטער פון פיינער מלאכה, מיט אַ ברייטלעכן געשטעל און פאַרשיידענע באַפּוצונגען. זי פּלעגט קומען

צום מת, ווענן וועלכן חברה־קדישא האָט איר פריער צו וויסן געטאָן, אָנצינדן ליכט אין זיי, זיי אָוועקשטעלן צוקאָפּנס ביים מת, און איידער מ׳האָט דעם מת זיין רעכט געטאָן, פלעגט זי אַרום אים אַרומגיין און אויך באַווייגען, ווי מ׳באַדאַרף.

אַז מ׳האָט זי דערזען גיין מיט די לייכטער, האָט מען געוואוסט, אַז אין שטאָט איז אַ מת־מצווה, צו וועלכן ס׳האָבן זיך צוערשט גענומען קלייבן ווייבער פון פאַרשיידענער עלטער, דערנאָך אויך מאַנצבילן, ביז צום סוף האָט זיך שוין אָנגעקליבן אַזאַ עולם, אַז די לויה איז אַלע־מאָל, אין אַזאַ פאַל, געווען אַ סך אַ גרעסערע אַפילו ווי ביי אַ מערסט־באַוואוסטן תושב אין שטאָט.

אגב, מ׳דאַרף זאָגן, אַז אָט דאָס צונויפגיין זיך פון דער גאַנצער שטאָט צו דער לויה פלעגט פאָרקומען ניט אַזוי פון דרך־ארץ פאַרן מת, ווי פון דרך־ארץ פאַר די זילבערנע לייכטער, וועלכע ריווע האָט פייערלעך געטראָגן, ווי אַ מין הייליקייט, וואָס איז איר אַממערסטן טייער.

און טאַקע: דאָס זיינען געווען די לייכטער פון איר פאָטער יאָסל־בונציעס, וואָס פאַרן טויט האָט ער זיי אָפּגעשריבן דעם מאַן פון ריווען, פון זיין איינציקער טאָכטער, ער זאָל זיי האָבן אָנגעצונדן אַלע מאָל ביים לערנען, וואָס נאָר מיט דעם איז ער געווען באַשעפטיקט, ניט וויסנדיק פון קיין אַנדער טועכץ.

ער איז געווען אַ צאַצקע, אַן אויסגעשפּילטע כלי, לויט דער פרום־פאַרצייטיקער פאַרשטעלונג, ריוועס מאַן, און יאָסל בונציעס האָט אויף אים אי די וועלט, אי יענע אויסגעשטעלט: — די וועלט, ווען יענער וועט אים זיין אַ לעבעדיקער כבוד, און יענע, ווען יאָסל בונציעס האָט זיך דערמאָנט, ווי אַזוי זיינע לייכטער וועלן תמיד זיך געפינען פאַר די אויגן פון דעם וואָס איז פאַרטאָן אין תורה, פון וועלכער ער טוט ניט אָפּ זיין אויג און מויל ניט בייטאָג, ניט ביינאַכט, ניט כמעט קיינמאָל.

אָט די לייכטער פלעגט יאָסל בונציעס זיך דערלויבן אויסנוצן נאָר ראש־השנה און יום־כּפור, מחמת זייער גאָר גרויסער חשיבות, און דעם איידעם האָט ער זיי געגעבן, זיי זאָלן אים אַ גאַנץ גייענדיק יאָר דינען.

כאָטש יאָסל אַליין איז אויך ניט געווען קיין פּראָסטאַק, קיין אַבי־ווער, קיין קטלא־קניא, ווי מ׳זאָגט; כאָטש ער אַליין אויך אַ מענטש פון דאַווענען און לערנען, דאָך אָבער איז ער זיין מערסטע צייט געווען פאַר־

נומען מיט עפּעס אַנדערש, האַבנדיק צו טאָן מיט פּריצים, פון וועלכע ער האָט געצויגן זיין פאַרמעגלעך־נגידישע חיונה, ליפערנדיק זיי וואָס זיי דאַרפן צו זייער פּריצישן געברויך, און אָפּקויפנדיק ביי זיי, וואָס אין זייער פעלד־ און וואַלד־ווירטשאַפטן איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אויף מסחר.

ער, יאָסל בונציעס, איז אויך געווען פון דער זעלבער גרויס און וואוקס ווי זיין טאַכטער ריווע. אַ מענטש אַ מאַשין, מיט אַ היפּשן שטעל און ברייטער דעה צווישן זיינע שטעטלשע איינוואוינער און קהל, און אַביסל מיט אַ קלענערן שטעל, פאַרשטענדלעך, צווישן פּריצים, צו וועלכע ער האָט באַדאַרפט אָנקומען און וואָס מיט זיי האָט מען זיך געמוזט האַלטן געשטילטער און מיט ווייניקער טראָץ און תקיפות. דאָך האָט ער זיך אויך צווישן יענע ניט געפילט קיין נכנע, ניט אָפּהענגיק, גלייך ווי ער שטייט ניט אין זיי, — ווילן זיי, איז גוט, ניט, איז ניט, — און זיין וואָרט ד. ה. זיין פּרייז, וועלכע ער האָט אַלעמאָל פאַרגעלייגט סיי ביים קויפן, סיי ביים פאַרקויפן האָט ער קיינמאָל ניט געענדערט, גלייך ווי ס׳זיינען גאָר קיין אַנדערע קויפער־פאַרקויפער, קיין קאָנ־קורענטן ניטאָ.

מ׳האָט אים דערום ערלעך געהאַלטן און געהאָט צו אים גרויס צוטרוי, האַנדלענדיק מיט אים אויף נאמנות, ד. ה. ווען ער האָט פריער אויסגערעדט, אַז אַזויפיל און אַזויפיל שטעלט ער זיך צו פאַרדינען ביי דער קניה אָדער מכירה, און אויב מ׳באַשטייט ניט, איז ניט, איז ער גרייט אָפּטרעטן זיין אָרט און חזקה פאַר דעם, וועמען פּריצים האַלטן פאַר מער ערלעך...

מ׳האָט אים אויסגעטיילט צום בעסערן פון אַלע אַנדערע, האַבנדיק אַ לעבן לאַנג געשעפטן בלויז מיט אים, און ווען אַן אַלטער פּריץ האָט באַדאַרפט פון דער וועלט גיין, פלעגט ער פאַרן טויט אָנזאָגן זיין זון, דעם יורש, אַז נאָר מיט אים, מיט אָט דעם יאָסלען, וואָס ער קען אים און איז פאַר אים ערב, זאָל ער ווייטער די געשעפטן פירן.

ס׳איז דערגאַנגען אַזוי ווייט דער צוטרוי און דאָס גוטגעוויגטקייט צו אים, אַז אַלעמאָל האָט מען אים אין פּריצישע הויפן אויף יום־טובים, אויף חתונות און בעלער פאַרבעטן; און פאַרקערט האָט מען פון אים געפאָדערט, אַז טאָמער מאַכט זיך אים אַ שמחה, זאָל ער אומבאַדינגט און למען־השם אויך זיי זען איינלאַדן, ווייל אַנדערש וועט דאָס הייסן, אַז ער באַליידיקט זיי און שטויסט אָפּ זייער גוט־פריינטשאַפט.

פון נויט און לפנים האָט עס יאָסל טאַקע אַמאָל געמוזט טאָן: זיי

איינלאַדן... און באַזונדערס האָט ער דאָס געמוזט, ווען ער האָט חתונה געמאַכט זיין איינציקע טאָכטער ריווען פאַר דעם געבענטשטן איידעם, פאַר דער אויסגעשפּילטער כלי, וואָס ער האָט אַריינגעכאַפּט, און ווען ער, יאָסל, איז זיך דעמאָלט ווילד צעגאַנגען אין זיין גדולה (ווייל וואָס נאָך אַנדערש האָט ער צו דערלעבן, אויסער זיין איינציקע טאָכטער, זיין בת־יחידה, אויסגעבן); דעמאָלט, ווען ער האָט אויסגעבויט אַ שאַ־לאַש פאַר דער גאַנצער שטאָט, פאַר יונג און אַלט, אַן אויסנאַם; אַראָפּ־געבראַכט עטלעכע קאַפּעלעס קלעזמער, וועלכע האָבן געשפּילט זיבן־אַכט טעג דורכאַנאַנד, גלייך אַלע טאָג וואָלט געווען אַ חתונה; דעמאָלט, ווען אַזאַ שמחה איז ניט אויסבאַהאַלטן געווען ניט נאָר פאַר דער שטאָט, נאָר אַפילו פאַר דער ווייטער סביבה אַרום, אַרום; דעמאָלט האָט יאָסל אוודאי געמוזט אויך זיינע פּריצים־קונדן איינלאַדן, וואָס זיי, פון זייער זייט, האָבן זייער געערן זיין איינלאַדונג אָנגענומען, קומענדיק מיט דער גאַנצער פּריציש־צעלייגטער ברייט — מיט קאַטשן, מיט עקאַנאָמען, מיט הינט, אויך מיט פאַניטשעס און פאַניענקעס, כדי צו דערפרייען דעם ייד־ליפעראַנט, וואָס איז זיי ליב און זיי ווילן אים אַרויסווייזן אַכטונג.

מאָלט אייך, יאָסל האָט חוץ אַכטונג, געהאַט אויך גענוג צרות פון זיי, פון אַט די פּריצים־מחותנים, וועלכע האָבן, אמת, מיטגעבראַכט גאַנצע פּעק מתנות, דרשה־געשאַנק, ווי טייערע געוואַנטן, פיינע חפצים אין די פודן, — אָבער דערפאַר האָט יאָסל אַלעמאָל געמוזט פון זיינע אייגענע זיך אָפּרייסן און אַ קוק טאָן צו זיי, וואָס מ'האָט זיי אויסגעטיילט אַ באַזונדער טיש, זען, אַז ס'זאָל דאָרט גאָרניט פעלן, מ'זאָל זיי באַדינען אויפן בעסטן אופן און זיי זאָלן זיך פילן קאָנטענט.

באַזונדערס האָט ער געהאַט גרויס ערגעריש, יאָסל, ווען שפּעט שוין, בעת דער חופה־וועטשערע, ווען פּריצים האָבן זיך צעהוליעט פון היפּש געטראַנק, וואָס זיי האָבן אַריינגעכאַפּט, און ס'האָט זיך זיי פאַרגלוסט טאַנצן, און דווקא ניט איינס מיט איינס, פּריץ מיט פּריץ, נאָר מיטן יידישן קהל, ד. ה. מיטן רב, מיטן שוחט, מיט חתן־כלה, און אַליין מיטן מחותן, מיט יאָסלען בראש.

יאָסל האָט געמוזט נאָכגעבן, בעטנדיק דעם רב, ער זאָל מפּני דרכי שלום — צוליב ניט דער'כעס'ן, הייסט עס, קיין פּריצים, מסכים זיין זיי אַ האַנט געבן און גיין מיט זיי אין איין רעדל.

פּריצים האָבן געלאַכט, טאַנצנדיק מיטן רב, מיטן שוחט, מיט חתן־כלה און מיט יאָסלען אַליין, אָבער דער רב האָט דערנאָך, באַהאַל־

טענערהייט, די הענט געריבן, גלייך זיי וואָלטן זיך אים לאַנג געפונען אין אַ קלעם; אויך דער חתן האָט זיך געפילט גאַרניט „דומה למלך״, נאָר ווי אַ פאַרלוירענע שאָף, האַלטנדיק זיין האַנט אין אַ פּריצישער, און יאָסל אַליין האָט געדאַנקט גאָט, ווען ס׳האָט זיך געענדיקט און דער פּריצישער קאַפּריז איז אַראָפּ בשלום...

די חתונה איז אַריבער, ווי מ׳דאַרף, און יאָסל האָט אַוודאי נאָך מער געדאַנקט גאָט, וואָס ער האָט אויסגעגעבן די טאָכטער פאַר דעם, וואָס ער האָט געוואָלט און וואָס קיין גרעסער גליק האָט ער זיך גאַרניט געוואונטשן: אַן אײדעם אַ מאַדים, אַ כבוד און אַ קרוין אויף דער וועלט און אַ זכות אויף יענער, וואָס גלייך ווי ער האָט אים אַריינגעקריגן, האָט ער שוין געגומען טראַכטן, מיט וואָס אים צו באַלוינען פונעם בעסטן, וואָס ער פאַרמאָגט. און איז געקומען צום געדאַנק, אַז דאָס בעסטע וואָלט געווען, אַז וויפיל אים, יאָסלען, איז באַשערט צו לעבן, זאָל ער זען טאָן, אַז יענער, דער אײדעם דער מאַדים, דער וואויל-לערנער און צאַצקע, זאָל נאָך זיין טויט פאַרשפּאָרן זיך פאַרנעמען מיט דעם, וואָס ער, יאָסל ד. ה. האַנדלען מיט פּריצים, וואָס דאָס וועט אים שטערן צו זיין באַרוף.

ער האָט טאַקע אַזוי געטאָן די לעצטע יאָרן — רק געזאַמלט לטובת דעם, וואָס האָט געזאָלט זיין געבויין פאַרבייטן און ציען די שנור פון זיין דורותדיקן קיום, אויפשטעלנדיק אַ נייעם דור...

אמת, צו דעם האָט ער ניט זוכה געווען, — ניט ביי זיין לעבן, אויך ניט נאָך זיין טויט: זיין טאָכטער ריווע האָט קיין קינדער ניט געהאַט, — צי ווייל זי איז געווען צו גרויס, צי ווייל איר מאַן קליין, דאַר און באַנומען... נאָר דערפאַר אָבער האָט ער זוכה געווען צו זען, ווי אַזוי זיין ציטערדיקע אַכטונג צום אײדעם האָט זיך אויך זיין טאָכטער איבער־געגעבן, און ער איז געווען זיכער, אַז זי וועט אים ניט אָפּהאַלטן פון צו גיין אינעם דרך, וועלכן יענער האָט זיך אויסגעקליבן, נאָר פאַרקערט, זי וועט טאָן אַלץ, ווי גלייך ער, יאָסל, אַליין, אַז יענער זאָל פון אים ניט אָפּקערן.

ער האָט זיך געהאַט אויף וועמען צו פאַרלאָזן, זעענדיק, ווי זי, די טאָכטער ריווע, קוקט דעם אײדעם אין מויל, וואַרטנדיק אויף זיין יעדן וואָרט, וואָס איז ביי איר ווי הייליק, קוקנדיק אים אויך אין די אויגן, ווי וועלנדיק פאַרלויפן פאַר יעדן זיין באַגער, אײדער ער רעדט אים נאָך אַרויס, ווי אַ מוטער, וואָס ווייסט די צייט, ווען ס׳קומט דעם קינד צו זויגן...

נו, און אַז יאָסל בונציעס האָט דאָס דערזען, האָט ער געהאַלטן זיין שליחות אויף דער וועלט פאַרענדיקט. באַזונדערס נאָך, ווען ער האָט שטילערהייט זיין חשבון כספים געמאַכט און זיך איבערצייגט, אַז ניט זייענדיק קיין מענטש פון עסק, וועט דאָך דעם איידעם אויף לאַנג און גענוגנד קלעקן אַליין דאָס, וואָס ער, יאָסל, האָט באַוויזן אָנצוזאַמלען.

ער האָט ניט לאַנג געקרענקט. ער איז די גאַנצע צייט פאַרן טויט געווען ביים קלאָרן זינען, און צולעצט, ניט שרייבנדיק קיין צוואה, און טראַכטנדיק וועגן דעם, וואָס אַזוינס פון זיין בעסטן זאָל ער לאָזן דעם איידעם אויף געדעכעניש, האָט ער זיך דערמאָנט אין די לייכטער, וואָס זיינען צו אים, וויזט אויס, פון אַ חשובן פאָטער אָדער זיידן אַריבער, און ער האָט זיי אָפּגעזאָגט דעם איידעם, ניט קוקנדיק דערויף, וואָס די פּני, וועלכע זיינען בייגעווען בעת שרייבן די צוואה, האָבן אים אונטערגעזאָגט, ער זאָל זיי לאָזן אויף עולמות, אויפן שטאָטישן בית־המדרש, וואו זיי וועלן זיין אַ שטענדיק שיינדל שבת־יום־טוב אויפן עמוד.

— נישקשה, — האָט יאָסל אָפּגעענטפערט די פּני, — מיינער איז אַליין אַ שטיק עמוד. — און דאָס האָט ער געמיינט דעם איידעם, אויף וועלכן ער האָט זיך אויך פאַרלאָזט, אַז יענער וועט ביי דער שיין פון ליכט אין זיינע לייכטער, חלילה, קיין פסלנות ניט טאָן...

ער איז געשטאָרבן. די שטאָט האָט אים, ווי געהעריק, באַגלייט, באַקומענדיק היפּש אָפּגעשריבן אויף אַלערליי צדקה־חברות מיט אַ פולער האַנט; היפּש אָפּגעשריבן, האָט נאַטירלעך, באַקומען אויך זיין טאָכטער ריווע, וועלכע ער האָט באַזאָרגט מיט אַלעם פאַרמעגלעכן, מיט אַ הרחבהדיקער שטוב און גאָרטן אויף אַ פאַרנעמען פּלאַץ, ווי אויך מיט כלי־בית, בגדים און געלט מזומן אין אַ גאַנץ־גענוגנדיקער מאָס; און אַוודאי האָט ער באַזאָרגט אויך זיין איידעם — ערשטנס, מיט זיין טאָכטער ריווע פאַר אַ ווייב, וועלכע האָט אים די טריט געהיט, ווי אַ בן־יחיד, אַ טייערוניע; און צווייטנס, מיט אַלעם דעם, וואָס אַזאַ איינער נויטיקט זיך פון קמח, ד. ה. פון מאַטעריעלן אויסהאַלט, וואָס אָן דעם קאָן דאָס תורה־לערנען ניט צו שטאַנד קומען, ער האָט אים אויך באַזאָרגט, ווי געזאָגט, מיטן סאַמע בעסטן פון זיין פאַרמעגן — מיט די לייכטער צו זיין תורה, וואָס יעדער איינער, וועער נאָר ס׳האָט געוואָלט, האָט זיי אַלעמאָל אין אָוונט געקאָנט זען ברענען און אַרויס שיינען פון די פענצטער פון דער שטוב, וואו ער, יאָסלס איידעם, זיצט און לערנט... נו, און מער האָט יענער דאָך ניט געדאַרפט: האָבנדיק

אַלץ צו זיין אויסקומעניש, האָבנדיק אַזאַ גרויס ווייב ווי ריווע, אַ מענטש אַ מאַשין, וואָס האָט אים נאָכגעקוקט און געקעכלט, ווי אַ קינד, און האָט זיך שטילערהייט געריכט מיט זיין צערטלעכקייט און פיינקייט פאַר וועלכע זי איז איר פאָטער גרויס דאַנקבאַר געווען... יאָ, און אויך ריווע האָט זיך מער ניט געוואונטשן. כאָטש איר טראַכט איז געבליבן געשלאָסן, האָט זי זיך אָבער באַגנוגנט אַליין מיט דער ברכה פון איר מאַן, וועלכער האָט איר פאַרביטן אַ קינד ניט איינס, נאָר פיל, וועלכע זי האָט געקאָנט געבוירן...

אינגיכן אָבער האָט זי אָבער אויך אים אָנגעוואוירן, צי פון ווייניק עסן און פיל לערנען איז ער אין זיין שלאָפקייט אַריינגעפאַלן, צי ער האָט עס געהאַט נאָך בחורוויז און פון טאַטע־מאַמעס היים מיטגע־בראַכט. ער האָט אויך לאַנג ניט געצויגן און איז אָוועקגעשטאָרבן איבערלאָזנדיק ריווען אַ יונגע אלמנה, אַ פאַרזאָרגטע מיט אַלץ, אָבער אָן דעם עיקר, אין וואָס אַ מענטש נויטיקט זיך — אָן זין פאַרן ווייטערן קיום.

— פאַרוואָס ?

— ווייל ווען אָן אַנדערע אויף איר אָרט, ביי איר יוגנט־שטאַנד און פאַרמעגלעכקייט, וואָלט, נאָך אַ צייט טרויערן אויפן מאַן, זיך געלאָזט ריידן מיט אַ צווייטן, זיך צוגעפגיין, און זיך אויפפירן, ווי גאָט האָט געבאָטן, זי אָבער — ניט. זי האָט אפילו, נאָך לאַנגן טרויערן, קיין שדכנס פוס אויף איר שוועל ניט געלאָזט אַרויפטרעטן, ניט געוואָלט הערן, און ווען מ'האָט אויף איר אַמאָל אָנגעשיקט אַ זייער בכבודיקן, וועמען זי האָט געמוזט אויסהערן און אים ניט געקאָנט אָפטרייבן מיט אומכבוד, ווי אַ שטייגער דעם רב פון שטאָט, וועמען שדכנים האָבן איינגערעדט, ער זאָל זיך אַריינמישן אין עסק, אי מחמת מצווה, אי מחמת ער וועט באַקומען אַ טייל פון שדכנות, — האָט זי, ריווע, אים אַוודאי אויסגעהערט, און די גאַנצע צייט מיט גאָרניט ניט דערווידערט; נאָר לסוף, אַז יענער האָט געגלויבט, אַז אָט־אָט באַשטייט זי, האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— ניין, רבי, כ'טו דאָס ניט.

— פאַרוואָס ?

— כ'וויל ניט... און דעמאָלט האָט ריווע צום ערשטן מאָל, דאַכט זיך, געקראָגן איר שטרענג־שאַרפן טאָן, וועלכער איז איר דערנאָך שוין אויפן גאַנצן לעבן אייגנטימלעך געבליבן, און זי האָט זיך דערלויבט אָפּענטפערן דעם רב כמעט מיט די זעלבע ווערטער, ווי איינעם אַ

תנאָס אַ ווייב, וועגן וועלכער זי האָט ערגעץ אין אירע ווייבערישע ספרים אויסגעלייענט, אַז ווען דער באַוואוסטער רבי יהודה הנשיא האָט, נאָך איר געליבטן מאַנס טויט, געשיקט צו איר און איר פאַרגע־לייגט, זי זאָל פאַר אים חתונה האָבן, האָט זי געענטפערט: ניין, די כלי, וואָס מ׳האָט גענוצט אויף קודש, זאָל ניט אויסגענוצט ווערן אויף חול, וואָס דאָס האָט געהייסן, אַז זי, ריווע, וועט אירן אויף קיינעם ניט פאַר־בייטן, זי וועט ניט חתונה האָבן, און זאָל דאָס אַפילו זיין, ווי דער רב זאָגט, קעגן דין, קעגן מנהג און קעגן וואָס ס׳ווילט זיך...

זעענדיק, אַז זי וועט איר באַשלוס ניט ברעכן, איז מען שוין צו איר מער ניט צוגעשטאַנען און איר קיין שידוכים ניט פאַרגעשלאָגן, כאָטש בעלנים אויף איר האָבן ניט נאָר באַלד נאָך איר מאַנס טויט, נאָר אויך אַ סך שפּעטער אין אַ היפּשער צאָל זיך געפונען.

זי איז פאַרבליבן אַן אלמנה, און זייענדיק מיט אַלץ באַזאָרגט און ניט האָבנדיק, וואו איר צייט און פרויאיש־מוטערלעך געמיט אַהינ־צוטאָן, האָט זי זיך אָנגעהויבן פאַרנעמען מיט צדקה־זאַכן, ווי מיט דערציען יתומות, מיט זאַמלען נדבות אויף וואוילטעטיקע צוועקן, און שטילערהייט פלעגט זי פון צייט צו צייט אַ פאַרבאַהאַלטענעם קוק טאָן אויף די לייכטער, ביי וועלכע איר מאַן האָט אַלעמאָל געלערנט און זיין מאַנצבילשע צייט פאַרבראַכט...

אָט די לייכטער האָבן איר געדינט אי ווי אַ דערמאָנונג אין דעם, וואָס זי האָט אָנגעוואוירן, אי אַ מין באַזיניקונג פאַר איר אַלטעגלעכן טאָן און טראַכטן. זי האָט זיי אויסגענוצט, ערשטנס, צום ליכט־בענטשן, אָפּרוקנדיק אין אַ זייט, אויף אַ מער וואָכעדיקער מדרגה, יענע, אין וועלכע זי האָט בעת איר מאַנס לעבן געבענטשט; און ווידער האָט זי זיי אויסגענוצט אויף אַ חסד של אמת, ד. ה. ווען זי האָט באַדאַרפט טאָן דעם לעצטן חסד מיט אַ מת, בפרט ביי אַן עלנטן, קומענדיק און שטעלנ־דיק זיי אים צוקאָפּנס.

די שטאָט האָט געוואוסט דערפון, און דערפאַר, ווען מ׳פלעגט זי זען גיין מיט זיי האָט זיך ביי אַלעמען אויפדערוועקט אי דרך־ארץ, אי דאָס מיטגעפיל פאַר איר יוגנט, וועלכע זי האָט געאָפּפערט, ניט קאָנענדיק זיך שיידן מיט דעם, וואָס וועט זיך שוין ניט אומקערן.

אַ יונגער דור איז אויפגעשטאַנען, וואָס האָט זיך שוין אונטן־אַרום אַמאָל דערלויבט אַ לייכטזיניקן לאַך טאָן פון ריווען — פון איר יאָמ־שענעם שטאָק, פון איר ברייט־צעשטעלטן גאַנג, ווי ביי אַן עפּיסקאָפּ, און בכלל פון אַלט־פרענקישן אָפּגעלעבטן מהות, אָבער דאָך האָט

אַפּילו ביי יענע ניט געקלעקט די העזה דאָס קליין ביסל גרינגשעצונג אַרויסצואווייזן אָפן, און פאַרקערט, אַפּילו אָט די יוגנטלעכע, ווען מ׳האָט זי דערזען, פלעגן איר דעם וועג אָפּטרעטן, דעם גוט־מאָרגן אונטערטראָגן, און ווען ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן אירער אַ לוויה, צו וועלכער זי האָט זיך באַוויזן מיט די לייכטער, האָט קיינער אַפּילו פון אָט די יוגנטלעכע, צי גערן, צי ניט גערן, זיך ניט אָפּגעזאָגט פון צו איר צושטיין.

אָפּגערעדט שוין פון די עלטערע, ביי וועמען ריווע איז געווען ריווע, אָן אַלעמען באַוואוסטער יש, מיט איר שטאַם און געשיכטע, וועלכע מ׳האָט גוט געדענקט, אַנהויבנדיק פון איר טאַטן, דעם גרויס־ערלעכן מאַן, דעם פריצישן נאָמען, און ענדיקנדיק מיט איר אויסגעשפּילטן באַשערטן, וואָס איז איר נאָר קורצווייליק באַשערט געווען, און וואָס געבליבן איז איר פון אים בלויז אָט דאָס געדעכעניש, פאַרגעשטאַלטיקט אין אָט די לייכטער.

און שוין. און דאָ רייסט זיך מיטאַמאָל איבער די געשיכטע פון ריווע יאָסל בונציעס און גייט איבער פון טיף־פאַרוואַרצלטן, איינגעפונדעוועטן שטייגער צו ניט־פאַראויסגעזעענעם, ניט געדאַכטן בראָך...

***

אַז די היטלעריסטן זיינען, בעתן אָנגריף אויף פּוילן, אַריין אינעם שטעטל, וואו ריווע יאָסל בונציעס האָט געוואוינט, זיינען זיי זיך באַגאַנגען, ווי אומעטום, אין אַלע פּויליש־יידישע ישובים. צוערשט אויס־נאָם־געזעצן און דערנידערנדיקע פאַראָרדענונגען, ווי למשל, אַז יידן טאָרן ניט גיין אויף די טראָטואַרן, נאָר אין די מיט־גאַסן, אי דאָס מיט אַ געוויסן צייכן, וואָס האָט זיי אויסגעטיילט צום ערגערן פון די ניט־יידן; דערנאָך פאַרשיידענע רעקוויזיציעס אין דער פאָרם פון זעלבסט־באַשטייערונגען, וואָס דער דערויף־באַשטימטער יידן־ראַט האָט באַדאַרפט מיט די אייגענע הענט דורכפירן, — לכתחילה, כלומרשט, אויף צו באַפרידיקן בלויז די באַדערפענישן פונעם מיליטער, וואָס קומט און גייט פאַרביי, און שפּעטער אויך פאַר דער שטאָטישער, איינגע־שטעלטער מאַכט, וועלכע האָט זיך געבילדעט פון אָרטיקע, פאַר־רעטערישע פאַרשוינען, אין שפּיץ און אונטער דער אָנפירונג פון איבער זיי שטייענדיקע באַאַמטע פון דער געוויסער האָרדע ס. ס.

שפּעטער האָט מען פאַרטריבן די יידן אין געטאָ, ד. ה. אין אַ קליי־נעם קוואַרטאַל פאַר זיי אויסגעטיילט, כדי זיי זאָלן, ערשטנס, זיך פילן

דערשטיקט, ווען מענטשן וועלן באַקומען אַ נישטיקן טייל וואוין־שטח פון דעם, וואָס ס'פאַדערט זיך געווייגלעך, און וואָס אַדאַנק דעם מערט זיך שמוץ, אומריינקייט און אַלערליי שפּלות, — די פאָלגן פון ענגשאַפט; און צווייטנס, כדי מ'זאָל האָבן די געהעריקע אויפזיכט איבער זיי און קאָנען בעסער פירן דעם דיסקאָנט פון דעם, וואָס מ'קאָן פון זיי אַרויס־קוועטשן.

מ'איז שוין אָנגעקומען אין געטאָ האַלב־באַנומענע און מער האַלב־באַרויבטע, אָבער דאָס מויל פון דער מאַכט און פון די, וואָס זיינען צו איר צוגעשטאָנען, איז געווען אַזוי גיריק, אַז וויפיל מ'האָט אין דעם ניט אַריינדערלאַנגט, איז געווען ווייניק.

מ'האָט אַלעמאָל אַלץ אויפסניי געפאָדערט וועש, בעט־צייג, בגדים, שיך; אויך עסנוואַרג — אַזויפיל און אַזויפיל פלייש, צוקער, האָניק, וואָס אין געטאָ איז עס שוין ניט געווען צו קריגן, סיידן דאָס איינהאַנדלען אויף טייערע פרייזן ביי דער אַרומיקער פויערישער באַפעלקערונג פאַר געלט מזומן, פאַר גאָלדענע חפצים, פאַר רינגען, זייגערס א. אַז. וו., וואָס וואו, ביי וועמען זיי האָבן זיך ניט געפונען האָט דער יידן־ראָט געפאָדערט מ'זאָל זיי אַרויסציען לטובת הכלל, אַז ניט, חלילה, וועט מען צאָלן מיט נפשות.

מ'האָט זיך אויסגעבייטלט ביז לעצט, און ביז מ'האָט אַפילו געזאָלט אַרויסטראָגן דאָס מעבל פון די הייזער, וואָס דער בעסערער טייל דערפון איז אַריינגעפאַלן צו די מער מאַכטהאָבער, און דאָס, וואָס פון אַ ווינ־ציקערן ווערט — צו שמאַנטיע־דראָנטיע, ד. ה. צו אַ סטרוזש, אָדער צו אַ ביליקן באַאַמטן פון מאַגיסטראַט, וואו זיי האָבן זיך געשטעלט צו דינסט, וועלנדיק אָפּלעקן אַ ביינדל פונעם רייך־רויבערישן טיש...

נו, און צוערשט האָט עס נאָך ביי קיין נפשות טאַקע ניט געהאַלטן, אויסער נאָר געציילטע הרוגים, וועלכע די מאַכט האָט אַלעמאָל פאַר־ענטפערט מיט אַ מיספאַרשטענדעניס, מיט אַ צופאַל, אָדער מיט אַ צו גרויסן פאַרברעך, וואָס די באַשטראָפטע זיינען, כלומרשט, באַגאַנגען, אין אַזאַ צייט, אין אַ צייט פון מלחמה, ווען ס'איז שטרענג און מ'קאָן ניט פאַרשווייגן...

נו, און וויבאַלד אַזוי, וויבאַלד נאָר ניט קיין מאָרד, האָט מען געזען ניט קאַרגן און מ'האָט זיך ניט אָפּגעזאָגט פון אָפּצוגעבן אַלץ, ביז אַ פאָדעם, וואָס מ'האָט נאָר געקאָנט פון זיך אַרויסציען, ביז אַפילו אַ גאָלדענעם צאָן פון מויל, מיט וועלכן ס'איז שוין סיי־ווי ניט געווען וואָס צו טאָן...

געגעבן האָבן אַלע, ווען מען נאָר מ'האָט באַשטייערט, סיי רייך, סיי אָרעם און נאַטירלעך, אַזוי אויך אַזאַ, ווי ריווע יאָסל בונציעס, איז ניט געווען קיין אויסנאָם. פאַרקערט : זי, וואָס איר אַלט־פאַרפונדעווטע הרחבהדיקע שטוב, מיט די פיל צימערן, מיטן פיינעם גאָרטן, האָט זיך גראָד געפונען אין יענעם קוואַרטאַל, וועלכער איז אויסגעטיילט געוואָרן פאַר דער געטאָ ; זי, ריווע, וואָס האָט צוערשט, פון עלטער, אַ ביסל ניט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ געשעט, ניט געדענקענדיק אַזוינס ניט פון איר צייט, און ניט הערנדיק פון ענלעכעס צו דעם פון אירע עלטערן ; זי, ריווע, אַז זי האָט אויך שפּעטער מער דערפילט, ווי פאַרשטאַנען, דעם גזר, וואָס האָט זיך אָנגערוקט אויף די איריקע פון עפּעס אַ נייעם מין נבוזראדן, ווען וועלכן זי האָט געהאַט — אמת, אַן אַלט־מאָדישע, אָבער דאָך אַ ריכטיקע פאַרשטעלונג ; — אַז זי האָט דאָס דערפילט, האָט זי צוערשט געטאָן, ווי אַ באַלעבאָסטע פון הויז, אויף וויפיל ס'איז איר נאָך געבליבן רעכט פון אַ באַלעבאָסטע : זי האָט אַריינגענומען וואָס מער און איינגעאָרדנט וואָס בעסער אַלע די, וועלכע זיינען געצוואונגענערהייט פון זייערע היימען אַרויסגעיאָגט געוואָרן, לאָזנדיק פאַר זיך און פאַר איר יתומה נאָר אַ קליין ווינקל, ווי וועדליק ס'איז איר, לויט דער פאַראָרדענונג, געקומען. און דערנאָך, אַז ס'האָבן זיך אַ שאָט געטאָן די באַשטייערונגען איינס נאָך איינס, איז אַוודאי אויך זי ניט אָפּגעשטאַנען פון צו געבן, וואָס ס'האָט זיך נאָר געלאָזט ביי איר נעמען — פון חפצים, פון בגדים, פון וועש, וואָס האָט זיך ביי איר, פון אומגעברויך, פון לאַנגע יאָרן, נאָך פון איר פאָטערס צייט אויסבאַהאַלטן.

זי האָט נאָך מער געגעבן : זיך אַליין, ד. ה. איר אַנוועזנהייט, וואָס האָט אַלעמען געדינט פאַר אַ טרייסט, ווי אַ באָבע, וואָס זי אַליין דאַרף שוין וויניק און וואָס איר גאַנץ זעליש גוטס איז געווידמעט קינדער און אייניקלעך, און אין דעם פאַל איז דאָס געווען די גאַנצע שטאָט, וואָס האָט זיך אין דעם גענויטיקט.

וואונדערלעך, ווי נאָר ס'האָט געטראָפן, ווי נאָר די צרה האָט אַלעמען אין דער געטאָ־ענגעניש צוזאַמענגענומען, אַזוי האָבן אַלע, באַזונדערס פרויען, גענומען קוקן אויף ריוען טאַקע ווי אויף אַזאַ, ווי אויף אַ באָבען, ווי אויף אַ סאַמע אייגענער, פאַר וועמען מען קאָן זיך קומען קלאָגן, זיך אויסריידן.

ס'האָבן דאָס געטאָן, קומענדיק צו איר, עלטערע פרויען, יינגערע, און אַפילו גאָר יונגע, קוקנדיק אויף איר יאַמעשענעם שטאָק, אויף איר

ראָק, וואָס מ׳האָט פון דרך־ארץ אויף איר לייב נאָך געלאָזט, ווי אויף אַ לעבעדיק־שיצנדיקער קמיע, ווי אויף אַ פּאָלקס־מוטער, וואָס לעבן איר פילט מען זיך עפּעס זיכערער, געשעצטער.

זי פלעגט אויסהערן, ווען מ׳האָט איר דערציילט פון פּאָליטיק, אַרויסלייענענדיק פון די צייטונגען, ווער ס׳איז דער נייער המן, וואָס האָט פאַרטראַכט אַזוי פיל שלעכטס אויף יידן, און אויסהערנדיק, פלעגט זי אַ שטילן, זיכערן ברום טאָן:

— נישקשה, יענעם האָט מען געהאַנגען, דעם וועט מען אויך.

— אוי, ריווע, מ׳זעט נאָך אָבער דערוויל ניט.

— וואָס כאַפּסטו? — פלעגט זי ענטפערן, — די תליה איז הויך, און ס׳דאַרף נעמען צייט, ביז ער וועט אַהין אַרויפקומען...

די רעקוויזיציעס דערוויל האָבן אַלץ ניט אויפגעהערט. מ׳האָט פון געטאָ־עולם געצויגן די קליי, פאָדערנדיק וואָס אַמאָל אַלץ מער אַזוינס, וואָס אַפילו די גרעסטע פרעס איז שוין ניט אימשטאַנד געווען דאָס אַרויסצובאַקומען, סיידן מ׳זאָל נאָך אויסטאָן די תכריכים ביי די מתים.

ס׳איז שוין ביי קיינעם גאָרנישט ניט געבליבן. אויך ביי ריווע יאָסל בונציעס — ניט, אויסער נאָר אירע צוויי זילבערנע לייכטער, וועלכע זיינען צו איר פון איר טאַטן און מאַן איבערגעגאַנגען, און מיט וועלכע זי פלעגט טאָן דעם געוויסן חסד מיט אַן עלנטן מת, און אין וועלכע זי פלעגט בי אַהער, ביז דאָס אַנשיקעניש איז געשען, אין זיי ליכט בענטשן.

איצט— ניט. איצט האָט זי זיי אויסבאַהאַלטן... אייגנטלעך, וואָלט זי זיי ניט געמעגט באַהאַלטן. פאַרוואָס? — ווייל ווי דער יידן־ראַט איז ניט געווען געצוואונגען אַלץ אָוועקצונעמען ביי דער ידישער באַ־פעלקערונג, און ווי ער האָט ניט געהאַט זיינע נאַכקוקערס און „זאַג־טערס", וועלכע פלעגן אים אָנווייזן וואָס ביי וועמען ס׳איז נאָך פון אונטער דער הויט אַרויסצוקריגן, איז אָבער ווען ס׳איז געקומען צו ריווען און צו די לעצטע איר פאַרבליבענע לייכטער, וועגן וועלכע אַלע האָבן געוואוסט, ניט אויסגענומען, פאַרשטייט זיך, די נאַכקוקערס און זאָגטערס, — ווען ס׳איז געקומען צו אָט די לייכטער, האָט אַפילו דער יידן־ראַט פון זיי אָוועקגעקוקט, זיך געמאַכט ניט וויסנדיק און זיי געשאַנעוועט, — ערשטנס, ווייל וואָס וועט ער מאַכן מיט זיי אַליין, ווען די פאָדערונג אויף געלט און שאַץ־זאַכן איז שוין סיי־ווי ניט געווען צו באַפרידיקן, און צווייטנס, ווייל אויף אָט די לייכטער האָט

מען געקוקט ניט בלויז ווי אויף ריוועס אייגנס, נאָר ווי אויף אייגנס פון קהל, ווי הלמאי אויף אַ ספר־תורה, וואָס קיינעם האָט ניט גע־קאָנט קומען אויפן זינען, אַפילו אין אַזאַ צייט, זיי אויסצונוצן...

מ׳האָט זיי איר געלאָזט, ריוועז, אָבער דאָס האָט ניט געניגט, און זי, פון איר זייט, האָט פון פאַרזיכטס וועגן, זיך מיט זיי קיינמאָל ניט אַרויסבאַוויזן, און אַפילו דאָס בעסטע באַהעלטעניש האָט איר אויסגעזען קאַרג און ניט־זיכער, ביז זי האָט זיי, לסוף, צו זיך, אויף איר עלטער־לעכן, שוין שלעכט־איינגעאָרדנטן געטאָ־געלעגער גענומען צום אויס־פאַרהיטן פון אַן עין־הרע... כאָטש זי האָט זיך איבער זיי קיין אָרט ניט געפונען, האָבנדיק זיי ביי אַ זייט, אָדער צוקאָפּנס, וואו זיי האָבן מיט זייער האַרטקייט איר געשטערט, געשטאָכן און זי ניט געלאָזט איינ־שלאָפן.

נו, און לסוף, אַז די מאַכטהאָבער האָבן געזען, אַז אין געטאָ איז שוין ניטאָ וואָס צו נעמען, און אַז זי איז שוין אויסגעזויגן ביז מאַרך־ביין, האָבן די רעקוויזיציעס אויפגעהערט און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די סדרה „אַקציעס״, ווען מ׳האָט פריער פאַרנומען קינדער אויף דער שחיטה, דערנאָך אויך עלטערע, ווער נאָר ס׳האָט ניט געהאָט קיין צייגעניש, אַז ער איז נויטיק, און אַז ער טוט נוצלעכע אַרבעט פאַר דער מאַכט.

דעמאָלט איז אין איינעם אַ טאָג געקומען די ריי פון פרויען — עלטערע, מיטעלע, ייִנגערע, אומבאַשעפּטיקטע, „אומנוצלעכע״, וואָס ס׳האָט זיך שוין ניט געלוינט זיי זיך לאָזן אומדרייען...

ס׳איז געווען איינער אַ פּרייטיק... אַפילו די מערסט פרומע פרויען האָבן ניט געדענקט, וואָס פאַר אַ טאָג ס׳איז היינט, מחמת דער וויסטער מהומה וואָס איז אַנטשטאַנען בעתן לויפעניש, ליאַרם און קלאָג, ווען איניקע האָבן זיך געוואָלט אויסבאַהאַלטן, אָדער זיך אַריבערכאַפּן צו די, וואָס זיינען אויסגעטיילט געוואָרן אויף בלייבן. און ווען די אָרדע־נונגס־היטער, די אַרטיקע פּאָליציי און ספּעציעל צוליב דער אַקציע פון אַ גרעסערן צענטער אַראָפּגעבראַכטע, צוזאַמען מיט די איבער־זיי־שטייענדיקע און צוזאָגנדיקע ס. ס. האָבן מיט געווער און מיט הינט ניט דערלאָזט דערצו...

ס׳האָט געטראָפן אַזוי, אַז דעמאָלט, ווען משפחות זיינען צעטיילט געוואָרן — דער אַהער, דער אַהין ; ווען מוטער מיט קינד, שוועסטער מיט שוועסטער האָבן זיך באַדאַרפט שיידן אויף מער זיך ניט צו זען,

איז ווען פּאָליציי האָט זיך, סוף כּל סוף, איינגעגעבן אָפּצוטיילן איינס פון איינס, די שוין פּאַראורטיילטע פון די, וואָס דערווייל נאָך ניט, און ווען מ׳האָט די באַשטימטע צום אָוועקפירן אויסגעשטעלט אין אַ קאָ־לאָנע, אין סאַמע מיט פון דער ערשטער ריי האָט מען דערזען שטיין ריווע יאָסל בונציעס, וואָס איז פון אירע אַקסל אַן העכער געווען פון פיל — זי, מיט איר יתומה־מיידל, וואָס האָט זיך ביז דער לעצטער צייט ביי איר געהאָדעוועט, זי באַדינט און זיך ביי איר געהאַלטן אַפילו אַצינד, ניט לאָזנדיק זיך מיט איר שיידן.

מ׳ווייסט ניט, צי ריווע אַליין האָט זיך געשטעלט אין שפּיץ, צי אַנדערע האָבן זי, ווי אַן עלטערע, אַרויסגערוקט אויף פאָראויס, צי די מאַכט האָט אַזוי באַפוילן, זי אויסדערוויילנדיק גיין בראש. אַזוי, צי אַזוי, נאָר ריווע האָט זיך מיט איר הויך, מיט איר שווערלעך־מאַסיווען גוף, אויך מיט איר יאַמשענעם שטאָק, וועלכער איז איר איצט שוין געווען זייער נייטיק זיך אין אים אָנצושפּאַרן, מחמת עלטער — זיך באַוויזן אין דער ערשטער ריי.

באַקומענדיק באַפוילן פון דער מאַכט מיטצונעמען קליינע פּעקעלעך עסנוואַרג אויפן וועג, ביז דעם נייעם אָרט, וואוהין מ׳ווערט, כּלומרשט, אַריבערגעפירט, איז ווער ס׳האָט געהאַט — האָט געהאַט, ווער ניט — האָט פון אַנדערע באַקומען מיטגעגעבן, און אויך ריווע האָט מיטגעהאַט אַ פּעקעלע, וואָס זי האָט עס פון דער האַנט ניט אַרויסגעלאָזט, ניט טרויענדיק אַפילו דער יתומה וואָס האָט זי באַדינט און וואָלט דאָס גערן ביי איר צוגענומען.

און אַזוי — אין איין האַנט דעם יאַמשענעם שטעקן, און אין דער צווייטער דאָס פּעקעלע, וואָס האָט אויסגעזען ניט ווי ביי אַלע, ניט רונדיק, נאָר לענגלעך, האַרט און מיט שטאַרקע שפּיצן — האָט ריווע, בראש פון דער קאָלאָנע, ווי אַלע, הינטער איר שטייענדיקע, אויפן באַפעל געוואַרט, מ׳זאָל זיך פון אָרט רירן.

און אָט איז געקומען דער באַפעל. און אַזוי ווי ריווע איז געגאַנגען צוערשט, און אַזוי ווי דער גאַנג איז איר, מחמת עלטער, שוין אָנגעקומען שווערלעך, האָט דערום די גאַנצע קאָלאָנע צו אירע פּאַמעלעכע טריט זיך געמוזט צופּאַסן, און אויך די אָרדענונג־היטער, די פּאָליציי, וואָס האָט דעם צוג באַגלייט פון פאָרנט, ביי די זייטן, פון הינטן, מיט געווער און מיט הינט, האָבן זיך אַלע געמוזט האַלטן ביי ריוועס טראָט, ניט

אונטעראײלנדיק דעם עולם, ווי אַן אַנדערס מאָל, ווען מ׳האָט פאַר זיך מער גיכער שפּאַנענדיקע.

קוקנדיק, ווי אַזוי ריווע זעט זיך אַרויס כמעט מיט אַ גאַנצן קאָפּ העכער פון דער קאָלאָנע, האָט פּאָליציי, ניט ווילנדיק, געקוקט אויף איר, ווי אויף אַ מין אָנפירערין, מיט וועלכער מ׳דאַרף זיך רעכענען; בפרט נאָך, ווען זיי האָבן געזען, אַז אַלע געפירטע באַציִען זיך צו איר, ווי צו אַזעלכער, און אַז ניט אומזיסט און ניט צופעליק האָט זי זיך דערויף בראש און אין דער ערשטער ריי געטראָפן.

מעגלעך, אַז קוקנדיק אויף איר, ווי זי שפּאַנט אַ שווייגנדיקע, אַ געשלאָסענע, מיטן שטאָק אין האַנט, ווי אַ מאַנאַסטיר־אויפזעערין, אַ מאַנאַשקע־מוטער, האָט אַליין דער עלטסטער, וואָס האָט געהאַט צו זאָגן איבער דער פּאָליציי, עפּעס אַ מין דרך־ארץ געקראָגן, ווי ס׳געשעט אַמאָל אַפילו מיט אַן ערגסטן, ווען ער ווערט באַווירקט פון עמיצנס אַ מאַיעסטעטישקייט.

מ׳איז געגאַנגען שטיל, נאָך דער געוויסער געזעגעניש, וועלכע האָט אַלעמען אויפגעריסן פון געוויין, געשריי און לעצטע האַלדזע־רייען... מ׳איז געווען אויסגעשעפּט, אַזוי ווי אַלעמאָל נאָך אַ גרויס־דערשיטערנדיקן אויפברויז, ווען ס׳קומט די שעה פון שטילשטאַנד...

מ׳איז געגאַנגען ריי נאָך ריי און איינס לעבן צווייטן, שטיל, כמעט אָן מחשבות, וואָס האָבן זיך אויסגענומען — ערשטנס, פון מידקייט, און צווייטנס, ווייזט אויס, פון דעם, וואָס קוקנדיק פון צייט צו צייט צום שפּיץ פון דער קאָלאָנע, פון וועלכער ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן די הויך־געשטאַלטנע, שוואַר־מאַסיוולעכע פיגור פון ריווע יאַסל בונציעס, האָבן אַלע זיך דערפילט כמעט ווי קינדער אין דער אַנוועזנהייט פון אַן עלטערן, אויף וועמען מ׳פאַרלאָזט זיך און וועלכע מאַכט פאַרשפּאָרן דענקען...

כאָטש ס׳איז קיין גרונט ניט געווען דערצו: כאָטש ריווע איז, ווי אַלע, אַליין אויך געגאַנגען געפאַנגען, דאָך האָט דער עולם מיטגעפירטע, אָן אַ שום פאַרוואָס, געקוקט אויף איר, ווי אויף אַזעלכער, וואָס אויב זי גייט, מעג מען אויך, און אַז אויב זי איז דאָ, איז אַליין, דאַכט זיך, דער רבונו של עולם מיט זיי...

מ׳האָט זיך אַוודאי אָפּגענאַרט, ווי ס׳האָט זיך באַלד, שפּעטער אַרויסגעוויזן.

מ׳איז אַרויס פון שטאָט און מ׳האָט גלייך אָפּגעקערעוועט פונעם

שליאַך, וואו מענטשן גייען, פאָרן, און מ׳האָט זיך פאַרנומען אין אַ זייט, וואו פון ווייטן האָט זיך געזען עפּעס אַ בערגלדיק אָרט, וואָס אַהין האָבן די פירער פון דער קאָלאָנע, די פּאָליציי מיט געווער און מיט הינט, דעם גאַנצן עולם באַפוילן זיך לאָזן.

ס׳איז געווען אַ סוף־זומערדיקער טאָג, אַ לינדער, ניט קיין הייסער, ווען די צו מערב זיך נויגנדיקע זון האָט ווי אַ דערבאַרעמדיק אויג געהאַלטן וואַך איבער די צווי פּאָלעס פריי־פעלד, וואָס דער געפירטער פּרויען־עולם האָט געהאַט אין זיינע בײדע זייטן, גייענדיק אין דער מיט, ניט ווייסנדיק, וואוהין און צו וואָס מ׳גייט.

מ׳האָט ניט גערעדט צווישן זיך, מ׳האָט איינער דעם צווייטן ניט געהאַט וואָס צו זאָגן, זייענדיק פאַרנומען בלויז מיט די סצענעס, וועלכע האָבן זיך אָפּגעשפּילט בעת דער ערשט ניט־לאַנג־פאַרגעקומענער געזעגעניש, ווען יעדער איינער האָט זיך באַדאַרפט אָפּרייסן און זיך שיידן מיט די איריקע מיט די טייערסטע...

ווען ניט ווען נאָר האָט איינע אַ פּרוי אַ שטאַרק־היסטערישן געשריי אָדער קוויטש אַרויסגעלאָזט, דערמאָנענדיק זיך אין אַ לעצטער אומ־אַרמונג פון אַ געליבטן נפש, וואָס לאָזט זיך ניט פאַרגעסן. און וואונ־דערלעך, ווי אַזוי די אַלע איבעריקע געפירטע, וואָס זיינען לויט אַלע לאַגעס, אַליין אויך ניט ווייט געווען פון היסטעריע, האָבן אָבער דאָס מאָל די איינצלנע אויסשרייענדיקע אָדער קוויטשענדיקע איינגעשטילט, גלייך ווי עלטערע, וואָס נעמען אײַן קינדער, און גלייך זיי אַליין וואָלטן זיין באַהערשט פון אַ געהויבענעם שכל־הישר.

צי דאָס פרייע, צווייפּאָליקע פעלד האָט אויף זיי געווירקט; צי דאָס דערבאַרעמדיקע אויג פון דער זון, וואָס נויגט זיך צום פאַרגיין אין מערב; צי די שפּאַנענדיקע פּאָליציי, וואָס אויך אויף איר און אויף די הינט איז, קומענדיק אין פעלד, אָנגעפאַלן אַ שטילשווייגעניש, גייענ־דיק פון פאָרנט, פון הינטן, ביי דער זייט, און האַלטנדיק אָרדענונג בלויז מיטן בליק; צי אפשר האָט אויף אַלעמען געווירקט טאַקע די בראש־גייענדיקע ריווע, וואָס איר קאָפּ מיטן אַלטמאָדישן קאָפּאָר האָט זיך אַרויסגעזון העכער איבער אַלע רייען, און מ׳האָט, קוקנדיק אויף איר, זיך געהאַלטן יעדערער אויף זיין אָרט, ווי זי אויף אירן — שטיל שוויגנדיק־געשלאָסן.

און אָט איז מען צום געצילטן אָרט געקומען — צו אַן אָרט, וואָס פּאָליציי האָט, ווייזט אויס, פריער געוואוסט און זיך געריכט די געפירטע

אַהין צו ברענגען, צו אַ הויכלעכן פּלאַץ, וואו הינטן האָט מען דערזען אַ לענגלעכע גרוב, אין וועלכער מענטשן פאַרקען זיך נאָך דאָרט און האַלטן זי אין דערגראָבן.

דעמאָלט האָט מען די קאַלאַנע פאַרהאַלטן. דעמאָלט האָבן אַלע דערזען די גרוב... און וואונדערלעך, אַנשטאָט זיך שטויסן, וואָס מ'מיינט, און באַלד, תיכף אַרויס מיט אוממענטשלעכע, הימל־שרייענ־דיקע קולות צו גאָט, מענטש, פעלד און פאַרגייענדיקער זון; אַנשטאָט דעם איז מען געבליבן ווי געווען, און ווי איידער מ'האָט די גרוב דערזען, ניט גלויבנדיק, אַפּנים, אַז פון זיין ביז ניט־זיין איז נאָר אַ קליינע פּאָר שפּאַן צו מאַכן, און אַז אָט באַלד קאָן געשען דאָס, וואָס דאָס טרויעריק־דערבאַרעמדיקע אויג פון דער זון וועט, מעגלעך, יאָ באַוויזן צו זען, אָדער מעגלעך, שוין ניט...

ס'איז געבליבן, ווי געווען. דעמאָלט האָט די פּאָליציי, וועלנדיק, וויַיזט אויס, אָפּרוען, פון דער אָרדענונג אין די רייען נאָכגעלאָזט, אויך פון דער אָרדענונג אין דער פריער גלייך־אויסגעשטעלטער קאַלאַנע, ווי גיבנדיק דעם צונויפגעטריבענעם עולם די פריי און מעגלעכקייט זיך צו האַלטן, ווי ווער ס'וויל, איידער ס'וועט געשען און מ'וועט פיר־נעמען, וואָס איז פון פאַראויס באַשטימט...

און אָט דעמאָלט, ווען דער אַהער־געבראַכטער ווייבער־עולם האָט זיך דערפילט אי טיף דערשיטערט, אָן אַ וואָרט אין מויל, אי אויך פרייער אויפגעבונדן פון גאַנג און פון פּאָליצייאישער אויפזיכט, האָט מען דערזען, ווען מ'איז אַרויס פון די רייען, ווי ריווע — די, וואָס האָט זיך געפונען בראש פון דער קאַלאַנע, האָט פּלוצלונג אַ ווענד געטאָן דעם בליק צו יענער זייט הימל, וואו די זון געפינט זיך; און אַז זי האָט דערזען, וואו זי האַלט — אַז באַלדביים פאַרגיין — האָט זי אַ זאָג געטאָן צו די, וואָס שטייען נאָענט לעבן איר, צו איינִיקע פרויען אין איר עלטער, ווי איר שטייגער, קורץ און אָפּגעהאַקט:

— ווייבעלעך, פאַרגעסט נאָר ניט, וואָס פאַר אַ טאָג ס'איז היינט... ס'איז פרייטיק...

דערביי האָט מען ווייטער געזען, ווי זי האָט זיך אַ ווענד געטאָן צום פּעקעלע, וואָס זי האָט די גאַנצע צייט אַליין געטראָגן, דאָס ניט אָב־טרויענדיק אַפילו דעם יתומה־מיידל, וואָס איז מיט איר צוזאַמענגע־גאַנגען און האָט זי באַדינט, און האָט פון דאָרט אַרויסגענומען די פּאָר זילבערנע לייכטער, — די, וואָס זיינען איר פון איר געליבטן מאַן דעם

מאדים געבליבן; די, וואָס איר טאַטע האָט זיי יענעם בירושה געלאָזט; די, וואָס זי, ריווע, האָט זיי אַלע יאָרן ביז אַהער געניצט נאָר אויף ליכט־בענטשן און אויף נאָך אַ דבר שבקדושה — צו טאָן דעם לעצטן חסד מיט אַ מת; און אויך די, וואָס זי האָט די לעצטע צייט פון אַלע רעקווי־זיציעס און באַשטייערונגען אויסגעהיט, ניט שיידנדיק זיך מיט זיי אַפילו ביינאַכט אויף איר געלעגער, און ניט קאָנענדיק איבער זיי איינשלאָפן...

זי האָט זיי אַרויסגענומען פון פעקעלע, אויף אַ פּאָר סטעאַרינאָווע ליכט, וועלכע זי האָט, ווייזט אויס, אויסגעהיט, ווי אַן אבן־טוב, אין געטאָ, וואו אַזוינע זיינען שוין דעמאָלט ניט געווען בנמצא און וואו זי אַליין פלעגט שוין, לעצטנס, בענטשן נאָר אויף חלבנע... זי האָט זיי, ווייזט אויס, אויסבאַהאַלטן אויף גאָר אַ פייערלעכן מאָמענט, מעגלעך, אויף אַ לעצטן פרייטיק פאַר איר טויט, אויף וועלכן זי האָט זיך געווויס געריכט, אַז די וואָך אָדער די קומענדיקע, וועט ער זי טרעפן...

דעמאָלט האָט זי צוגערופן דאָס יתומה־מיידל און איר געהייסן האַלטן די לייכטער, אין וועלכע זי האָט די ליכט אַריינגעטאָן. זי האָט אויך געקראָגן מיט וואָס זיי אָנצוצינדן, אין זינען האָבנדיק מיטצונעמען שוועבעלעך... און דעמאָלט האָט דער גאַנצער עולם וויבער זיך אַרום ריווען צוזאַמענגעקליבן און זי אין אַ רינג אַרומגענומען.

מ׳האָט דערזען, ווי די הויכע ריווע האָט נאָך דעם, ווי זי האָט איר שטאָק אויף דער ערד אַראָפּגעלייגט; נאָכדעם ווי זי האָט אויך איר מאַנטל אויסגעטאָן און מיט אים אויך געטאָן דאָס זעלבע, האָט זי זיך צוערשט אויסגעגלייכט, ווי וועלנדיק האַלטן עפּעס אַ פייערלעך וואָרט פאַרן עולם, דערנאָך, אַז זי האָט זיך אַרומגעקוקט און זיך דערזען אַרומגערינגלט פון אַלע אין דער קאַלאָנע־גייענדיקע און אַהערגע־בראַכטע, אָן אויסנאַם, אַזוי האָט זי בלויז אַ קורצן זאָג געטאָן:

— ווייבעלעך, זאָגט מיר נאָך...

זי האָט אויפגעהויבןביידע הענט צו די אויגן, און שטייענדיק אַ ווילע גראַד, גלייך, שווייגנדיק און אומבאַוועגט פאַר די צווי ברענענ־דיקע ליכט, וואָס האָבן בלאַס־געפלעמלט אין דער זומערדיק־פאַר־נאַכטיקער, לינדער לופט, אין אָנגעזיכט פונעם גרויסן, צווי־פאַליקן פעלד פון ביידע זייטן און אין אָנגעזיכט אויך פון דער פאַרגייענדיקער זון אין וויטן מערב, האָט זי אויף אַ העכערן קול, אַז אַלע זאָלן הערן, די ברכה פון ליכט־בענטשן געמאַכט:

ברוך... געלויבט איז גאָט, אונדזער גאָט, דער מלך פון דער וועלט, אשר קדשנו — וואָס האָט אונדז געהייליקט מיט זיינע מצוות, וצונו און האָט אונדז געבאָטן אָנצוצינדן די ליכט פון שבת...

דעמאָלט האָבן אַלע זי אַרומרינגלענדיקע, סיי אַלט, סיי יונג, סיי גאָר יונג ניט אויפגעפאָדערט פון קיינעם, איר נאָכגעטאָן און די הענט צו פאַר די אויגן צוגעטראָגן, און אַ געווין האָט זיך דערהערט — פריער אַ שטילס, ווי ווען יעדער איינער זאָל וויינען פאַר זיך, דערנאָך שוין אַזוי אויפגעריסן, אַלגעמיין־צוזאַמען און אויף אַזוינע קולות, אַז קיין מענטשלעכער געהער איז גאָר דאָס ניט אימשטאַנד צו באַנעמען...

נאָכדעם, ווי דער גאַנצער ווייבער־עולם האָט מיט אויפגעהויבענע הענט צו די אויגן לאַנג־לאַנג און וואָס אַמאָל העכער און העכער געוויינט, ביז פאַרגעסן זיך און ביז צו לאָזן הערן אַזוינע קולות, וואָס שאַדט ניט צו באַנעמען, און נאָכדעם ווי ריוועקע האָט לסוף די הענט פון די אויגן צוגענומען און האָט דעם יתומה־מיידל באַפוילן, זי זאָל די לייכטער מיט די ליכט, וואָס זי האָט ביז אַהער, שטייענדיק פאַר איר, געהאַלטן, אויף דער ערד אַראָפּשטעלן... דעמאָלט האָט דער פּאָליציי־עלטסטער זיך געכאַפּט, האָט ער מיט אַן אויפגעריסענער שטים, מיט אַמטלעכן אייפער און ווי מיט חרטה פאַר דער כלומרשט־גנעדיקער באַציאונג צו די דאָ־שטייענדיקע פאַראורטיילטע — אַן אויפגעריסענעם געשריי געטאָן:

— אָרדענונג!

— מאַרש! — האָט ער צום צווייטן מאָל אַ באַפעל געלאָזט הערן, ווען דער עולם ווייבער האָט זיך, איבערגעשראָקן און אויפדערוועקט פון זיין ערשטן געשריי, צוריק אין די רייען און אין דער פריער־געוועזענער קאַלאָנע־אָרדענונג זיך גענומען אויסשטעלן, נאָך מיט ניט קיין אָפּגעווישטע טרערן און מיט ניט קיין אויסגעוויינטן וויי.

— גרופּעסווייז! צו פינף! צו צען! — האָט זיך זיין באַפעל צום דריטן מאָל דערהערט...

... נו, און שוין, און וועגן וויטערדיקן איז דאָך ניטאָ וואָס צו ריידן, ווייל ס'איז אַלעמען באַוואוסט... מ'דאַרף נאָר צוגעבן, אַז נאָכדעם, ווען לעבן יענער, פון פריער פאַרגרייטער גרוב איז אָפּגעטאָן געוואָרן, וואָס איז פון פאָראויס באַשטימט געווען, ד. ה., אַז אַלע אָקאָרשט דאָ־שטייענדיקע, און לעבעדיק־אָטעמדיקע זאָלן בלייבן טויט, אָן אָטעם, און איבערגעקערט ליגן מיט די פּנימער אַראָפּ, ריי אויף ריי אין דער

גרוב, ווי פאַרשטאַרטע שייטער העלצער אויסגעלייגט; און נאָכדעם ווי מ׳האָט די גרוב פאַרשאָטן און די ערד אויסגעגלייכט, זי זאָל אויסזען „לייטיש"; און נאָכדעם, ווי די פּאָליציי־הינט האָבן דאָך דאָס פרישע בלוט געשפּירט און, ניסנדיק, געפרייכט און געפּאָרסקעט; אָט דעמאָלט האָט מען זיך צוריקגעקערט צום אָרט, וואו די פריער צונויפ־געטריבענע האָבן זיך געפונען, און אַז מ׳האָט דערזען די צוויי לייכטער מיט די נאָך ברענענדיקע ליכט אין זיי, אַזוי האָט איינער אַ פּאָליציי־מאַן די ליכט פאַרלאָשן און זיי אָפּגעשליידערט און אויף די לייכטער האָט ער זיך „מרחם" געווען, — צי צוליב זיין אייגענעם געברויך, צי אויף צו טיילן זיך אויך מיט אַנדערע, — איז אַלץ איינס.

מאָסקווע, דעצעמבער, 1945.

מיין באַקאַנטער

כ׳האָב אים דערקענט נאָך אין מיין יוגנט. ער האָט מיך געפּאַנגען מיט זיין גוטמוטיקן, כמעט זיסן שמייכל פון אַ קלוגן און אַ מבין אויף אַלץ. אָבער אונטער אָט דעם שמייכל האָט זיך געפילט אַ פאַרביטערט־קייט פון איינעם, ווען מען ס׳גייט ניט און ס׳גליקט ניט אין עפּעס אַן עכטן עיקר; אַ שמייכל פון איינעם, וואָס, זייענדיק נאָך יונג, טראָגט ער שוין אין זיך די עלטער, און ער זעט פאָראויס זיין גאַרניט גערעכטענעם גורל, מיט וועלכן ער וועט איצט, שפּעטער, אָדער ווען־ניט־ווען זיך באַגעגענען. פון די אויגן האָט אים אַרויסגעקוקט אַ שטיל־געדעמפּטער טרויער, — ווייזט אויס, פון צופיל פאַראויסזעאונגען, און דערפאַר, האָט געדוכט, האָט ער זיי כסדר געזשמורעט, מ׳זאָל ניט זען, אַז ניט ער לעבט, נאָר ער לעבט זיך איבער, און אַז יעדע מינוט און רגע שטייט ער שוין אַביסל ווייטער פון דער, ביי וועלכער ער האַלט איצטער.

און אַזוי ווי ער אַליין איז עטוואָס אָפּגעלעבט און מאָדנע, אַזוי אויך האָט ער זיך מאָדנע געקליידט: מיט אַ קליינעם הוט מיט קורצלעכע ראַנדן, וואָס האָט זיך קוים געהאַלטן אויף זיינע אָנגעהויפטע, קוטשעראַווע האָר, וועלכע האָבן זיך קיינמאָל ניט געלאָזט פאַרקעמען, און וואָס יעדעס מאָל, דערזעענדיק אים אין יענעם הוט, האָט מען ניט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי ער האַלט זיך און פאַרוואָס ער פליט ניט אַראָפּ, ווען אין דרויסן איז אַפילו קיין ווינט ניטאָ. דערצו האָט מען אים כסדר געזען אין הענג־מאַנטל, אין אַ לופטיק־ווינטיקער פעלערינע, וואָס ער האָט געטראָגן כמעט אַ גאַנץ־גייענדיק יאָר, אויסער נאָר אפשר אום ווינטער, שוין אין די גאָר גרויסע קעלטן, ווען ער האָט זי געביטן אויף אַ ראָק, אָבער פון אַ פאַסאָן אויך גאָרניט לויט דער מאָדע. מיט זיין דאַר־לענגלעכן וואוקס, עטוואָס אין דער פּלייצע געבויגן, האָט ער אַלע מאָל, בפרט בעת אַ ווינט, אויסגעזען אינעם הענג־מאַנטל, ווי אַ פאַרצייטיקע שיף, נאָך פון קאָלומ־בוסעס צייטן, וואָס רייסט זיך און שטרענגט זיך אָן ביי צוקומען די כוואַ־ליעס פון אַ ים, אַזוי האָט ער מיטן קאָפּ געשטויסן די לופט, בעת די פּאָלעס פון דער פּעלערינע האָבן זיך אים אויפגעבלאָזן, ווי די זעגלען.

ער איז נאָך גאָרניט אַלט געווען — ערשט אַ יאָר פינף־זעקס און

צוואַנציק, ווען איך האָב זיך מיט אים געטראָפֿען אין אײנער, אַמאָל געווענער רוסישער גובערניע־שטאָט אויף דרום־מערב, אַ געגנט פּראָ־ווינציעלע, ניט געקוקט אויף איר בכבודיק־אַמטלעכן פּאַרנעם; מיט שמאָלבלעכע פֿאַרשלאָפֿענע גאַסן, פֿול סעדער און גערטנער, מיט שטילע בולוואַרן פֿאַר אויסגעדינטע באַאַמטע און פּענסיאָנערן מיליטער־לײט צום שפּאַצירן צווישן די הויכע טאָפּאָליעס, זומער — באַוואַקסענע, ווינטער — הוילע, זומער — מיט שטאַרק־שרײַענדיקע קראָען־נעסטן באַזעצט, און ווינטער — לײדיק.

אָט דאָרט האָבן מיר זיך מיט אים געטראָפֿן. ער — שוין אַ באַוואוס־טער אין דער דעמאָלט זײער מיוחסדיקער העברייאישער ליטעראַטור, אין וועלכער ער האָט זיך שטאַרק קונה־שם געווען, ווי נאָר ער האָט אַרײַנגעשטעלט אַ פֿוס אַהין. איך — נאָך אַ ייִנגל. ער — שוין אײַנגע־לאַדן מיטצואַרבעטן אין דער דעמאָלטיקער שטאַרקער רעש־אַנמאַכנ־דיקער חודש־שריפֿט, מיטן נאָמען, „דאָס יאָרהונדערט", אַרויסגעגעבן און רעדאַקטירט פֿון אײנעם אַ גאָר באַוואוסטן אין יענער צײַט, אַן ערך דעם 5־טן יאָר, שרײַבער און קריטיקער מיט אַ שאַרפֿער פּען און מיט גאָר שטרענגע פֿאָדערונגען אי צו זיך, אי צו אַנדערע, — און פֿון אים, אָט דעם רעדאַקטאָר, האָט ער, מײַן באַקאַנטער, נאָך אַזוי יונג, מיט דער ערשטער פּען אין האַנט, אויף זײַן ערשטער אָוועקגעשיקטער אַרבעט, באַקומען אַן ענטפֿער, מיט אַ שטאַרק־האָפֿערדיקן אַנטקעגנקומענדיקן ברוך־הבא: „די טויערן פֿון „יאָרהונדערט" זײַנען פֿאַר דיר געעפֿנט" — מיט אַ צוגאָב: „דײַן נאָמען ווערט פֿאַררעכנט צווישן די געצײלטע מיט־אַרבעטער פֿון אונדזער שריפֿט..." און איך, ווי געזאָגט, אַ ייִנגל, וואָס האָט פֿון אַזאַ געהויבענעם סאָרט באַגעגעניש אַפֿילו ניט געקאָנט טרוימען, און ווער ס'האָט יאָ זוכה געווען צו אַזאַ, האָט בײַ מיר אַוודאי אַרויסגערופֿן גרויס ערע און אַכטונג, ביז צו האַלטן דעם קאָפּ צו אים פֿאַרריסן.

אויפֿגעהאַלטן האָט זיך מײַן באַקאַנטער אין יענער פּראָווינציעלער גובערניע־שטאָט און זיך ניט אָוועקגעלאָזט אַהין, וואו זײַן אײגנטלעכן וואוין־אָרט וואָלט באַדאַרפֿט זײַן און וואו זײַן באַרוף האָט געפֿאָדערט — אין די גרויסע ליטעראַרישע צענטערן, וואו אַזעלנע, ווי ער, זאַמלען זיך געוויינלעך — איבער אײנער אַ ליבע, וואָס האָט זיך בײַ אים לאַנג גע־צויגן און האָט זיך געענדיקט גאַרניט פֿויגלדיק, און וועלכע האָט געלייגט אַ שטעמפּל פֿון אַ שטיק אַסקעט אויף זײַן פּנים, האָט אים געמאַכט אויסערלעך גוטמוטיק שמײכלען און אויך צו האָבן אַ גאַליקן אונטער־שלאַק אונטערן שמײכל, אי פֿיאַיִק צו זײַן ערלעך האַלטן אַ זאַך ביז

פּאַרערונג, אי צו קאָנען וואַרפן אַ שטיין אין פּאַרערטן, אי צו קליידן זיך מאָדנע, אי צו גיין — נייִן, ניט גיין, נאָר לויפן — און צו שטויסן מיטן קאָפּ די לופט פאַר זיך און אויסזען אַזוי, ווי אַן אַלט־מאָדישע שיף, נאָך פון קאָלומבוסעס צייטן, מיט די צעלאָזטע פּאָלעס פון זיין אַלעמען־באַקאַנטן הענג־מאַנטל.

זיין ליבע איז געווען צו איינער אַ רייכער סוחרישער טאָכטער, מיט וועלכער ער האָט זיך געטראָפן, זייענדיק איר לערער, אין איר איבער־גאַנג־צייט פון מיידל צו יונגפרוי, ד. ה. צו זעכצן־זיבעצן יאָר. זי האָט אים אין מויל געקוקט, באַווירקט און אָנגערירט פון זיין באַגאַבונג און מער־וויסן, וואָס האָט צו איר אַרויסגעשטראָמט — ערשטנס, טאַקע ווי פון אַ מער וויסער, אַ לערער, און צווייטנס, און בעיקר, ווי פון אַזאַ, וועלכער נוצט אויס דאָס מער־וויסן, ווי אַ געווער, געווענדט צו אַ פרוי, פון וועלכער ער איז פאַרכאַפּט און האָט אַ קורצן אָטעם פון פאַרכאַפּונג.

ער, זייענדיק עלטער פון איר, האָט באַליבט איר יוגנט, און זי, ווי געזאָגט, — זיין מער־וויסן, פאַר וועלכן אירע אויערן זיינען געווען וואַך און אַזוי נייגעריק, ביז ניט צו זען, אַז דער, וואָס דערלאַנגט דאָס איר, איז אי גאָר ניט שיין, אי ער פּאַסט זיך ניט אַריין אין איר פאָטערס סביבה מיט זיין גאַנצן באַנעם און מיט זיין אָפּגעפּרעגטן בארוף, וואָס אין דע־מאָלטיקער סוחרישער געזעלשאַפט האָט מען אַזאַ איינעם, אין בעסטן פאַל, נאָר געקאָנט באַדויערן, און אין ערגסטן — לאַכן אים אין פּנים, ווייל מ'האָט אים געהאַלטן גאַרניט פאַר קיין בעל־תּכלית און פאַר אַזאַ, וואָס קאָן זיך צו עפּעס רעכטס אַרויפשלאָגן.

איר אָבער האָט ער צו יענער צייט אויסגעזען יאָ שיין, כאָטש זיין פּנים דאַר און אויסגעגריבלט, כאָטש די האָר האָבן זיך אים שלעכט געלאָזט פאַרקעמען, און כאָטש דעם קאָפּ האָט ער קאָמיש פאַראויסגעשיקט אין גאַנג, ווי אַ מענטש ניט פון דער וועלט, און באַזונדערס ניט פון איר טאַטנס, דעם רייכן סוחרס וועלט. אויך פון קיין תּכלית האָט זי ניט געטראַכט, מחמת אומדערפאַרן און האָט נאָך ניט געוואוסט, וואָס דאָס וואָרט באַדייט.

דער פאָטער און אַלע איבעריקע אין שטוב — די מוטער, ברידער, שוועסטער און שטוב־איינגייער — האָבן גלייך באַמערקט די ציאונג פון זייער אייגענער, פון דער געראָטענער, זיבעצניעריקער יונגער טאָכ־טער, צו אָט דעם פאַרטראָגענעם, שלעכט־געקעמטן און אין פלייצע געבויגענעם עלטערלעכן פאַרשוין, וואָס מיט די פולע פּאָלעס ווינט און אָנגעשטאָפּטע קעשענעס קענטעניס, — באַמערקט, אָבער ס'האָט זיי

ניט אױסגעמאַכט, ניט דערלאָזנדיק דעם געדאַנק, אַז אױסער סתם פֿאַר־אינטערעסירטקײט, אױסער פֿאַרערונג פֿון אַ שילערין צו אַ לערער, קאָן דאָ שטעקן נאָך עפּעס, אַ מער ערנסטס.

אַז מ׳האָט אָבער סוף־כל־סוף, דערזען, האָט מען זי גענומען אָפּציען פֿון אים, געזען אים פֿאַרמיאוסן, אױסלאַכן, ביז מ׳האָט זי איבערצײגט, אַז ס׳איז װײניק, און מ׳האָט באַשלאָסן איבעררײסן אינמיטן — אים פּשוט דעם װעג װײזן, און מ׳האָט אים אָפּגעזאָגט פֿון לערערשאַפֿט.

מ׳האָט אָבער ניט געפּועלט: די באַציאונגען האָבן זיך װײטער געצױגן, און די באַגעגענישן פֿון פּאָרל זײנען פֿאָרגעקומען אױך װײטער, כאָטש בגנבה, פֿאַרשטעלט און מיט גרױס שװעריקײט, װײל דעם מײדל האָט מען גענומען נאָכקוקן, איר היטן די טריט, זי האַלטן װײט־אָפּגע־שײדט פֿון יענעם, און געזען זי מער פֿאַראינטערעסירן מיט די איר־גלײכן יוגנטלעכע פֿון איר שטאַנד, װאָס איז איר רײכן טאַטנס שטוב אַװדאי מער גערן געװען זײ צו האָבן פֿאַר אײנגײער, באַזוכער און צו זײער טאָכטער נאָענט.

פּאַמעלעך, פּאַמעלעך האָט זיך דאָס אײנגעגעבן. פּאַמעלעך־פּאַמעלעך האָט זיך די יונגע געליבטע גענומען אױסניכטערן און זיך אַרױסרוקן פֿון דער גאָרער פֿאַרשלינגענדיקער השפּעה פֿון אונדזער באַקאַנטן, דער־זעענדיק אין אים שױן אָפּט דאָס, אױף װאָס אירע שטוב־אײגענע האָבן איר פֿריער אָנגעװיזן און זי האָט ניט געװאָלט הערן, ניט באַנעמען. איצט האָט זי יאָ באַנומען, אַז ער, דער, אין װעמען זי האָט פֿריער געזען די פֿאַרקערפּערונג פֿון אַלדאָס שלימות, װאָס פֿון אַ מענטש און אַ מאַנצביל איז צו פֿאָדערן, איז אױף פֿיל גראַדוסן געמינערט: ער איז אי פֿיל עלטער, און אי גאָר װײט פֿון יענער אַלגעמײן־אָנגענומענער האַלטונג, מאַנירן און געשמאַקן, װאָס מיט איר אונטערװאַקסן און צונױפֿקומען זיך מיט די איר־גלײכן יוגנטלעכע פֿון איר שטאַנד, זײנען זײ אױך איר געװאָרן אַ װעזנטלעכער באַשטאַנד־טײל פֿון איר אַלײן, פֿון װעלכן ס׳איז איר שװער געװען זיך אָפּזאָגן.

זי איז עטװאָס אָפּגעקילט געװאָרן און האָט שױן געטײלט איר צײט־פֿאַרברענג צװישן אים, דעם באַקאַנטן, מיט אַנדערע, װעלכע האָבן זי פֿאַרכאַפּט ניט מיט איבערגעלאַדנקײט פֿון װיסן און ערנסט, װעלכע האָבן אים געמאַכט דעם קאָפּ געבױגן, ניט לאָזנדיק אים זען, װאָס אַרום אים, אין זײן נאָענטקײט, טוט זיך; נאָר אױך זיך ציען צו זאַכן פֿון מער ממשות, װי פֿלירט און װאױלטאָג, װי מער בעסער זיך קלײדן, כדי אױס־צוזען װאָס בעסער און מער אױסנעמענדיקער.

אמת, ס'האָט זי נאָך אַלץ געצויגן צו יענעם, ניט קאָנענדיק פֿאַרגעסן איר ערשטע ליבע־שולד, וואָס האָט איר געמאַכט דאָס ערשטע מאָל די אויגן מיט בושה אַראָפּלאָזן און זיי צוריק ווידער אויפֿהייבן, האָבנדיק אים צו שטיין אָדער זיצן פֿאַר זיך. אמת אויך, אַז ווען ער, איר געוועזענער געליבטער, וואָלט ניט געווען ער, ד. ה. דער צוריקגעהאַלטענער, גע־צוימטער, שעמענדיקער מאַנצביל, אָט דעמאָלט, ווען זי איז שוין אַפֿילו געהאַט געווען עטוואָס אָפּגעקילט צו אים, וואָלט ער, אַליין מיט דעם, וואָס ער איז פֿאַרט דאָך אויך איצט איר געווען אַמנאָענטסטער פֿון אַלע, געקאָנט זי מענעריש דערוואָרבן און אַרייַנבאַקומען אויף תמיד און אויף פֿאַרפֿאַלן, און צי טאַטע־מאַמע וויל, צי ניט, די סוחרישע שטוב וואָלט באַשטאַנען, צי ניט, וואָלט די זאַך געווען אָפּגעטאָן אויף צוריק ניט צו כאַפּן, און, מעגלעך, אַז סוף־כל־סוף וואָלט מען אויך געמוזט מיט דעם שלום מאַכן, און ווידער צי גערן, צי ניט — אים פֿאַר אַן אייגענעם פֿאַר־רעכענען באין־ברירה... איז ער אָבער יאָ געווען ער, האָט ער דערום אויך אָט די לעצט־אַנטשליסנדיקע מעגלעכקייט אַדורכגעלאָזט, און דעם אמת געזאָגט, האָט זי, זיין געליבטע, אויך אין דער זייט זייער שלעכט אַ קוק געטאָן, זעענדיק אין אים עטוואָס געמינערטס.

די אָפּקילונג איז אַוועק ווייטער. דעמאָלט האָט אונדזער באַקאַנטער זיך גענומען מאַטערן און אומבלאָנקען בייַנאַכט אונטער די פֿענצטער פֿון זיין געליבטערס פֿאָטערס שטוב, אַרייַנקוקנדיק אַהין, ווען די לאָדן זיינען נאָך געווען אָפֿן, און ווען שוין צו — האָט ער אַן אויער צוגעלייגט צו איר צימערל, אַרויסצוהערן, אפֿשר זיצן איצט פֿרעמדע ביי איר, צי לעבט מען דאָרט, צי שטיפֿט מען, אָדער אפֿשר פֿאַרברענגט מען אין דער שטיל, וואָס דאָס האָט אים נאָך מער געערגערט פֿון שטיפֿן און לאַכן...

זעלטן פֿלעגט זי זיך שוין דעמאָלט צו אים אַהיים אַרייַנשטעלן, אָדער ערגעץ אויף אַן אָפּגעשטעלט אָרט אין אַ פֿאַררוקטער גאַס זיך באַגעגענען, ווי פֿריער, און אויב יאָ, איז שוין אויך, ווי ס'האָט געשיינט, מער פֿון רחמנות און פֿון מיטלייד; און דעמאָלט האָט ער, אונדזער באַקאַנטער, אויך זי גענומען מאַטערן — מיט רייד, מיט פֿאַרוואורפֿן, מיט פֿאַרשעמען אַלץ, וואָס איז איר צוגעקומען פֿון היימישע, סוחריש־גבירישע גע־שמאַקן, און געזען זי דערבידעריקן מיט באַוויזן איר, אַז זי איז גלייך, ווי אַלע, פֿון וועמען ער האָט די גאַנצע צייט זיך געמיט זי אָפּציען מיט זיין דערציאונג, מיינענדיק, אַז אירע השגות זיינען פֿיל העכער, ווי ביי יעניקע. דאָס האָט געווירקט, אַז אין זיין אַנוועזנהייט פֿלעגט זי זיך טאַקע

עטוואָס אונטערשעמען פאַר איר געפאַלנקייט און פאַר איר ניט קאָנען אַרויפקומען צו מער פײַנערע באַגערן; אָבער װי נאָר זי איז אַוועק פון אים, אַזוי האָט זי זיך צוריק אומגעקערט צו אירע ניי־דערוואָרבענע און צום טעם־געקומענע געשמאַקן, פילנדיק זיך אין דער געזעלשאַפט פון אירע פריי־אויפגעפּראַלטע באַקאַנטע פיל בעסער, ווי אין זײַנער, וועלכע האָט זי געענגט, געדריקט, ווי אַ דריקנדיקער קאָרסעט.

ס'איז שוין דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז... זאָל דאָס בלײַבן צווישן אונדז, נאָר אַז ער, פאַר וועמען, ווי געזאָגט, ס'זײַנען שוין געווען צעעפנט די טויערן פון „יאַרהונדערט", וואָס פאַר פיל אַנדערע זײַנען זיי געווען געשלאָסן, זײַער שוועל ניט אַריבערצוטרעטן; ער, וואָס זײַן יעדער דעמאָלט דערשינענע אַרבעט אין יענער שריפט האָט אַרויסגערופן בײַ פיל לייענער פון דער פּראָווינץ, און אויך ניט פון דער פּראָווינץ, גרויס באַגייסטערונג, עסטעטישן געניס און פיל נאָכדענקערײַ; ער, דער, האָט אין דער זעלבער צײַט אין פּערזענלעכן לעבן זיך געפּילט אַזוי שפּל און געפאַלן, אַז ער האָט געקאָנט גיין אויף אַזאַ זאַך, ווי זוכן נקמה אַמאָל אין דער זאַטער, באַלעבאַטישער שטוב פון זײַן געליבטערס פאָטער, וואָס האָט אַלעמאָל אַרויסגעקוקט אין גאָס מיט גרויסע פענצטער און מיט גבירישער הרחבה, — זוכן נקמה אין דעם, וואָס ער האָט זיך אַמאָל דערלויבט אין איינעם אַ שיינעם אָוונט, שטילערהייט פון אַן אויסבאַהאַלטן ווינקל, אַהין אַ שטיין אַרײַנלאָזן — מיט טראַסק, מיט צעבערעכן שויבן און מיט איבערשרעקן אַליין די באַלעבאַטים, ווי אויך די געסט, וואָס האָבן זיך צופעליק דעמאָלט געפונען, ביז צו פאַלן אין חלשות פון דער־שרעק און פון אַט־אַט, שיער טאַקע ניט געשעדיקט ווערן ביז בלוט פון אַרײַנגעשליידערטן... מ'האָט ניט געקאָנט דערגיין, ווער ס'האָט דאָס געטאָן, אָבער וועמען־וועמען, נאָר אויף אים, ווי אויף אַזאַ, האָט דאָך אַוודאי ניט געקאָנט קיין חשד פאַלן: געוויס אַ גאַסן־יונג, אַ כוליגאַן, אַ שיכור, אָבער באַין־אופן וואָלט מען זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז פון דער האַנט פון אַזאַ, ווי ער, האָט דאָס געקאָנט קומען און טרעפן.

מ'וואָלט זיך אויך ניט פאָרגעשטעלט, אַז צו יענער צײַט האָט זיך אונדזער באַקאַנטער צונויפגעקאָמפּאַניעט מיט איינעם אַ שיכורן מאַ־נאָך פון היגן, שטאָטישן מאָנאַסטיר, וואָס איז אין אַ ווייטער, אָפּגעלע־גענער גאָס, צווישן סעדער, געווען פאַררוקט, און מיט אים, דעם מאָנאַך, פלעגט ער גאַנצע טעג פאַרברענגען ערגעץ הינטער אַ בוים פאַרבאַהאַלטן, און בעת דער באַגעגעניש פלעגט ער כסדר מיטברענגען אונטער דער פאָלע דאָס, וואָס יענער האָט באַגערט און נאָך וואָס יענער איז להוט

געווען, און צוזאַמען מיט אים אויך אַליין פיל אַריינכאַפּן פון יענעמס באַגערטן — פון געטראַנק.

ער האָט אַ געוויסע צייט דעמאָלט זיך אויך אַריינגעלאָזט אין פאַר־שיכורנדיקער שאָך־שפּיל מיט איינעם אַ באַוואוסטן אין יענער שטאָט גאָר מאָדנעם פּאַרשוין, מיטן נאָמען ביק — אַ פּאַרשוין פון זיין עלטער, אַ ווילדער מאַטעמאַטיקער און שאַכמאַטיסט, וועלכער האָט זיך מיט אָט דער שפּיל פאַרנומען פון קליינערהייט אָן, און וואָס איבער איר האָט ער פאַרלוירן אַ גרויסע נחלה — אַ שטוב, הויזראָד און אַ גוט־באַאַרבעט האָפּן־פעלד, וואָס איז אים געפאַלן בירושה נאָך זיין טאַטנס טויט, זייענדיק אַ בן־יחיד, און וואָס אַנדערע כלומרשטע בעלי־חובות און אין דער אמתן שווינדלער — האָבן דאָס ביי אים אַוועקגענומען, אים לאָזנדיק ביי גאָר־ניט... ער האָט זיך דערנאָך געכאַפּט, אָט דער ביק, און אומגייענדיק, ווי זיין געוואוינשאַפט, אין קאַלאָשן אויף די באָרוועסע פיס סיי זומער, סיי ווינטער, האָט ער אין איין יאָר דורכגעמכאָט אַ קורס פון אַ גימנאַזיע, און אַזוי זיך אומדרייענדיק אין די זעלבע קאַלאָשן — אויך אַ אוניווער־סיטעט, און דאָס האָט אים באַוואוסט געמאַכט אין שטאָט אַלס דעם בעסטן אונטערריכט־געבער, פון וועלכן ער האָט געצויגן זיין שפּור־קליינעם באַדאַרף, ווייל נאָך געלט און פאַרדינסט האָט ער זיך ניט גע־יאָגט, אָפּגעבנדיק אויך איצט די מערסט־בעסטע צייט דעם שפּילן.

און אָט מיט דעם ביק, איז זיך איצט צונויפגעגאַנגען אונדזער באַ־קאַנטער, פאַרברענגענדיק מיט אים גאַנצע טעג, אַמאָל אויך אין די אָוונטן, און אַמאָל אויך אַפילו איבער די נעכט אַריבער... — וואו ? אין ביקס עקסטערן־צימערל, וואו ס'איז קיינמאָל ניט געווען געקערט, ניט צוגענומען פון טיש, און וואו אויך דאָס האַרטע, שטאָלענע בעטל מיטן שלעכטן, מאָגערן מאַטראַצל, ניט פאַרבעט.

ער האָט אַזוי לאַנג געשפּילט ביי טאָג, ביינאַכט און פאַרנאַכט פאַר אַ לאָמפּ־אָנצינדן, פאַרגעסנדיק שיין מאַכן, אַז ער האָט אָנגעהויבן עפּעס קוקן קאָסע — אַ קרענק, פון וועלכער ער האָט זיך אַ צייט דערנאָך געמוזט היילן, שיער אויך ניט בלינד װערנדיק.

צו יענער צייט האָט ער זיך באַקאַנט אויך מיט מיר, וואָס כ'בין גראָד אויך אָנגעקומען פאַר אַ לערער אין זיין באַליבטערס פאָטערס שטוב, צום אונטערריכטן די יינגערע קינדער — ברידערלעך און שוועסטערלעך פון זיין געליבטער. דאָס האָט אים צו מיר דערנענטערט... דערפילנדיק אין מיר אי אַ פאַרערער, אי אויך ניט קיין קאָנקורענט (מחמת מיין קלייך־ווייניקייט האָט מיט זיך גאָר־גאָר אַ קליינע ווערט

פאַרגעשטעלט), האָט ער אין מיר געפונען יענעם צוטרויליכן, דורך וועמען ער וועט האָבן די מעגלעכקייט צו האַלטן פאַרבינדונג מיט דער שטוב, אַז, ווען ס׳וועט אים נויטיק זיין, זאָל ער, געהיימערהייט, דורך מיר אַמאָל עפּעס קאָנען איבערגעבן, אָדער אַרויסבאַקומען וואָס — פון וועמען ער דאַרף...

ס׳איז אַזוי געווען. דעמאָלט האָט ער אָנגעהויבן ווערן אָן אָפּטער איינגייער צו מיר — ניט קיין איינגעלאַדענער, נאָר אַליין געקומען, ווען נאָר ס׳האָט זיך אים פאַרוואָלט: בייטאָג, אויפדערנאַכט און אַמאָל אַפילו גאָר שפּעט אין אָוונט, אויף דער גאַנצער נאַכט איבערצוזיצן. גערעדט האָט ער מיט מיר וועגן פאַרשיידנס, אָבער יעדעס מאָל פלעגט ער אַרויפקומען דערויף, וואָס האָט אים אַממערסטן געענגט, און פון וואָרט צו וואָרט, פון זאַץ צו זאַץ פלעגט ער אויך לסוף נעמען אָנרופן דעם נאָמען פון דער, וועלכע האָט אים געשאָפן דעם אַנגסט. ער פלעגט זיך אונ־טערשעמען פאַר מיר, וואָס ער, אַזאַ, צו וועלכן איך האָב נאָר געקאָנט דעם קאָפּ פאַררייסן, איז געווען געצוואונגען זיך אַראָפּלאָזן אַזוי נידעריק, ביז אַזש אָנצוקומען אויסגיסן דאָס האַרץ פאַר מיר — נאָך אַ יינגל, אַ האַלב לערערל, וואָס שטייט אָפּ פון אים אין אַלץ, אין יאָרן, פאַר־שטאַנד און אין אַלעם איבעריקן, נאָר דערפאַר, וואָס אָט דאָס יינגל, אָט דאָס האַלב־לערערל, האָט די זכיה צו אָטעמען מיט יענער לופט, מיט וועלכער ס׳אָטעמט יענע באַשעפעניש, וואָס איז אים צו זיין גרויסן אומגליק — אַמליבסטן און אַמטייערסטן. ווי, צו וואָס איז ער דער־גאַנגען... פון דער אַנדערער זייט אָבער, זעענדיק מיין פאַרערונג, מיין מיטגעפיל און מיין מאַכן זיך כלומרשט ניט באַמערקן זיין לאַגע, האָט ער זיין כבוד פאַרבויגן, האָט אויך דערפאַר מיך אַ ביסל, ווייזט אויס, געאַכטעט און מיך גענומען רעכענען, ווי פאַר אַ ברודער, פאַר וועמען מען מעג זיך עפענען און אַלץ אַנטפּלעקן אָן בושה.

האָבנדיק אין זינען גאָר עפּעס אַנדערש, איז ער, פאַרביילויפיק, מיר אויך מיין לערער געוואָרן; אָנהאַלטנדיק מיט מיר באַציאונגען בלויז אויף אויסצונוצן מיך פאַר זיינע טרויעריק־אויסבאַהאַלטענע צוועקן, האָט ער, צוליב אָנשטענדיקייט און צוליב צודעקן עטוואָס יענע צוועקן, אין דער צווישן־צייט פון איין געשפּרעך און אַנדערן וועגן איר, וועגן דער, ביי וועמען אין די הענט ס׳איז געלעגן זיין פאַר־שטויסענער גורל, — אויך מיך כלומרשט אין זינען געהאַט, און פון צייט צו צייט האָט ער געזען זאָרגן פאַר מיר און מיין אָפּגעשטאַנענקייט.

און צו עפענען פאַר מיר דאָס, וואָס איז פאַר מיר נאָך דעמאָלט געווען גאָר־גאָר ניט צוטריטלעך.

צוליב זיין זעלבסטבאַרואיקונג און כדי כאָטש, ווי ניט ווי, זיך אַמאָל באַפרייען פון זיין גאַרניט־צו מקנא זייענדיקן שטאַנד, פלעגט ער זיך דעמאָלט אָפּט פאַרנעמען מיט דער גריכיש־רוימישער קלאַסיק, דערהויפּט מיט פילאָסאָפן, וועלכע ער פלעגט כסדר אַרומטראָגן אין קעשענע, און קומענדיג צו מיר, פאַר מיר זיי פאַרלייענען; ווי, למשל, אַ פּלאַטאָנס „די סעודה", אָדער „פעדאָן", וועלכע ער האָט שטאַרק באַליבט, און לייענענדיק, מיר באַווייזן צוערשט, וואָס ס׳הייסט אַזוינס די גאָלדענע לאָגיק, אויב מ׳קאָן אַזוי זאָגן, און זאָגנדיק דערביי, אַז יעדעס מאָל, ווען ער שטייט פאַר יענע קוואַלן, דאַכט זיך אים, אַז ער געפינט זיך אַ שטילבאַגליקטער צושויער ביי אַ זילבער־פליסנדיקן וואַסער פון אַ פלאַכן טייכל, שטיל און גרין באַהאַלטן צווישן בוים און גראָזן, און ער קוקט צו, ווי אַלטע חכמים אַן באַרוטע לייט פאַנגען גאָלדענע פיש אין גרויס באַרוטקייט.

יאָ, מיך האָט ער רו געלערנט, און ער אַליין איז פון אַט דעם אַלעם געלערנטן אַ גאָר וויניק באַרוטער אַרויס... דעמאָלט האָט ער זיך איינמאָל אויפגעהויבן, און ניט זאָגנדיק גאָרניט, אַן אַ זיי־געזונט, זיך אַוועקגעלאָזט אין יענע צענטערן, וואוהין זיינע אינטערעסן האָבן אים גערופן און וואָס ביז אַהער האָט ער ניט געהאַט קיין אויער פאַרן רוף, און האָט זיך דאָרט געזאַמט אַזויפיל, אויף וויפיל זיין גערודלד האָט אים געקלעקט צו בלייבן ווייט און אויסער זיין הויפּט אינטערעס. אָבער אויך זייענדיק אין צענטער, האָט ער זיך אָפּט אין מיר דערמאָנט, ניין, ניט אין מיר, נאַטירלעך, נאָר אין איר, מיט וועמען איך געפין זיך אין איין שטאָט און אין איר שטוב, און מיך געבעטן, איך זאָל אים מיטטיילן, כאָטש וואָס ניט איז, כאָטש וויפיל ניט איז וועגן איר, וואָס איך, פון מיין זייט, האָב דאָס אַוודאי געטאָן, גרייט זייענדיק אים צו דינען.

דער סוף, ווי געזאָגט, איז געווען אַ שלעכטער. ער איז אַט אַוועקגעפאָרן, אַט צוריקגעקומען, פילנדיק, אַז זי, די געליבטע, גליטשט זיך וואָס ווייטער אַלץ מער אַרויס פון זיין נאָענטקייט און אויפווירקונג. אמת, ס׳האָט זי נאָך אַ קליין ביסל געצויגן דער אינטערעס צו אים, ווי צו אַזאַ, וואָס זיין נאָמען איז ערגעץ, אין געוויסע קרייזן, גרויס באַוואוסט און אָנגעזען; אָבער פאַרכאַפּט אינגאַנצן האָט זי דאָך שוין ניט דאָס, וואָס איז, ערשטנס, איר אַליין ניט איבעריק נאָענט, און צווייטנס, מחמת ווידער איר פאַטערס סביבה, וואָס האָט זי געהאַלטן אין איין

רייסן אויף צוריק, וואָרענען און שרעקן, אַז ס׳שטייט איר פּאַר, אַריינ־פאַלנדיק צו אים, אין אָרעם, ניט געזיכערט לעבן מיט אַ מענטשן אַ האַלב־הפקר, אינגאַנצן לופט־באַלאָן און אָן אַ פעסטן שטאַנד אין דער געזעלשאַפט, וועלכע איר פאָטער און זיין אָרום האָבן געהאַלטן פאַר גאָר פעסט און שטאַנדהאַפטיק.

זי האָט זיך נאָך געוואַקלט... צו יענער צייט זיינען זיינע באַקן געוואָרן אַלץ מער אויסגעגריבלטער, די פּלייצע געבויגענער, זיין איילנ־דיק־אומפּליענדיקער גאַנג אין געוויסן הענג־מאַנטל — אַלץ האַסטיקער און פאַרטראַגענער און זיין אויסערלעך־אויסזעענדיקער, גוטמוטיקער שמייכל פון אַ חכם, אַ מבין אויף אַלץ — אַלץ באַטריבטער.

צו יענער צייט — און דאָס איז געווען אין איינעם אַן אַנהויב זומער — פלעגט ער זיך צו מיר אַריינשטעלן גאָר שפּעט אין אָוונט, מיטן אויסרייד, אַז ביי מיר, וואו איך האָב דעמאָלט געוואוינט, אין איינער אַ שטאַרק־פאַררוקטער סעדער־גאַס, איז אים ביינאַכט אַמאַנגענעמסטן צו זיצן אין דער שטיל און זיך איינהערן אינעם געזאַנג פונעם געוויסן פויגל, וואָס מיטן זילבערנעם פלעשעלע אין גאָרגל — דעם סאָלאָוויי, וואָס, זינגענדיק אין די לבנה־נעכט אין די סעדערדיקע אויסבאַהעל־טענישן, פאַרגייט ער זיך, אַזוי פאַרגאַפט, אַז ער וואָרגט זיך כמעט פון זיינע אייגענע אומבאַגרענעצטע געזאַנג־מעגלעכקייטן און אומ־ענדלעכער מתיקות.

אַט דעמאָלט, זיצנדיק מיט אים אויף מיין שוועל אין דרויסן, פלעגט ער אויסזען שטאַרק נידערגעשלאָגן, הערנדיק, ווי יענער, דער אויס־באַהאַלטענער סאָד־פאָעט, רופט זיך איבער מיט זיין אויסדערוויילטער אויף זיין טרעלענדיקן מאַיאָוון לשון, אַזש ביז צו לאָזן זיך הערן אויף די ווייטסטע גאַסן אָרום, און אויך הויך אַרויף, ביז, דאַכט זיך, אַפילו צו די שטערן; און הערנדיק אים, האָט ער זיך געוויס דערמאַנט אין דער זייניקער, וועלכע איז איצט אַזוי ווייט פון אים — ניין, ניט ווייט, דווקא נאָענט, זייער נאָענט, אַט־אַט מיט דער האַנט צו דערלאַנגען — אין איינער אַ שטוב, ניט אויף קיין ווייטער גאַס, מיט אַ היימישן דאַך אויפן קאָפּ, און וואָס נאָר אַ קליינינקייט גייט אָפּ, ווען נאָר אַ ביסעלע אַנדערש, ווען אַ קליין ביסעלע מער ליבע פון איר צו אים, וואָלט ער זיך, מעגלעך, אויך ווי אַט דער, וואָס מיטן פלעשעלע אין גאָרגל, צע־זינגען...

ס׳האָט שוין דעמאָלט געהאַלטן גאָר שלעכט מיט מיין באַקאַנטן: ס׳האָט געהאַלטן דערביי, אַז ער זאָל אָדער פאַרענדיקן מיט זיך אַליין,

אָדער אָפּטאָן עפּעס ערגערס. ס'איז דערגאַנגען דערצו, וואָס איינמאָל (האָט ער מיר דערציילט), ווען זי, די זייניקע, האָט אים באַפוילן מיט אַ באַזוך, אַן איבערגעכאַפּטן, אַ פאַרביילויפנדיקן, ווי בכלל, די לעצטע צייט — מער פון אַלטער געוואוינשאַפט, ווי פון אינטערעס, און מער פון מיטלייד, און ווען זי האָט זיך געלאָזט פון אים, ווידער נאָר פון געוואוינשאַפט, אַרומגעמען און אַפילו צו קושן, — האָט ער, האַבנדיק זי נאָענט־נאָענט, און אין דער זעלבער צייט פילנדיק זי אַזוי פרעמד, פרעמד, זיך צו איר אַ בויג געטאָן און אַ זאָג געטאָן, שטיל זיך איינ־געמענדיק, „אוי, ליבסטע, בעסטע, בעסטע מיינע...״ — „וואָס?״ — האָט זי איבערגעפרעגט, ניט איינהערנדיק. — „גאָרניט, גאָרניט״, — האָט ער איר געענטפערט, און אין דער זעלבער רגע איז אים אַ שטאַרק־באַגערנדיקער געדאַנק אַדורכגעפלויגן, זיך צו איר נאָכאַמאָל אַ בויג געטאָן, נאָענט־נאָענט, און מיט אַ פול מויל און מיט אַלע ציין איר דעם אויער אָפּבייסן: אויב ניט אים, איז ניט קיינעם, זאָל דאָס הייסן, און זאָל זי בלייבן מיט אַ מום...

ער האָט זיך דעמאָלט טאַקע באַלד אָפּגעטראָגן פון שטאָט, מורא־האָבנדיק אי פאַר באַגיין מיט זיך אַליין עפּעס ניט גוטס, אי — פאַר אָפּטאָן נאָך עפּעס ערגערס מיט איר, פילנדיק, אַז ס'דערנעענטערט זיך דער סוף, וואָס האָט, אגב, טאַקע ניט געזאַמט באַלד אָנצוקומען.

ווייל, יאָ, אינגיכן איז די זייניקע פאַרקנסט געוואָרן צו אַן אַנדערן. זי האָט, אמת, געווינט, האָט מען געזאָגט, פון דער געוועזענער גע־דעכעניש, וואָס האָט זיך איר נאָכגעשלעפּט, און אויך פון וויסן, ווי אַזוי ער, איר פריערדיקער געליבטער, וועט אויסזען נאָכדעם, ווי ס'וועט אים טרעפן דער שלאָק פון איר אָוועקגיין און אָפּטריניקייט... דאָך האָט זי דאָס געטאָן און, סוף־כל־סוף, זיך באַרואיקט.

שפּעטער אַביסל האָב איך פון צענטער, וואוהין מיין באַקאַנטער איז אָוועק, באַקומען אַ בריוו מיט אַ ביטער אויסגעשריי: „אלהי אבי יהיה בעזרי״ — דאָס הייסט, אַז גאָט אַליין זאָל אים ביישטיין אין זיין צער, אים ניט צום איבערטראָגן.

ער האָט שוין ניט חתונה געהאַט און איז פאַרבליבן אַ בחור. פון דעמאָלט אָן האָט ער, ווי טראַגנדיק טרויער נאָך זיין פאַרגאַנגענהייט, זיך ניט געשיידט מיט דער הלבשה, וועלכע ער האָט געהאַט אויף זיך אין יענער שטאָט, פון וועלכער ער איז אַרויס הויל, נאַקעט און באַנומען, ווי אַ נשרף — ניט מיטן קאַפּעלישל מיט די קורצלעכע ראַנדן, וואָס איז

אים קוים אויף די קוטשעראַווע האָר געלעגן, ווי אויך ניט מיט זיין הענג־מאַנטל, מיט דער לופטיק־ווינטיקער פעלערינע.

דעמאָלט האָט ער זיך פאַרקליבן און באַליבט איינס אַ צימערל אויף אַ הויכן עטאַזש, אָפּגעדונגען ביי גאַרניט קיין רייכע לייט, ווי זיינע דעמאָלטיקע מיטלען וואָלטן דאָס אים דערלויבט; און האָבנדיק פאַר זיין איינציקן פענצטער עפּעס איינעם אַ פלאַכן דאַך פון אַ פרעמד הויז, וואָס האָט זיך געטוליעט צו דעם, אין וועלכן ער האָט געוואוינט, האָט ער אַהין אַלעמאָל געוואָרפן ברויט־ברעקלעך און אַנדערע שפּייז־שיריים פאַר שמעטערלינגען און טויבן, וועלכע פלעגן קומען מאַסנווייז, היפּענ־דיק, טאַנצנדיק, מיט סוויטשעריי און פליגל־בראַך זיי אויפקלייבן.

און אָט דאָרט האָב איך אים געטראָפן, ווען כ׳האָב שפּעטער, אַן ערך דעם 10־טן יאָר, זיך אַליין אויך געלאָזט אין צענטער — שוין מיט אייגענער מלאכה, און מיט דער האָפענונג אַליין אויך צו פאַרנעמען אַ געוויס אָרט צווישן פען־לייט. כ׳האָב אים אָפּגעזוכט און ער האָט מיך זייער פריינטלעך אויפגענומען און באַגעגנט, רעקאָמענדירנדיק מיך, וואוהין און צו וועמען איך האָב באַדאַרפט, און בכלל מיך אונטער־געהאַלטן מיט עצות און אָנווייזונגען, ווי ס׳טוט אַ גרויס־שטאָטישער מיט אַ פּראָווינציאַל.

כ׳האָב ביי אים אויך סטאַנציע געהאַלטן. ער האָט מיך ניט אָפּגעע־לאָזט, געגעסן, געטרונקען מיט אים צוזאַמען, און אין די אָוונטן, ווען איך האָב זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט מיינע באַשיידענע בייטאָגיקע באַ־שעפטיקונגען, פלעגט ער מיט איר פאַרברענגען און מיך אויספרעגן אויף דער שטאָט, פון וואַנען איך קום און מיט וועלכער ער איז געוועזן אַזוי באַקאַנט, ביז צו געדענקען יעדען שטיין, יעדע גאַס און געסל, וואו ער האָט אין זיין אַמאָליקער פאַרצוויפלונג אומגעבלאָנקעט און זיין פאַרוואונדעט האַרץ אויסגעזיפצט.

ער האָט אויך דעמאָלט פון וואָרט צו וואָרט, פון זאַץ צו זאַץ, ריידנדיק, דאַכט זיך, גאָר פון עפּעס אַנדערש, פאַרט לסוף זיך דער־קליבן צו דעם, וואָס ער האָט ביז איצט ניט פאַרגעסן — וועגן איר, וואָס, ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, ווענדט ער זיך אויך איצט, פון צייט צו צייט, צו איר מיט בריוו, אויף וועלכע ער באַקומט קיין ענטפער ניט.

כ׳האָב באַפרידיקט זיין באַגער זיך צו דערוויסן די מינדסטע פּרטים פון דאָרט — ווי ס׳לעבט זיך איר, ווי ס׳גייט איר, און ווער איז דער פאַרשוין, וואָס האָט אים פאַרביטן א. אַז. וו.

ער איז מיר דאַנקבאַר געווען. ער האָט מיר געצאָלט דערפאַר מיט טרייער נאָענטקייט — דערמיט, וואָס ער האָט פאַרגעזעצט מיר צו זיין מיין מורה־דרך — מיין וועגווייזער, הייסט עס; און אויסער אַלערליי אַנדערע עצות, וואָס איך האָב, זייענדיק ביי אים, פון אים דעמאָלט באַקומען — עצות, וואָס האָבן געהאַט אַן אוממיטלבאַרע שייכות צו מיין דעמאָלטיקן זיין און פאַרברענגען אין צענטער, האָט ער מיר נאָך איינע געגעבן — אַזאַ, וואָס ער האָט געהאַלטן, ווייזט אויס, פאַר גרויס־וויכטיק און פאַר אַ נוצלעכן עיקר פאַר מיר: „אַנטלויף — האָט ער געזאָגט — פון דאַנען, און זאָל דער גאָט פון דער פּראָווינץ דיר זיין דער שיצער אין דיין אומשולד. דאָ איז קיין אָרט פאַר דיר, פאַר אַזוינע״, — האָט ער געזאָגט, — קוקנדיק אויף מיר און ווי סנדיק, ווייזט אויס, מיין וועזן, וואָס קאָן דאָ צעריבן און אויס ווערן. דאָ — האָט ער געזאָגט — איז יאַריד, וואו מ׳האַנדלט מיט וואַסערדיקן טינט און מיט ביליקע שמאַכטעלייען; דאָ זיצט די געדראָלענע גדלות מיט פאַרריסענע פּיס אויפן ליטעראַרישן טיש, גאַרניט אויפשטייענדיק... דערביי האָט ער מיר געבראַכט אַ ביישפּיל פון איינעם אַ באַוואוסטן דאַרטיקן ליטעראַט, „דער גענעראַלער גאַנער״, — ווי ער האָט אים אָנגערופן, — אַ פאַרשוין, אַ קוויטיקער אין אַלע הינזיכטן, ביז צו האָבן קויט אונטער די נעגל און ביז ניט אָפּצוואווישן דאָס מויל נאָכן עסן, וואָס גייט אַרום מיטן זייטלדיקן שטאָלצן בליק און מיטן שוואַרצן שנאָבל און קאָפּ הויך־מאַיעסטעטיש פאַרריסן, גלייך ער וואָלט געפלויגן ניט נאָר ביזן פלויט און פאַרקן, ווי אַלע גענדז, נאָר ווי ער וואָלט געווען אַ שכן אין די וואָלקנס און אַ שמעלקע אין די שמי־שמים — אין די הימלס־הימלען, הייסט עס, ער דערלאָזט ניט קיין גלייכן צו זיך, מ׳קאָן דאָס ביי אים ניט פועלן, ניט אויסדינגען, און אַז מ׳רופט אים אָן אַ גרויס באַוואוסטן וועלט־נאָמען, וואָס דערמאָנענדיק אים, לאָזן זיך אַראָפּ ביי אַלע פונעם שרייבערשן פאַך די הענט פון פיל ערע און אָנערקענונג, זאָגט ער, דער גענעראַלער גאַנער: „פּכע... אמת, די מלאכה קאָן ער, האָט אויך מיטלמעסיקע ראָמאַנען — און דאָס זאָגט ער, דער, יענער, וואָס הלוואי־הלוואי פאַרמאָגט ער כאָטש אַ מינדסט, אַ שפּיץ, אַ אונציע פון אָט יענעמס כלומרשטשער מיטלמעסיקייט.״

אָט אַזוי האָט מיר געזאָגט מיין באַקאַנטער, און פון געזאָגטן, און דער עיקר, פונעם טאָן, ווי אָט דאָס געזאָגטע איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן, איז געווען צו זען, אַז ער אַליין איז שוין אויך אַ שטיק ניט קיין היגער. פונעם האָדעווען די טויבן אויפן פרעמדן דאַך, מיטן ווילן אָפּ־

ריידן פון צו בלייבן אין צענטער, וואָס דאָס איז, געווים, געוועזן אַ פּועל־יוצא פון זיין איינשטעלונג בנוגע זיך אַליין, וואָס כאָטש, הייסט עס, ער אַליין געפינט זיך דאָ, איז ער דאָך אַרויסגענומען, אויסגעטיילט און באַזייטיקט פון אַלעם, — איז געווען צוזען, אַז מיט זיין פאַרשפּילן אין ליבע איז אים אָפּגעקומען אויך אין עפּעס אַנדערש, — דאָס מיינט מען — אין חשק און אין דראַנג זיך צו וועלן מאַכן מער אָרט און מער נאָמען צווישן צעך־ און פאַך־לייט, ווי ס'איז אייגנטימלעך פאַר יעדן. ניין, — ער ניט. ער, אין דעם פּרט, איז אויסגעלאָשן.

דערפאַר אָבער, האָב איך באַמערקט, האָט ער אין אַנדערן ווינקל ווידער אויפגעפלאַקערט. ער האָט זיך אַ קער געטאָן מיט זיין ליבע צו אַ געבוט, וואו ער איז געווען פריי, אומגעצוימט, אומבאַגרענעצט און אָן דער מורא, אַז ער וועט פון צווייטן צד, ד. ה. פון יענעם וועזן, וואָס ער האָט איצט ליב געקראָגן, באַגעגענען אַ שטער, אַ ווידערשטאַנד, אָן אומווילן אָדער אַ ווידערווילן, ווי ס'האָט אים באַגעגנט אין זיין ערשטער. ער האָט זיך אַ ווענד געטאָן צו דעם, צו וואָס ער האָט זיך אויפסניי איבערגעגעבן מיט יענער גרויסער פאַרשלונגענקייט, אויף וועלכער אָזאַ, ווי ער, איז נאָר פּיִאיק, מיט יענער גייציקייט, ווי עס טרעפט אַמאָל מיט מענטשן נאָך אַ שלאַפקייט אָדער נאָך שיף־ברוך, ווען מ'דערקלייבט זיך צוריק צום געזונט און צו פעסטן באָדן, ווען מ'דערפילט דעם טעם פון כיעס אויף דער וועלט פיל מער, איידער מ'איז אָט־אָט, שיער־שיער ניט פאַרזונקען, אויף ניט אַרויסקומען פון פאַרזינקעניש. ער האָט זיך איבערגעגעבן דעם פאַך און זיין אויפלעבונג, לויט ווי ער, מיין באַקאַנטער, האָט אין זיין צייט, לויט זיין דערציאונג, לויט זיין בילדונג, סביבה און גייסטיק־דורכגעמאַכטן וועג זי פאַרשטאַנען, די אויפלעבונג.

שוין דעמאָלט, זייענדיק אין צענטער און שטייענדיק ביי אים סטאַנציע, האָב איך באַמערקט אויף זיין טיש אַ העפטל מיט אַ אויפגעשריבענעם נאָמען, אויפן שער־בלאַט „פּראָ עט קאָנטראַ" — פאַר און קעגן, הייסט עס, — אין וועלכן ער האָט געזאַמלט מיינונגען און אַרויסזאָגונגען פון פאַרשיידענע פיינט און פריינט פון פאַלק, אָנהייבנדיק, פון איין זייט, פון די קעגנער, ווי פונעם אַלטן אַפּיאָן, און ענדיקנדיק מיט די פון אונדזער צייט, מיט אַ דריומאָן, טשעמבערלען און שטעקער; און פון דער צווייטער זייט — מיינונגען און אַרויסזאָגונגען פון אַפּאָלאָגעטיקער און פאַרטיידיקער פון פאַלק, ווידער אָנהייבנדיק גאָר פון אַמאָל, פון פילאָן דעם אַלעקסאַנדריער, ביז פאַרשיידענע רוימישע

פויפסטן, עפּיסקאָפּן, הומאַניסטן, ביז אַזעלכע, למשל, ווי אַ זאָלאַ און ביז גאָר די לעצטע, וועלכע האָבן זיך דערפאַר איינגעשטעלט און אין אַ עת־צרה אונטער זייער שוץ און פליגל גענומען.

ריידנדיק מיט מיר וועגן אָט דעם מין, האָט ער שוין אָפּט דעמאָלט אונטערגעפלאַקערט, ווי בעת זיין אַמאָליקער ליבע, אויסזעענדיק מיט זיין לענגלעכן, עטוואָס איינגעבויגענעם וואוקס, מיט די קוטשעראַוועע האָר, וועלכע האָבן זיך שלעכט געלאָזט פאַרקעמען, מיט די אויסגעגריבלטע באַקן פון גאָר־טונקעלן קאָליר, מיט די דאַרלעכע הענט, און מיטן גוטמוטיקן אָבער צוגלייך אויך פאַרביטערטן שמייכל, און דער עיקר מיט זיינע האַלב־געלאָשענע, אָבער אין דער זעלבער צייט אויך אונטערגליִענדיקע פאַרזשמורעטע אויגן, — מיט דעם אַלעם האָט ער שוין דעמאָלט אויסגעזען עטוואָס ענלעך, ווי אויף אַן אַמאָליקן אַפּאָסטאָל, וואָס אי ער קאָן זיך איינשטעלן פאַר דעם, וואָס ער גלויבט, ביז צו גיין פּריידיקן פאַר דעם אין די מדבריות, פאַר שטיינער און העל־צער, אי צו וואַרפן אַ שטיין אין דעם, אין גרויס קנאות און אויפגעריגטקייט.

שפּעטער אַביסל, שוין זייענדיק אינדערהיים, אין מיין פּראָווינציעלער שטאָט, וואו ער, מיין באַקאַנטער, האָט מיר מיין אָרט אָנגעוויזן, און וואו, אגב געזאָגט, האָב איך דאָרט לאַנג פאַרבראַכט, געדענקענדיק און אויספאָלגנדיק זיין געבאָט, און וואָס, ווידער אגב, כ׳האָב קיינמאָל דערויף קיין חרטה ניט געהאַט, — שוין זייענדיק אין דער היים, האָב איך שפּעטער אַ שטיקל צייט באַקומען אַ בריוו פון אים, פון ערגעץ אַ שטאָט אָדער שטעטל אין דייטשלאַנד, אין וועלכער ער האָט געשריבן, אַז ער מאַכט איצט דורך, מיט פאַרווערק און צופוס, דעם וועג פון יידישן גלות, וואו ער באַזוכט „קברי־אָבות״, ווי שפּייער, וואָרמס, און פאַרשיידענע עלזאַס־שטעט, וואו יידן זיינען אין מיטל־אַלטער אויסגעשטאַנען גגישות, שחיטות און פאַרפאָלגונגען, און אַז ער דענקט זיך אַזוי־אַ רוקן, רייזנדיק, ביז שפּאַניע, ביז טאָלעדאָ, סאַראַגאָסאָ, גראַנאַדע און קאָרדאָוואָ, וועלכע ער וויל באַזוכן, וועלנדיק זען דאָס אָרט, וואו ס׳איז געשטאַנען דאָס גאָלדענע וויגעלע פון אונדזערע קרוין־פּאָעטן, ווי אַ יהודה הלוי, משה אבן עזרא, גבירול, אברהם אבן עזרא א. אַ.

און דאָ מוזן מיר איבעררייסן דאָס ווייטער דערציילן וועגן אונדזער באַקאַנטן, ווייל... דאָס לעבן האָט אונדז צעריסן. ס׳איז אָנגעקומען די מלחמה פון 14־טן יאָר. מיין באַקאַנטער איז געבליבן, וואו ער — אין

פוילן (זאָגן מיר איצט אויס דעם נאָמען), וואָס געפינט זיך פון יענער זייט גרענעץ, און איך, וואו איך, פון דער זייט

מער האָב איך אים ניט געזען און פאַר דער צייט גאָר ווייניק ידיעות פון אים באַקומען. דאָס האָט אָבער ניט געשטערט, אַז איך זאָל זיך אַלע מאָל אין אים דערמאָנען, ער זאָל מיר אַלעמאָל פאַר די אויגן אויפשווימען און זאָל וועקן מיין אינטערעס צו זיך, אי ווי צו אַ מענטש, אי מיך רייצן ליטעראַריש... ווייל יאָ, ווייל אויב דעם אמת זאָגן, און אויב רעדן אויף אונדזער גראָבלעכן ליטעראַרישן פאַך־לשון, האָב איך אים געדענקט אויך ווען ניט ווען „אויסנוצן" אין אַ געוויסער געלעגענהייט, אין געוויסע טעמאַטישע אומשטענדן, און מיט אַ גאָר אַן אַנדער אָנהייב און אַן אַנדער סוף, זאַמלענדיק אויך פיל מער ידיעות וועגן אים. און דער עיקר וועגן די יאָרן־איבעררייס, וואָס האָבן אונדז צעשיידט, — ניט ווי איצט, ווען איך פיל, אַז ס'איז ביטער קאַרג און כ'וואָלט פּראָפעסיאָנעל ניט יוצא געווען, ווען איך וואָלט וועלן מיינען דאָ צו האָבן געשילדערט דאָס געשטאַלט פון מיין באַקאַנטן אין דער פולער מאָס און ווי געהעריק. אַזוי האָב איך געמיינט, אָבער... אַזוי ווי דער סוף פון מיין באַקאַנטן איז געווען אַן אומגעריכטער און פריי־צייטיקער, ווי אומגעריכט און פריצייטיק ס'איז דער טויט פון פיל אונדזערע ברידער, וועלכע קומען איצט אום פון דער אכזריותדיקער האַנט פונעם אכזריותדיקן שונא.

***

די לעצטע ידיעות, וואָס כ'האָב געקראָגן פון מיין באַקאַנטן, זיינען פאָלגנדיקע:

איינער אַ פּויליש־יידישער ליטעראַט פון פוילן, וועמען ס'האָט אָפּגעגליקט זיך אַרויסכאַפּן פון דאָרט, אָפּזייענדיק אַ געוויס שטיקל צייט אונטערן היטלער־יאָך, און פון וועמען כ'האָב זיך צוערשט פיל אָנגעהערט פון דעם פיל אויסגעשטאַנענעם פון דער גאַנצער דאָרטיקער באַפעלקערונג בכלל, ובפרט פון דער יידישער, — אָט דער ליטעראַט, אַז כ'האָב זיך דערנאָך ביי אים גענומען דערפרעגן איינצלהייטן וועגן איינצלנע און האָב אים אַ פרעג געטאָן:

— נו, און מיין באַקאַנטער וואָס מאַכט? ווי גייט אים? צי לעבט ער, צי ניט? — האָט ער מיט דער האַנט אַ מאַך געטאָן: „עליו־השלום... שוין ניטאָ, געשטאָרבן, הייסט עס, און מיט אַ משונה טויט", — האָט ער צוגעגעבן.

ס׳האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז אָט דער ליטעראַט איז געווען אַ שטאַר־קער מקורב פון אונדזער באַקאַנטן און איינער פון די, וועמען יענער האָט אויסגעטיילט צום בעסערן און צו האָבן צו אים מער צוטרוי, ווי צו אַלע אַנדערע פען־לייט, ווי אָט, למשל, אַמאָל צו מיר, ווען כ׳האָב אין מיין יוגנט געגאַסן וואַסער אויף זיינע הענט, ד. ה. ווען כ׳האָב אים באַדינט, ווי אַ שילער אַ לערער. ער, דער ליטעראַט, האָט זייענדיק נאָך יונג, די לעצטע צייט אויף יענעם אויך השגחה געגעבן, אויף וווי־פיל יענער האָט זיך געגוויטיקט, ווי אַן עלטערער און אַזאַ, וואָס איז געבליבן אַ בחור; און ער, דער ליטעראַט ווידער, איז, צווישן אַנדערע ווייניקע, אויך ביי זיין סוף בייגעווען, פון וועלכן ער האָט מיר געקאָנט געניי באַריכטן און מיר דערציילן, וואָס מיך האָט אינטערעסירט.

ער האָט דערציילט: די לעצטע יאָרן איז יענער שוין געווען שטאַרק אָפּגעפּאָרן — אי פון עלטער, אי פון ווייניק גליקן, וואָס האָבן אים געטראָפן. ער האָט נאָך אַלץ געטראָגן די אויסער־מאָדע־מלבושים, מיט וועלכע ער האָט זיך ניט געקאָנט שיידן — דאָס קאַפּעליושל מיט די קורצלעכע ראַנדן אויף די קוטשעראַווע האָר, וואָס האָבן איצט אי געהאַט די מראה פון געלאָשן אַש, אי זיי זיינען אים שטאַרק שיטערלעך געוואָרן, אַזוי אַז ער האָט זיי געהאַט נאָך ביי די זייטן אַנגעקוטשעראַ־וועט שטייענדיקע און דער גאַנצער קאָפּ, אַנהייבנדיק פון שטערן ביז דער פּאַטיליצע — הוילע פליכעוואַטע. אויך האָט ער זיך ניט געקאָנט שיידן מיטן הענג־מאַנטל, וועלכן ער האָט געטראָגן אין אַלע יאָר־צייטן כמעט און האָט געצוואונגען אַלעמען, ווער ס׳האָט אים באַגעגנט, זיך אויסקערעווען און אים נאָכקוקן מיט חידוש, און קליינוואַרג האָט אים מיט די פינגער נאָכגעטייטלט און אַפּילו אויך אין די אויגן געלאַכט.

מ׳האָט שוין געלאַכט אויך פון זיין פאַרטראַגנקייט — פון זיין ניט־היגן קאַלעמוטנע, מילך־קאַלירקן הייטעלע, וואָס ער האָט אַלעמאָל געהאַט איבער די אויגן אַריבערגעצויגן, ווי אַ האָן ביים איינשלאָפן — אַ סימן, אַז צווישן זיך און דער אויסער־וועלט האָט ער געלאָזט פאַלן אַ פאַרהענגל, וואָס זאָל אים אויסטיילן, אַרויסנעמען און פאַר־שטלן פון אַלעמען.

ווירקלעך: מיט דער אויסן־וועלט האָט ער שוין גאָר ווייניק צו טאָן געהאַט. אויף צו האָדעווען זיך און די בחורשע טויבן אויפן פּרעמדן דאַך האָט אים געניגט נאָר אַ קליין ביסעלע שרייב־מלאכה, וועלכער ער האָט אָפּגעגעבן גאָר ווייניק מי און צייט, און וואָס, ניט געקוקט דערויף, האָבן געוויסע רעדאַקטאָרן און פאַרלעגער דאָס אַלע

מאָל בײַ אים אײליק און גײציק פֿון די הענט אַרויסגעכאַפּט, װי דער־זעענדיק אַ זאַך פֿון גרויס חשיבֿות, און מורא האָבנדיק, אַז אַנדערע קאָנקורענטן זאָלן דאָס בײַ זײ ניט אויסכאַפּן. און דער עיקר צײט, מי און פֿלײס האָט ער אָפּגעגעבן אײנער אַן אַרבעט, װעלכע האָט אים פֿאַרכאַפּט אַן איבערבלײב, און װאָס ער איז יאָרן פֿון איר ניט אַרויס, אַ פֿאַרשלונגענער און ביז איבערן קאָפּ אַ פֿאַרקנעכטעטער.

דאָס איז געװען זײַן צװײטע ליבע — פֿון גאָר־גאָר אַ הויכן סאָרט, צוליב װעלכער ער האָט זײַנע לעצטע מאַרכן פֿון די בײנער אַרויס־געצויגן, ביז אַ שפּענט און ביז ניט איבערלאָזן פֿאַר זיך גאָרניט. דאָס איז געװען אַ װערק, װאָס האָט געפֿאָדערט נזירות, ד. ה. צו בלײַבן אַ װינקל־פֿאַרשוין, װאָס אַז ער האָט אַ קאַפּל חיות, װיסן, אינטערעס און לײדנשאַפֿט זאָל ער דאָס דעם, און נאָר דעם אָפּגעבן, ניט זעענדיק פֿאַר זיך, חוץ דעם, קײן זין אין זײַן גאָרן קיום און קומען אויף דער װעלט; אַ װערק, װאָס ער האָט דעם אַ נאָמען געגעבן: „היה, הוה ויהיה" — אַ מין לויב־געזאַנג צו אַלעם דעם, װאָס קומט אויף, קומט אָפּ — אַנטשטײט, באַשטײט, גײט די פֿאָרם אין אומאויפֿהערלעכן קרײַז־לויף פֿון ענדערונגען און שטאָף־װעקסלערײַ, װאָס איז אומענדלעך און אײביק; אַ װערק, אין װעלכן ס'האָט זיך גערעדט פֿון הערן און צו קלערן: פֿון װעלט־אַל, פֿון נאַטור, פֿון קולטור, װאָס דאָס מײנט — דאָס הויך־מענטשלעכע שטרעבן זיך אַרײַנצומישן, נעמען אַנטײל, מיטהעלפֿן און אַלײן צו זײַן אַ טײל און אַ שותּף צו אַלעם זײַענדיקן, װערנדיקן און שאַפֿנדיקן, אָנהײבנדיק פֿון גאָר־גאָר אַמאָל, װען דער מענטש איז אַרומגעגאַנגען נאַקעט, מיט אַ פֿעל באַװאַקסן, װי אַ חיה, און קומענדיק ביז אונדזער צײַט, מיט איר̲ע פֿיל שוין אַנטפּלעקטע און געלײזטע סודות און רעטענישן פֿון דער פֿריער־געשלאָסענער, שטומער, טויבער, האַרבער, ספֿינקסישער און מורא־אָנװאַרפֿנדיקער נאַטור; און ענדיקנדיק מיט דער װײַטסטער צוקונפֿט, װאָס איז נאָך ניט מיט קײן אויג און קײן שפּאַקטיװ ניט צו דערלאַנגען, און װאָס מ'קאָן זיך פֿאַרשטעלן בלויז אין װײַטן־װײַטן נעפּל פֿאַרבלאָזן, װי אַ לופֿטיקן הענג־שלאָס װאונדערלעך־קונציקער געבױיט, פֿאַר עפּעס פֿאַר־הוילענע מינים ברואים, פֿון װעלכע מיר האָבן קײן אַנונג, און װאָס נאָר דער אײדלסטער־אײדלסטער אויער קאָן פֿאַרנעמען דעם גרויסן, פֿרײדיקן פֿאַנפֿאַרן־פֿאַראַד, מיט ערע און בשׂורה, װאָס דערװאַרט זײ, יענע ברואים, װען זײער צײַט װעט קומען.

אונדזער באַקאַנטער האָט שוין געהאַלטן װײַט אין זײַן װערק,

שוין געהאַט גאַנצע בערג באַשריבן, און אין די אויגן האָבן אים שוין פון צייט צו צייט אויפגעבליצט פייערלעך פון האָפענונג צו זען דאָס פון יאָרנלאַנג־געכאַוועטע, דערצויגענע און אָל־בעסטע זאַפטן דעם אָפּגעגעבן — שוין פאַרענדיקט. ער האָט זיך אַמאָל די הענט פון הנאה געריבן, אָן אַנדערש מאָל האָט אים פון טיש אויפגעריסן און אים לאַנג געמאַכט אַרומשפּאַנען, כמעט אַרומלויפן איבערן צימערל, — אָט די הנאה. דאָס אָבער ניט אָפט, ווייל דערווייל איז נאָך געווען צו־פרי זיך צו פרייען, דערווייל איז ער נאָך געווען אַזוי פאַרנומען, פאַרכאַפּט און נזיריש־אַריינגעטאָן אין זיין אַרבעט־זאַך, אַז סיי ווען ער האָט זיך מיט איר אוממיטלבאַר באַשעפטיקט, זיצנדיק ביים טיש, ווען אַלע אברים האָבן זיך אים געפילט דערוואַרעמט, בשעת ער האָט געצויגן דעם שעפערישן קליי פון זיך; סיי ווען־ניט־ווען כלומרשט פריי פון איר, שפּאַצירנדיק אין גאַס אָדער זיצנדיק אין אַ קאַפע, אַרומגערינגלט פון פרעמדן זשום און פון גרויס פאַרזאַמלטע מענטשן־געדיכטעניש — האָט ער זיך אויך דעמאָלט געפילט אַזוי פאַרקנעכטעט אין איר רשות, ביז ניט צו מערקן, ווי ער שעפּטשעט אַמאָל ווערטער, אַמאָל זאַצן און אַמאָל גאַנצע שטיקער פון דער מלאכה, ביי וועלכער ער האָלט, בעת ווען אַנדערע באַמערקן יאָ און — ווער מיט שפּאַט, ווער מיט חידוש, — קוקט אים אין מויל און אויף די ליפּן דעמאָלט...

עולם פען־לייט, וועלכע האָבן געוואוסט פון זיין אַרבעט און אַפילו דעם נאָמען, מיט וועלכן ער האָט דאָס ווערק באַטיטלט, און וואָס האָבן בכלל אים אַלעמאָל גרויס ערלעך געהאַלטן פאַר זיין גרויס וויסן און פאַר זיין שטיין ווייט און העכער פון אַלע זייערע טאָג־טעגלעכע ביליקע טאַראַראַמען, האָבן זיך שוין ניט געקאָנט איינהאַלטן, ווען ניט ווען, אויך פון אים שטיל אָפּצוחוזקן, קוקנדיק ווי ער זעט אויס אין זיין אויסטערלישער הלבשה, זעענדיק, ווי ער האָלט זיך ווייט און אָפּגעשיידט פונעם רוב און רומל, און טרעפנדיק אים אָפט בשעת ער גייט אין גאַס, אָדער זיצט אין קאַפע, ווען ער רעדט צו זיך אַליין — און האָבן אים אַליין אויך אָנגערופן מיטן נאָמען פון זיין ווערק „היה, הוה ויהיה", מיינענדיק צו זאָגן, אַז ער איז געווען, איז און וועט בלייבן אַ בחור, ווען ס'איז אי אַביסל צו באַדויערן און אי ס'דערלויבט זיך אַמאָל־אַמאָל אויך שפּאַס מאַכן פון אים.

אונדזער באַקאַנטן האָט דאָס ניט אויסגעמאַכט. ער האָט דאָס ניט באַמערקט, ער האָט זיך מיט קיינעם ניט אָנגעקערט, זייענדיק פאַר־נומען אי מיט זיין אייגנטלעכער מלאכה, ווי אויך מיט די פיל ביכער,

מיט װעלכע ער האָט זיך אַרומגערינגלט, האָבן זײ אײַנגעהאַנדלט, געקויפטע, אַנטליענע, אַ פולן צימער אָנגעפּאַקט — אין ביכער־שאַפעס, אויפן טיש, אויפן בעט, און אַפילו אונטערן בעט, אין אָרדענונג און אין אומאָרדענונג ליגן.

ער האָט שוין געהאַלטן גאָר װײַט, אונדזער באַקאַנטער, און אָפט פלעגט ער שוין דעם קאָפ און די אויגן אויפהויבן צו דער סטעליע, װי אַ הון צום טרינקען, פון איבערגעפולטקייט, פון איבערגעלאָדנקייט, און אויך — כאַפּן אַ ציטער פון קעלט, װאָס איז אים דורך די ביינער אַדורך, דערמאָנענדיק יך, צו װאָס דער דערנעענטערט זיך — אַז צו יענע צוקונפט־לײַט, צו די פאַרהוילענע און אין נעבל־פאַרבלאָזענע ברואים פון דעם הענגענדיקען לופט־שלאָס, װאָס פאַר זײַנע טרעפּ און פאַר זײַן צוגאַנג הערן זיך שוין די טרומייטנדיקע און שאַלנדיקע גין־גאַל־דענע פאַנפאַרן, װען מ׳באַגעגנט זײ אָנקומען, אָדער אַרויסקומען פון יענעם שלאָס.

ער האָט שוין געהאַלטן גאָר װײַט, אונדזער באַקאַנטער, און ניט האָבנדיק מיט װעמען זיך טיילן, מחמת פון גרויסן רוב פען־עולם האָט ער זיך, װי געזאָגט, געהאַלטן אָפּגעזונדערט — האָט ער דערום אויס־דערװײלט און צו זיך דערנעענטערט אַמאָל אײנעם, אַמאָל אַ צװײטן פון די מער־װערטיקע פון זײ; װי אָט למשל, דעם ליטעראַט, װעלכער האָט אונדז דערציילט װעגן אים, — אַ מענטש אַליין מיט באַגאַבונג, אָבער נאָך מער מיט יענער פײאיקייט פון צו קאָנען פאַרערן יענעם, װעמען מ׳האַלט פאַר עלטער און העכער פון זיך — און פאַר אָט די אויסדערװײלטע, געציילטע פלעגט ער פון צייט צו צייט זײַן טיש־שופלאָד אויפעפענען, פון דאָרט זײַן װערק אַרויסנעמען און פאַר זײ עפּעס פאָרלייענען.

פאַר אַלע אַנדערע, װי געזאָגט, װידער, איז ער געװען אָפּגעע־שלאָסן, אַרויסגענומען און פאַררוקט באַזעצט אין זײַן געװויסן איבער־שטיבעלע, װאָס ער האָט אויף אַלע מאָל באַליבט און קיינמאָל ניט פאַרלאָזט, אַפילו װען די באַלעבאַטים פון װאוינונג האָבן זיך פון איר אַרויסגעצויגן. אַזוי, אַז די הויז־אײגנטימער האָבן שוין געװאוסט, אַז יעדעס מאָל, װען זײ האָבן צו פאַרדינגען די װאוינונג, דאַרפן זײ פריער פאַרפעסטיקן די חזקה פון אונדזער באַקאַנטן אויף זײַן צימערל און אים איבערגעבן צום נײַעם שכן, װי די װענט פון װאוינונג, װי אַ טשװאָק אויף דער װאַנט.

אָט אַזוי האָט געלעבט, אַזוי אויסגעזען און אַזוי האָט זיך אויפ־

געפּירט אונדזער באַקאַנטער, זייענדיק אַלע יאָרן ביז איבערן קאָפּ אין זיין אַרבעט אַריינגעטאָן און האַפּנדיק, אַז אָט־אָט וועט ער קומען צום געקרוינטן, צום געגאַרטן ברעג שוין — ביז ס׳האָט אויסגעבראָכן די מלחמה פונעם 39־טן, ווען פּוילן, ווי באַוואוסט, האָט געליטן אַ מפּלה און אין משך פון קורצע צוויי־דריי וואָכן איז זי צעריבן געוואָרן און מיט אַ מיליטעריש־געבראָכענעם רוקן געבליבן.

ווי אַזוי די נייע מאַכט איז זיך דעמאָלט באַגאַנגען מיט דער גאַנצער פּוילישער באַפעלקערונג נאָכן זיג — איז באַוואוסט, און מיט דער יידישער — אַוודאי און אַוודאי.

ווי אָט: באַלד נאָך איר אָנקומען, אינעם פּוילישן שטעטל, וואו מיין באַקאַנטער האָט געוואוינט, ווי אין אַנדערע שטעט און שטעטלעך, נאָך איידער זי האָט באַוויזן דעם אמת־ריכטיקן פּנים, וואָס זי האָט שפּעטער אינגאַנצן אָפּגעדעקט, איז זי אויף דערווייל צום אָנהייב פון אַלע אָנהייבן שוין אַרויס מיט די געוויסע אויסנאַם־געזעצן פון אַלטן מיטלאַלטערלעכן קאָדעקס, אָנגעווענדט צו יידן — צוערשט מיט דער געוויסער איינריכטונג, מיט דער געטאָ, וואוהין אַלע יידן איז באַפוילן געוואָרן זיך אַריבערקלייבן פון אַלע יענע ערטער און ראַיאָנען, וואו זיי האָבן פריער געוואוינט, אין ספּעציעל באַשטימטע קוואַרטאַלן פאַר זיי אויסגעטיילט; דערצו נאָך באַשטעלט, באַמויערט און אַרומגעצוימט מיט שטעכל־דראָט, לעבן וועלכן ס׳האָבן בייטאָג, ביינאַכט געוואַכט סאָלדאַטן מיט געוווער אין האַנט, עלעהיי אַ האָר זאָל אָפּגיין פון מיטל־אַלטער, ווען די טויערן פון געטאָ זיינען באַוואַכט געוואָרן פון סאָלדאַטן מיט אַלעבאַרדן.

דעמאָלט איז פון שלימזלדיקן אַרכיוו אַרויסגעצויגן געוואָרן אויך דאָס איבעריקע רומל אַלטוואַרג, ווי: אַז יידן טאָרן אָן קיין דערלויבעניש־שיין ניט אַרויס פון געטאָ, און ניט־יידן טאָרן ניט אַריין אַהין אָן קיין דערלויבעניש, אויף די שפּייז־מערק, ביז די ניט־יידישע באַפעלקערונג וועט ניט האָבן אויסגעקויפט אַלץ, וואָס זי דאַרף און ווען ס׳בלייבט שוין בלויז ברעקלעך, רעשטלעך און שיריים; יידן טאָרן ניט באַקומען קיין מעדיצינישע הילף, קיינע מעדיקאַמענטן, אַפילו ניט קיין זייף, וועלכע די מאַכט שפּאָרט און האַלט פאַר צו אַ גרויסן לוקסוס פאַר אַזוינע, וועמען זי האָט אויסגעטיילט און וויל זען פאַרמיאוסטע און פאַרשמוציקסטע, ביז זיי ניט צו פאַרגינען אַפילו קיין וואַסער אין דער גענוגנדיקער מאָס און לאָזט דאָס אָפּ אויך זייער און זייער שפּאַרעוודיק און באַגרענעצט.

אונדזער באַקאַנטער האָט איצט געקראָגן אַ בוידעם־שטיבעלע אויף אײנעם אַ הויכן עטאַזש, אָבער שוין ניט, װי פריער, מיט קײן אויסבליק אין אַ הויף און אויף אַ פרעמדן דאַך, נאָר אויף אַ רעשדיקער טומלדיקער גאַס אַרויס. ער האָט שוין ניט געהאַט מיט װאָס קײן טויבן צו האָדעווען, װײל ער האָט זיך אַלײן גענויטיקט און געמוזט אָנקומען נאָך הילף צו דער ייִדישער קהלה, װאָס אירע מיטלען זײנען אויך געװען ענג און באַגרענעצט, מחמת פון אויסן האָט זי קײן שטיצע ניט באַקומען און האָט זיך געמוזט שפּײזן פון אײגענע זאַפּטן, ד. ה. נעמען בײ קלע־נערע קבצנים און אָפּגעבן צו גרעסערע...

אָבער אָט דאָס אַלץ איז גאָרניט קעגן דעם, װאָס האָט אים פיל ערגערס געטראָפן בעת דער באָמבאַרדירונג — דאָס, װאָס אַ גרויסער טײל פון זײן באַלד שוין אָפּגעפּאַרטיקט װערק איז אים פאַרלוירן גע־גאַנגען, און דאָס, װאָס אים איז געבליבן, שוין אויך קאַליקעװאַטע, צעשעדיקט — טײל פאַרנעצט, טײל צוגעברענט און פאַרסמאַליעט.

דאָס האָט אים אינגאַנצן צוגעפּלעטשט און אויס מענטש געמאַכט, ניט זעענדיק קײן מעגלעכקײט זיך װידער װען אַמאָל קאָנען נעמען פאַר דעם און דאָס אויפשטעלן, ניט פילנדיק אין זיך די פּיִאיקײט דערצו, מחמת אי די יאָרן האָבן שוין ניט דערלויבט, אי ניט די באַדינגונגען, װעלכע האָבן זיך אָנגערוקט, װי אַ װיסטע כמאַרע.

דעמאָלט האָט מען אים שוין גאָר אָפט געזען דעם קאָפּ און די אויגן צו דער סטעליע אַרויפגעהויבן, אָבער שוין ניט פון איבערפולטקײט און איבערגעלאָדנקײט, װי פריער, נאָר פון פאַרלוירנקײט און פון זוכן אַ זין צו זײן דאָ זײן, װאָס ער האָט אים געפונען פאַר איבעריק און ניט װערט ער זאָל צוליב אים די פיס שלעפּן. זײן פאַרטראַגנקײט, װאָס האָט אַלע מאָל געמאַכט זײנע אויגן זיך אַריבערציִען מיט אַ װײס־קאַלעמוטנע, מילכיק־קאַליריק הײטעלע, האָט זיך איצט נאָך מער גע־שטאַרקט. אָבער ניט, װי פריער, פון דעם, װאָס ער האָט אַלעמאָל אין דער װײט אַריבערגעקוקט און מיט אַ װאַכן אויער געגלויבט שוין צו הערן דאָס טרומײטן און שאַלן פון די פרײדפולע פאַנפאַרן, נאָר פון דעם, װאָס אַלע זײנע קנופּן מיט דער װעלט שוין לויז און אויפגעבונדן, און פון דעם װידער, װאָס אויף איר װירקלעכקײט איז ניט כדאי צו קוקן.

אַז ער האָט יאָ אַמאָל דורכן פענצטער אַרויסגעקוקט, האָט ער געזען ניט מער דאָס, װי אַזוי ייִדן װערן געיאָגט און געטריבן אַלט און יונג, אויף דערנידערונג און שענדלעכקײט, און װי אַזוי צום פאַרגעניגן

פון די פאַרשטייער פון דער מאַכט אָדער אַפילו בלויז צום פאַרגעניגן פון פשוטע זעלנער, ווערט אַמאָל אַזאַ פאַרשטעלונג געגעבן, ווען אַלע צוזאַמענגעטריבענע און אין אַ גרויסער צאָל פאַרזאַמלטע געטאָ־איינוואוינער ווערט באַפוילן, זיי זאָלן זיך אויפן גאַס, אויפן טראָטואַר אַוועקלייגן און אַזוי, זיך רוקנדיק, מיט זיך אַליין און מיט די מלבושים זייערע פאַרקערן דעם שטויב און דאָס מיסט, ווי מיט בעזעמער.

ער אַליין איז שוין, זינט די מאַכט איז אַריין, אין גאַס ניט אַרויס, ניט ווענדיק זיך באַגעגענען מיט יענע, וואָס האָבן (צופעליק, ווייזט אויס) זיך אין אים ניט דערמאָנט, און אים דערווייל נאָך ניט אויפגעפאָדערט; ער האָט זיך אָפּגעהאַלטן פון זיך וואַרפן זיי אין די אויגן און זיך אָנצושלאָגן מיט זיי, וויסנדיק, אַז יעדער באַגעגנטער געטאָ־איינוואוינער איז אַפילו אין דער צייט פון זייער ניט אָרדנטלעכער רשעות — אַ כשר געווינס אָדער בלויז פון אים חוזק צו מאַכן, אָדער ערגער — אויף אים אויספּרואוון די קראַפט פון דער טריפהנער האַנט, ווי ווען מ׳שליידערט אַ שטיין אין אַ טויטער ציל־ברעט.

ער איז, חוץ אייגענער געשלאָגנקייט, נאָך געווען געפּלעפט, דאַרף מען פאַרשטיין, פון דעם, וואָס ער האָט זיך אָנגעזען, קוקנדיק דורכן פענצטער, ווי אויך פון וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט פון באַקאַנטע, וועלכע פלעגן אים באַזוכן — אמת, שיטערלעך, מחמת מ׳האָט געשפּאָרט אָן איבעריקן גאַנג אין גאַס, וואו ס׳איז אַלעמאָל געווען איינגעשטעלט; און אויך פון וואָס ער האָט געהערט ביי די באַלעבאַטים, ביי וועמען ער האָט זיין צימערל פאַרנומען, — מענטשן פון פאַרשיידענעם נעכטן, פון פאַרשיידענעם שניט, געוואוינשאַפט, שטייגער און וואוילשטאַנד, וועלכע זיינען מיטאַמאָל פון אַלערליי ערטער און שטאָטראַיאָנען אַהער, אין געטאָ, צוזאַמענגעיאָגט געוואָרן; מענטשן פון פאַרשיידענער דערציאונג, ווי פויליש־יידישע אַריסטאָקראַטן, האַלב־און גאַנץ־רייכע, וועלכע האָבן זיך די ערשטע צייט ווייט געהאַלטן פון דער יידישער גרונט־מאַסע, און ניט געוואָלט שלום מאַכן מיטן אַלגעמיינעם גורל, וואָס האָט אַלעמען פאַראייניקט אין איין צרה, אין איינע שמוציקצונויפגעדריקטע וואוינונג־באַדינגונגען; אָבער וואָס פאַמעלעך־פאַמעלעך האָבן זיי זיך יאָ געוואוינט, יאָ שלום געמאַכט, און סוף־כל־סוף, האָבן זיך גענומען צונויפגיין, זיך פאַרשטענדיקן אויף פאַרשיידענע פריער־אָפּגעפרעמדטע שפּראַכן און זיך קלאָגן אין איין קול: „צאַ טאַ בענדזשי?! צאַ טאַ בענדזשי?!" — האָבן זיך געקלאָגט די פויליש־יידנדיקע, — „ווי, ווי, ס׳אַראַ אומגליק אויף אונדז אָנגעשיקט!" —

האָבן זיך זיי אַנטקעגן געקלאָגט די אַלעמאָל יידיש־ריידנדיקע יידן.

ווייל יאָ, די ווירקלעכקייט האָט אויסגעגליכט, פּאַראייניקט און צוזאַמענגענומען אונטער איין אומגליק — דאָך, אָן קיינע מיוחסים, אָן קיינע אויסנאַמען און אָן שום אויסגעטיילט זיין צום בעסערן און צו געפינען מער חן אין די אויגן פון דער מאַכט, וואָס האָט שוין איבער אַלעמענס קעפּ געלאָזט אומשוועבן דעם באַלד־אָנקומענדיקן אורטייל, וועלכן זי האָט נאָך דערוויייל אין בוזעם פאַרשטעקט געהאַלטן.

אונדזער באַקאַנטער האָט שוין געהאַלטן ביי אַזאַ שטאַנד, אַז ער האָט גאָרניט געדענקט פּירצונעמען אויף אַרוסצוקומען פון אַט דער לאַגע — ניט ווי אַנדערע, מער ייִנגערע און אונטערנעמונגס־פּייאיקע, וועלכע האָבן זיך געריסן פון דער געטאָ, מיינענדיק גנבענען די מזרח־גרענעץ און זיך אַריבערפעקלען אַהין אויף דער סאָוועטישער ערד, וואו ס׳איז פאַרגעשטאַנען אַ רעטונג. ער — ניט, אי מחמת שוין אַלט און לחלוטין ניט פּייאיק אויף אַזוינס, אי דער עיקר, ווייל ס׳איז אים אַלצאיינס געווען: ניט — ניט, פון גלייכגילט און גייסטיקער אָפּגע־לאָזנקייט.

ער פלעגט שוין גאַנצע טעג ליגן אויסגעצויגן אויף זיין בעטל, מיט די אויגן צו דער סטעליע געווענדט, ניט וואַרטנדיק אויף קיין ישועות, וועלכע קאָנען אַמאָל אומגעריכט טרעפן, און אויך אַפילו ניט אויף דער הילף פון דער קהלה, וועלכע איז אים אָפּגעלאָזט געוואָרן זייער שפּאָרעוודיק, און וואָס מחמת מאַנגל אין מיטלען פלעגט זי דער־נאָך אויף פיל פאַרשפּעטיקן און ער פלעגט בלייבן טעגוויין אָן גאָרניט. ער האָט ניט געוואָרט, ניט אַרויסגעקוקט אויף איר, ווייל זיין באַדאַרף אָן איינגעשרומפּענער און ווייל בכלל האָט ער געטראַכט, אַז אומזיסט ווערט זי אים דערלאַנגט, די הילף, — אים, וואָס ער נעמט זי אַוועק ביי אַזוינע, וואָס נויטיקן זיך אין איר מער, ווי ער, ווייל זיי זיינען ייִנגער, געזינטער, זייערע באַדערפעניש גרעסער און דערפאַר אויך מער באַרעכטיקטער.

שוין ניט האָבנדיק אין זינען ניט זיך און כמעט אַפילו ניט דאָס ווערק, וואָס איז אים געבליבן פון מזל באַרויבט, האָט ער געפּועלט ביי זיך אַט אַזוי אויפן בעטל ליגן, אויב מ׳וועט אים ניט אַראָפּבעטן פון דעם, ביז ער וועט זיך אויסוואַרטן אויפן געוויסן גאַסט, וואָס ער קאָן קומען אים באַפוילן אי ווי אַן אַלטן, אי ווי אַזאַ, וואָס דער אינטע־רעס האָט זיך אים אויסגעלאָזט צו אַלדאָס, פאַרוואָס אַנדערע קלאַמערן זיך און ווילן זיך מיט די לעצטע כחות אין דעם אָנהאַלטן.

און אַט אַזוי האָט ער טאַקע איינמאָל זיך אויסגעדריקט פאַר זיינע באַקאַנטע, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט, טרעפּנדיק אים ליגן אין בעט: „ווען דער מלאך המות, האָט ער געזאָגט, זאָל זיך צו אים אַריינ־שטעלן אַן פּאַראַד און אַן איבעריקע טאַראַראַמען און פאָדערן וואָס ס׳קומט אים, וואָלט ער דאָס אים גערן אַנטקעגן געטראָגן, מיט דער פול־סטער הסכמה און אַן אַ וואָרט צו זאָגן; פאַרקערט: אַ דאַנק... גאָט האָט געגעבן, גאָט — גענומען, און זאָל זיין נאָמען זיין געבענטשט פאַר די פיל טובות, פון וועלכע ער האָט אויף זיין לעבן געגאָסן: פאַר די פילע שיך, וואָס ער האָט צעריסן און פאַר די קוגלען, וואָס ער האָט פאַרצערט.

ס׳איז געווען אַזאַ לאַגע, אַז זיי, זיינע באַקאַנטע, אַז זיי האָבן פון אים אַט די רייד פאַרנומען, האָבן אים מיט גאָרניט דערווידערט, ניט איבערגעשלאָגן און ניט געפּרואווט אים אָפּריידן, ווי אַן אַנדערש מאָל, ווען מ׳הערט אַזוינס פון עמעצן און ס׳קלעקט מוט, אימפּעט, יענעם אין זיין פאַלש צו איבערצייגן און אים דערווייזן, אַז ער איז אַרויפ־געטראָטן ניט אויף קיין ריכטיקן וועג. איצט — ניט. מ׳איז אַליין אויך ניט ווייט געווען פון צו טראַכטן אין אַט דער ריכטונג און מ׳האָט אים, שטילערהייט, ווי דעם גערעכט אָפּגעגעבן.

מ׳האָט באַמערקט, ווען מ׳פלעגט אים צו יענער צייט באַזוכן, ווי ער וואַרפט עפּעס צו אָפּטע פאַרבאַרגענע בליקן אויף די אָפּגעבליאַ־קעוועטע און פון צייט פאַרטונקלטע בילדלעך אויף זיין טיש, מ׳פלעגט אים אויך אַמאָל טרעפן ביי זיין טיש איבער עפּעס צעשויבערטס, האַלב פאַרנעצטע, האַלב פאַרסמאַליעטע בלעטלעך זיצן, און ווען ער פלעגט דערהערן, אַז מ׳גייט, מ׳קומט אַן צו אים, אַזוי פלעגט ער זיך אויפכאַפּן און אויף גיך זיך אָפּרייסן פון דער מלאכה, גלייך מ׳וואָלט אים געכאַפּט ביי אַן עבירה, ביי אַ פאַרבאָטענער זאַך, פאַר וועלכער מ׳דאַרף זיך שעמען.

ער האָט אָפט דעמאָלט, דערציילט דער ליטעראַט, שוין ניט נאָר גע־שעפּטשעט צו זיך אַליין, נאָר גערעדט הויך אויפן קול, ניט נאָר בלייבדיק אַליין, נאָר אויך אין דער אַנוועזנהייט פון באַזוכער, ווען מ׳פלעגט פירן אַן אַלגעמיינעם געשפּרעך, און ווען ער פלעגט זיך מיטאָמאָל אויסשליסן פון אַלגעמיינעם און נעמען ריידן אַזוינס, וואָס האָט צו אַנדערע קיין שייכות ניט און גלייך קיינער איז אין צימער ניטאָ און מ׳הערט אים ניט.

ער האָט שוין דעמאָלט בכלל אויסגעזען, ווי אַ האַלב־דולער, וואָס

פירט אַן אייגענעם חשבון מיט זיך... ס׳האָט זיך געפילט, אַז ער וואַרט אויף עפּעס זייער וויכטיקס, ווי ערב יום־טוב אויף אַ יום־טוב, גרייט זייענדיק, אַפּנים, אויפצונעמען יענעם געוויסן גאַסט, וואָס אַז ער וועט אים טרעפן מיטן אויסגעצערטן גוף אויסגעצויגן אויפן בעטל ליגן, וועט ער נאָר אַ קליינע האַנט דאַרפן צוליגן, אַז ער זאָל אים אַריינ־באַקומען, אַ נאָכגעגעבענעם, געשטילטן און איינגאַנצן אַ זייניקן. מ׳האָט דאָס געזען בחוש, ווי יעדעס מאָל, בעת סאַמע אינמיטן אַ געשפּרעך, פלעגט ער אַ דריי אויס טאָן דעם קאָפּ צו דער טיר — מיט אַזאַ פאַר־אינטערעסירטן בליק, גלייך אַט באַלד דאַרף זיך פון דאָרט טאָקע באַ־וויזן דער, וואָס איז אים איצט אַמוויכטיקסטן און אַם סאַמע גע־וואונטשנסטן.

די בעלי־בתים פון דער וואוינונג האָבן דערציילט, אַז ווען שטוב־לייט פלעגן זיך צו אים דעמאָלט אַריינשטעלן, אים באַהילפיק זיין מיט וואָס נויטיק איז, אַזוי פלעגן זיי אים אַמאָל טרעפן זיך אָנטאָן צום אַוועקגיין, מיט אַזאַ אויסזען, גלייך ער וואָלט לאַנג געהאַט געוואַרט אויף עמעצן און, זיך ניט אויסוואַרטנדיק, זיך אים אַנטקעגנגעלאָזט, פאַרגעסנדיק, אַז יעדער גאַנג אין גאַס איז פאַרבונדן מיט סכנה, בפרט פאַר אַזאַ, ווי ער, וואָס קאָן פון אַ ליאַדער באַגעגעניש, פון אַ מינדסטן שטויס געשעדיקט ווערן. מ׳האָט דאָס אים געדאַרפט דערמאָנען און אים אָפּציען פון זיין באַשלוס, וועלכן ער האָט אָנגענומען אין גרויס פאַרטראַכטקייט, ווייזט אויס, און פון פאַרגעסן די נויט־לאַגע, אין וועל־כער מ׳געפינט זיך.

און דאָ איידער מיר גייען איבער צו דערציילן, וואָס ס׳איז מיט אים אין גאַס, מיט דער מאַכט זיך טרעפנדיק, געשען, און וואָס מיר זאָגן פריער, אַז דאָס איז נול און נישטיק קעגן אַלעם דעם, אויף וואָס יענע מאַכט האָט זיך שפּעטער אַרויסבאַוויזן פיאיק.

און ס׳איז געווען, ווי נאָר ער איז אַרויס פון הויז און געמאַכט אייניקע שפּאַן, פאַרבייגייענדיק נאָך אַ פּאָר שכנותדיקע הייזער, אַזוי האָט ער זיך פּלוצלונג אָנגעשלאָגן אויף אַ גרופּע מאַכט־האָבער אין דער פּערזאָן פון פּשוטע זעלנער, בראש מיט איינעם, וואָס האָט זיך אַרויסבאַוויזן פאַר זייערן אַן עלטסטן.

ס׳איז ווייטער געווען: אַז ווי נאָר יענע האָבן אים באַמערקט אין זיין מאָדנער הלבשה — אינעם געוויסן קאַפּעליושל מיט די קורצלעכע ראַנדן, וואָס ער האָט עס אַלע מאָל אויסגעזוכט אין די הוט־מאַגאַזינען פון צווישן ליגער־ און אויס־מאָדע־סחורות, אויך אינעם הענג־מאַנטל,

וואָס ער האָט אים שוין געוויס פיל מאָל געביטן פון אַלט אויף ניי, אָבער וואָס זיין פאַסאָן איז געבליבן דער זעלבער און האָט אים איצט געמאַכט אויסזען ענלעך אויף אַן אַלטן אָפּגעפּאָרענעם, אָפּגעריבענעם אַקטיאָר; מיט די אַנגעקוטשערובעטע האָר אויף זיינע ביידע זייטן קאָפּ, מיט די אויסגעגריבלטע באַקן — מער ביין, ווי הויט, און מיט די פאַרזשמורעטע אויגן, אי פון עלטער, אי פון לאַנג אין שטוב זיצן און אין דרויסן זיך ניט ווייזן, — ווי נאָר מ׳האָט אים דערזען, אַזוי האָט זיך די גאַנצע גרופּע זייעריקע פאַרהאַלטן און זיך אַ שטעל אָפּ געטאָן, דערפילנדיק אין אים אַ פאַרשוין, וואָס קאָן שאַפן יענעם ביסל פריילעכקייט, אין וועלכן ס׳נויטיקט זיך אַזאַ סאָרט קאָמפּאַניע, נאָך אַ זאַט עסן אַמאָל, בעת אַ שפּאַציר, אָדער גלאַט ווען מ׳איז אויפגעלייגט און ס׳גלוסט זיך אַ שפּאַס טאָן.

דעמאָלט איז דער עלטסטער צו אים צוגעגאַנגען און, קומענדיק אים האַרט פאַר זיין פּנים, האָט אַ זאָג געטאָן:

— ווער ביסטו, דו פלעדערמויז?

— איך? — האָט אונדזער באַקאַנטער, דערזעענדיק פאַר וועמען ער איז שטיין געבליבן און פון וועמען פאַרהאַלטן, פאַרביי אויער יע־נעמס זידל־ווערטער אַרויסגעלאָזט און געענטפערט ערנסט, ווי אויף אַן ערנסט.

— איך — אַ ליטעראַט.

— אַזוי, אַ שריפטשטעלער, הייסט עס, — האָט זיך דער עלטסטער, וואָס האָט דאָס וואָרט גענומען פאַרן גאַנצן בינטל זייניקע, זיך אַרויס־געוויזן פאַר אַ וואוילקענעוודיקן, און האָט אויך דעם ווייטערדיקן גע־שפּרעך געוואָלט פירן און פאַרזעצן פאַר אַלע. — נו, און קיין קלאָון קיינמאָל ניט געווען? אין קיין צירק ניט געדינט?

— ניין, — האָט געזאָגט אונדזער באַקאַנטער.

— איז זאָל ער איצט!

— וואָס הייסט?

— דאָס הייסט, זיך איבערקוליען, זיך ברעכן און באַווייזן דאָס אויפלויכטנדיקע לעמפּעלע אין זיינע פּאַיאַצן־הויזן פון זיין פונהינטן.

— וואָס מיינט דער הער אָפיצער, — האָט אונדזער באַקאַנטער מיט די אַקסל געקנייטשט, ניט פאַרשטייענדיק, — כ׳קאָן דאָס ניט, כ׳בין ניט דער מענטש...

— אָבער שנעל! און אויב ער קאָן ניט, וועט ער אים לערנען, — ווער? — דער הער אָפיצער, וואָס גלייך איז אים דער כעס פון די אויגן

אין פּנים אַריין און פון דאָרט אין דער רעכטער האַנט, וועלכע האָט זיך אויסגעשטרעקט און צום באַקאַנטנס קאָפּ זיך דערנענטערט.

ער האָט אים שטיל, פּאַמעלעך אָנגענומען מיט צוויי פינגער פאַר זיין רעכטן אויער, און שווייגנדיק, אָן אַ וואָרט צו זאָגן, אים גענומען ציען אַראָפּ, אַראָפּ, אַזוי לאַנג, אַז דעם באַקאַנטנס קאָפּ און גאַנצער קערפּער האָט געמוזט נאָכגעבן, זיך בויגן און נאָכציען, געפינענדיק זיך אין קלעם און ווי אין אייזערנע צוואַנגען צווישן יענעמס פינגער.

ער האָט אים אַזוי לאַנג געצויגן, ביז ער האָט אים געמאַכט אָנרירן מיטן מויל דעם טראָטואַר, אויף וועלכן ער מיט זיין קאָמפּאַניע האָבן זיך געפונען, און דעמאָלט האָט ער אַ זאָג געגעבן:

— בוק זיך פאַר די נאַציאָנאַל־גענאָסן.

ס'איז אים ווייניק געווען, האָט ער אים, אָט אַזוי ציענדיק, צוגע־שלעפּט צום ברעג פון טראָטואַר, וואו ס'איז געשטאַנען אָדער גערונען אַ שמוציקע גאַס־ריטשקע, און אים געצוואונגען דאָס מויל, דאָס פּנים, די אויגן ביז דעם שטערן אין איר איינטונקען.

איז דאָס אים נאָך אַלץ ווייניק, איז ווי יענער איז אַזוי געבליבן אָן אָנגעבויגענער, אַ דערנידעריקטער און פאַרשעמטער, האָט דער עלטסטער, צו באַקרוינען זיין פאַרשעמטקייט, דעם טייל העגג־מאַנטל, וואָס אויף זיין רוקן, אים אויפגעהויבן און מיט איר זיין קאָפּ אים איבערגעדעקט, און ווענדנדיק זיך צו זיינע מיט־חברים, צו די זעלנער, וואָס זיינען די גאַנצע צייט געשטאַנען און די שפּיל צוגעקוקט, האָט אַ זאָג געגעבן:

— קוקט, נאַציאָנאַל־גענאָסן, קוקט, זאָגט: ס'לויכט, צי ניט?

— ניין, ניט... — האָבן יענע כלומרשט, קוקנדיק אַהין, וואוהין ס'איז זיי אָנגעוויזן געוואָרן, אויסגעשריען, און פון פריילעכקייט, ווי די פערד, זיך צעהירזשעט.

— ניט? באַלד!...

און דאַ האָט דער עלטסטער מיט אַ האַרבן און שאַרפן שטיוול־שפּיץ דערלאַנגט אונדזער באַקאַנטן, גאַרניט אין קיין גוט אָרט און גאַרניט אין קיין שיין אָרט, אַזאַ סאָרט זעץ, אַז ס'האָט זיך ווירקלעך טאַקע צע־לויכטן, — אמת, ניט קיין לעמפּעלע, נאָר אַ גאַנצער לאָמפּ, — אמת אויך ניט דאָרט, וואו דער עלטסטער האָט זיינע מיט־חברים אָנגעוויזן, נאָר אין די אויגן פון אונדזער באַקאַנטן, וואָס האָבן פלוצלונג אויפ־געבליצט און דערנאָך שטאַרק פאַרפינצטערט געוואָרן, און דעמאָלט

האָט ער אַ פּאָל געגעבן אַן אונטערגעהאַקטער, אַ פּאַרטויבטער, אַ פּאַר־בלענדטער און געוויס שוין ניט בכוח אַליין זיך אויפצוהייבן.

יאָ... און אַז יענע זיינען אַוועק, נאָך דעם, ווי זיי האָבן אָפּגעטאָן זייער שיין שטיקל אַרבעט, וואָס אַלע בייזייענדיקע האָבן דערצו גאָרניט געקאָנט זאָגן, זיך ניט קעגנשטעלן, מורא האָבנדיק זיך אַריינצומישן און אַפילו נאָענט צום אָרט צוגיין; נאָכדעם, ווי יענע זיינע אַוועק, אַזוי האָבן גאַס־מענטשן דעם באַקאַנטן פון זיין אַרומגעוואַלגערטקייט און חלשות אויפגעהויבן, און פירנדיק אים אונטער די הענט, ביז זיין הויז געבראַכט, אויך אויפן אויבערשטן עטאַזש אויפגעהויבן און דער־נאָך אים אין צימער אויפן בעט, אַ שוויגנדיקן, אַ בלאַסן און אַ האַלב־טויטן אַוועקגעלייגט...

ער איז געלעגן מיט געשלאָסענע אויגן, אַן אַ וואָרט צו זאָגן — ניט די שטוב־לייט, וועלכע זיינען זיך אָנגעלאָפן און אים געוואָלט העלפן, ווי אויך ניט די מקורבים און באַקאַנטע, וואָס געוואויר־ווערנדיק וועגן דער מעשה, זיינען זיך צונויפגעקומען און אַרום זיין בעטל זיך פאַרזאַמלט.

ער האָט שוין קיין עסן ניט אָנגענומען ניט דעם ערשטן טאָג, אויך ניט שפּעטער, און ווען מ׳האָט אים דערלאַנגט, האָט ער דאָס מיט אַ וואונק, ווי אָפּגעשאַרט און געהייסן פאַרנעמען. ער האָט קיין דאָקטאָר־באַזוכן ניט דערלאָזט, ווידער ווינקענדיק: ניין, ס׳איז איבעריק.

אַז ער האָט איצט ווען יאָ אַמאָל די אויגן געהאַלטן אָפן, האָט מען באַמערקט, ווי ער האַלט זיי איצט ניט, ווי פריער, צו דער טיר געווענדט, נאָר צום פענצטער, וואָס מ׳וויסט ניט פאַרוואָס ס׳האָט אים אַהין עפּעס געצויגן.

ניט דערוואַרטנדיק זיך אויך איצט אויפן געגאַרטן גאַסט, אויף וועלכן ער האָט אַרויסגעקוקט די ערשטע טעג נאָכדעם, ווי די אויבנ־דערמאָנטע מעשה איז געשען, האָט ער, ווייזט אויס, באַשלאָסן יענעם דעם וועג פאַרשפּאַרן.

באַלעבאַטים פון זיין וואוינונג האָבן דערציילט, אַז אַ נאַכט פריער, איידער ער האָט זיין באַשלוס אויסגעפירט, האָט ער זיך אַפילו פון בעטל אַראָפּגעשלעפּט און זיך לאַנג אַרומגעדרייט אויף עפּעס פאַרטרוימטע פיס, ווי אַ לבנה־וואַנדערער, ווען אַ פרעמדער כוח פירט אים. ער האָט יענעם אַוונט, האָבן זיי ווייטער דערציילט, ווידער עפּעס „געזאָגט“ און ביינאַכט געזונגען.

און אינדערפרי האָט דאָס געטראָפן.

מיר זיינען ניט געווען דערביי, נאָר מיר שטעלן זיך דאָס פּאָר בערך: ער האָט צוערשט געביטן וועש, וואָס דאָס איז געווען צו זען פונעם אויסגעטאָנענעם, וואָס איז דערנאָך נאָך אים אויף אַ בענקל ליגן געבליבן. ער האָט זיך אָנגעטאָן ווי צום אַוועקגיין: אינעם הענג־מאַנטל. דעמאָלט האָט ער זיך מיטן פּנים צו זיין טישל געשטעלט, געווענדט צו די צוויי בילדלעך, וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען, און זיך מיט זיי שטיל־שווייגנדיק געזעגנט, אָדער — אָדער: אָדער אַ טרער לאַנגדיק, אָדער שטייענדיק פאַרגליווערט.

און שוין: דעמאָלט האָט ער פון שופלאָד דאָס נשאר־ווערק אַרויס־גענומען און מיט דעם צום פענצטער צוגעגאַנגען, דאָס געעפנט און גענומען צינדן איינציקע בלעטלעך און גאַנצע פּעק, און אָנגעצונדע־נערהייט אין דער לופט אַוועקגעלאָזן. גלייך דעמאָלט האָט ער זיך אַליין אויפן שוועל פענצטער אַרויפגעשטעלט און אַ קליינע ווילע זיך דאָרט אויפגעהאַלטן. און באַלד האָבן מענטשן פון גאַס, אָדער פון אַנטקעגנאיבערדיקן טראָטואַר דערהערט אַ געשריי, וואָס ווען מ׳וואָלט דאָס דערהערט דייטלעך, וואָלט מען, מעגלעך, פאַרנומען די ווערטער „היה הוה ויהיה״, וועלכע יענער האָט געוויס, זייענדיק צעמישט, ווי אַ מין „שמע־ישראל״ פאַרן טויט פון מויל אַרויסגעלאָזט. דייטלעך אָבער האָט מען ניט געהערט, נאָר אַ געשריי, ווי פון אַ פויגל, וואָס פאַלט אַרונטער אונטער אַ ראָד אַ צעקוועטשטער. און דעמאָלט ווידער, און צוזאַמען מיט אָט דעם געשריי, האָט מען פלוצלונג פון הויכן עטאַזש און פון הויכן פענצטער פון צימער פון אונדזער באַקאַנטן דערזען, ווי צוזאַמען מיט עפּעס ברענענדיקע בלעטלעך, וואָס זיינען זיך פון פענצטער אין די פאַרשיידענע לופט־זייטן צעפלויגן, האָט זיך ראַפּטום־שווער און שווינדלענדיק געלאָזט פליען ווי עפּעס אַ צעבלאָזענע זאַך מיט זעגלען — אַ זאַך, אַ מענטש, אָדער אַ פויגל, וואָס באַלד האָט מען זיך איבערצייגט, אַז די זאַך איז קיין זאַך, דער פויגל קיין פויגל, ווייל — באַלד האָט אַ מענטש, שוין ניט קיין מענטש, אויפן טראָטואַר אַ פּראַל געטאָן און מיט זיין גאַנצער שווערקייט און מיטן גאַנצן גוף צעשמעטערט... מ׳האָט אַ געשריי אַרויסגעלאָזט, פאַר די קעפּ זיך גע־כאַפּט, זיך צעלאָפן, דערנאָך זיך צונויפגעגאַנגען און אַרום געפאַלענעם זיך פאַרזאַמלט.

דאָס איז אונדזער באַקאַנטער שוין אַ צעשפּרייטער, אַן אַוועק־געוואָלגערטער, אַ טויטער אויף דער ערד געלעגן, מיט האַק־פּאַק, מיט

זיין אָנטאָן, מיט זיין הענג־מאַנטל, וועלכן ער האָט אויף אַלע מאָל באַליבט און אַפּילו ביים טויט זיך מיט אים ניט געקאָנט שיידן.

און שוין, אַז דער ליטעראַט און אַנדערע באַקאַנטע פון אונדזער באַקאַנטן האָבן זיך דערפון דערוואוסט, און ניט באַלד, נאָר שפּעטער אין יענעם טאָג צו יענעם אָרט זיך געלאָזט, וואו דער באַקאַנטער איז אַנידערגעפאַלן, האָבן זיי אים שוין ניט געטראָפן אויפן אָרט, ווייל מ'האָט אים שוין פאַרנומען, וואו מ'דאַרף, און דאָס איינציקע, וואָס זיי איז געבליבן, איז אויסצוגעפינען איינציקע בלעטלעך, וואָס זיינען ברענענדיקע אין פאַרשיידענע זייטן זיך צעפלויגן, און וואָס מער־סטענס האָבן שוין אַנדערע, זייטיקע, גאַס־מענטשן, בלויז פון נייגער, צונויפגענומען. ווייניק האָט זיך שוין געלאָזט, גאָר ווייניק איז אויף זייער חלק אויסגעפאַלן. און דאָס, וואָס זיי איז געלונגען, האָט דער ליטעראַט, ווען ער איז צו אונדז אַריבערגעקומען, מיט זיך מיטגעבראַכט, און דאָס האָט ער מיר געוויזן, און איך האָב מיין באַקאַנטנס כתב דער־קענט, און דעמאָלט האָב איך זיך פאַר דער אַרבעט גענומען, וואָס ווערט דאָ דעם לייענער דערלאַנגט — ערע זיין אָנדענק!

מאָסקווע, פעברואַר 1944.

ווידערוואוקס

דאָ גייט די רייד וועגן צוויי האַלבע פאַמיליעס (אַ מאַן אָן אַ ווייב און אַ ווייב אָן אַ מאַן), וואָס האָבן געוואוינט אַ טיר קעגן אַ טיר, אויף איין שטאָק, אין איינעם אַ הויז, אין איינער אַ גרויס־סאָוועטישער הויפּט־שטאָט.

קיין איבעריקע פּרטים וועגן זיי און זייערע באַשעפטיקונגען פאָדערט זיך דאָ ניט. ס'וועט גענוג זיין צו זאָגן, אַז איינער, דער דאָקטער זעמעלמאַן — אַן עלטערלעכער, בייזלעכער כירורג; אַ שווייגער, מיט אַ נטיה צו איינזאַמקייט; אַ מענטש מיט אַ נאָמען אין זיין פאַך אי דאָ אין שטאָט, אי שוין כמעט אין גאַנצן לאַנד — פון איין זייט; און פון דער צווייטער — פרוי זייעץ, אַ באַוואוסטער פּעדאַגאָג, וואָס האָט געדינט אין פאָלקאָמבילד אַלס אָנפירערין פון איינעם אַ סעקטאָר. און מער גאָר.

ביי ביידע צו איינציקע קינדער. ביי דאָקטער זעמעלמאַן — אַ זון, און ביי פרוי זייעץ — אַ טאָכטער. ביידע כמעט פון איין עלטער, וועלכע האָבן זיך געלערנט פריער אין שול, דערנאָך געשטיגן העכער, און אַזוי ווי מ'האָט געוואוינט איינס קעגן אַנדערן פון קליינערהייט אָן, איז צווישן די קינדער, נאַטירלעך, געשלאָסן געוואָרן באַקאַנט־שאַפט. און אַזוי ווי אויך די עלטערן פון איין שטאַנד, פון איין אינ־טעליגענטישן ראַנג, זיינען זיך אויך די עלטערן צונויפגעגאַנגען, אויף וויפיל ס'מעגלעך ביי שטאַרק־באַשעפטיקטע מענטשן, וועלכע זיינען פאַרטאָן איבערן קאָפּ יעדערער אין זיין געביט, וואָס פאַר־שלינגט אים, ניט לאָזנדיג קיין איבעריקע צייט פאַר פּערזענלעכן, ווי ס'פירט זיך. אַז די קינדער זיינען אונטערגעוואַקסן, האָבן זיי זיך פיל מער דערנענטערט. זיי האָבן געהאַט פיל געמיינזאַמס סיי אין לערנען, סיי אין פאַרברענגען די רו־טעג, קאַניקולן, וועלכע זיי האָבן אויסגענוצט אויפן יוגנטלעכן אופן, אַמאָל בלויז צווישן זיך, און אַמאָל מיט נאָך חברים יוגנטלעכע.

ווען די עלטערן האָבן אַמאָל צייט געהאַט, פלעגן זיי אונטן־אַרום כאַפּן אַ קוק אויף די באַציאונגען צווישן די אונטערוואַקסנדיקע,

וועלכע האָבן ביי זיי קעגנזייטיק אויסגענומען: פרוי זייעצס טאָכטער — ביים עלטערלעכן, בייזלעכן כירורג, וואָס פלעגט אַריבערקוקן איבער די ברילן און זען, אַז יענע איז פאַר זיין זון ווי אָנגעמאָסטן, און דערום אויך פאַר אים זייער און זייער געוואונטשן. און דאָס זעלבע פאַרקערט, פרוי זייעץ, קוקנדיק אויף איר טאָכטערס אויסדערוויילטן, האָט געפילט מוטערלעך־פאַרגעניגט, וואָס איר טאָכטער איז ניט אויסגעקומען זוכן וויַיט, און וואָס איר באַשערטער איז איר צוגעשיקט געוואָרן אַן מי, טיר קעגן טיר, אויף איין פלאַטפאָרם, אין איין הויז, און איז פאַר איר, ווי געבוירן.

ווען ס׳זאָל וויַיטער געווען אַזוי גיין, וואָלט אָט באַלד, אָדער שפּעטער געווען, וואָס ס׳געשעט אין אַזוינע פאַלן — אַ צוזאַמענשלוס פון די ביידע האַלבע פאַמיליעס, וועלכע ביידע יוגנטלעכע וואָלטן זיי פאַרגאַנצט און פאַראייניקט, צום נחת און וואויל פון זייערע עלטערן.

איז אָבער געשען עפּעס אַנדערש: ס׳איז אָנגעקומען דאָס 41־טע יאָר, מיטן בראָך פאַרן לאַנד, פאַר אַלע איינוואוינער אין לאַנד, און אויך פאַר די ביידע משפחות, וועלכע ווערן דאָ באַהאַנדלט.

ביידע יוגנטלעכע, ניט געקוקט, וואָס זיי זיינען די ערשטע צייט ניט אויפגעפאָדערט געוואָרן אויף מלחמה־דינסט, האָבן זיך אַרויסגערופן צו גיין פריַיוויליק, אַזוי ווי ס׳האָבן געטאָן די מערסטע שטודירנדיקע סיי דאָ, אין דער הויפּטשטאָט, וואו יענע האָבן געוואוינט, סיי אין אַנדערע שטעט, אומעטום, אַן אויסנאַם.

דעם כירורגס זון, אַ שיין אויסגעוואַקסענער יונג אין די פּלייצעס, אַן ענערגישער, אַ ווילנספולער, האָט זיך ביים פאָטער ניט אָנגעפרעגט, זיך ניט געעצהט, שטעלנדיק אים פאַר אַ פאַקט, ווי מען זאָגט: איז אַוועק, וואו מ׳דאַרף, און זיך געמאָלדן געזונט און דינסטפייאיק, ווי דער אמת איז געווען. די צווייטע, די טאָכטער פון פרוי זייעץ, האָט אָדער פון ניט וועלן אָפּשטיין פון איר חבר, אים נאָכטאָן, אָדער מעגלעך, ווען ניט איר חבר, וואָלט זי סיַיווי פירגענומען דאָס זעלבע, לויט אייגענעם געוויסן און ווי די בירגער־פליכטן האָבן פון איר געפאָדערט.

די עלטערן האָבן, פאַרשטייט זיך, ניט דערווידערט, ווייסנדיק, אַז קיין שום טייערס קאָן איצט ניט אויסבאַהאַלטן ווערן פאַר זיך, ס׳זאָל ניט אָפּגעגעבן ווערן פאַר דער אַלגעמיינער נויט און נוצן. דאָך, אַז ס׳איז געקומען צום געזעגענען, דעם לעצטן טאָג, ווען דער

איינציקער זון פון דאָקטער זעמעלמאַן האָט באַדאַרפט נעמען אַפּשייד פונעם פאָטער, וועלכער האָט אים, אגב, לאַנג פאַרביטן אויך די מוטער, וואָס יענער האָט פרי אָנגעוואוירן; אַז ס׳איז געקומען צום געזעגענען, האָט דער פאָטער די גאַנצע צייט, ווען דער זון האָט זיך געפּאַקט, זיך געזען אויסדרייען פון צו קוקן אין זיין זייט. ער האָט אַלעמאָל, כלומרשט, באַדאַרפט האָבן אין אַ צווייטן צימער, און ניט אין דעם, וואו דער זון האָט זיך געפונען. און גאָר צום סוף, ווען זיי זיינען שוין געשטאַנען איינער קעגן אַנדערן, און ווען דער זון האָט אים אַ האַנט דערלאַנגט, האָט דער פאָטער מער ניט געקאָנט טאָן, ווי נאָר זיך צובייגן און אַ שטומען קוש טאָן דעם זון אין שטערן. ער האָט קיין וואָרט ניט געזאָגט, ווייל, ווי ס׳ווייזט אויס, האָבן אים די טרערן געוואָרגן.

דאָס זעלבע אין דער צווייטער, אַנטקעגנאיבער־שטוב, ביי פרוי זייעץ, ווען זי האָט זיך באַדאַרפט שיידן מיט דער טאָכטער, בעת יענע האָט באַדאַרפט אַוועק, איז די טאָכטער געווען געצוואונגען אַ לאַנגע צייט צו גלעטן דער מוטערס קאָפּ און שטערן, זי באַרואיקן, און אַלעמאָל איבערחזרן איינס און דאָס זעלבע; מאַמע, כ׳בין דאָך ניט איינע... אַלע גייען... און אַ מעדיצין־שוועסטער איז גאָר ניט אַזאַ סכנה.

ביידע זיינען אַוועק. די טירן פון די צוויי, איינס קעגן אַנדערן וואוינענדיקע אויף דעם איינעם שטאָק, האָבן נאָכן פאַרשווינדן פון די יונגטלעכע אויסגעזען פיל מער געשלאָסן, ווי פריער. די עלטערן פלעגן, כדי זיך צו פאַרגעסן, גאַנץ פרי אַוועק אויף דער אַרבעט, אַ גאַנצן טאָג דאָרט פאַרברענגען, ביז העט שפּעט, שפּעט אין אָוונט, ווען זיי פלעגן צוריקקומען זיי אויפשליסן. אַ היימישע קאַץ, וואָס האָט זיך אַמאָל אויף אַ ווײַלע אַרויסגעכאַפּט פון יענע הייזער, האָט דערנאָך געמעגט קומען זיך דראַפּען און מיאַוקען אונטער דער טיר, וויפיל זי וויל, און קיינער פון אינעווייניק האָט זיך ניט אָפּגערופן און איז ניט אַרויס אַ קוק טאָן, ווער ס׳דראַפּעט זיך.

דאָקטער זעמעלמאַן האָט שוין דעמאָלט געהאַט פיל צו טאָן ביי די פאַרוואונדעטע, וועלכע מ׳האָט געבראַכט פון ניט־ווייטן פראָנט, און פון יעדן שלאַכטמאַנס אַ וואונד האָט ער ווי אָפּגענומען אַ גרוס פונעם זון, וואָס ווער ווייסט, וואָס ס׳געשעט אים דאָרט... פון דער צווייטער זייט, זיין שכנה, פרוי זייעץ, איז כאָטש דאָס שולוועזן, ווי דער שטייגער בעת מלחמה, איז אויף פיל געקירצט געוואָרן, דאָך

האָט מען געטאָן אַלץ, וואָס ס'לאָזט זיך אַפּילו אין געקירצטע און כּלל ניט־גינסטיקע מלחמה־באַדינגונגען; און וואָס געהער איר, דער פרוי זייעץ אַליין, האָט זי געטאָן מער פון אַלע, ווייל זינט די טאָכטער איז פון איר אַוועק, האָט איר די היים אויסגעזען אַזוי פּוסט, אַז זי וואָלט גערן איינגאַנצן זיך אַהין ניט געוויזן, און ווען מעגלעך, וואָלט זי אַפּילו אויך געזעגנט איר אָנשטאַלט.

ס'האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז באַלד ווי דיביידע יונגטלעכע זיינען אַוועק, אַזוי איז מיטאַמאָל ווי זייער זכר אויסגערונען און קיינע ידיעות האָבן זיך ניט באַקומען — ניט פון דער טאָכטער צו דער מוטער און ניט פון זון צום פאָטער.

די עלטערן, ווי באַקאַנטע, ווי שכנים, און אָט־אָט שיר ניט גע־וואָרענע גאָר־נאָענטע מחותנים, פלעגן זיך אַמאָל, אין אַ רו־טאָג, צונויפגיין און זיך נעמען טיילן ניט מיט דעם, וואָס זיי האָבן יאָ גע־וואוסט פון זייערע קינדער, נאָר מיט דעם, וואָס — ניט... מ'פלעגט זיך שטיל דורכשמועסן און איינס דאָס אַנדערע פלעגט זיך נעמען קעגנ־זייטיק באַרואיקן באין ברירה: „ס'נאָך פרי... ס'וועט נאָך זיין..." — האָט אַמאָל דער מאַנצביל די פרוי באַרואיקט, און אַמאָל פאַרקערט: די פרוי דעם מאַנצביל, וועלכער האָט זי אויסהערנדיק, געקוקט אין אַ זייט, אָדער אַראָפּ צו די שיך, גלייך ער וואָלט זיי ניט דערקענען פאַר קיין אייגענע.

און אַזוי ווי מלחמה איז מלחמה, האָט זיך ווייטער געמאַכט, אַז אין אַ קורץ שטיקל צייט אַרום האָט צוערשט דער דאָקטער זעמעלמאַן באַקומען אַ קורצע ידיעה פון קאָמיסאַריאַט איבער מיליטער־ענינים, אַז זיין זון איז העלדיש געפאַלן אין שלאַכט, אָן שום פּירושים... דער־נאָך האָט ער פון איינעם אַ קריגס־חבר פון דעם זעלבן טייל, וואו זיין זון האָט געדינט, באַקומען אַן אויספירלעכן בריוו, וואו מ'האָט אים מיטגעטיילט, אַז זייענדיק אין אויסשפּיר, האָט זיין זון באַקומען אַ קויל, פון וועלכער ער איז גלייך געפאַלן, אָן מאַטערניש, און אַז אַלע זיינע חברים האָבן אים באַגראָבן און מיליטעריש באערט, ווי געהעריק, ווייל ער איז זייער געליבט געווען פאַר זיין דרייסט, פאַר חברשאַפט אין שלאַכט, און אַז זיין אָנדענק איז דערום ביי אַלעמען טייער.

דער פאָטער האָט דאָס בריוול פיל מאָל איבערגעלייענט, און אַוודאי האָט דאָס אים געטרייסט. אָבער קיין זון האָט ער שוין ניט געהאַט.

און אין דער זעלבער צייט, נאָר אַביסל שפּעטער, האָט זיין

שכנה, די, וואָס האָט אָט־אָט שיִר ניט געזאָלט ווערן זיינע אַ גאַר נאָענטע, ווען זייערע קינדער זאָלן זיך געווען מער נעענטער צונויפגיין — באַקומען אַן ענלעכע, גאָר ניט קיין פריילעכע ידיעה, פון זעלבן נוסח, פון זעלבן קאָמיסאַריאַט, אַז איר טאָכטער איז בעת דעם שונאס אַן אָנפלי אויפן היגטערלאַנד, וואו זי האָט זיך געפונען, אומ־געקומען אויף איר פּאָסטן.

ביידע שכנים, טיר קעגן טיר, אויפן איינעם שטאָק, האָבן זיך שוין איצט פאַרשפּאָרט צונויפגיין און איינס דאָס אַנדערע זיך באַ־רויִקן... צו וואָס ?... און זיי האָבן כמעט די באַקאַנטשאַפט איבער־געריסן פון ניט האָבן זיך צו זאָגן איינער דעם אַנדערן טרייסט.

אויף וויפיל מעגלעך, האָבן זיי געזען, שוויגנדיק און מיט ווירדע, ווי ס'פּאַסט פאַר אַזעלכע, אַראָפּצושלינגען זייער צער און אים ניט אַרויסווייזן פאַר קיינעם, זייענדיק יעדערער אויף זיין אַרבעט; אָבער ווען זיי פלעגן קומען אַהיים און זי טרעפן הויל־ליידיק, און דער עיקר — שוין אָן האָפענונגען, זי זאָל וועַן־ניט־איז ווידער אויפגע־לעבט ווערן מיטן צוריקקער פון די, וואָס זיינען ביז ערשט ניט לאַנג געווען טאַטע־מאַמע אַזוי לעבעדיק־טייער, — האָט יעדערער פון אָט־די עלטערן אַוודאי קיין אָרט זיך ניט געפונען פון גרויס אַנגסט, וואָס האָט צו זיי אַרויסגעקוקט פון יעדן ווינקעלע.

ווייל יאָ, נאַטירלעך: אַז נישטאָ, איז נישטאָ, נאָר אַז מ'האָט און מ'פאַרלירט, בפרט קינדער, בפרט איינציקע קינדער, ווערט אַוודאי דאָס לעבן פון די, וואָס ווערן זיי אָן, אויף דריי־פערטל חרוב.

נאָר באַלד זיינען אונטערגעקומען אַזעלכע געשעענישן, וואָס ווי די אויבן־דערמאָנטע צוויי האָבן דאָס ניט געוואָלט, האָבן זיי דאָך אַביסל געמוזט פאַרגעסן דעם פערזענלעכן צער, וועלכער האָט זיי געהאַלטן אַ צייט געצוימט.

זיי האָבן, ערשטנס, באַדאַרפט דורכמאַכן אַ צייטווייליקע עוואַ־קואַציע צוזאַמען מיט דער מערסט־גרעסטער טייל באַפעלקערונג פון דער הויפּט־שטאָט, וועלכער ס'האָט געדראָט אַ סכנה פון שונא. צווייטנס, איז ווי נאָר זיי האָבן זיך צוריק אומגעקערט פון דאָרט, וואוהין זיי זיינען געהאַט אָפּגעפאָרן, נאָכדעם ווי די סכנה איז פאַר־ביי און ווען מער אויף קיין אָנגריף איז זיך שוין ניט געווען צו ריכטן, אָט דעמאָלט, ווען ס'איז געשען די באַפרייאונג פון דער הויפּטשטאָט, און ווען שפּעטער מיט אַ צייט האָבן גענומען אויך באַפרייט ווערן גאַנצע געביטן, און ווען פון אָט־די געביטן האָבן זיך אָנגעהויבן

באַקומען גענויע ידיעות וועגן דעם אוממענטשלעכן באַגיין זיך פונעם פיינט מיט דער דאָרט־פאַרבליבענער באַפעלקערונג בכלל, ובפרט מיט יידן, וואָס, ווי מ׳האָט פון פריער געוואוסט, האָט ער זיי פאַרמשפט צום אויסראָטן, ווי חיות, אויב ניט ערגער; אָט דעמאָלט, ווען אָט־דיביידע צוויי, וועלכע האָבן אַליין אויך געשטאַמט פון יענע געביטן, און האָבן זיך דעריבער געגומען פאַראינטערעסירן מיטן גורל פון זייערע קרובים און רעשטלעך משפחה, וועלכע זיינען זיי דאָרט פאַרבליבן, וועלנדיק דערגיין, צי האָבן זיי זיך געראַטעוועט, צי נייך, ווי אויך מיטן גורל פון גאַנצן כלל, פון וועלכן זיי האָבן אַ צייט לאַנג זיך געפילט דערווייטערט — האָבן אין דער שיין פון די גרויליקע געשעענישן, וואָס האָבן דערלאַנגט צו זיי פון דאָרט, זייערע פערזענ־לעכע איבערלעבונגען אין אַ זייט און עטוואָס אין דער טונקל געמוזט אָפּגערוקט ווערן.

אָט דעמאָלט, ווידער, איז ווי די איבנדערמאָנטע צוויי זיינען ניט געווען געוואַלדיק באַשעפטיקט יעדערער אין פאַך, וואו אַלע האָבן איצט, בעת מלחמה, געמוזט אַרבעטן פאַר צען; ווי זיי זיינען זיך ניט פאַנאַנדערגעגאַנגען און ניט אָפּגעפרעמדט געוואָרן צווישן זיך פאַר דער צייט פון עוואַקואַציע, ווען זיי זיינען זיך צעפאָרן אין פאַרשיידענע שטעט, וואו זיי האָבן באַדאַרפט איבערוואַרטן די סכנה; און ווי בכלל ניט אָפּגעפרעמדט נאָכן טויט פון זייערע קינדער, ווען זיי האָבן שוין ניט געהאַט צוליב וואָס פאַרזעצן און ווייטער אָנהאַלטן זייער באַקאַנט־שאַפט; ניט געקוקט אויף דעם אַלעם, האָבן זיי דאָך איצט ווידער אָנגעקניפּט באַציאונגען, אָבער שוין ניט אויף באָדן פון סתם שכנה־שאַפט, נאָר אויפן באָדן פון אַ מער־העכערער געמיינשאַפטלעכקייט, וואָס האָט זיי צונויפגעפירט און פאַראייניקט.

אַזוי למשל, האָט דאָקטער זעמעלמאַן, וואָס האָט, ווי געזאָגט, פון אַלעמאָל געהאַט אַ נטיה צו איינזאַמקייט, ובפרט נאָכן טויט פון זיין זון, ווען ער האָט זיך גענומען האַלטן אָפּגעזונדערט פון יעטווידער געזעלשאַפט, — זיך דאָך איינמאָל דעמאָלט אַריינגעשטעלט צו זיין שכנה, צו פרוי זייעץ, און האַלטנדיק די גאַנצע צייט פון באַזוך די אויגן אַראָפּגעלאָזט צו די שיך, גלייך ער דערקענט זיי ניט פאַר זיינע, האָט ער פלוצים, צווישן אַנדערן, איר אַ זאָג געטאָן:

— זי ווייסט, פרוי זייעץ: ווי טייער זיין זון איז אים ניט געווען, דאָך האַלט ער אי זיך, אי דעם זון פאַר גליקלעך, וואָס ער איז געטראָפן געוואָרן פון אַ קויל, אַבי ניט אַריינגעפאַלן פאַר קיין געפאַנגענעם,

וואָס דעמאָלט וואָלט מען זיך, ווי מ׳ווייסט, מיט אים באַגאַנגען ווי מיט אַלע, און באַזונדערס ווי מיט אַ יידן...

— יאָ, — האָט פרוי זייעץ, פאַרשטייענדיק די סיבה פון דאָקטער זעמעלמאַנס דערקלערונג, מיט אים מסכים געווען, דערמאָנענדיק זיך אין איר טאָכטערס אומקום און אויך אין איר גליק, וואָס עס האָט אי איר, אי דער טאָכטער געטראָפן...

אגב, אָט־דער געשפרעך איז פאָרגעקומען דעמאָלט, ווען דאָקטער זעמעלמאַן האָט זיך געהאַט צו טיילן מיט פרוי זייעץ וועגן אַ פּאַק ידיעות, וואָס ער האָט געקריגן פון זיין געוועזענער היים אין די נאָר־וואָס באַפרייטע ערטער, און ווען צווישן אַנדערן האָט ער זיך אויך דערוואוסט וועגן טויט פון זיינעם אַן עלטערן ברודער, אַ פּראָפעסאָר, וואָס האָט געוואוינט אין איינער אַ רעפּובליקאַנישער הויפּטשטאָט, ניט ווייט פון דער געוועזענער גרענעץ.

מ׳האָט אים דערציילט, ווי אַזוי דער ברודער איז אומגעקומען צוזאַמען מיט זיין אַלט־קראַנק ווייב, וואָס איז שוין ניט אַראָפּ פון בעט און וואָס איבער איר איז ער אין שטאָט פאַרבליבן און זיך ניט געקאָנט אַרויסרייסן פון דאָרט.

— „זשידי״ — האָט מען דערציילט — איז געווען אַרויסגעהאָנגען אַ מעלדונג, געשריבן אין דער שפּראַך פון יענער רעפּובליק, אין יענער שטאָט, וואו דער ברודער האָט געוואוינט, גלייך די ערשטע טעג ווי דער שונא איז אַהין אַריין.

— „זשידי״ !... אין דעם טאָג און דעם טאָג... דעמאָלט און דע־מאָלט אַזייגער... מוזן אַלע פון יידישן אָפּשטאַם, סיי קליין, סיי גרויס, אָן אויסנאַם, זיך צונויפזאַמלען אויף יענעם און יענעם פּלאַץ, פון וואַנען זיי וועלן אַרויסגעפירט ווערן אויסערן שטאָט, וואו זיי טאָרן זיך פון איצט אָן ניט געפינען.

ס׳איז געווען ווינטער. אַלע פאַרבליבענע יידן האָבן זיך געזען געצוואונגען באַין ברירה, זיך פאַרזאַמלען אויפן פּלאַץ. „אַנדערש, — איז געווען געזאָגט אין דער מעלדונג — איז טויט אויפן אָרט, ווען, וואו נאָר מ׳וועט טרעפן.״

אַזוי ווי דעם ברודערס ווייב איז געווען קראַנק און האָט זיך ניט געקאָנט רירן, האָט דער ברודער, אַליין שוין אַן אַלטער, און ניט האָבנדיק קיין הילף פון קיינעם, זי געמוזט שלעפּן אויף אַ שליטעלע, וואָס ער האָט ערגעץ־וואו געקראָגן.

ס׳האָט זיך געלאָזט אַ צוג פון טויזנטער און איבער טויזנטער —

אַלט, יונג; פּרויען מיט קינדער אויף די הענט, זקנים, וואָס מ׳האָט זיי געמוזט אונטערהאַלטן, א. אַז. וו.

ווער פון דער ניט־יידישער באַפעלקערונג ס׳האָט נאָר געהאַט האַרץ צוצוקוקן, וואָס דאָ געשעט, האָט, שטייענדיק אויף די טראָטואַרן און אויף די שוועלן פון טויערן און הייזער — געוויינט.

איינער אַ יונגער, ניט־יידישער סטודענט, דעם ברודערס אַ שילער, וואָס האָט צופעליק דערזען ווי יענער שלעפּט אָן כוח זיין משא אויפן שליטעלע, איז אַריין צווישן עולם, וואוהין ס׳איז געווען פאַרבאָטן אַריינצוקומען אַ ניט־יידן, כדי צו העלפן און איבערנעמען די הענט ביי זיין פּראָפעסאָר. מ׳האָט דאָס דערזען, און דער יונגער, ניט־יידישער סטודענט, האָט באַקומען רעכט געשלאָגן צו ווערן פון פּאָליציי און זשאַנדאַרמעריע, וועלכע האָבן דעם צוג באַגלייט און האָבן באַדאַרפט אַכטונג געבן, אַז די אָרדענונג זאָל ניט געשטערט ווערן.

און דערפאַר ווידער, וואָס ס׳האָט זיך געפונען איינער, וואָס האָט זיך געוואָלט איינשטעלן און פאַרלייכטערן דעם ברודער, האָט מען געטאָן פאַרקערט, און מ׳האָט אים זיין משא, דאָס קראַנקע ווייב, פון שליטעלע אַראָפּגעשטויסן און אים באַפוילן זיך מיט איר הייבן און זי נאָכאַמאָל אַרויפלייגן.

מ׳האָט זיך ניט באַנוגנט מיט איין מאָל, און מ׳האָט דאָס איבער־געחזרט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, ביז די אַלטע האָט דאָס ניט אויסגע־האַלטן, און נאָך אַ צוויי־דריי מאָל אַראָפּ־אַרויף, האָט זי די נשמה אָפּגעגעבן און מ׳האָט זי שוין אַרויפגעהויבן אַ טויטע.

אויך דער ברודער האָט, פון האַרצווייטיק און בזיונות, דאָס ניט איבערגעטראָגן, און זעענדיק, אַז דאָס ווייב איז שוין אויס, האָט ער פּלוצלונג עפּעס שלאַבעריק מיט דער האַנט אַ מאַך געטאָן, אַ פאַל גע־געבן און לעבן זיין ווייב געבליבן.

דעמאָלט האָט מען באַפוילן אַ מער יינגערן און געזונטערן פון דער געטריבענער יידישער מאַסע זיי צו פאַרנעמעןביידע אויפן שלי־טעלע.

— ווי? — האָט יענער אָפּגעפרעגט. — אויפן שליטעלע איז דאָך קיין אָרט ניט... ס׳קלעקט קוים פאַר איינעם.

— נישקשה, — האָט מען אים געזאָגט, — זאָל ער זיי לייגן איינס אויפן צווייטן. ס׳מאַכט ניט, ער איז געוואוינט אויף איר צו ליגן...

און יענער, דער אַרויסגערופענער פון דער געטריבענער מאַסע, איז געווען געצוואונגען דאָס צו טאָן.

— איינס אויף איינס! אים אויף איר! — האָט פּאָליצײַ געשפּאַסט און זיך געלאָזט פּיין וואוילגיין...

יאָ, ווי דאָקטער זעמעלמאַן איז ניט געווען שטאַרק אָפּגעפרעמדט פון זיין כלל פאַר לאַנגע יאָרן ניט האָבן מיט אים קיין מגע־משא, איז אָבער איצט, ווען ס׳האָט זיך אָנגערוקט אַזאַ כמאַרע אויף צו פאַר־וויסטן דעם כלל, האָט ער זיך גענומען פילן זייער און זייער אָנגע־הערין און אַ נאָענט־שייכות האָבנדיקער צו אָט־דער פאַרוויסטונג.

דאָס איז, געוויס, געשען ניט נאָר אַליין מיט אַזאַ, ווי דאָקטער זעמעלמאַן, נאָר מיט פיל, ווי ער, פריער אין אַ זייט־שטייענדיקע.

ווי אָט, צום ביישפּיל, זיין שכנה, פרוי זייעץ, אויך אַזאַ, וואָס האָט אָבער איצט, אויסהערנדיק פון דאָקטער זעמעלמאַן, וואָס ער האָט איר געהאַט צו דערציילן, ווי אויך פון אַנדערע, וואָס יענע האָבן איר אונ־טערגעטראָגן פון זעלבן מין — האָט זי, ניט געקוקט דערויף, וואָס איר האַרץ איז געווען געבראָכן פונעם אָנווערן די טאָכטער, וועלכע איז געפאַלן אין דער מלחמה מיטן שונא, — זיך איצט, אין אַ געוויסן פּרט, דאָך געפילט באַפרידיקט, אויב מ׳קאָן אַזוי זאָגן, פון איר אָנווער; פילנדיק אויך, אַז ווען זי איז יונג און דערויף נאָך באַרופן, וואָלט זי אַליין אויך אַוועק אין וועג פון איר טאָכטער, וועלנדיק נעמען נקמה ניט נאָר ווי אין סתם אַ שונא, נאָר ווי אין אַזאַ, וואָס ער באַגייט זיך מיט אַלע, און באַזונדערס מיט די איריקע, אַזוי אוממענטשלעך, אַז מענטשן האָבן, דוכט זיך, דערפאַר נאָך קיין נאָמען ניט אויסגעפונען.

וואָס־זשע גערעדט, ווידער, דעם דאָקטער זעמעלמאַן, וועלכער האָט זיך אַ ווענד געטאָן מיט אינטערעס צו דעם, וואָס איז ביז אַהער גע־שטאַנען אויסער זיין אינטערעס, איז דאָס אַוועק ביי אים אַזוי ווייט און האָט אָנגענומען אַזעלכע פאָרמען, אַז ס׳האָט אים גענומען דוכטן, ווי גלייך ס׳רעדט אַרויס פון אים עפּעס אַן אורשפּרינגלעך־פאַרהוי־לענער חוש פון זיין שטאַם, אַזוי ווי ביי שאָף בעת סכנה, ווען זיי דרענגען זיך צונויף און ווילן זיך מיטן צוזאַמענדרענגעניש איינס דאָס אַנדערע באַשיצן...

ס׳האָבן אים איצט אָנגעהויבן אָרן און אָנגיין אַזוינע זאַכן, וואָס ווען מיט אַ קליין שטיקל צייט צוריק מ׳זאָל אים געווען זאָגן, אַז אַזוינס וועט געשען, וואָלט ער זיך זיכער ניט געגלויבט; — דאָ געמיינט, פאַרשטייט זיך, ניט אומגעהויערע צאָל קרבנות פון די זייניקע, וועלכע קאָן יעדן אָרן און אָנגיין, נאָר אַפילו אַזאַ זאַך, ווי די זאָרג פאַר דער

ערע און זויבערקייט פון זיין פאָלקס־קוואַל, וואָס אַ חזיר־פוס האָט אים געגומען צעבויטן און באַשמוצן.

ער וואָלט זיך אַוודאי ניט געגלויבט, אַז — זייענדיק, ערשטנס, אַזוי באַשעפטיקט מיט זיין פאַך, אין וועלכן ער האָט באַוויזן אי פריער, פאַר דער מלחמה, אי באַזונדערס איצט, בעת דער מלחמה, פיל נייס אויפטאָן — פון איין זייט; צווייטנס, אַז זייענדיק אַזוי לאַנג אָפּגעריסן פון זיין קיבוץ, ביז אַפילו אַמאָל ניט צו געדענקען ווער ער איז און פון וואַנען ער שטאַמט; דריטנס, טראָגנדיק דעם עול פון בירגער־זאָרג און פליכטן, וועלכע האָבן אים געוויס פאַרכאַפּט, ווי אַלעמען אין אָט־דער הייסער מלחמה־צייט; און פערטנס, אויב ס׳איז אים יאָ אַמאָל געבליבן אַ קליין ביסל פריי פאַר פּערזענלעכן, האָט ער דאָך געהאַט געגוג פאַטער־זאָרג, מיט וועלכע ער האָט זיך געהאַט אָפּצו־זונדערן אין אַ ווינקל, און טראַכטנדיק, אַראָפּלאָזן די אויגן צו די שיך, ווי זיין שטייגער, — איז יאָ, וואָלט ער זיך אַוודאי ניט געגלויבט, אַז נאָך דעם אַלעם, און ניט געקוקט אויף דעם אַלעם, זאָל ער נאָך קאָנען האָבן אין זינען אַזוינס, ווי גאָר צו וועלן זיך אָנערקענען צו אַ קוואַל, וועלכן ער האָט קיינמאָל ניט געברויכט, און וואָס איצט האָט ער זיך אָנגעהויבן פילן פאַר אים שולדיק, און נאָך ווי שולדיק...

איז זאָל דערום קיין חידוש ניט זיין, אויב ס׳וועט דאָ דערציילט ווערן, אַז ער, דאָקטער זעמעלמאַן, דער פאָטער פונעם איינציקן אומ־געקומענעם זון, וועלכער האָט זיך, ווי מ׳דאַרף זיך פאָרשטעלן, אים ניט איינמאָל באַוויזן אין חלום, ווי ס׳וויזט זיך אַלעמאָל אַ טייער־לעבעדיק געשטאָלט נאָכן טויט צו די אייגענע, ובפרט צו אַזאַ, וואָס האָט געהאַט, ווי דאָקטער זעמעלמאַן, אַ נטיה צו איינזאַמקייט, — אַז אים, דאָקטער זעמעלמאַן, איז די לעצטע צייט ניט איינמאָל אַפילו אויסגעקומען אויס־צוהערן אַ פאָרוואורף פון זיין זון מכוח זיין פריערדיקער פאַרוואָרלאָזטער באַציאונג צו אָט־דעם קוואַל, בנוגע וועלכן ער האָט זיך, לויט דעם זונס ווערטער, ניט רעכט־גוט אויפגעפירט.

נו, און אַז דאָקטער זעמעלמאַן האָט שוין געהאַלטן אין חלומען און דיסקוסירען מיט מתים, האָט זיך אים שוין נאָכאַמאָל געחלומט פון זעלבן מין.

ווי אָט: ס׳האָט אים געדוכט, אַז ער זעט זיך אין זעלבן צוג, צווישן דער זעלבער מאַסע, צווישן וועלכער זיין ברודער שלעפּט זיין אַלט, קראַנק ווייב אין שליטעלע.

ס׳האָט אים ווידער געדוכט, אַז ער, דאָקטער זעמעלמאַן, איז דער,

וועלכער איז אַרויסגערופן געוואָרן פון פּאָליציי, נאָכדעם ווי דעם ברודערס ווייב איז געפאַלן טויט, און נאָכדעם, ווי אויך דער ברודער האָט איר נאָכגעטאָן און איז לעבן איר אָוועקגעפאַלן — ער זאָל זיי צוזאַמען לייגן און זיי ווייטער שלעפן.

און אָט טוט ער עס; ער ציט, שלעפּט דאָס שליטעלע, אָבער ס'קומט אים אָן שווער; ער שטייט אָפּ און סאָפּעט...

און מיטאַמאָל טוט ער זיך אַ דריי אויס צום שליטעלע, וואָס מיט דער צווייענדיקער מתים־מאַסע, און דערזעט, ווי דער ברודער זיצט אויפגעזעצט, מיטן פּנים צו אים, מיט האַלב־אָפענע, האַלב־צוגעמאַכטע אויגן, און מיטאַמאָל טוט יענער אַ זאָג מיט ירגזון:

— האַ, וואָסי? וואָס שטייט ער אָפּ? וואָס סאָפּעט ער? דער יידישער שפּאַן איז אים שווער? ער וויל זיך פון אים אויסשפּאַנען?...

ווי דאָקטער זעמעלמאַן האָט אָט־די מתים־טענות און פאַרוואורפן טיף אין שויס ניט פאַררוקט און ווי יעדער ניכטער־דענקענדיקער מענטש זיך ניט געלאָזט באַווירקן פון דעם, וואָס קומט אויף, ווייזט זיך אַמאָל אין אַ מטושטשן צושטאַנד אין שלאָף, האָט ער זיך דאָך ניט געקאָנט באַפרייען פון אַזוינע און ענלעכע חלומות און נאַכט־באַזוכן, וועלכע האָבן זיך שוין אַפילו ביי אים אָנגעהויבן גרענעצן כמעט מיט קרענקלעכקייט.

אַזוי פלעגט די לעצטע צייט אים אָפט אויפקומען אַ בילד פון עפּעס איינעם אַ ווייט־פאַררוקטן און פון מענטשלעכן ישוב דערווייטערטן פלאַץ, אַ שם־דבר, וועגן וועלכן מ'האָט זיך פיל אָנדערציילט, ווי וועגן אַ באַוואוסטן ברודער־קבר, אויף וועלכן דער שונא האָט מיט איין מאַך באַשטאַטן, לויט אייניקע אָנגאָבן — 60, און לויט אַנדערע — מער טויזנטער נפשות, און וואָס נאָך איצט, שוין אַ צייט נאָך אָט־דער פאַרקומעניש, קאָן מען דאָרט זען, ווי מ'זאָגט, רעשטלעך בגדים און אַנדערע מענטשן־געהעריקע חפצים, וואָס זיינען פאַרבליבן, ניט געקוקט אויף דער מי פון די, וואָס האָבן אָט־דאָס פיינע ווערק אַרויסגעבראַכט, אַלץ אָפּצורוימען און יעדן שפּור צו פאַרווישן...

אויך איצט, זאָגט מען, קאָן מען דאָרטן זען אַמאָל אַ בינטל פרויען־האָר, אַמאָל אַ הוט, אָדער אַן עלנטן אַרבל פון אַ מאַנצבילשן אָדער ווייבערשן בגד, וואָס הינט האָבן פאַרשלעפּט און וואָס ווינטן שפּילן מיט אים...

אָט־דער פּלאַץ פלעגט זיך דעם דאָקטער זעמעלמאַן קיינמאָל ניט פאַרשטעלן אין דער שיין פון בייטאָג, נאָר יעדן מאָל אין טונקל פון

אַן אָנהייב אָדער סוף נאַכט, ווען קיינער איז ניטאָ, און ווען קיין הונט און קיין ווינט באַפּוילט אים... און אַלעמאָל האָט אים אויך געדוכט צו זען, ווי אַזוי צו איינעם פון די ראַנדן פון יענעם פּלאַץ קומט אָן און דערנענטערט זיך עפּעס אַן אַלט פּאָרפאָלק, אַ מאַן און אַ פרוי, אין מזרחישער טראַכט אָנגעטאָן: דער מאַן מיט אַ לאַנגן מאַנטל ביז דער ערד, אויך די פרוי דאָס זעלבע, דערצו נאָך מיט עפּעס אַ טוך, וואָס פאַרשטעלט איר די אויגן ביז איבער די ברעמען... זיי שפּאַנען קיינמאָל די גרענעצן ניט אַריבער, נאָר שטעלן זיך צו צום ראַנד, ווי צו אַ פון יענער זייט פאַרקן פון אַ בית־הקברות, טוען אויס די שיך, און שטיל און לאַנג קוקן אויף די אַנטשוויגן־געוואָרענע און שלעכט־באַגראָבענע געביינען פון יענעם פּלאַץ... און אַזוי שטיל, ווי זיי קומען און ווייזן זיך, אַזוי שטיל פאַרשווינדן זיי אויך פון אויג פון דאָקטער זעמעלמאַן, וואָס דערפילט און שטויסט זיך אָן, ווער דאָס זיינען אָט־די פון דער ווייט־געקומענע, אין דער מזרח־טראַכט אָנגעטאָענע, מאַן און פרוי — אַז דאָס איז געוויס אַ פאָטער־מוטערלעכע פּאָר פון די עלטסטע עלטערן פון דער אומה, צו וועלכער די אָט דאָ אַזוי שלעכט־באַגראָבענע געהערן — אַ מין אברהם און שרה, לאָמיר זאָגן.

מעגלעך, אַז אָט־דאָס בילד פלעגט אויפקומען דעם דאָקטער זעמעלמאַן, ווי אַ ווייטע דערמאָנונג אין דעם, וואָס ער האָט אין זיין פריער קינדהייט אַמאָל געהערט פון אַן אַלטן זיידן, אָדער באַבען אַרויסלייענען פון אַלטע ספרים אין אַ טאָג, ווען מ׳האָט געטרויערט אויפן חורבן, צו וועלכן ס׳האָבן זיך, לויט דער לעגענדע, צוגעשטעלט די אבות, אויפן רוף פון גאָט, אים העלפן וויינען אויפן בראָך פון זיינע און זייערע קינדער...

מעגלעך אָבער אויך, אַז ניט פון אַמאָל, ניט פון דער ווייטער קינדהייט אָנגעוויזט, נאָר פון זיין ניי־אויפגעקומענעם אינטערעס פון צו וועלן באַדענקען, וואָס ס׳האָט געטראָפן זיין אָפּגעקומענעם כלל, צו וועמענס ברונען ער האָט פריער קיינמאָל ניט גענענט, און וואָס איצט האָט ער יאָ געוואָלט גענענען און מיט אַן אָנגעבויגענעם קאָפּ אין זיין עטוואָס פחד־דערוועקנדיקער טיף אַריינקוקן.

ווייל יאָ, זאָל אויך דאָ געזאָגט ווערן, ווען מ׳האָלט שוין אין זאָגן, אַז לעצטנס פלעגט דאָקטער זעמעלמאַן, ווען ער פלעגט בלייבן אַמאָל אַליין אין זיין וואוינונג אין אַן אָוונט, זיך אַ ווענד טאָן צום בוך פון אַלע ביכער (ווי מ׳פלעגט אַמאָל יענעם בוך אָנרופן), וועלכער האָט זיך אין זיין ביכער־שראַנק אין אַ פאַררוקט ווינקל ערגעץ אויסגע־

פּאַרהיט, און וואו שוין אין די ערשטע קאַפּיטלעך פלעגט ער זיך אָנ־שלאָגן אויף דער לעבן־באַשרייבונג פון די ערשטע פאָלקס־געבירער, צו וועלכע דער מענטשנאַרטיקער ביבל־גאָט ווענדט זיך ווי צו אַ זיין גלייכן און זאָגט זיי צו, וואָס ער האָט פאַר זיי אין די ווייטע דורות באַשטימט און פאַרגרייט: זיי צו מאַכן פאַר אַ גרויס פאָלק, מיט וועמען ער וועט אַ בונד שליסן, א. אַז. וו.

נו, און ווייטער? און וואָס פאַר־אַ פאָלגן האָבן זיך באַקומען פון דאָקטער זעמעלמאַנס קער?

ער האָט איינמאָל, אין אַ פרייער צייט, זיך ווידער אַריינגעשטעלט צו פרוי זייעץ, און שמועסנדיק מיט איר וועגן זייטיקע זאַכן, האָט ער פלוצלונג זיך אַ ווענד געטאָן מיט פאָלגנדיקער פראַגע:

— ווי דענקט זי צו באַערן דעם אָנדענק פון איר טאָכטער, וואָס זי ווייסט, דוכט זיך, אַפילו ניט וואו איר קבר געפינט זיך?

פרוי זייעץ איז געווען אין פאַרלעגנהייט, ניט וויסנדיק וואָס צו זאָגן.

— נו, און ווי קוקט זי דערויף, אַשטייגער, מ'זאָל נעמען אַ קינד אויף דערציען אין איר אָנדענק?

דאָקטער זעמעלמאַן האָט גערעדט וועגן פרוי זייעץ, אינזינען האָבנדיק אויך זיך — זיין זון, וואָס אויך זיין קבר איז אים געווען אומ־באַוואוסט.

— האַ? זי האָט ניט געטראַכט דערפון. ס'וואָלט אַוודאי געווען רעכט... כאָטש דעם אמת געזאָגט, וואָלט איר זיין שווער צו זען אַ פרעמד קינד אָנשטאָט איר אייגענעם. נאָר אויף וויפיל דאָקטער זעמעלמאַן האָט איר שוין געמאַכט דעם פאָרשלאָג, זעט זי ניט קיין סיבה זיך פון אים אָפּזאָגן.

ווירקלעך, ווי שווער ס'איז ניט געווען פרוי זייעץ שלום צו מאַכן מיטן געדאַנק, אַז אַ פרעמד קינד זאָל איר פאַרבייטן איר אייגנס, דאָך האָט זי זיך נאָך לאַנגן ישוב, נאָך דעם ווי דאָקטער זעמעלמאַן האָט איר אויפגעגעבן דעם געדאַנק, זיך געלאָזט ריידן און אַפילו האַלב שוין כמעט מסכים געווען, בעטנדיק נאָר, אַז דאָקטער זעמעלמאַן זאָל איר גיבן אַביסל צייט אויף מער־בעסער זיך באַטראַכטן, ביז זי וועט אינגאַנצן און ענדגילטיק זיך באַשליסן.

זי האָט זיך, לסוף, טאַקע אויך באַשלאָסן, נאָך דעם ווי זי האָט געזען, אַז אויך דאָקטער זעמעלמאַן איז גרייט צו טאָן דאָס זעלבע —

און אַז זיין פאַרשלאַג איז געמאַכט געוואָרן ניט לייכטזיניק, נאָר מיט ערנסט, און אויך, ווייזט אויס, נאָך לאַנגן ישוב.

ביידע האָבן שפּעטער, בעת אַ שפּעטערדיקן באַזוך פון דאָקטער זעמעלמאַן, גענומען אַרומריידן און באַהאַנדלען די פּרטים: וואָס פאַר אַ קינד ווער ס׳זאָל ווען נעמען — אַ יינגל, צי אַ מיידל — און פון וואָס פאַר אַן עלטער.

ס׳איז געקומען צום אויספיר, אַז אַזוי ווי ביידע זיינען שטאַרק פאַרנומענע אויף אַרבעט, וועלכע דערלויבט ניט האָבן צו טאָן און אַרומגיין אַרום קליינוואַרג, וואָס פאָדערט פיל צייט און אויפמערק־זאַמקייט, איז דערום דאָס בעסטע שוין אויפדערוואַקסענע און אַזוינע, וואָס קאָנען אַרום זיך אַליין אַרומגיין און ס׳געגוגט נאָר פון צייט צו צייט אויף זיי אַ קוק טאָן און האָבן אויף זיי אַן אויבערשטע ביסל השגחה.

מ׳האָט ניט אָפּגערעדט אויספירלעך, וועגן וואָס פאַר אַ קינדער ס׳גייט די רייד, נאָר אַפילו אומגערעדט איז קלאָר געווען, אַז דאָ ווערט געמיינט די לעצט־פאַראומגליקטע קינדער פון פליטים, אָדער נאָך מער — פון יענע עלטערן פון דער יידישער באַפעלקערונג, וועלכע זיינען אומגעקומען אין יענע געביטן, וואָס דער שונא האָט צייטווייליק געהאַט דעראָבערט.

ווירקלעך: ווי פרוי זייעץ איז אפשר ניט געווען אַזאַ, וואָס איז פּייאיק צו דענקען אין דער אויבן־דערמאָנטער ריכטונג ווי אַ דאָקטער זעמעל־מאַן, איז אָבער אויך איר איצט געווען אייגנטימלעך אַ מער מיטליידנ־דיקע באַציאונג צו די, צו וועלכע איר האַרץ איז געלעגן אַמנאָענטסטן, ווי צו אַזוינע, וואָס דער שונא האָט אויסגעטיילט צום ערגסטן.

מ׳האָט באַשלאָסן, אַז גאָר אינגיכן, ווען מ׳וועט האָבן אַ פרייען טאָג, זאָל מען אַוועק אין די געהעריקע אַנשטאַלטן, וועלכע האָבן די פליכט אויפצוזוכן און באַזאָרגן אַזוינע קינדער אין ספּעציעלע פאַר זיי איינגעאָרדנטע אַלגעמיינע היימען, און צו מעלדן, אַז זיי, דאָקטער זעמעלמאַן און פרוי זייעץ, זיינען גרייט צו נעמען אַ פּאָרל אויף זייער פּריוואַטער באַזאָרגונג און איינאָרדענונג.

דאָקטער זעמעלמאַן האָט באַגערט צו באַקומען אַ יינגל, וואָס, ווי אַ מאַנצביל, וועט אים מער אונטערגיין, און פרוי זייעץ — אַ מיידל; און באַלד, אין אַ קליין שטיקל צייט אַרום, איז זייער וואונטש דערפילט געוואָרן און מ׳האָט זיי צוגעשיקט, וואָס זיי האָבן באַגערט... ניין, מער ווי באַגערט: ניט סתם קינדער, נאָר קינדער פון טאַט, קינדער שוין

מיט אַ געשיכטע הינטער זיך, קינדער אין פּלאַם און אין רויך דורכ־געגאַנגענע, מיט איין וואָרט: קינדער פּאַרטיזאַנער.

דאָס יאַטל, פון אַ יאָר 16־15, מיטן נאָמען מוישקע, איז אַרויס פון די ווייסרוסישע וועלדער, וועלכע האָבן אין דער צייט פון דער מלחמה געווימלט מיט הונדערטער און טויזנטער אונטערערדישע אונטער־רייסער, וועלכע זיינען נאָכדעם ווי די רעגולערע אַרמיי איז צו זיי אונ־טערגעקומען, אַרויס פון דעם צוויי־דריי־יעריקן געיעג און געיאָגט ווערן, ווי די הייל־מענטשן, אויף דער ליכט, אויף דער פריי, שוין צום אָפענעם קאַמף...

און דאָס מיידל — עטוואָס ייִנגער פונעם ייִנגל, פון אוקראַיִנע געקומען, און אַזוי ווי דאָס יאַטל, אַזוי האָט אויך זי געהאַט פיל דורכ־צומאַכן, איידער זי האָט זיך דערשלאָגן צו די איריקע, שטייענדיק צוערשט מיט אַ גאַנצער עדה ייִדן פון איר שטעטל, אייגענע, באַקאַנטע, קרובים און עלטערן, גרייט אַוועקגעשאָסן צו ווערן, און נאָר אַ דאַנק אַ צופאַל האָט זי זיך געראַטעוועט פון צו זיין איינע פון די קדושים פון יענעם גרוב.

דאָס יאַטל, ניט געקוקט דערויף, וואָס ער האָט אַ לאַנגע צייט צוזאַמענגעלעבט מיט עלטערע האַרטע קריגער, אין גאַרניט קיין ווייכע וואַלד־באַדינגונגען, וועלכע וואָלטן באַדאַרפט אויך אים פאַרהאַרטע־ווען און אים מאַכן אויס קינד, אויס יוגנטלעכער, — האָט דאָך פאַרהיט אַ ווייסע הויט, אַ ייִנגליש מויל מיט ווייסע ציין, אויך ראָזלעך־פּאַכענ־דיקע נאָז־פליגל ווי ביי אַ יונגן הירש, ווי אויך אַ הויכלעך זויבער־ווייסן שטערן, ווי ביי אַ גאָר־געראָטענעם וואויל־לערנער.

אָט־דאָס יאַטל האָט זיך באַדאַרפט נאָר איין גוטן וואָש טאָן, נאָך יאָרן זיך ניט אויסטאָן און ניט איבערטאָן אין וואַלד, ס'זאָל פון אים אויך אַראָפּלויכטן אַ היפּש ביסל קענטעניש, וואָס ער האָט באַוויזן זיך דערווערבן אויף דער שול־באַנק, און וועלכע ער האָט ניט נאָר אויספאַרהיט אין זיינע ניט־לערניאָרן, ווי אַן אבן־טוב, נאָר ער האָט זיך נאָך געקליגט זי פאַרמערן, — אויב ניט דורך ביכער, וועלכע האָבן אין די וואַלד־באַדינגונגען, נאַטירלעך, אויסגעפעלט, איז אַליין פון לעבן, ווי מ'זאָגט, וואָס לערנט אַן אַנדערש מאָל פיל מער ווי ביכער.

ווען דאָקטער זעמעלמאַן האָט אים צום ערשטן מאָל דערזען, באַ־טראַכט, און שוין דעם ערשטן אָוונט זיך געגומען צייט מיט אים זיך נעענטער צו באַקענען, איז ווי זיין פאָטער־האַרץ האָט זיך ניט געפילט פאַרלוירן, צוזעענדיק ווי אָט־דאָס יאַטל קומט צו ווערן אַ תושב אין

זיין שטוב און פאַרנעמען אָרט אין זיין אויפמערקזאַמקייט, — ווי שווער ס'איז אים ניט געווען, האָט ער דאָך, קוקנדיק אויף אָט־דעם יאַטל, ענלעך צו אַ שמיידיקער, פיל־צוזאַגנדיקער צווייג, וועלכע ער האָט פאַרטראַכט צו פאַרפלאַנצן אין זיין עלנט־געבליבענעם משפחה־בוים, זיך דאָך דערפילט עטוואָס באַפרידיקט און אויפגעמונטערט — ניט אַזוי פון די אויסזיכטן צו זען זיך אַליין אויפסניי אויפגעבליט, נאָר בכלל ווי ווען מ'קוקט אויף אַ יונג באַשעפעניש אין דער סאַמע צייט פון בלי, ווען ס'שפּאַרט דערפון מיט רייפע און אויך אומרייפע חנען...

באַלד האָט שוין דאָקטער זעמעלמאַנס גוט געניגט־געפיל דער־גרייכט אַזוי ווייט, אַז ווען דאָס יאַטל האָט, אויף דער אויפפאָדערונג פון דאָקטער זעמעלמאַן, גענומען אויסדערציילן, ווער ער איז, פונוואַנען ער שטאַמט און וואָס פאַר אַ מער ווי טויזנט־און־איין־נאַכט־פּאַסירונגען ער האָט געהאַט דורכצומאַכן, איידער ער האָט אַריינגעטראָפן צו זיינע וואַלד־ברידער און רעטער; ווען דאָס יאַטל האָט גענומען דערציילן אויפן פרעמדלעכן לשון פון דאָקטער זעמעלמאַן, זיין פּאַטראָן, פילנדיק זיך ניט גאָר איינגאַנצן פריי צו קאָנען אויסדריקן אַלץ, וואָס ער האָט פון זיין גאָר־רייכער דערפאַרונג מיטגעבראַכט — האָט דאָקטער זע־מעלמאַן צוערשט אים גענומען אַרויסהעלפן פון זיין ענגעניש, אונ־טערזאָגנדיק אים אַמאָל אַ וואָרט, אַמאָל אַ גאַנצע פראַזע; און דערנאָך, ווען דאָקטער זעמעלמאַן האָט זיך דערמאַנט, אַז דאָס יאַטל האָט דאָך אַן אייגן לשון, אויף וועלכן ער האָט זיך איינדערהיים, ביי די עלטערן, אויסגעלעבט, און אויף וועלכן ער האָט דערוואָרבן זיין רעכט ביסל שילער־קענטעניש, האָט ער אים אַ זאָג געטאָן, זעענדיק זיין מאַנגל:

— זאָל מוישקע רעדן, ווי ער וויל, ווי אים איז באַקוועמער, ווייל נישקשה, ער, דאָקטער זעמעלמאַן, פאַרשטייט אויך מוישקעס לשון.

דעמאָלט האָבן ביים יאַטל די אויגן אויפגעלויכטן, ווי ביי אַן אויפגעבונדענעם, און ביי אַזאַ, ביי וועמען מ'האָט אַראָפּגענומען אַ פענט פונעם צונג, און ס'האָט פון אים אַ גיי געטאָן אַזאַ סאָרט שפּע פון אַ צעעפנטן שפּראַך־שפּייכלער, אַז ווי דאָקטער זעמעלמאַן האָט דאָס ניט באַנומען, האָט אים דאָך הנאה געטאָן, און אַפילו ווילד הנאה, שוין אַליין דער קלאַנג פון יענעם פרעמדלעכן אייגנס, וואָס דאָס פאָלק פון וועלכן ער איז געווען אָפּגעריסן, האָט איינגעהיט, און הערנדיק איצט אָט־דאָס יאַטל, האָט ער שטיל, אין זיך, אַפילו ווי אונטערגעקוואָלן,

ווי גלייך ער זאָל אָפּנעמען אַ גרוס פון אַן אַלטער, ליבער היים, וועלכע לאָזט זיך ניט פאַרגעסן.

דאָס זעלבע, נאָר אַ קליין ביסל אַנדערש, איז פאַרגעקומען אין דער צווייטער, אַנטקעגנאיבערדיקער שטוב פון דאָקטער זעמעלמאַן, ביי פרוי זייעץ, וואָס אויך זי האָט אַריינבאַקומען וואָס זי האָט געוואָלט — אַ מיידל.

יענע — עטוואָס נידעריק־געוואַקסן, ווי ווערליק פאַר אירע יאָרן, אויך אַביסל אַ מער צעשטרויטע ווי ס׳געהער — ווייזט אויס פון פיל איבערלעבונגען, וואָס זיינען ניט געווען פאַר דער אויפנעמפּיאיקייט פון אירע מוחות... דערפאַר אָבער, זעט אויס, פון זייער אַ געזונטן שורש: אַזוי ברייט אין די מיידלשע אַקסל געבויט, מיט אַזוינע פּיל־שפּילנדיקע חן־גריבלעך אין זיי, אַז ס׳האָט ממש געחידושט, ווי איז דאָס געשען, וואָס אָט־דאָס באַשעפעניש, אָן אַ היים, אָן אויפזיכט, אויסשטייענדיק דערצו אַזוינע סכנות, האָט באַוויזן זיך אויפהיטן און אַרויסקומען, ניט געקוקט אויף אַלעם, אַזוי געהאַרטעוועט, דערצו נאָך מיט עפּעס אַ שטענדיק שמאָלטשיק וואָסערל אין די גרויע אויגן — אַ סימן אויף מוטערשאַפט און אויף אַ גרויסער שפע פון זויג־מילך, ווי ביי עפּעס אַן אור־מוטער, אַ מין מוטער חוה.

מיט איין וואָרט, אין זינען פון געזונט — אַ שטיק אויסנאַם, דער־פאַר אָבער איז זי אין קאָפּ און אין קענטעניש געווען געשלאָגן. מעגלעך, אַז זי האָט ווייניק פון שול גענומען, ניט באַוויזנדיק נאָך די באַנק דאָרט אָנוואַרעמען; מעגלעך אויך, אַז וואָס זי האָט יאָ באַקומען, האָט זי פאַר די יאָרן ניט־לערנען פאַרגעסן. אָבער ניין, בכלל, דוכט זיך, טאָקע עטוואָס טעמפּלעך... דערפאַר אָבער, ווידער, האָט אָט־דאָס נפש פאַרמאָגט אַ שטים, אַ שטיק רוי־געשאַנק פון גאָט, ניט באַאַרבעט, ניט קולטיווירט, וואָס אַז זי האָט געעפנט דאָס מויל, האָט גלייך גענומען דוכטן, אַז אַליין די ניט־איבערגעשפּיצטע מאַמע־נאַטור האָט איך וואָס צו זאָגן און אויף אירן אַן עכט־רויען אופן אַרויסצוזינגען.

זי האָט אַליין פאַרפאַסט לידער, אַליין אויך די מעלאָדיעס צו זיי, לויטן געוויסן פאָלקס־נוסח.

„אוי, הינט זאָלן דאָס אויף דיר צערייסן!

זאָלסט איבערגיין אויף אַזאַ שטייגער, ווי איך...״ —

האָט מען באַדאַרפט הערן זי אַרויסזינגען אַ קללה־ליד, ווי פון דער תוכחה, וויינענדיק אויף אירס אַ קלייד, וואָס זי האָט באַקומען ירושה פון דער מוטער, מיט וועלכער זי האָט אַ צייט צוזאַמען גע־

וואוינט אין געטאָ, איידער יענע איז אַוועק צו דער שחיטה־גרוב, און וואָס אַ זשאַנדאַרם האָט עס ביי איר דערזען און דאָס אַוועקגענומען פאַר זיין געליבטער...

„אוי, הינט זאָלן עס אויף איר צערייסן!... — האָט זיך געהערט איר שעלטנדיקע שטים מיט אַזאַ קראַפט, גלייך ס'וואָלט ניט נאָר פון איר איינעם מויל אַליין געקומען, נאָר פון די מיילער פון אַלע, אַלע, מיט איר צוזאַמען אין געטאָ וואוינענדיקע, פאַראורטיילטע און באַרויבטע.

אַז זי איז אַריין צו פרוי זייעץ, אַביסל אַ פאַרשעמטע, אַביסל אַ זיך ניט פריי־פילנדיקע אין שטוב, ווי אין אַלע שטיבער, פון וועלכע זי איז געווען אָפּגעוואוינט, אָפּזייענדיק אַ צייט אין וואַלד — האָט צוערשט פרוי זייעץ דעם קאָפּ אָפּגעקערעוועט, ניט קאָנענדיק קוקן אויף דער, וואָס איז געקומען דאָס אָרט פון איר טאָכטער פאַרבייטן... באַלד אָבער האָט זי זיך באַהערשט, געגומען היימישער ווערן, זי מקרב זיין און אויספרעגן ביי איר אַלץ, אַלץ, וואָס ס'איז געשען מיט איר — מיט אַ קינד, וואָס איז געלאָפן פון חלף, אָן אַ דאַך, אָן מיטגעפיל, אויף אַ ברענענדיקער ערד און אונטער אַ קיין־הילף־דערלאַנגענדיקן הימל.

עלקע האָט מען זי גערופן, דאָס מיידל. און אַזוי ווי מוישקע ביים דאָקטער זעמעלמאַן, אַזוי האָט אויך זי ניט רעכט באַהערשט דאָס לשון, אויף וועלכן זי האָט געגומען דערציילן דער פרוי זייעץ. זי האָט דאָס געמישט מיט אוקראַיִניש, ווי אויך אָפילו אַביסל מיט דייטש, מיט וועלכן זי האָט זיך אָנגעהערט, זייענדיק אַ צייט אין געטאָ, אונטער דער הענקער־בייטש. און אויך איר, עלקען, ווי דאָקטער זעמעלמאַן זיין מוישקען, איז פרוי זייעץ אַלע ווילע געקומען צו הילף, ווען יענע האָט זיך פאַרהאַקט פון מאַנגל, פאַרלייגנדיק איר צו רעדן, ווי איר איז גרינגער, און אויף יענעם לשון, וואָס זי האָט מיטגעבראַכט פון איר פאַרלוירענער היים, ווי אַ ליבן איבערבלייב נאָענט ביי איר לייב אויסבאַהאַלטן...

הערנדיק אַט־די עלקע און זעענדיק אירע ברייטע אַקסל, אירע האַרט־געקנאָטענע באַקן מיט די חן־גריבעלעך, און מיטן גרוי־שמאָל־טשיקן וואָסערל אין די אויגן — אַ סימן אויף קינפטיקער מוטערשאַפט, וואָס אַפילו זי, פרוי זייעץ, אָן אָפּגעפרעמדטע, האָט זיך איצט געפילט געבונדן מיט יענעם פיל־געפרואווטן און געטראָפענעם קיבוץ וועמענס טרעפעניש ס'וואָלט געווען געקאָנט זיין אויך אירע, ווען זי זאָל צו־פעליק צווישן אים זיך אַריינטרעפן, אָדער ווען זי זאָל פון אָנהייב אָן ניט געווען זיין פון אים אָפּגעריסן.

קוקנדיק אויף אַט־דער עלקע, האָט זיך ביי איר אי גרויס רחמנות דערוועקט צו יענעם קיבוץ, אי זי האָט זיך דערפילט שולדיק און ווי אַ בעל־חוב פאַר אים, וואָס אין געשטאַלט פון אַט־דער עלקע האָט ער איר, ווי אַ לעבעדיקע צוואה געלאָזט, זי זאָל זען זיין לעצט רעשטל פאַרהיטן און אַז זיין נאָמען און נחלה זאָלן ניט אויס און אָפּגעמעקט ווערן.

נו, און די קינדער זיינען פאַרבליבן — דער אויבן־דערמאָנטער מוישקע ביים דאָקטער זעמעלמאַן, און די עלקע ביי פרוי זייעץ. דאָס האָט, אגב, די אויפּסניי־געוואָרענע עלטערן אויפּסניי און פיל נעענטער צונויפגעפירט אויף באָדן פון קעגנזייטיקן אינטערעס פון צו וועלן מער בעסער באַזאָרגן זייערע דערצויגלינגען, וועגן וועלכע זיי האָבן זיך אַלעמאָל איצט געהאַט צו עצהן און זיך אָנפרעגן איינס ביים צווייטן: ווי גייט עס, און ווי געראָט זיי זייערע ביידנס אונטערנעמונג.

אַזוי למשל, פלעגט דאָקטער זעמעלמאַן, ווי אַ מאַנצביל, וואָס איז אי שטאַרק באַשעפטיקט, אי ניט באַהאַוונט אין ענינים פון דער־ציאונג, זיך אָפּט אַריינשטעלן צו פרוי זייעץ, האָבנדיק זיך צו דערפרעגן ביי איר וועגן זיין מוישקען, וועלכער האָט ביי אים זייער אויסגענומען, און וואָס, אגב, שוין דעם ערשטן אָוונט, נאָכדעם ווי ער האָט זיך גע־לאָזט אויסדערציילן פון יענעם, וואָס מיט אים איז געשען, איז פאַרן שלאָפן גיין, איידער ער האָט זיך באַדאַרפט מיט אים שיידן, איז ער צו אים צוגעגאַנגען, אַ פאַרשעמטער, און אים אַ קוש געטאָן אין שטערן, פילנדיק דערביי אַ וויטיק, ווי גלייך ער וואָלט געקושט דעם טויטן זון, אי דאָך אויך עטוואָס צופרידן, וואָס ער האָט נאָכן זונס אומקומען, זיין פאָטערלעכע ליבע וואו אַהינטאָן.

יאָ, אַט־דער מוישקע האָט ביים דאָקטער זעמעלמאַן באַלד טאַקע שוין דאָס רעכטע אָרט פאַרנומען.

מ'האָט געקאָנט באַמערקן ווי אַזוי בעת דער דאָקטער זעמעלמאַן פאַרזיצט זיך אַמאָל שפּעט אין אָוונט אין זיין קאַבינעט, ווען זיין דער־צויגלינג שלאָפט שוין אין באַזונדערן צימער, וועלכער איז אים אויס־געטיילט געוואָרן, אַזוי קומט ער שטיל אויף דער שוועל פון יענעם צימער, דרייט אויף די שיין אויף אַ ווילע, טוט אַ קוק אויפן שלאָפנדיקן און באַלד מאַכט ער צוריק אויס די שיין און קערט זיך אום, פונוואַנען ער איז געקומען, געהיט און פאַרזיכטיק, כדי ניט צו שטערן...

מ'האָט נאָך געקאָנט זען , ווי אַזוי דער דאָקטער זעמעלמאַן קומט, ווען ער האָט צייט, ווידער אין יענעם צימער, וואָס איז אויסגעטיילט

פאַר זיין דערציִיגלינג, בעת יענער גרייט די לימודים פאַר דער שול, אין וועלכער ער איז איצט אַנגעקומען, נאָך יאָרן איבעררייס; ווי אַזוי דאָקטער זעמעלמאַן בויגט זיך אָן קורצזיכטיקלעך איבער דעם ביכל אָדער איבער דעם העפט, אין וועלכן יענער לערנט, אָדער שרייבט עפּעס אַריין, פֿאַרהאַלט זיך ניט לאַנג, שטערט ניט, מישט זיך ניט, מאַכט קיינע באַמערקונגען, גלייך ער איז זיכער אין דעם, וואָס זיצט איצט פאַר אים, אַז ער וועט אַליין מאַכן אַלץ, ווי מ׳דאַרף און ווי ס׳געהער. יאָ, ס׳האָט געניגט דעם דאָקטער זעמעלמאַן בלויז אַ קוק טאָן, בלויז אָן אויבערשט ביסל השגחה, מיט וועלכער ער קומט צו זיין דערציִיגלינג פון צייט צו צייט — ניט ווי צו אַ קינד, וועלכן מ׳דאַרף איבעריקס נאָכקומען, נאָר ווי צו אַ זעלבסטשטענדיקן בר־דעת.

ווירקלעך: יענער טאַקע אַזאַ; אַזוי ווייט, אַז ער האָט אַפילו געהאַט פאַרשטענדעניש זיך נעמען צייט אויף צו פאַרצייכענען די אַלע פּאַסי־רונגען, ביי וועלכע ער איז בייגעווען אָן עדות, און וועלכע ער האָט פאַרגעדענקט ביז אַ מינדסט — די ערטער, דאַטומס, אַנטיילנעמער — פאַר אַ זכר לדורות; אַזוי אַז אַפילו עכטע געשיכטלער האָבן זיך מיט זיין אַרבעט געמעגט פאַראינטערעסירן, ווי ס׳איז טאַקע, אגב, דערנאָך געווען.

אַ זעלטענער זכרון האָט אים צוגעהאָלפן, אַ קלוג יינגליש אויג, און פיינע פּייאַקייטן אויסצודריקן, וואָס ער וויל, קלאָר, גלאַט און אויף אַ פאַרשטענדלעכער שפּראַך. און אַט האָט ער, אויסער דער שול־אַרבעט, נאָך געפונען צייט זיך צו פאַרנעמען מיט דעם, וואָס זיין יונגער געוויסן האָט פון אים געפאָדערט, און וואָס ער האָט דאָס געטאָן מיט גרויס פלייס ווי אַ דערוואַקסענער, ווי שטעלנדיק אַ מצבה אי זיינע אייגענע יונג־באַרויבטע יאָר, אי אַלץ דעם און די, וואָס ליגן שוין אָפּגעקומענע אויפן פאַלקס בית־חיים.

און דאָ, אַז דאָקטער זעמעלמאַן פלעגט אַמאָל טרעפן זיין דער־ציִיגלינג ביי אַט־דער אַרבעט, פלעגט ער זיך שוין יאָ פאַרהאַלטן, זיך מער פאַראינטערעסירן, ניט אָפּגיין אַזוי גיך און אַ פרעג טאָן:

— האָ, וואו האַלט ער, און וואָס האָט ער דאָ נאָרוואָס פאַרצייכנט אין דער שפּראַך, אין וועלכער דאָקטער זעמעלמאַן קלייבט זיך ניט איבעריק פאַנאַנדער?

מוישקע פלעגט אים אַרויסלייענען אַמאָל איינעם אָן עפּיזאָד, אַמאָל אַ צווייטן, און אַלעמאָל, נאַטירלעך, פון יענעם מין, וואָס האָט געגעבן דעם דאָקטער זעמעלמאַן אַ גענויע פאַרשטעלונג פון דעם, וואָס דער

אומגליקלעך־אויסגעטיילטער כלל און פרט האָט געהאַט אויסצושטיין פון שונא — דער ערשטער, ביזן אָנקומען, און דער צווייטער, ווי זיין דערצויגלינג, אָט־דער מוישקע, ביז ער האָט זיך געראַטעוועט פון אומקום.

דאָס האָט אויך, דאַרף מען קלערן, געגעבן דעם דאָקטער זעמעלמאַן געגוג שטאָף אויף נאָכדענקען דעם געהערטן, ד. ה., אַז אָדער ס׳זאָל אים אַמאָל, באַלד אויפן אָרט, אין די אויגן שווארץ ווערן, אָדער אַז ס׳זאָל אים ערשט שפּעטער אָט־דער מוישקע, מיט אַלעם דעם, וואָס האָט צו אים אַ שייכות, אין פאַרשיידענע חלומות זיך פּלאָנטערן, ווי זיין שטייגער.

ווי אָט האָט ער אים איינמאָל געזען צוזאַמען מיט זיין זון... יענער — מיליטעריש געקליידט, מיט אַ ביקס, דוכט זיך, און מוישקע מיט אַ פּען אונטערן אויער. און דער ערשטער, איז צו זען, ניט מקנא דעם צווייטן, וואָס ער פאַרנעמט זיין אָרט ביים פאָטער. פאַרקערט, ער גיט אים די האַנט אויף ברודערשאַפט און ווינטשט אים, ער זאָל טאָן מיט אָט־דעם, — מיט דער פּען, מיטן וואָרט הייסט עס, — וואָס ער האָט מיט טאָט אַרויסגעבראַכט.

אַ צווייט מאָל האָט ער אים געזען קומען מיט עפּעס אַן עלטערלעכן מאַן אין אַ טוך איינגעהילט כמעט ביז איבער די אויגן, און אויך דאָס פּנים ביז די ליפּן איינגעהילט — אַ מין קלאָג־נביא, וואָס לאָזט זיך אויף איינעם אַ הריגה־פּלאַץ, אויף וועלכן ער דענקט, ווי ס׳זעט אויס, זיך לענגער פאַרזאַמען און דאָרט טאָן, וואָס אַזאַ נביא דאַרף טאָן... און דער דערצויגלינג, דער יונגער מוישקע, ווי אַ יונג באַדינערל פון נביא, טראָגט אים נאָך אַ מגילה, ווי אויך אַ פּוס־בענקעלע אויף זיך זעצן, ווען יענער וועט מיד ווערן פון באַוויינען דעם בראָך.

און אָט האָט ער אים אַ דריט מאָל געזען: גאָר צוזאַמען מיט יענעם פאַרשוין, וואָס מיט די האַלבע, קוואַדראַטע, שוואַרצע, מייזן־וואָנצעלעך; דער מיטן אויסזען פון אַ קליין־קאַליבערדיקן פאַרברעכער, וועמען דער גורל האָט אָבער באַשטימט צו באַקומען גאָר אַ גרויסן שם, צו דער שאַנד פון יענעם לאַנד, וואָס האָט אים אַרויסגעגעבן. מיט איין וואָרט, דער, וואָס איז ניט כדאי זיין נאָמען צו דערמאָנען, ווייל ווי דעם מויל, וואָס האָט אים צוערשט אַרויסגערעדט... — ווי ער, יענער שטייט אויף עפּעס אַ הויך־בערגלדיק אָרט, און זעט אויס העכער ווי זיין וואוקס; געקליידט אין אַ יעגער־קאָסטיום פון זיין לאַנד, מיט אַ גרינעם הוט און מיט אַ פאַווע־פעדערל פון אונטן; נאָר אַנשטאָט אַ סטעק, ווי ס׳וואָלט

געפּאַסט פֿאַר אַט־דער קליידונג, האַלט ער אַ היצעלשע קליוטשקע, מיט אַ פֿאַרגרייטן שליף צום פֿאַנג.

ער שטייט, וואַרט, קוקט אויף עפּעס אַרויס, ביז ס'וויזט זיך אָנ־קומען פֿאַר אים אַ גרויסע מאַסע פֿאַראורטיילטע, אין לעצטן גלות־גייענדיק, צו דעם גרוב געטריבענע, וואָס אַליין שוין אַט־דאָס בילד פֿון אַט־די גייענדיקע טוט אים, זעט מען, ווילד הנאה. אָבער ס'גענוגט אים ניט, ס'איז אים קאַרג, וואָס אַנדערע וועלן מאַכן מיט אַט־די, וואָס מ'דאַרף... ער וויל אַליין, און ער טוט אַ וואַרף די קליוטשקע, כאַפּט־אויף איינעם פֿון דער מאַסע, פֿאַרציט און קוקט מיט פֿאַרגעניגן, ווי יענער צאַפּלט זיך, וואַרפֿט זיך און ווערט אין ענגעניש דערוואָרגן. אַזוי טוט ער מיט איינעם צו זיין הנאה, אַזוי מיט אַ צווייטן...

און אַט זעט דאָקטער זעמעלמאַן מיטאַמאָל אויך זיין דערצויגלינג, זיין מוישקען, אויף דער קליוטשקע. אָבער יענער טוט זיך מיטאַמאָל אַ ריס אָפּ, צום ווילדסטן פֿאַרדרוס פֿונעם היצל־פֿאַרשוין, וואָס שרייט אויס צו די אים געהאָרכזאַמע, מיט פֿאַרביטערטן כעס: כאַפּט אים, נעמט אים, גיט מיר אים אַריין אין שליף!... מוישקע אָבער, זעט דער דאָקטער זעמעלמאַן, לאַכט... און מיטאַמאָל, זעט ער ווידער, ווערט פֿון אַט־דעם מוישקען — משה — דער, וואָס דער באַוואוסטער מיטל־אַלטערלעכער מייסטער האָט אים פֿון שטיין אויסגעפֿורעמט מיט זיין מעכטיקן, מענטשלעך־געטלעכן, פֿאַרזאָרגטן פּנים פֿון אַן אוראַלטן גענעץ־קריצלער, מיט דער לאַנגער, געפֿאַלדעוועטער באָרד ביז די קני, ווי אויך מיט די שפּיזלדיקע שטראַלן פֿון שטערן, ווי אַנדערע מאָלן אים. און דאָקטער זעמעלמאַן זעט, ווי איינער אַ שטראַל פֿאַלט אויפֿן פּנים פֿון יענעם היצל־פֿאַרשוין, פֿון וועלכן ער ווערט פֿאַרבלענדט, פֿאַרפּלייצט און מוז, ווי אַ מעפּיסטאָפֿעלשע פֿלעדערמויז, דעם קאָפּ אָפּקערן, אים אַראָפּבויגן און ביז דער ערד באַגראָבן.

אַט־דאָס איז דער מוישקע, וועלכער האָט געמאַכט חלומען דעם דאָקטער זעמעלמאַן בייַנאַכט, און ווי ס'וויזט אויס, האָט ער אויך אויף דער וואָר און וואָך־זייענדיק, אין אים געוואָלט זען די פֿאַרזעצונג פֿון דעם, וואָס יענער היצל־פֿאַרשוין האָט געוואָלט האָבן פֿון דער ערד אָפּגעווישט, אָפּגעמעקט און אָן שום סימנים פֿאַרריבן.

אַט דאָס איז דער מוישקע, די יונג־געראָטענע כלי, וואָס האָט געקווועלט מיט פֿיאיקייטן, און וואָס אויב ס'האָבן אים ווען אַמאָל זיך געמאַכט שוועריקייטן אין לערנען, צו וועלכן ער האָט זיך איצט ווידער גענומען, ווי געזאָגט, נאָך אַ היפּש־יעריקער הפסקה, איז האָט

זיך געפֿאָדערט מ׳זאָל אים בלויז אַ ווייז טאָן מיט אַ פֿינגער, ער זאָל דאָס איבעריקע זיך שוין אַליין שטויסן.

אויב ער אַזאַ, האָט אָבער דער עלקען, וואָס איז אָנגעקומען צו פֿרוי זייעץ, להיפּוך צו אָט־דעם מוישקען, ניט געניגט בלויז אַ פֿינגער צו ווייזן, נאָר טאַקע אַ גאַנצע האַנט, און דער עיקר טאַקע אין לערנען, אין וועלכן יענע איז שטאַרק געווען אָפּגעשטאַנען, און פֿרוי זייעץ האָט אין אירע פֿרייע שעהן געזען זי אונטערציען, און ווי אַ געדולדיקער פּעדאַגאָג איר אַרויסהעלפֿן, ווי וויט מעגלעך.

ס׳האָט איר קיין צייט ניט געקלעקט, און זי האָט געצויגן זיך צו הילף דעם דערציִיגלינג פֿון איר שכן, אָט־דעם מוישקען, וועלכער האָט אָן אַן ערך מער געוואוסט פֿון דער איריקער, און וואָס, ווי מ׳דאַרף זיך פֿאַרשטעלן, האָבן אָט־דיביידע צוויי, מוישקע מיט עלקען, גלייך נאָר ווי זיי זיינען אָנגעקומען — דער ערשטער צו דאָקטער זעמעלמאַן, און די צווייטע — צו פֿרוי זייעץ, צווישן זיך געשלאָסן באַקאַנטשאַפֿט, אַ דאַנק דער באַקאַנטשאַפֿט פֿון זייערע גוט־טוער, פּאַטראָנען, וועלכע האָבן געוואוינט אין איין הויז, אויף איין פּלאַטפֿאָרם, אַ טיר קעגן אַ טיר, און וואָס פֿלעגן זיך צוליב זיי טאַקע איצט ווידער גאָר אָפֿט צו־נויפֿגיין.

דאָקטער זעמעלמאַן האָט, נאַטירלעך, ניט געהאַט קעגן דער הילף, וואָס האָט זיך געפֿאָדערט פֿון זיין מוישקען, — ווייל, פֿאַרקערט, ווייל ווען ער האָט צום ערשטן מאָל דערזען דעם דערציִיגלינג פֿון זיין שכנה, פֿון פֿרוי זייעץ, כמעט אין איין עלטער מיט זיינעם, די וואָס מיט די ברייט־צעוואַקסענע אַקסל, מיט די האַרט־געקנאָטענע באַקן, מיט די חן־גריבעלעך און מיטן שטענדיק גרויען וואָסערל אין די אויגן, איז אים אַפֿילו דורכגעלאָפֿן אַ שדכניש־שמייכלענדיקער געדאַנק, אַז ס׳וואָלט ניט שלעכט געווען, ס׳וואָלט ניט געשאַדט, אַז אָט־די ביידע זאָלן זיך איינס דעם אַנדערן נאָענט ווערן, זיך נעענטער צונויפֿגיין א. אַז. וו.

ס׳איז געווען, ווי געזאָגט, נאָר אַ שמייכלענדיקער, פֿאַרביי־איילנדיקער געדאַנק, ביי וועלכן דאָקטער זעמעלמאַן האָט זיך ניט לאַנג פֿאַרהאַלטן, ווייל, — האָט ער זיך באַלד צוריק געכאַפּט, — ס׳דאָך קינדער, און ווער ווייסט, וואָס מיט אַזוינע קאָן זיך מיט דער צייט נאָך מאַכן... שפּעטער אָבער, ווען אָט־דאָס פּאַרל איז, אַ דאַנק דער נאָענטקייט פֿון זייערע וואוילטעטער, פֿון אים, דאָקטער זעמעלמאַן, מיט זיין שכנה, פֿרוי זייעץ, אויך צווישן זיך מער נעענטער געוואָרן; און באַזונדערס דערנאָך, ווען פֿרוי זייעץ האָט זיך געווענדט מיט דער ביטע צו איר

שכנס דערצויגלינג, צו מוישקען, ער זאָל, ווען זי פרוי זייעץ, איז ניט אין דער היים, אַמאָל באַהילפיק זיין דער איריקער, דער עלקען, אין די לימודים, אין וועלכע זי שטייט אָפּ; און ווען דאָקטער זעמעלמאַן פלעגט אַמאָל בייזיין, בעת יענער, מוישקע, האָט מיט אָט־דער עלקען די לעקציעס איינגעשטודירט און לעבעדיק־לייכט איר דערקלערט, וואָס יענער איז איבער איר איינגעבוירענער טעמפּלעכקייט, ניט לייכט געווען צו באַנעמען; צוזעענדיק, ווי מוישקע מאַכט דאָס קונציק, מיט יוגנטלעכער היץ און לייכטן לשון, און ווי יענע, זיין אָפּגעשטאַנענע שילערין, קוקט אים אין מויל אי מיט קנאה, אי מיט אַ מין ערפורכט, ווי צו אַן עלטערן און מער־וויסנדיקן פון איר, אי מיט נאָך עפּעס אַזוינס, וואָס איז אייגנטימלעך בלויז אויפגעוואַקסן געשלעכט, וואָס איז מיט קיין ווערטער ניט אויסצודריקן; צוקוקנדיק דאָס אַלץ האָט זיך ביים דאָקטער זעמעלמאַן שוין מער געשטאַרקט דער געדאַנק פון צו ווען זען אָט־דאָס פּאָרל איינס צום אַנדערן זיך דערנענטערן.

ווייל יאָ, ווייל אַ קליין ביסל האָט שוין דאָקטער זעמעלמאַן אויך רעכט געהאַט דערויף... ווייל ווען מ׳וואָלט נאָכגעקוקט אָט־דעם פּאָרל פון דער ערשטער מינוט פון זייער באַקאַנטשאַפט, אַזוי וואָלט מען געזען, ווי צום אָנהייב, בעת פרוי זייעץ האָט זיי צונויפגעפירט, בעטנדיק ביי מוישקען הילף פאַר דער עלקען, האָט יענער, מוישקע, זיך באַצויגן צו דער, וואָס האָט זיך געגוויטיקט אין זיין הילף עטוואָס צוריקגעהאַלטן און פרעמדלעך, ווי בכלל אַ יינגל צו אַ מיידל פון זיין עלטער, ובפרט צו אַ פיל־אָפּגעשטאַנענער פון אים — אַביסל פון אויבן אַראָפּ, קילבלעך און אַפילו אויך אַ קליין ביסל גרויסהאַלטעריש. אין דער צייט, ווען אָט־די עלקע, די עטוואָס יינגערע פון אים, האָט פון דער ערשטער מינוט, ווי נאָר זי האָט אים דערזען, שוין פון אים די אויגן ניט געקאָנט אָפּרייסן, ווי זי וואָלט זיין צוגעקלעפּט מיט אַ קליי פון קנאה, פון דרך־ארץ, און, ווי געזאָגט, מיט נאָך עפּעס, וואָס זאָגט מער פון יענע ביידע.

שפּעטער אַביסל האָט מען געזען, ווי אויך אָט־דער מוישקע האָט זיין באַציאונג געביטן — ניט מחמת זיין שילערין האָט באַוויזן פיל אויפצוטאָן און גרויס דערפאָלג האָבן אין די הילף־לעקציעס, וועלכע זי האָט ביי אים באַקומען. ניין, נאָר מחמת זייער אַלצאיינע לאַגע אין די היזער, אין וועלכע זיי האָבן זיך געפונען, האָט זיי, ווייזט אויס, צוזאַמענגעבונדן, ווי צווי ראָבינזאָן־קינדער, וואָס אַן אַלצאיינע כוואַליע האָט זיי נאָך שיפברוך אויף אַ רעטנדיקן אינדזל אַרויסגעשליידערט.

יאָ, דאָס האָט זיי, ווייזט אויס, פאַראייניקט. דערצו נאָך האָט מען געקאָנט זען, ווי אָט־די עלקע, אָט־די ברייט־ביינערדיקע און צעוואַקסענע אין די אַקסל, איז ווי נאָר זי איז אַרויס פון די ראַביזשאַנישע וואַלד־באַדינגונגען, וואו זי האָט געהאַט צו קעמפן און פאַרטיידיקן איר רויען קיום, און איז אַנגעקומען אין אַ ישוב, אין אַ שטאָט און צווישן מענטשן, און איז נאָך דערצו באַוואָרנט געוואָרן מיט אַ דאַך, מיט אַ קלייד און אַ העמד אויפן לייב, אַזוי איז זי גלייך אַריין אין איר אייגנטלעכער ראָל, באַקומענדיק די פרויאישע פייאיקייט פון צו קאָנען און וועלן אָפטיילן אַ שטיק פון איר ליבע־גאָב, מיט וועלכער זי איז באַשאָנקען, פון זיך אויף פאַר אַנדערע.

זי האָט צוערשט געזען אין מוישקען ווי אַ ברודער, וועמען מ׳קאָן זיין געטריי. שפּעטער אָבער, ווען די ביידע זיינען זיך מער צונויפגעוואַקסן, אַזוי האָט מען געקאָנט זען ווי בשעת די עלקע קוקט אַמאָל עטוואָס לענגער אויף מוישקען, אַזוי טוט זיך אָפּ דאָס שמאָלטשיק וואַסערל פון אירע אויגן, גלייך איר בליק וואָלט אָנגעטראָפן אויף עפּעס אַ פּייערל, וואָס מאַכט דאָס אויסטריקענען...

זי האָט, ווי געזאָגט, אים שטענדיק אין מויל געקוקט, אי מחמת ער האָט אַלעמאָל איר געהאַט צו זאָגן מער ווי זי איז פייאיק געווען צו באַנעמען, און אי אויך מחמת דעם, וואָס אַפילו ווען ער וואָלט געשוויגן, וואָלט זי אויך איר אויג פון אים ניט געקאָנט אָוועקנעמען פון מיידלשער פאַרגאַפונג.

אויך ער, אָט־דער מוישקע, האָט, ווי שוין דערמאָנט, זיין באַציאונג געביטן. ס׳האָט זיך שוין שפּעטער אַביסל געלאָזט מערקן אַ פיל מער היימישקייט צווישן אָט־די ביידע צדדים — דערצויגלינגען, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט, וואָס ווייטער, אין אַלץ מער מאָליקן זיך זען און צוזאַמען פאַרברענגען.

דאָס האָט, נאַטירלעך, ניט געקאָנט ניט באַמערקען אַ דאָקטער זעמעלמאַן, וואָס האָט דאָס שוין אַביסל פריער פאָראויסגעפילט, און דער עיקרשט אויך שטיל אונטערבאַגערט...

ער האָט ניט איינמאָל, צוליב אָט־דעם טאָקע, זיך אַריינגעשטעלט צו זיין שכנה, צו פרוי זייעץ, וואָס אויך זי, ווי יעדע פרוי מיט אַ געניט אויג, איז מסוגל אויפכאַפּן, וואָס צווישן צוויי יוגנטלעכע אין דעם עלטער קאָן זיך נעמען קנאָספּענדיק אויספּיקן. פרוי זייעץ, ווי איר שכן, דאָקטער זעמעלמאַן, האָט דאָס שטילערהייט אפשר אויך באַגערט: אי, ווידער, ווי אַ יעדע פרוי, ווען זי איז אַ צוטרויליכער עדות פון

יוגנטלעכע צוזאַמענבאַציאונגען; אי ווי אַ מוטער, וועמען ס'האָט ניט געגליקט דאָס צו זען אַרויסקומען ביי איר אייגן קינד, און זי באַניגט זיך מיט דעם, וואָס זי קוקט דאָס צו ביי די, וועלכע זי האָט פאַררעכנט פאַר אייגענע; און אי צוליב דעם, וואָס, — מעגלעך, אַז אַן אויסבאַהאַלטענער חוש האָט אויך איר, ווי איר שכן, דעם דאָקטער זעמעלמאַן, אונטן־אַרום און אומבאַוואוסט באַפוילן, נאָכצושפּירן אָט־די ביידע, ווי נאָך אַ לעצט רעשטל, אַ צעצווייט צוויגל, וואָס דער שטאַם וויל זיי האָבן צו זען אויפסנייַ און צוזאַמען פאַרפלאַנצט...

יאָ, אויך פרוי זייעץ האָט דאָס, מעגלעך, באַגערט...

אַזוי, אַז ווען דאָקטער זעמעלמאַן פלעגט צו איר די לעצטע צייט, אַמאָל אין אַ פריער שעה, זיך אַריינכאַפּן, כדי זיך נעמען טיילן מיט איר מיט די מיינונגען וועגן זייערע דערצויגלינגען בכלל, פרעגנדיק, וואָס זי, אַלס פעדאַגאָג, טראַכט וועגן דעם, וואָס ביידע זיי האָבן ביז אַהער שוין אָפּגעטאָן פאַר יענע, ווי אויך וועגן דעם, וואָס ווייטער טאָן און וואָס ס'לאָזט זיך אויסבעסערן, אויב זיי האָבן עפּעס פאַרפעלט; אַז דאָקטער זעמעלמאַן פלעגט פאַרפירן אַ שמועס מכוח דעם, אַזוי האָט זיך געפילט אין זיינע רייד ניט נאָר סתם אַן אינטערעס פון אַ וואויל־טוער, וואָס האָט גענומען אַ קינד אויף דערציאונג, נאָר אויך עפּעס ווי אַ פאָטערלעכער צו אַן אייגן קינד, וואָס ער וויל עס רעכט־גוט באַזאָרגן.

און נאָך מער: דאָקטער זעמעלמאַן האָט זיך אפשר אַליין קיין רעכענונג ניט אָפּגעגעבן, ווי ווייט ער איז פאַרגאַנגען מיט אָט־דעם זיין באַגער, נאָר ס'האָט זיך פון אים אַנגעהויבן אַרויספילן אַ שטאַנד פון אַ איינעם, וואָס דינט אַלס בלינד געווער ביי עפּעס אַ פאַרהוילענעם און נאַטור־געזעצלעכן געבאָט, פון וועלכן ער איז אויסדערוויילט צו זיין שליח און דורכפירער.

ער האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט אפילו אַמאָל אַרויס פאַר פרוי זייעץ מיט אַ האַלב־תמימותדיקער מחותן־פראַגע, ווי:

— האַ, ווי מיינט פרוי זייעץ? זי דאַרף דאָס וויסן, ווי אַ פרוי... אַ יאָ, ס'קאָן זיך אַמאָל עפּעס באַקומען צווישן אָט־די ביידע, — געמיינט, אַ שטיקל שידוך.

— יאָ, — פלעגט פרוי זייעץ מיט אַ שמייכל און באַגיטיקנדיק מסכים זיין, מעשה מחותנתטע, אויך פון איר זייט — מצד הכלה, הייסט עס...

מערער: אַזוי ווי דאָקטער זעמעלמאַן איז שוין געווען אין ראָש

פון וועלן זען עפּעס ניי־געבוים, ניי געפּאַרט אין זיין אַמטלעכן שליחות ביים אויבן־דערמאָנטן פאַרהוילענעם, נאַטור־געזעצלעכן געבאָט, וועל־כער האָט פון אים אַרויסגערעדט, אַזוי האָט ער זיך די לעצטע צייט שוין אַליין אויך געזען גענויגט אַ מער נעענטערער אָנטיילנעמער זיין אין אָט־דער בויאונג.

— וואָס הייסט?

— דאָס הייסט, אַז ער, דאָקטער זעמעלמאַן, וואָס האָט שוין לאַנג פון קיין משפחה־לעבן ניט געוואוסט, זייענדיק, ערשטנס, אי שוין ניט יונג, און צווייטנס, מחמת ער האָט זיך איינגאַנצן געווידמעט דער דער־ציאונג פון זיין זון, וועלכער האָט אים געמאַכט פאַרגעסן אין אַלעם איבעריקן, וואָס געהער משפחה — האָט איצט, נאָכן אומקום פון זיין זון, און נאָכדעם ווי ער האָט אויפגענומען דאָס פרעמדע קינד אויף דערציען, דערפילט אין זיך אויפדערוואַכט ניט נאָר דעם פאָטער־באַרוף, נאָר אויך דאָס געפיל פון אַ בעל־משפחה — מיטן אויסרייד, מכלומרשט, אַז אַזוי ווי אַליין זיין אייגענע געטריישאַפט און השגחה געניגט ניט פאַר זיין אויפגענומענעם דערציוגלינג, איז וואָלט ער זי גערן פאַרמערט דורכן צונויפגיין זיך און קריגן אַ מיטהעלפער, אַ פרוי, אַ מוטער צו אים.

מעגלעך, אַז ער האָט רעכט געהאַט: אַז דער מאָטיוו — אַ מאָטיוו. מעגלעך אָבער אויך, אַז זייענדיק אין טראַנס פון יענעם אויבנדערמאָנטן, פאַרהוילענעם, באַפוילנדיקן געבאָט, וועלכער האָט אים פאַרכאַפּט, וועלנדיק אים זען אָנגעווענדט בנוגע אַנדערע, יינגערע פון אים, האָט ער אים אין איין וועגס איילנדיק איבערגעטראָגן אויך אויף זיך, און ניט נאָר אויף זיך, נאָר אויף אַלע, אַלע לעצט־פאַרבליבענע, ווי אים האָט געדוכט, פון זיין שטאַם, וועמען ער וואָלט איצט געעצהט און גערופן טאָן דאָס זעלבע, וואָס ער.

ער האָט מיט פאַרגעניגן איצט געקוקט, האָט מען באַמערקט, אויפן יונגן, אונטערוואַקסנדיקן פּאָרל, וואָס דערנענטערט זיך, וואָס ווייטער, אַלץ מער צואַנאַנד, מיט אַ מין פאַרבאַרגענעם פאָטערלעכן נחת און אויסזיכטן אויף שפּעטער... און אין דער זעלבער צייט פלעגט ער אַמאָל אויך כאַפּן אונטן־אַרום אַן עלטערלעך־פאַרליבטן קוק אַריבער די ברילן אויף פרוי זייעץ, וועלכע ער האָט געדענקט צוציען — ניט באַלד, ניט מיטאַמאָל — צו פאָטער־מוטערלעכן צוזאַמענלעבן, זעענדיק, אַז זי פאַרשטייט אים אויפן האַלבן וואָרט, און ווי זי לאָזט אַראָפּ די אויגן

צו דער ברוסט, ווען ער, דאָקטער זעמעלמאַן, דערזאָגט דערווייל ניט דאָס, פאַר וועלכן ער האָט נאָך קיין קלאָרע ווערטער ניט.

דאָקטער זעמעלמאַן איז, אַ דאַנק אָט־דעם ניי־אויסבאַהאַלטענעם באַגער, איצט געוואָרן וואָס מער אָפטער איינגייער צו פרוי זייעץ, פאַרטרויענדיק איר וואָס ווייטער אַלץ מער פון דעם, וואָס ער האָט ביז אַהער אַרומגעטראָגן אין זיין איינזאַמקייט; און פאַרגעסנדיק אָפּט, אַז ער האָט שוין ניט איינמאָל ביי איר זיך אָנגעפרעגט, פלעגט ער נאָכ־אַמאָל אַ פרעג טאָן:

— האָ, ווי מיינט זי, פרוי זייעץ? איאָ, ס׳וועט, דוכט זיך, זיין... געמיינט אי צווישן פּאָרל, אי אויך צווישן אים און איר, מיט וועלכער ער האָט זיך איצט געוואָלט זען אונטער איין סטעליע, אין איין משפחה פאַראייניקט — זי מיט איר געבראַכטן נדן — מיט דער עלקען, ער — מיט זיין מוישקען, וואָס דעמאָלט וועט, מכלומרשט, פיל בעסער, פיל לייכטער זיין זיי צו דערציען.

נאָ, און אין אָט־דער ריכטונג האָט זיך, לעצטנס, אים שוין אָפילו אויך פאַרשיידן געצומען חלומען.

אָט איז זיינער אַ לעצטער חלום:

ער דערזעט זיך צוזאַמען מיט זיין שכנה, פרוי זייעץ, איינגעשפּאַנט אין אַ שליטעלע, אין וועלכן ס׳ליגן טויטע זיין ברודער און זיין ווייב, איבער וועלכער ער האָט זיך ניט באַוויזן פון שטאָט אַרויסקלייבן. ער מיט פרוי זייעץ, שלעפּן לייכט, אָן שום מידקייט און לופיק... און מיטאַמאָל שטעלן זיי זיך אָפּ, קערעווען זיך אויס אויף צוריק, דער־פילנדיק ווי עפּעס לעבעדיקס הינטער זיך, און זיי דערזעען, ווי דער ברודער מיטן ווייב זיצן אויפגעזעצט, צופרידענע און גוט־שמייכלענ־דיקע, — ווייזט אויס, דערפון, וואָס ער, דאָקטער זעמעלמאַן און פרוי זייעץ, פירן זיי לייכט, אָן שום אָנשטרענגונג, און ביידע יענע טוען דערביי מיט האַלב־לעבעדיקע, האַלב־טויטע מיילער אַ זאָג: „מזל־טוב... גוט, וואָס איר זייט דאָ, גוט, וואָס אינאיינעם, און זאָל אייך דער וועג גרינג זיין"... אָפּגעזאָגט, לייגן זיי זיך צוריק אַוועק.

דעמאָלט זעט דאָקטער זעמעלמאַן ווידער, ווי ס׳באַווייזט זיך איינער אַן אַלטער מאַן מיט מוישקען ביי דער זייט, און איינע אַן אַלטע מיט דער עלקען לעבן איר. ביידע אַלטע — ווידער מזרחדיק געקליידט: ער מיט אַ לאַנגן מאַנטל ביז דער ערד, און זי מיט אַ זעלבן, און דערצו נאָך אין אַ טוך, וואָס פאַרשטעלט איר דעם שטערן ביז איבער די

ברעמען. און דיביידע קינדער, וואָס גייען מיט זיי, טראָגן ליכט, ווי צו אַ חופּה.

און אָט באַווייזט זיך אויך אַ חופּה. אונטער וועלכער ער, דאָקטער זעמעלמאַן, מיט זיין שכנה, מיט פרוי זייעץ, געפינען זיך, ווי פּאָר קידושין.

אויך מחותנים באַווייזן זיך — אַ פון־וויט־אָנקומענדיקער צוג, אַ גרויסע מאַסע, אַזאַ, וואָס ווי ער, דאָקטער זעמעלמאַן, האָט זיך געמאָלט, אין לעצטן גלות־גייענדיקע, צו דעם גרוב געטריבענע... איצט זעען זיי אויס שווייגנדיק־באַרוטע, אַלע מיט ליכט אין די הענט, און די ליכט פלעמלען זיך פייערלעך, פון קיין ווינט, קיין ווינטעלע ניט אָנגערירט און אין קיין זייט ניט אָפּגענויגט.

דער צוג שפּאַנט אין רייען און יום־טובדיק־פאַראורטיילט... און מיטאַמאָל דערהערט זיך אַ שטים פון צווישן אָט־דער גייענדיקער און ליכט־טראָגנדיקער מאַסע — אַ מין בת־קול, וואָס קומט ניט פון קיינעמס מויל, און איז געווענדט צו דעם, וואָס הערט זי, צו דאָקטער זעמעלמאַן, וואָס ניט אַלץ אָבער באַנעמט ער, וואָס דאָס קול האָט צו זאָגן, בלויז נאָר דאָס, וואָס איז אים, ווייזט אויס, דערלויבט צו הערן:

— איינס צו פאַרגעדענקען: דעם געבאָט פון וואַקסן און ווידער וואַקסן, ניט געקוקט אויף אַלעם בייז, וואָס האָט געטראָפן אַלעמען, און באַזונדערס — אונדז...

און דאָ כאַפּט זיך מיטאַמאָל אויף דער דאָקטער זעמעלמאַן שוין מיט אַ פּאַרטיקן באַשלוס אַרויסצוקומען מיט קלאָרע דבורים פאַר פרוי זייעץ און אַרויסריידן דאָס, וואָס ער האָט ביז אַהער פאַר איר האַלב אויסבאַהאַלטן...

.1946

פ ל אָ ר אַ

.1

כ׳הייב אָן מיין טאָג־בוך:
טאָג . . . חודש . . . יאָר . . .

טייערער טאַטע שוין באַלד אַ יאָר, אַז דו ביסט ניטאָ — דו, מיין שטאָלץ און מיין כבוד, מיין האָרץ־פריינט און דערציער, וואָס אונטער דיין שיצנדיקן פליגל בין איך אויפגעקומען, אויסגעוואַקסען, אָן אַ מאַמע, וואָס כ׳האָב כמעט ניט געקענט. דו, דער באַוואוסטער דאָקטער ביי אונדז, אין דער פויליש־יידישער שטאָט און אין דער סביבה, וואָס מער אָבער ווי אַלס דאָקטער ביסטו באַוואוסט געווען ווי אַ כלל־טוער מיט די ריינסטע הענט און ריינסטע כונות; דו, וואָס יעדעס מאָל, ווען דו פלעגסט זיך מיט מיר וויזן אין שטאָט, האָב איך באַמערקט, ווי קינדער פלעגן דיר דעם וועג אָפּטרעטן מיט דרך־ארץ, אַזוי ווי ס׳פלעגן דאָס טאָן אויך עלטערע, קומענדיק דיר אין וועג; און ווי ס׳וויזט אויס, איז דיין גרויסער נאָמען און אָנזען ביי קליין און גרויס האָט זיך גענומען הויפּטזעכלעך דערפון, וואָס אַלע האָבן דיך געקענט אַלס טוער אין שול־געביט, וועלכן דו האָסט באַליבט און אָפּגעגעבן דיין גאַנצע פרייע צייט מיט דער פולער געטריישאַפט, אויף וועלכער דו ביסט אַזוי פייאיק.

ביסט געווען דער פאָטער און פאַטראָן פון יידישן שול־וועזן, וועלכן די פוילישע מלוכה האָט געהאַלטן ניט פאַר איר זאַך, פאַר וועלכער זי איז מחויב צו זאָרגן. און דו, און נאָך אַזוינע ווי דו, נאַציאָנאַל־דענקנדיקע, האָבן זיך געזען געצוואונגען צו שאַפן אָן אייגענעם פאָלקס־בודזשעט, אָן אייגענע לערערשאַפט, אייגענע בנינים, וועלכע פאָדערן זיך צו דעם, און אָן אמביציע איז ביי אייך אויפגעקומען: צו באַווייזן, אַז די יידישע דערציאונג, פאַר וועלכער איר טוט, וועט זיין אַוועק־געשטעלט ניט ערגער און ניט בלייבן הינטערשטעליקער אַפילו פון דער, פאַר וועלכער די מלוכה האָלט יאָ פאַר איר חוב צו זאָרגן.

דאָס האָט זיך אייך איינגעגעבן, און דערפאַר האָט איר געהאָט

די ווירדיקע באַפרידיקונג צו קאָנען זען אייערע אייגענע קינדער זיך דערציען צוזאַמען מיט די פאָלקס־קינדער, ניט אָפּגעריסן זייענדיק פון יענע ניט שפּראַכלעך, ניט שטייגעריש — ניט אַזוי ווי אַמאָל פלעגט טרעפן, ווען אינטעליגענטע וואויל־טוער פלעגן שאַפן אַזוינע לערן־אַנשטאַלטן פאַרן פאָלק, וואָס פאַר זיי אַליין, פאַר זייערע אייגענע, האָבן זיי זיי געהאַלטן פאַר ניט צו געברויכן, ווייל אַנדערש האָט מען זיי טאַקע ניט געקאָנט האַלטן...

ניט געקוקט אויף דיין פאַרמעגלעכקייט און אויף באַזאָרגען מיך פון קליינערהייט אָן, פריער מיט גוט־צוגעקליבענע באָנעס, דערנאָך מיט פרעמדלענדישע גוווערנאַנטקעס אויף צו דערלערנען פרעמד־שפּראַכן, איז אָבער אַז ס׳איז געקומען די צייט, ווען כ׳האָב באַדאַרפט אָנקומען אין שול, האָסטו אין די געגרינדעטע פון אייך שולן ניט גע־פונען קיין שום פעלערהאַפּטיקס, ניט אין די מעטאָדן, ניט אין דער אויסערלעכער אויסשטאַטונג, וואָס זאָל דיך מאַכן קווענקלען אַפילו אויף אַ קליינער ווילע, אַז אפשר זאָלסטו מיך אַהין ניט אָפּגעבן, ווייל כלומרשט ס׳איז ניט פאַר מיר. ניין, פאַרקערט: כ׳האָב געזען, ווי דו האָסט אַלעמאָל געשיינט, ווען דו ביסט איינגעלאַדן געוואָרן אויף די עקזאַמענס ביים אַריבערפירן די שילער פון קלאַס אין קלאַס, צוזעענדיק די פאָרשריט, וואָס אַלע קינדער האָבן פאַרן יאָר דורכגעמאַכט, בתוכם אויך איך, דיין איינציקע און פון דיר געליבטע.

באַזונדערס איז מיר געבליבן אין זכרון דיין לעצט מאָל בייזיין ביים אַרויסלאָז־עקזאַמען, ווען כ׳האָב זיך מיט דער שול באַדאַרפט געזעגענען, און ווען אויפן באַל, וואָס איז געמאַכט געוואָרן לכבוד אָט דער פייערלעכקייט, מיט טענץ און פאַרווילונגען, האָסטו מיר געלאָזט נייען אַ קלייד, שוין עטוואָס לענגער, ווי כ׳האָב ביז אַהער אַלס שילערין געטראָגן, פון ווייסן זיידן־שטאָף, מיט אַ גורט פון זעלבן שטאָף, וואָס זיינע צוויי עקן האָבן זיך געבונדן אויפן רוקן און זיך אַראָפּגעלאָזט ביזן זוים פון קלייד.

דעמאָלט, ווען איך, דיין שוין אונטערגעוואַקסענע טאָכטער, שוין אַביסל צו הויך אויסגעוואַקסענע, „אויף די לענגלעכע בושל־פיס״, ווי דו פלעגסט אין אַ שפּאַס אַמאָל ווען מיר זאָגן, קוקנדיק אויף מיר; דעמאָלט, ווען איך, אינעם ספּעציעל צו אָט דער פייערלעכקייט אויפ־גענייטן קלייד, האָב ביי דעם ערשטן אויפשפּיל פון דער מוזיק, אינעם

גרויסן אַקטן־זאַל, זיך געטראָפן מיט מיין פּאָר די ערשטע אין דער טאַנצנדיקער ריי, און האָב די ערשטע פּאָר פּאַ געמאַכט, צוזעענדיק, ווי אַ גרויסער איינגעלאַדענער עלטערן־עולם, צוזאַמען מיט לערער, צוזאַמען מיטן באַדין־פּערסאָנאַל האָבן זיך ביי די זייטן זאַל אויסגע־שטעלט, מאַכנדיק אַ וואַרע פאַר די מענער — האָב איך אויך דיך, ווי אַלע מאָל דיין שטייגער, אַ פאַרשטעקטן צווישן עולם באַמערקט, ווי דו קוקסט אויף מיר און ווי דו פאַרגינסט זיך ניט צו קוקן, ווי מורא־האָבנדיק מיר געבן אַן עין־הרע.

דעמאָלט, ווידער, ווען איך בין געווען, אַ געוואוינטע און געשולטע אין טאַנץ, מיט מיין ערשטער פּאָר — מיין האַנט אויף זיין רוקן, און זיינע — אויף מיינעם, לייכט געאָרעמט און לופטיק־אויפגעלייגט איבערן גלאַנציק־געוועקסלטן פּאַרקעט, אים אַנרירנדיק, ניט אַנרירנדיק און כמעט אונטער די פיס ניט פילנדיק; דעמאָלט, ווען מיר האָבן זיך געטראָגן ווי אַ ווינט, און, ווען דער טאַנץ־רעגעל האָט געפאָדערט, האָבן מיר זיך אויך פון צייט צו צייט אויף אַ ווילע צעשיידט, אַמאָל פּנים צו פּנים זיך געשטעלט און אַמאָל — רוקן צו רוקן, און דאַן ווידער זיך פאַראָרעמט, כדי דורכצומאַכן דאָס, וואָס דער טאַנץ האָט ווייטער געפאָדערט, ביז צום סוף, ווען אַלע, אַלע פּאָרן האָבן זיך אין אַ רונדע און אין אַ שווינדלענדיקן גאַלאָפּ אַוועקגעלאָזט פאַרביי דעם וואַרע־מאַכנדיקן עולם, וואָס האָט זיך ביי די זייטן געהאַלטן און פאַר־גניגט דעם טאַנץ צוגעקוקט.

אַט דעמאָלט, ווען דער ערשטער טור האָט זיך פאַרענדיקט און יעדער פון די טענצער איז אַוועק אַ פאַרפאַליעטער, אַ צעהיצטער אויף קורצווייליקן אָפּרו צו די עלטערן, וועלכע האָבן אויף זיי, אין די זייטן שטייענדיק, געוואַרט, זיי צו דערמוטיקן, באַגיטיקן, אַמאָל מיט אַ ליבנדיקער האַנט דעם שטערן פון שוויס אַ וויש טאָן, און אַמאָל סתם אַזוי, נאָר אַ גוט וואָרט צו זאָגן — בין איך אויך צו דיר, טאַטע, דעמאָלט צו — איך, דיין שוין הויכלעך־אויסגעוואַקסענע טאָכטער, אויף די לאַנגע בושל־פיס — אַ באַגליקטע דערפון, וואָס איך האָב דיך אַ באַשיידן־פאַררוקטן צווישן עולם געטראָפן נאָך מיין ערשטן שווינדלענדיקן דערפאָלג אין טאַנץ, פון וועלכן כ׳האָב קיין מידקייט ניט געפילט, נאָר פאַרקערט, דורשט און באַגער גלייך אויפגערופן ווערן צום צווייטן, ווייטער־פאַרשטייענדיקן טור...

כ׳האָב געזען, אַז כ׳האָב אויסגענומען ביי אַלע, וועלכע האָבן מיר, אַ טאַנצנדיקע, נאָכגעקוקט, און אויך ביי דיר, יאָ, ביי דיר, וואָס האָסט,

ווי מורא־האָבנדיק פאַר אַן עין־הרע, ניט געוואָלט אויף מיר קוקן...
כ׳בין צו דיר צוגעפאַלן נאָענט־נאָענט, ווי אַ קינד צו אַ פאָטער און
ווי אַ געליבטן פאָטער, און דו האָסט, ווידער, ווי דיך באַשיידענער
שטייגער, מיך איבעריקס ניט צוגעלאָזט. כאָטש כ׳האָב גוט־גוט געזען,
אַז האַלטנדיק מיך פון ווייטן, באַגערסטו מיך האָבן נאָענט־נאָענט צו
זיך, ווי איך— דיך.

האָסט באַלד, ווי מ׳איז געקומען מיך איינלאַדן צום צווייטן טאַנץ,
מיך אָפּגעלאָזט, ניט אַרויסווייזנדיק קיין מינדסטע מינע, אַז דו וואָלסט
גערן געוואָלט מיך עטוואָס לענגער לעבן זיך פאַרהאַלטן.

כ׳בין אַוועק און כ׳האָב ווייטער געטאַנצט: אַזוי איינס נאָך איינס,
ווי נאָר די מוזיק האָט אויפגעשפּילט און ווי נאָר ס׳האָבן זיך געפונען
בעלנים מיך פאַר אַ פּאַר איינלאַדן, און בעלנים, דאַרף מען זאָגן, האָבן
זיך דעם גאַנצן יענעם אָוונט ניט אויסגענומען כמעט ביזן לעצטן טאַנץ.

און דעמאָלט, ווען דער אָוונט האָט זיך געענדיקט און ווען מיר
זיינען שפּעט אַוועק אַהיים, איך מיט אַ פולן קאָפּ מיידלשע טרוימערייי
פון קאָפּ־שווינדלערישן דערפאָלג, און אויך דו, ווייזט אויס, מיט דיינע
פאָטערלעכע און כלל־טוערשע דערפאָלגן, וועלכע מ׳האָט געקאָנט
פון דיין פּנים אַראָפּלייענען; אָט דעמאָלט, ווען מיר זיינען אַהיים גע־
קומען און מיר זיינען זיך צעגאַנגען — איך אין מיין צימער, דו — אין
דיינעם, און ווען איך בין אַליין געבליבן פאַרן איבערטאָן זיך און פאַרן
שלאָפן גיין, אי שוין אַביסל אַ מידלעך־אויסגעשעפּטע פון פאַרשיכורנ־
דיקן באַל, און אי אויך אַביסל טרויעריקלעך פאַרטראַכט דערפון,
וואָס היינט איז דאָך אַ טאָג, ווען כ׳האָב זיך געהאָט צו שיידן מיט מיין
יוגענטלעכער זאָרגלאָזיקייט און איבערגיין צו ערנסט, פאַרלאָזנדיק די
פון מיר אַזוי געליבטע שול־באַנק, מיט אַלץ, וואָס מיט איר איז גע־
בונדן, — אָט דעמאָלט האָסטו פּלוצלונג שטיל צו מיר אין טיר אָנגע־
קלאַפּט און מיך אַ רוף געטאָן צו זיך: — „וואָס איז?״ — דו דאַרפסט
מיך עפּעס האָבן...

אויפגעוואַכט פון אומגעריכטקייט און פון פאַרטראַגנקייט ערב דעם,
ווי איך האָב באַדאַרפט די קליידער אויסטאָן, בין איך אַריין צו דיר
אַ פאַרוואונדערטע און ניט פאַרשטייענדיק, וואָס דו רופסט מיך אַזוי
שפּעט און וואָס אַזוינס האָסטו מיר איצט איבערצוגעבן, וואָס האָסט
פריער ניט באַוויזן. דעמאָלט ביסטו צו דיין טיש צוגעגאַנגען, האָסט
געעפנט אַ שופלאַד, וואָס איז אַלעמאָל געווען, דוכט זיך, ביי דיר אויפן
שלאָס, האָסט אַרויסגענומען עפּעס אַ צירונג־פּודעלע, עס אויפגעעפנט,

און אַרויסנעמענדיק אַ גאָלדן רינגעלע פון אַלטער, פיינער מלאכה, מיט אַ טייערן שטיינדעלע, אינדערמיט, אויסגעשליפט אין דער פאָרם פון אַ מגן־דוד און פיין איינגעפּאַסט אין גאָלד־ציינדעלעך, האָסטו דאָס מיר איבערגעבנדיק, אַזוי אַ זאָג געטאָן:

— דאָס האָב איך לאַנג פאַר דיר אויסגעהיט... ס׳איז אַ ירושה־פינגערל פון מיין מאַמען, באָבען, ביז אַרויף אין יענע צייטן, וועלכע איך געדענק שוין ניט... דאָס איז, אגב — האָסטו צוגעגעבן, — אַ געשאַנק, וואָס האָט באַקומען דיינער אַן עלטער־עלטער־זיידע, אויך אַ דאָקטער, נאָך פון די צייטן פון ר׳ מנשה בן ישראל; אַליין געבוירן אין פּאַדואַ, וואָס אין איטאַליע, האָט ער דערנאָך איבערגעוואַנדערט קיין ענגלאַנד, פון דאָרט, ווידער, דורך האָלאַנד און דייטשלאַנד — קיין פּוילן, וואו ער איז אָנגעקומען אַלס לייב־דאָקטער אין אַ קעניגלעכן הויף... ער האָט געלאָזט נאָך זיך, — האָסטו ווידער געזאָגט, — אַ געשיכטלעכן שם מיט זיינעם אַ „ספר הרפואות״, און אין זיין משפחה — אַ געדעכעניש פון אַ הויף־זיטלעכן, וואָס איז בייגעשטאַנען אַ פּרואוו, ווען מ׳האָט אים פאַרגעלייגט פיל כבוד און מלוכה־שטעלעס פאַר שמד... ער האָט זיך אָפּגעזאָגט, און דווקא ערשט נאָכן נסיון האָט ער זיך גרויס חן און אַכטונג דערוואָרבן און איז פיל באַשאָנקען געוואָרן, און איינע פון די מתנות איז אָט דאָס רינגעלע, ספּעציעל, ווייזט אויס, ביי אַ יידישן גאָלד־שמיד, צוליב דער יידישער עמבלעם באַשטעלט.

— ס׳איז אפשר אַביסל צו ראָמאַנטיש, — האָסטו געזאָגט פאַרלעגן־שמייכלענדיק, — אָבער ס׳מאַכט ניט... נעם עס, טראָג עס געזונט און מיט ווירדע, ווי דיינע באָבעס, עלטער־באָבעס, ביז יענע צייטן, וועלכע איך געדענק שוין ניט, האָבן עס געטראָגן.

— דערמיט, — האָסטו ווייטער געזאָגט, און דערביי האָט דיין שטים שוין עפּעס פייערלעך געקלונגען, — פאַרקנס איך דיך, אַזוי צו זאָגן, צו דיין פאַרגאַנגענהייט, און צו דער צוקונפט, קינד, וועט דיך שוין אַן אַנדערער פאַרקנסן.

• • •

טאָג . . . חודש . . . . יאָר . . . .

טאָטע טייערער, אוי, ווי לאַנג איז דאָס אויבנגעזאָגטע געווען, און ווי לאַנג שוין אויס געוואָרן?...

און דאָ קומט מיר אויפן זינען אונדזער „מורה״, דער העברייאיש־לערער, וואָס מ׳האָט ספּעציעל פאַר אונדזער שול אויסגעשריבן אַזש

פון פאַלעסטינע: דער שוין עלטערלעכער, גאָרניט אויף קיין יידן ענלעכער, נאָר אויף אַן אַראַבער; שוין מיט מער ווייסע האָר ווי שוואַר־צע, און וואָס דאָך זעט זיך דאָס ווייסקייט אויף אים ניט אַן איבער דער שטאַרק־פאַרברוינטער הויט פון פּנים, הענט און שטערן, און איבער זיינע פול אַנגעזוניקטע אויגן פון אַ מזרח־מענטש, וואָס גלאַנצט אים אַרויס און אַריבער... יענער „מורה״, וואָס מיט די שטילע קעצל־טריט, שטענדיק אין סאַנדאַלן אויף פאַרברוינטע, זויבער־געהאַלטענע, באָרוועסע פיס, אַן זאָקן, וועמען ס׳האָט זיך קיינמאָל ניט געגלויבט צו זען אייראָפּייאיש געקליידט, נאָר ווי אַ מזרח־מאַן, אויף דער ערד זיצנדיק, מיט די פיס אונטער זיך... ער, וואָס האָט פיל ניט באַדאַרפט, זייענדיק אַ וועגעטאַריער, און וואָס שטענדיק, ווען נאָר ניט באַשעפ־טיקט אויף די לער־שעה׳ן, האָט מען אים געקאָנט זען אַ פאַרטראַכט־אַרומשפּאַנענדיקן אין שטאָט, אָדער אויסער איר, אויף דער לופט און אונטער זון, טראַגנדיק זיין עסן — געטריקנטע פרוכטן — אין די קעשענעס, און אויסערן „עסן״ האָט ער אין איינער אַ קעשענע קיינמאָל ניט פאַרפעלט צו האָבן דאָס ליבסטע פון אַלעם ליבסטן, וואָס ער האָט — זיין תנכ״ל...

ער, דער אַזוי באַגייסטערטער ליבהאָבער פון נביאישע טעקסטן, ווי אַ קינד און ווי אַליין אַ שטיקל נביא; ער, וואָס איינמאָל, ווען ער איז אין זיין ליבהאָבערשן ראָש אַריין, האָט ער, אויפהייבנדיק אין קלאַס זיין אַלערליבסטעס אין לעבן, אַ זאָג געטאָן פאַר אַלעמען:

— זעט, קינדער: מער ווי דאָס פאָלק האָט אָט דאָס בוך פאַרהיט, האָט אָט דאָס בוך — דאָס פאָלק...

אים, אָט דעם „מורה״, זע איך איצט, ווי ער שטייט ביי זיין לערער־פולט, און ביי אַ לערערישער געלעגנהייט ברענגט ער און ציטירט געוויסע שטעלן פון איינער אַ נביאיש־שעלטערישער קלאָג — פון „איכה״:

„אשר טפחתי ורביתי, אויבי כלם״ —

— וואָס כ׳האָב דערצויגן און אויפגעכאָוועט, האָט דער פיינט מיר פאַרלענדט...

„הבאת יום קראת ויהיו כמוני״ —

— ווען ברענגסטו אויף זיי אַזאַ טאָג, ווי דו האָסט אויף מיר אויס־גערופן, זיי זאָלן זיין גלייך צו מיר...

• • •

טאַטע טייערער. כ'וויל זיך דערמאָנען, ווי אַזוי ס'איז פאָרגעקומען: נאָך דעם, ווי זיי זיינען אַריין; נאָך דעם, ווי זיי האָבן די ערשטע טעג, אויף דערוויל און איבערכאַפּנדיק, דורכגעפירט די ערשטע רויבערייען און רציחות איבער דער יידישער באַפעלקערונג, וועלכע האָט זיך גלייך דערפילט פאַרלענדט, אויסערן געזעץ און ווי הינט אָן אַ נומער, פון היצל ניט געשיצט — האָט זיך באַלד, שפּעטער עטוואָס, אין שטאָט אַריין באַוויזן דער געביטס־קאָמיסאַר, איינער אַ פאָן לעמקע, וואָס האָט פון אונדזער שטאָט אַרויס ווי פונעם צענטער, געלאָזט אָנפירן מיטן גאַנצן אַרומיקן ראַיאָן, וועלכער איז אין זיין רשות און אונטער זיין געוועלטיקונג אַרונטערגעפאַלן.

ווי איך האָב דערנאָך געהאַט „די ערע" אים צו דערקענען, — שוין אַן עלטערער, אַריבער די פופציק; אַ פּרייסיש־יונקערישע קרעאַטור; מיט אַ גלייכן ווי אַ גלאַט־אָפּגעהובליעוועטען רוקן — אַ ירושה, וויזט אויס, פון מיליטערישער מושטרע נאָך פון פרידריך דעם גרויסנס צייטן, אָדער אפשר פון פיל פריער — פון אַ באַרבאַראָסאַן. דערצו, וויזט אויס, פון אַ רייך געזינדל, וואָס האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט צו שטודירן און ענדיקן, מעגלעך, אַ הויכשול, אַ אוניווערסיטעט, וואָס דאָס איז געווען צו זען פון דעם ניט־וויניק ביסל בלאָס־ברוינע, פאַרצויגענע שראַמען אויף זיין פנים — אַ נשאר פון ראַפּירן־געפעכט, ווי ס'איז איינגעפירט צווישן די זייעריקע, זויפערישע, סטודענטישע קאָרפּאָראַנטן.

מיט איינעם וואָרט, אי מיליטעריש געשולט, אי אויך אויף אַזויפיל „האָך־געבילדעט", ער זאָל זיך טויגן פאַר אַדמיניסטראַטאָר און קאָנטגעוועלטיקער.

און אָט, ווי נאָר ער האָט זיך אין שטאָט געוויזן, אַזוי ביסטו, טאַטע, גלייך צו אים גערופן געוואָרן, לויט דער אָנווייזונג פון געוויסע „זאָגטערס" און טרייפענע צונגען, וואָס די מאַכט האָט אָדער נאָך פון פריער געהיים אין שטאָט געהאַט פאַרשטעקט צוליב די דאָזיקע צוועקן; אָדער פון אַזוינע, וואָס זיינען ערשט נאָר־וואָס מיט דער מאַכט אַריין און האָבן אָבער שוין באַוויזן צו געוואויער־ווערן, וואָס מ'דאַרף, וועגן וועמען מ'דאַרף.

מ'האָט דיך פאַררעקאָמענדירט פאַר דעם אָנגעזעענסטן צווישן דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס דער צוטרוי צו דיר איז גוואַלדיק.

און אָט, ווי נאָר דו האָסט זיך באַוויזן צו דעם, וואָס האָט דיך

איינגעלאַדן, אַזוי באַלד האָט ער דיר פאַרגעלייגט דאָס, וואָס וואָלסט אַוודאי דערויף געגרן מוחל געווען און זיך אָפּגעטרייסלט דערפון ווי פון טומאה, און נאָר באין־ברירה האָסטו געמוזט איינגיין און לאָזן דיין האַלדז אין דעם גאָר ניט געגאַרטן יאָך שפּאַנען.

— אַזוי ווי מיר ווייסן, הער דאָקטער, לויט די ידיעות, וואָס מיר האָבן באַקומען פון זיכערע קוואַלן, אַז איר זייט דער אַממערסט אַנגעזעענסטער צווישן די אייער־שטאַמיקע; אַ פּערזאָן, אויף וועלכער אי מיר, די מאַכט, און אי די אייעריקע וועלן זיך געוויס קאָנען פאַרלאָזן, האָבן מיר געפונען אייער קאַנדידאַטור פאַר דער פּאַסיקסטער צו באַפולמעכטיקן אייך אויף אַנפירערשאַפט פון איינעם אַ באַוואוסטן אַמט... מיר האָבן באַשלאָסן שאַפן אַן אָרגאַן אויף רעגולירן די צווישן־באַציאונגען צווישן אונדזער פאַרשטייערשאַפט און דער אייעריקער באַפעלקערונג, און אייך — און אייך אויסצואוויילן אַלס רעפּרעזענטאַנט, פאַרמיטלער.

— מיך? — האָסטו געפרעגט. — פאַרוואָס עפּעס דיך, וואָס ביסט אַזוי איבערגעלאָדן מיט אַרבעט אין דיין פאַך, און ווי דו ווייסט, וועט דיר די צייט ניט קלעקן און אויך ניט די פייאיקייטן אויף צו באַזיצן אַזאַ פּאָסטן, צו וועלכן דו ביסט ניט געוואוינט.

— מיר צווינגען ניט, מיר לייגן אייך נאָר פאָר, און אַלנפאַלס, אויב איך, הער דאָקטער, איז רעכט צו זען די אַנפירערשאַפט איבער אייעריקע אין גאָר־שלעכטע, ניט־געוואונטשענע הענט, איז האָט איר די ברירה צו טאָן, ווי אייך ווילט זיך און ווי איר אַליין פאַרשטייט.

שוין אַליין די איינלאַדונג, וואָס איז דיר געשיקט געוואָרן דורך אַ געוויס פּאָרל זעלנער אין די גרינע שינעלן, מיט די געוויסע עמבלעמס — מיט שאַרבנס און ביינער; אַליין דערנאָך דאָס אַנקומען אין דער געביידע צום קאָמיסאַר, וואו דו האָסט באַדאַרפט אַדורכגיין אַ וואָך פון ווידער אַזוינע זעלנער, באַוואָפנטע מיט געווער, און נאָך מער ווי מיט געווער — מיט קאַלטע, דורכנעמענדיקע בליקן; דאַן דיין אַריינקומען זעלבסט צום קאָמיסאַר, ווען ער האָט דיך צוערשט ווי גאַרניט באַמערקט און האָט אַ ווײַלע דיך געלאָזט שטיין, כמעט ניט ענטפערנדיק אויף דיין באַגריסונג, גלייך ער האָט קיין מויל ניט; דאַן, ווידער, ווען דו האָסט זיך דערמאָנט די ערשטע, פייַנע מעשים, מיט וועלכע די מאַכט האָט זיך אַרויסבאַוויזן, ווי נאָר זי האָט די ערשטע טריט אין שטאָט אַריינגעשטעלט — דאָס אַלץ צוזאַמען האָט דיר קלאָר געגעבן

צו וויסן, מיט וועמען דו האָסט צו טאָן, און אַז אויף קיין גוטס האָט דאָ קיינער ניט צו וואַרטן, און אַז בפרט אויף אונדז וואַרט אַ באַציאונג אַ גאָר באַזונדערע און אויסנעמלעכע; און דאָס האָט אויף דיר געמאַכט דעם געהעריקן איינדרוק; זאָלסט זיך זען געצוואונגען יאָ אָנצונעמען דאָס, וואָס דיר איז געווען אַזוי דערווידער, ווייסנדיק אָבער, אַז אויב ניט דו, וועלן זיך, געוויס, געפינען אַנדערע, כלל ניט קיין געוואונטשענע, וועלכע זיינען פּייאיק פון אַן עת־צרה נוצן ציען בלויז פאַר זיך.

— צום ווידערזען, — האָט דער געביט־קאָמיסאַר דיר אַ איילינקן זאָג געטאָן צום געזעגענען, אַזוי קאַלט, ווי פריער, בעתן „ברוך־הבא", ווען ער האָט דיר גאָרנישט ניט געזאָגט,—באַלד נאָך דעם, ווי דו, שוין אַלס פאַרשטייער, האָסט מיט געמיינטער רעכט געפּרואווט אַ רעד טאָן מכוח די ערשטע, אַזוי־געררופענע עקסצעסן, וואָס זיינען פאַרגעקומען ביים ערשטן אַריינקומען פון דעם מיליטער אין שטאָט, וואָס ס'האָט זיך אַזוי אויפגעפירט מיט דער יידישער באַפעלקערונג, אַז מ'האָט געזען, אַז ס'איז אַן אַ צוים און אַז ס'איז דעם אַלץ דערלויבט צו טאָן, וואָס ס'באַגערט, מיט אונדז, און אַז דאָס, וואָס ס'האָט דערווייל נאָך געטאָן, איז בלויז אַן אומשולדיקע התחלה.

— צום ווידערזען, הער דאָקטער, ס'איז איצט ניט קיין צייט דערפון צו רעדן... איבעריקנס, איז דאָס אַ זאַך, אַזוי צו זאָגן, ניט צום אויסמיידן, און געוויס פון אומדיסציפּלינירטע, אומפאַראַנטוואָרטלעכע עלעמענטן פאַראורזאַכט.

מ'האָט דיך באַדאַרפט זען אַהיימקומענדיק פון קאָמיסאַר, נאָך דעם פראַווען דעם ערשטן וויזיט ביי אים. ביסט ווי אין דיין וואוקס געמינערט געוואָרן... כ'האָב דיך אויך קיינמאָל ניט באַמערקט אַזוי בלאַס, און כ'מעג שווערן, אַז דאָס ערשטע מאָל האָב איז געזען דיין קראַוואַט ניט גאָר אין אָרדענונג, וואָס כ'ווייס ניט, צי דו ביסט נאָך פון דער היים אַזוי אַרויס, צי שוין פון דאָרט אַזוי געקומען: ביסט דאָך שוין אַרויס פון דאָרט אַ באַפולמעכטיקטער פאַרשטייער פון דעם שפּעטער אַזוי פאַרשעמטן און פאַרשריגענעם „יודען־ראַט" — זיין נאָמען זאָל ניט געדאַכט.

און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַזוינס, וואָס כ'וויל פאַרן מויל ניט ברענגען און דורך דער פען ניט דורכלאָזן, ווייל גענוג, וואָס כ'בין אַ לעבעדיקער עדות דערפון: אַזוינס, וואָס קיין מענטש האָט עס ערשט נעכטן אַפילו אין דער פאַנטאַזיע ניט געקאָנט האָבן, ניט קאָנענדיק

זיך פאַרשטעלן, אַז אַפילו ווען מ׳טרעפט אַריין צו די ווילדסטע פּראַים, וועט מען זיך אויף אַזוינס קאָנען אָנשלאָגן.

און דאָס אַלץ האָסטו, טאַטע, באַדאַרפט דורכפירן: דורך דיין האַנט איז דאָס אַלץ דורכגעגאַנגען, און ווי דיין האַנט, וואָס האָט אָט די אַלע פאַראָרדענונגען געמוזט חתמענען, און ווי דיינע אויגן, — וואָס האָבן דיך געזען שטיין איינס און לעבן איינס און בשותפות מיט דער רשעות... כ׳וויס, האָסט אַוודאי געמיינט צו גוטן, ד. ה. צום בעסערן פון ערגערן, וויסנדיק, אַז סיי־ווי איז דאָס קומען־מוזנדיקע אומפאַרמיידלעך, אַז מיינענדיק, אַז ווי־ניט־איז וועט דיר פאַרט אפשר איינגעבן דאָס שלעכטס צו מינערן און עס האַלטן אין געוויסע ראַמען.

יאָ, אָבער... אַז ס׳האָט זיך נאָך געהאַנדלט בלויז נאָר וועגן „לאַטעס״, „געטאָ״ און וועגן צוזאַמענגעדריקטער, ענג־פאַרשעמטער עקזיסטענץ, ווי קרעציקע אונטער אַ צוים; אַז ס׳האָט זיך נאָך געהאַנדלט ניט וועגן קיין אָפענע רציחות, ניט פון צו דאַרפן געבן טעכטער צו שאַנד, אָדער זיי צו דערפירן צו דעם, זיי זאָלן זיך אַליין געבן... אַז ס׳איז נאָך געווען, אַזוי צו זאָגן, האַלב צום איבערטראָגן, האָבן זיך שוין דעמאָלט אויך געפונען איניקע, וועלכע האָבן עפּנטלעך, און נאָך מער אין דער שטיל, געטומען אונטערמורמלען וועגן דיין שולד, זעענדיק אין דיינע גע־צוואונגענע מעשים, געוועגדטע קעגן אייגענע, בלויז דיין אייגננוץ.

דאָס — דעמאָלט, ווען ס׳איז נאָך געווען, ווי געזאָגט, צום דערציילן. שפּעטער אָבער, ווען דאָס רשעות איז אַרויס פון די ברעגעס און האָט זיך ווי אַ געוויסער צעגאָסן, אַנגעמענדיק די פאָרמען פון די באַוואוסטע „אַקציעס״, געדעקט דערנאָך מיט די ליגנערישע פאַרזיכערונגען פון דער מאַכט אין אירע עפנטלעכע „אַפּעלן״, אַז מער, הייסט עס, וועט עס שוין ניט זיין, און אַז דאָס געשעענע איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך די און די סיבות, — די שולד, כלומרשט, אַליין פון די געליטענע, וואָס דעם אַלעם איז געווען צו גלויבן, ווי דעם הונט; —

אָט דעמאָלט האָסטו מער ניט אויסגעהאַלטן און זיך געזאָגט: גענוג. אַלע דיינע אילוזיעס אויף צו קאָנען צוימען דאָס אומגעצוימטע זיינען אויסגערונען, און אָט דעמאָלט, ווען זאָלסט געווען באַוויליקן ווייטער בלייבן ביי דעם פאַרשאָלטענעם און דיר־אָנגעבונדענעם אַמט, וואָלט דאָס שוין ווירקלעך געווען פאַרראַט פון אַזאַ מדרגה, וואָס פּאַסט בלויז פאַר אַזוינע, וואָס פאַר דער אייגענער פעל זיינען זיי גרייט אַ גאַנץ פאָלק פאַרקויפן.

אַט דעמאָלט, קומענדיק איין מאָל אַהיים פון דיין אַמט, האָסטו מיך ווידער צו זיך אין צימער פאַררופן, און אויסזעענדיק אַזוי, ווי ערב דעם, ווען ס'דאַרף מיט דיר באַלד עפּעס גאָר שלעכטס געשען, האָסטו מיר אַ זאָג געטאָן: „קינד"... און נאָך אַט דעם וואָרט האָסטו ניט געפונען דאָס צווייטע אין דעם אָנצובינדן. האָסט געשטאַמלט, גלייך דער צונג איז ניט דיינער, דערנאָך, אַז דו האָסט זיך עטוואָס באַרויִקט, האָסטו מיר אַ זאָג געטאָן:

— ווייסט, כ'האָב באַשלאָסן זיך אָפּזאָגן פונעם אַמט, ניט געקוקט אויף די פאָלגן, וואָס וועלן זיך באַקומען... פאַרשטיי מיך, קינד...

— כ'פאַרשטיי, — האָב איך געזאָגט, ניט וויסנדיק גענוי, וואָס דו מיינסט מיטן וואָרט „פאָלגן". — וואָס מיינסטו, טאַטע? — האָב איך דיך אַ פרעג געטאָן.

— כ'מיין, אַז אויף וויפיל איך וויים און אויף וויפיל כ'קאָן זיך שטויסן, קומענדיק אין נאָענטער באַרירונג מיט יענע, קאָנענדיק הערן פון זיי אַמאָל אַן אָפן וואָרט און אַמאָל אַ פאַרשטעלטס, האָב איך די רעכט צו האָבן די איבערצייגונג, אַז ס'איז אַ געהיימער אָפּמאַך ביי זיי, ערגעץ גאַנץ אויבן אָנגענומען, אַז אַזוי צי אַנדערש, איצט, אָדער שפּעטער, זאָל מען מיט אונדז פאַרענדיקן ביז לעצט און ביז איינעם...

— כ'טאָר מער ניט בלייבן, כ'טאָר ביי קיינעם קיין האָפענונג ניט דערוועקן, כ'מוז אָוועק, — האָסטו געזאָגט, — און דאָס וועט הייסן ווידערשפּעניקן. אַזוי וועט מען דאָס אָפּשאַצן, און די רעזולטאַטן קאָנען זיין טרויעריקע. ס'איז ניט צו מאַכן... און געדענק, — האָסטו פאַרגע־זעצט נאָך אַ געוויסער הפסקה, — ס'קאָן דיר אפשר אינגיכן אויסקומען בלייבן אַליין, איז וויס, וואָס דו האָסט צו טאָן. ווער זיך! קיין רעטונג דאָ, אינעווייניק, אָבער זע איך ניט. כ'זע נאָר איין אויסוועג — פון דאַנען אַרויס, און אַוועק אַהין, — האָסט זיך מיטאָמאָל אַ ווענד געטאָן מיטן פנים צו מזרח־זייט פון אונדזער לאַנד־גרענעץ, וואָס פון דאָרט האָט דיר געדוכט צו דערשפּירן די איינציקע מעגלעכקייט פון ישועה.

— כ'וויס, — האָסטו דערביי אַ זאָג געטאָן שטיל, פאַרטראַכט און צוטרוילעך, — לויט די ידיעות, וואָס כ'האָב באַקומען אַלס אַמטס־מאַן בסוד, אַז אין די ניט־וויִט ליגנדיקע וועלדער זאַמלט מען זיך אויף ווידערשטאַנד, און אַז ווער ס'איז געטראָפן און פילט זיך באַליידיקט פון די פאַרכאַפּער, און איז אויך קאַמפס־פייִיק, דער ציט אַהין...

— כ'וויס אויך, — האָסטו ווייטער געזאָגט, — אַז דער וועג איז פול סכנה, סיי ביים אַרויסקומען פון אונטער דער געוועלטיקונג פון

די פאַרכאַפּער און סיי איידער מ׳טרעפט אַן אַהין. כ׳ווייס אָבער אויך, און ווידער אַלס אַמטס־מאַן בסוד, אַז אַפילו שוין דאָ, אינעווייניק, ביי אונדז, זיינען פאַראַן אַזוינע, וואָס פאַרנעמען זיך מיט אַרויסהעלפן, ווען מ׳דאַרף, אַהין אַנצוקומען... מ׳דאַרף זיך צו זיי דערשלאָגן... איך, ווי איך: פאַר מיר איז דער וועג שוין פאַרשטעלט, ווייל צו אַלט, צו אַנגעזען, און פיל וואָלטן איבער מיר געליטן, ווען איך פאַל דורך. אָבער דו געדענק עס, אויב דיר וועט אויסקומען בלייבן אַליין.

דעמאָלט ביסטו, ווידער ווי אַמאָל, צו דיין טיש צוגעקומען, האָסט ווידער געעפנט דעם שופלאָד, וואָס איז אַלעמאָל ביי דיר געווען אויפן שלאָס, האָסט ווידער פון דאָרט עפּעס אַרויסגענומען, אָבער דאָס מאָל ניט פאַר מיר דאָס איבערצוגעבן, נאָר פאַר זיך אַ זאָך, צו דיין אייגענעם געברויך... כ׳מעג שווערן, אַז כ׳האָב דיך געזען אַרויסנעמען עפּעס אַן אַפּטייק־זאַך, אַ מין רפואה אין אַ פּראָשעק וואָס באַלד ניט זאָמענדיק, און כדי איך זאָל ניט באַוויזן לענגער דערויף קוקן, האָסטו עס אין זשילי, ז־קעשענע אַריינגעלייגט... האָסט, חוץ דעם, נאָך עפּעס אַרויס־גענומען, און ווי מיר דוכט, אַ מין גאָל־מעסערל, אין געוויינלעך דיין פּאַפּיר געפּאַקט.

האָסט די גאַנצע צייט, בעת דו האָסט צו טאָן געהאַט מיט די אַרויסגענומענע זאַכן, מיר אין די אויגן ניט געקוקט. פּונקט אויך, ווי דו האָסט מיר אין די אויגן ניט געקוקט, בעת דו האָסט מיר אָנגעוויזן די ריכטונג, וואוהין איך דאַרף זיך לאָזן, באַנוצנדיק דערביי אַזוינע ווערטער ווי „קאַמף״ און „ווידערשטאַנד״, וואָס זיינען קיינמאָל, דוכט מיר אין דיין לעקסיקאָן ניט געווען. און ס׳איז, אגב, אויך פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס: דו, ווי כמעט ניט קיין פּאָליטיקער, ווי אַזוינער, וואָס האָט אַמאָל יאָ אָדער ניט געקערט צו אונדזער גאָר לויזער, שיטערלעך־פאַרקאָכטער, דוכט זיך, פּאָלקס־פּאַרטיי, וואָס האָט זיך קיינמאָל מיט קיין איבעריקער אַקטיווקייט ניט אויסגעצייכנט, אויסער אפשר אַמאָל נאָר בעת וואַלן, און דאָ נאָ דיר גאָר, דו זאָלסט אַרויס מיט אַזוינע מינים ווערטער, וואָס ניט דיין מויל איז זיי געוואוינט אַרויסצוברענגען, און ניט איך — זיי פון דיר צו הערן.

אָבער ניט דאָס איז דער עיקר. דער עיקר איז דאָס, וואָס ניט וויסנדיק, אַז איך זע דיך דאָס לעצטע מאָל אין מיין און אין דיין לעבן, האָב איך, ניט געקוקט אויף דעם גרויסן ערנסט פון דיינע אַרויסזאָגונגען, ניט באַנומען, אין וואָס דאָ גייט.

כ׳האָב זיך ניט פֿאַרטראַכט וועגן דער רפֿואה־זאַך, וואָס האָסט פֿון שופֿלאָד אַרויסגענומען און אין זשיליעט־קעשענע אַריינגעלייגט, מיינענדיק, אַז דאָס איז אַ פּראָשעק צו קאָפּ־ווייטיק, פֿון וועלכן דו האָסט, די לעצטע צייט, זייענדיק אַזוי באַשעפּטיקט אין דיין אָמט, פֿיל פֿון דעם געליטן און אויף וועלכן דו פֿלעגסט זיך אָפֿט אויף קלאָגן.

כ׳האָב אויך ווייניק באַמערקט און קנאַפּ אַכט געלייגט דערויף, וואָס דאָס מאָל, ווען דו האָסט זיך מיט מיר געזעגנט בעתן אַוועקגיין, האָסטו זיך צו מיר צוגעבויגן און מיך אין קאָפּ אַ קוש געטאָן, וואָס דאָס איז ביי מיר געווען געוואוינט און ניט ניי, אָבער יאָ ניי און אומגעוואוינט איז מיר געווען דאָס, וואָס דו האָסט זיך מיט דיין מויל עטוואָס לענגער ביים קושן פֿאַרהאַלטן, ווי גלייך וואָלסט זיך פֿאַרגעסן אויף אַ ווילע, אויף גאָר אַ קליינער ווילע, אָבער דאָך אויף לענגער, ווי מ׳דאַרף...

כ׳האָב ווידער ניט באַמערקט, ווי אַז דו האָסט באַדאַרפֿט אַרויס פֿון שטוב און איך האָב דיך באַגלייט, און ווען דו האָסט די טיר אויפֿגעעפֿנט, ביסט אַרויס און האָסט זי באַלד צוריק באַדאַרפֿט פֿאַרמאַכן, האָסטו דאָס ווידער ניט אַזוי גיך געטאָן און, ווי ווידער זיך פֿאַרגעסנדיק, אָדער ווי גלייך דו וואָלסט מיר געהאַט נאָך עפּעס צו זאָגן, וואָס האָסט פֿריער ניט באַוויזן — האָסטו אַ קליינע ווילע די טיר אָפֿן געהאַלטן און אויף מיר געקוקט אין עפּעס אַ מין פֿאַרלעגנהייט.

מיט איינעם וואָרט, כ׳האָב אַ סך דעמאָלט ניט באַמערקט... כ׳האָב ניט געוואוסט, אַז דו האָסט זיך שוין דעמאָלט צום געביטס־קאָמיסאַר געלאָזט מיט אַ פֿאַרטיקן באַשלוס אין שויס אויף אָנגעבן אין דעמיסיע, זיך אָפּזאָגן פֿון אָמט און אויף קיין פֿאַל זיך ניט לאָזן איבעררעדן אים ווידער צוריק אויפֿנעמען, זייענדיק געפֿאַסט אויף אַלץ, און וויסנדיק די פֿאָלגן, וואָס פֿון אַזאַ אָפּזאָג קאָן זיך באַקומען.

און ווירקלעך: קיינער איז ניט בייגעווען ביי דעם געשפּרעך צווישן דיר און דעם געביטס־קאָמיסאַר, אָבער די רעזולטאַטן האָבן זיך גלייך געלאָזט הערן: ביסט גלייך פֿון אים מיט אַ וואָך אין טורמע אָפּגעפֿירט געוואָרן — אַהין, פֿונוואַנען, ווי מ׳האָט פֿון געגנוג דורכגעמאַכטער פּראַקטיק געוואוסט, קומט מען שוין ניט אַרויס, ווייל אָדער מ׳ווערט דאָרט אויפֿן אָרט געפּאַטערט, אָדער מ׳מאַכט עס אויף אַן אַנדער אופֿן, אָפּשיקנדיק די פֿאַראורטיילטע אין אַ מער וויטליגנדיקן אָרט — אַלץ־איינס.

• • •

און דעמאָלט, טאַטע, בין איך, דיין טאָכטער, אַן אַליין־געבליבענע, אַליין אויף דער סצענע אַרויף...

כ׳ווייס ניט, פונוואַנען די אונטערנעמונגס־פייאיקייט האָט זיך צו מיר גענומען, צי פון תמימות, צי פון פאַרצווייפלונג; כ׳ווייס נאָר, אַז דער ווילן דיך צו ראַטעווען האָט מיך געשטויסן, — דיך, מיין איינציקן.

ווי נאָר די ידיעה האָט צו מיר דערלאַנגט, אַזוי באַלד האָב איך, ניט איבערקלערנדיק, וואָס איך טו און וואָס דערפון וועט זיך באַקומען, זיך גענומען שרייבן אַ בקשה צום געביטס־קאָמיסאַר, בעטנדיק אים, ער זאָל מיך אויפנעמען. די שפּראַך פון קאָמיסאַר האָב איך גוט באַ־הערשט, נאָר וואָס איך האָב אין מיין ביטע געזאָגט און מיט וואָס איך האָב מאָטיווירט מיין בעטן זיך אויף אויפנעם — געדענק איך ניט. כ׳ווייס נאָר, אַז וואונדערלעך — אַז ס׳האָט ניט לאַנג געדויערט, ווי איך האָב באַקומען מיטגעטיילט, אַז מיין בקשה איז באַפרידיקט, און אַז אין דעם און דעם טאָג, אין דער און דער שעה קאָן איך זיך פאַר זיין הויך־טיטולירטער פּערזאָן ווייזן.

כ׳ווייס ניט, צי האָט ער געמיינט דורך מיר צו פועלן, וואָס ביי דיר אַליין האָט זיך אים ניט איינגעגעבן — ווידער צו שטעלן דיך צו דינסט, כדי מיט אַ מאַסקע, אויף ווייטער קאָנען דורכפירן דאָס, וואָס אים האָט געלוינט; כ׳ווייס ניט, צי האָט ער געמיינט ערנסט, צי אפשר בלויז זיך אַ נחת־רוח אָנטאָן, ווען די הויך־הערשערישע „גוטע" שעה איז אויף אים געקומען, וועלנדיק זען, ווי נאָך זיין קרבן וועט זיך קומען צאַפּלען פאַר אים דאָס קינד פונעם קרבן.

אַזוי צי אַזוי, נאָר אַז די שעה פון גרייטן זיך צום ווייזן פאַר יענעמס אויגן איז געקומען, האָב איך, אַזאַ יונגע און אומדערפאַרענע, שוין אַליין מיטן חוש דערפילט, אַז קיינע אויסזיכטן מיט עפּעס וואָס צו פועלן האָב איך ניט, אויסער מיט זיך אַליין...

— כ׳האָב זיך אָנגעטאָן אינעם בעסטן, שענסטן, וואָס איך פאַרמאָג — אין דעם, וואָס ביי מיר און ביי דיר איז מער געבליבן ווי ביי אַנדערע, נאָך דעם, ווי מ׳האָט אַלעמען באַרויבט, און דיך, ווי אַן אמטס־מאַן, און מיך, ווי דיינס אַ קינד, געשוינט.

כ׳האָב, אומבאַוואוסט פאַר זיך, אַפילו זיך ניט אָפּגעזאָגט פון מיט־צונעמען דיין געשאַנק, דיין רינגעלע — אַביסל, ווייזט אויס, פאַר אַ

שמירה, און מער אָבער, מיט אַן אונטער־מיין — פּאָר אַלעמען, צו געפעלן.

כ׳האָב זיך צוגעשטעלט צו דער געביידע, וואו דער אויפנעם האָט באַדאַרפט פאַרקומען, און פונקט ווי דו, ווען דו האָסט זיך אַהין, באַוויזן, בין אויך איך דורכגעגאַנגען דורך דער גרין־געקליידטער וואַך, מיט גרייט־געהאַלטענעם געווער און מיט די קאַלטע, דורכנעמענדיקע בליקן.

כ׳בין, סוף־כל־סוף, צו אים אַריין — אַליין צו זיין הויך־טיטולירטקייט. ווען כ׳האָב געטראָפן זיצן ביי זיין שרייב־טיש, ווינקלדיק צווישן צוויי ווענט אָוועקגעשטעלט, אין האַלב־שיין פון אַ זייטיק פענצטער באַלויכטן.

פונקט ווי דיך, האָט ער אויך מיך די ערשטע מינוט ווי ניט באַמערקט, מאַכנדיק זיך ניט פילן מיין ניט־דרייסט אַריינקומען, מיין עפענען די טיר און שטעלן די ערשטע טריט אויפן טעפּיך, וואָס האָט זיי פאַרשלונגען.

נאָכדעם אָבער, ווען ער האָט מיך שוין יאָ באַמערקט, ווען ער האָט, ווי צופעליק, די אויגן פון זיין אַרבעט וואָס איז פאַר אים געלעגן, אויפגעהויבן, האָט ער מיך ווי אַן אומגעריכט־געקומענע און אַ ניט־געבעטענע אַ פרעג געטאָן מיט גרויס אָפּגעפרעמדקייט:

— ווער זינד זי פּרוילײן?

כ׳האָב, שטאַמלענדיק, מיין נאָמען אָנגערופן, אויך דיינעם, צוליב וועמען כ׳האָב געהאָט די ערע צום הער געביטס־קאָמיסאַר זיך ווענדן.

— אַך זאָ, די טאָכטער פון הערן יודען־ראַט פּאַרזיצער?

— יאַוואָל, מיין הער!

— איז וואָס, אייגנטלעך, האָב איך צו דער פאַרלייכטערונג פון דיין שולד צו זאָגן? — האָט ער אַ פרעג געטאָן, און, ווי אַ דערוואַקסענער וואָס לאָזט זיך אַראָפּ צו רעדן מיט אַ פּשוט לשון מיט אַ קינד, האָט ער מיר גענומען דערקלערן, אין וואָס דאָ גייט און וואָס פאַר אַ גוואַלדיקע עוולה דו ביסט באַגאַנגען בנוגע דער מאַכט; און דאָס הייסט, אַז ווען אַן אַנדערער, ווען ער טוט עס, וואָלט מען זיך מיט אים גאָר ווייניק צערעמאָניעט און ער וואָלט גלייך זיין שטראָף באַקומען, אויפן אָרט און אומגעזאָמט, און מיט דיר האָט מען נאָך גרויס גנאָד געטאָן, וואָס מ׳האָט דיר געגעבן צייט אויף זיך באַדענקען און, אין טורמע זיצנדיק, מעגלעך, צו חרטה האָבן אויף דיין טאָט.

— איז אָט, איז אפשר דאָס טאַקע האָט מיך געבראַכט אַהער — צו בעטן דעם הער קאָמיסאַר, ער זאָל מיר דערלויבן זיך זען מיט דיר, און ווי אַן אייגן קינד דיר העלפן צו די געדאַנקען קומען, אַנווייזנדיק דיר אויף דער סכנה, וואָס, מעגלעך, דו ווייסט ניט, ווי ווייט גרויס זי איז.

ער האָט ווידער, ווי אַ דערוואַקסענער, ווען ער רעדט מיט אַ קינד, ביי מיר די ווערטער אויסגעכאַפּט, ווי גלייך איך אַליין האָב קיין מויל ניט, און דערביי האָט ער גאַר פּלוצלונג פון זיין אויבן־אָן זיך אויפֿ־געהויבן — ער, דער שוין אַריבער מיטל־יעריקער, שווערלעכער פאַרשוין פון דער אַמאָל אַזוי גוט דורכגעגאַנגענער סאָלדאַפּאָנישער מושטרע, פון וועלכער געוויסע סימנים זיינען נאָך אויף אים צו זען, געבליבן אין זיין שטאַרק־גלייכן, אָפּגעהובליעוועטן רוקן און אויך אויף זיין „שטראַמען" האַלדז־און־נאַקן, ווי ביי אַ וואָלף, וועלכער קאָן זיך אין קיין זייט ניט קערעווען. ער האָט זיך אויפגעהויבן, און אָנ־האַלטנדיק דעם טאָן און די באַציאונג צו מיר, ווי פריער, — ווי צו אַ קינד, — האָט ער וואויל־וועלנדיק צו מיר אַ שפּאַן געטאָן, אַרויס־גייענדיק פון הינטערן טיש צום אָרט, וואו איך בין געשטאַנען, גלייך ער וואָלט געקומען מיך באַגיטיקן און מיין גאַרניט־געהויבן געמיט מיר לינדערן.

ער האָט דערביי אַפילו מיר אַ האַנט אויפן אַקסל אַרויפגעלייגט, מעשה עלטערער, און ווידער דערביי, שוין זייענדיק נאָענט־נאָענט לעבן מיר, האָט ער מיך פון אויבן ביז אַראָפּ אַ מעסט געטאָן, — מיין גרויס, מיין וואוקס, — שוין גאַרניט, ווי מ׳מעסט אַ קינד, וואָס דערפון, האָב איך באַמערקט, האָבן ביי אים אויף אַ ווײַלע ווי ווערטער אין מויל אויסגעפּעלט, ווי ער וואָלט זיך פאַרהאַקט און ווי עפּעס פיל וויכטיקערס פון ווערטער וואָלט אים אין גאַרגל שטעקן געבליבן.

ער האָט זיך אָבער באַלד געכאַפּט, און פאַרשטייענדיק, ווי גרויס מיין ליבע איז צו דיר — אַליין פון דעם, וואָס איך, אַזאַ יונגע און אומ־דערפאַרענע, האָב זיך אין אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכער שליחות געלאָזט — פאַר אַזאַ הויך־טיטולירטנס אויגן צו קומען, צו מיינען ביי אים עפּעס פּועלן, — האָט ער, ווייזט אויס, געוואָלט אויסנוצן מיין אומדערפאַרנקייט, און האַלטנדיק די האַנט אויף מיין אַקסל, האָט ער מיר אויך אין די אויגן אַ קוק געטאָן, און האַלב אין שפּאַס און מער מיט אַן אמת האָט ער, מעשה סוחר, זיך מיר גענומען דינגען:

— און וואָס וועט פּרויליין פלאָראַ, ווי זי הייסט, באַצאָלן פאַר ליבנסווירדיקייט ?

כ׳בין זיך מודה, טאַטע, אַז ווי איך בין דעמאָלט ניט געווען יונג און אומבאַהאָוונט אין הלכות, ווי מ׳זאָגט, אַזוינע זאַכן, האָב איך דאָך אונטער דער גאָרניט־געגאַרטער האַנט אויף מיין אַקסל זיך דערפילט פאַר אַ פרוי, און אויך זיך דערוואוסט, אַז מיט אַט דעם וויסן לאָזט זיך אין געוויסע פאַלן אויך פיל פועלן.

ווי איך בין ניט געווען יונג און אומבאַהאָוונט, איז אָבער, ווען כ׳בין געשטעלט געוואָרן פאַר דעם פּרואוו אויסצואווילן צווישן מיר און דיר, ד. ה., אָדער דיר, מיין איינציקן ביז אַהער געליבטן, אַ האַנט פון הילף דערלאַנגען, ניט אויסהיטנדיק זיך אַליין, ס׳זאָל אויף מיר קיין מינדסטע אומאָנשטענדיק שטויביקל ניט פאַלן, אָדער זיך יאָ אויס־היטנדיק, און דיר ניט דערלאַנגען; — אַז כ׳האָב זיך דערזען שטיין פאַר אַט דעם אויסוואַל, איז פאַרשטיי מיך, טאַטע, אַז אַפילו די גענטין פון דער העכסטער צניעות וואָלט מיר ניט געקאָנט אויסוואָרפן און ניט האָבן קעגן, אויב איך האָב דאָס צינגל פון איר ציטעריק־צניעות־דיקער וואָג עטוואָס אין אַ זייט געמאַכט אָפּנויגן — דערמיט, וואָס כ׳האָב דאָס ערשטע מאָל, דוכט זיך, אין מיין לעבן אַ קאָקעטיר געטאָן מיט פרויען־אָנשטעל און געמאַכטער פאַרשעמטקייט. וואָס דאָס האָט זיכער, ווי כ׳האָב געזען, אַ געוויסן איינדרוק געמאַכט אויף יענעם, צווינגענדיק אים צו מיינען, אַז מער וויפיל איך האָב אים איצט דער־לאַנגט בלויז מיטן בליק פון אונטער אַראָפּגעלאָזטע וויעס, וועט אים אפשר שפּעטער, ווען ער וועט מיר דאָס געפעליקייט טאָן און מיין בקשה אויספילן, דערלאַנגט ווערן.

ס׳האָט געפועלט מיין בליק. כ׳האָב געזען, ווי אין דעם פאַרשוין, פאַר וועלכן כ׳בין איצט געשטאַנען אַ יונגע, אַן אומדערפאַרענע און אומבאַשיצטע, האָט עפּעס ווי אַ שטיק וואַקס זיך גענומען שמעלצן, ווען ער האָט געקוקט אויף מיר און געשפּירט די כלומרשטע מער־נאַכגיביקייט, וואָס ער האָט פון מיר שפּעטער צו דערוואַרטן.

אַנטשולדיק מיר, טאַטע, — דו, ווי אַלע פרומע געטער זאָלן מיר אַנטשולדיקן... אָבער כ׳שווער, אַז מער ווי אַ רגע האָט אַט די פרויען־שפּיל ניט געדויערט, ווייל באַלד האָב איך זיך געכאַפּט און גלייך אויפן אָרט האָב איך אויף זיך דעם עונש גענומען, ווען איך האָב, אי אַ פאַר־שעמטע, אי צוליב שמירה און אי צוליב מער זיך אַזוינס ניט דערלויבן,

דיין געשאַנק, דיין רינגעלע אויף מיין האַנט, פאַר די אויגן אַ נעם געטאָן, כדי זיך צו דערמאָנען, פון וועמען כ׳האָב דאָס באַקומען, און וואָס איז מיר געזאָגט געוואָרן, בעת דו האָסט דאָס מיר דערלאַנגט.

כ׳האָב עטוואָס לענגער די האַנט מיטן רינגעלע פאַר די אויגן געהאַלטן, און דאָס איז, ווייזט אויס, יענעם נאָך מער געפעלן, — כ׳ווייס ניט צי אַליין די האַנט מיטן רינגעלע, צי נאָר מיין ווערן, צי מיין מינע דערביי — שוין די אויפריכטיקע און אמת טאַקע פאַרשעמטקייט, — נאָר כ׳האָב געזען, ווי יענער האָט זיך נאָך מער צעשמאָלצן, און האָבנדיק אַ פול מויל מיט עפּעס מער ווי ווערטער, האָט אַ זאָג געטאָן:

— זי בעקאָמען וואָס זי באַגערן, פרוילין.

דערביי האָט ער אויך ניט פאַרגעסן, ווער ער איז און וואָס פאַר אַ פּאָסטן ער פאַרנעמט, און פון מיר געפאָדערט, איך זאָל אומבאַדינגט זען דיך איבעררעדן און אויף דיר ווירקן, זאָלסט זיך אומקערן צו דעם פון וואָס דו ביסט אַוועק, וואָרים צוליב דעם, דער עיקר, ווערט מיר די דערלויבעניש געגעבן דיך אין טורמע צו באַזוכן — אַ זאַך, וואָס קיינעם טוט מען עס ניט.

דערביי, ווידער, האָט ער ניט פאַרגעסן מיר צו דערמאָנען מיין צוזאָג, וואָס אים האָט געדוכט צו האָבן פון מיר באַקומען, כ׳זאָל זיך מיט אים, אויף אַן „אָרנטלעכן" אופן, שפּעטער צעצאָלן פאַרן חוב, וואָס כ׳בלייב אים שולדיק...

ער איז זיך אַזוי צעגאַנגען אין זיין גוט־געגויגטער באַציאונג צו מיר דעמאָלט, אַז ער האָט זיך אַזש אַ בויג געטאָן, וועלנדיק מיר אַ קוש טאָן די האַנט מיטן רינגעלע, וואָס כ׳האָב נאָך אַלץ פאַר די אויגן גע־האַלטן, און וואָס צו דעם האָב איך אים, נאַטירלעך, ניט דערלאָזט.

כ׳האָב אויף אַ כלומרשט־קינדערשן אופן, אָבער כלל ניט אַן עלטערלעכן פאַרשטאַנד, געזען וואָס גיכער ביי אים אַרויסבאַקומען דאָס נויטיקע — די ווענדונג צום טורמע־אויפזעער, מ׳זאָל מיך צו דיר צולאָזן, און ווי נאָר כ׳האָב דאָס אין דער האַנט באַקומען, אַזוי בין איך אַרויס, — כ׳ווייס ניט, צי יאָ זיך געזעגענענדיק, צי ניט, נאָר געפילט האָב איך, אַז עפּעס האָט מיך יענער דעמאָלט באַגלייט מיט אַזאַ סאָרט בליק אין רוקן, וואָס מער אַזוינס פון אַזעלכן וואָלט איך קיינמאָל ניט געוואָלט האָבן פאַר קיין באַגלייטער...

• • •

טייערער טאַטע. און אינעם זעלבן טאָג האָבן זיך פאַר מיר אין טורמע טיר־און־טויער געעפנט. נאָך דעם, ווי דער אויפזעער האָט דערזען, ווער ס׳שרייבט אים... באַלד האָט מען אונדז צוזאַמענגעפירט. און באַלד האָב איך דיך דערזען. אָבער דאָס קליין ביסל פרייד פון דיך ווידער צו האָבן פאַר די אויגן, און זאָל אַפילו זיין אין דער טורמע־אומגעבונג, איז מיר גלייך פאַרשטערט געוואָרן, ווי נאָר דו האָסט מיך פלוצלונג, איידער וואָס, איידער ווען, אַ פרעג געגעבן:

— ווי קומסטו אַהער? ווער האָט דיר דערלויבט?

— דער געביטס־קאָמיסאַר, — האָב איך געענטפערט.

— ער? ווי קומסטו צו אים?

— איך גיי פון אים.

— דו — פון אים?

— יאָ!

כ׳האָב געזען, אַז צו דער אַזוי אויך געגוג פינצטערניש, וואָס דו האָסט פון דעם געפענגעניש מיטגעבראַכט, איז אַז דו האָסט דער־הערט פון מיר דאָס לעצטע וואָרט, דיר נאָך אַ גרעסערער צוגעקומען... האָסט אַ ווײַלע געשוויגן. דערנאָך קורץ אַ זאָג געטאָן, ניט אַריינלאָזנדיק זיך אין קיינע דערקלערונגען:

— מער טו דאָס ניט... דאָרט איז קיין אָרט ניט פאַר דיר, — און אויף וויפיל איך האָב געקאָנט באַמערקן, האָט זיך די גאַנצע צייט עפּעס אַ ניט־אַרויסגערעדטער חשד פון דיין פנים ניט אָפּגעטאָן און אַ אין־זיך־איינגעהאַלטענע וואָרענונג, געווענדט צו מיר, האָט דיר פון די ליפּן ניט געקאָנט אַראָפּקומען.

— ניין, — האָסטו ווידער נאָך מער קורץ אַ זאָג געטאָן, — פון דאָרט האָסטו אויף קיין טובות ניט צו וואַרטן...

— אָבער... טאַטע! — איך האָב צו דיר אַ פאָל געטאָן, דערזעענדיק דיך אַזאַ, וואָס באַלד וועט דיך שוין שווער זיין צו דערקענען, ווייל ניט דער אָנצוג, אין וועלכן דו ביסט אָנגעטאָן, איז דיינער, ניט די שיך — קיין שיך, און דו אַליין — שוין דריי פערטל פאַראורטיילט און ווי גלייך ערב דעם, ווי אָט־אָט דאַרף דער משפט איבער דיר אויסגעפירט ווערן.

טאַטע טייערער, — האָב איך צו דיר אַ פאָל געטאָן, ניט האָבנדיק דיר וואָס צו זאָגן, נאָר אַ קלאָג אַרויסצולאָזן.

כ׳האָב געזען, אַז ווענן רעדן מיט דיר מכוח צוריקנעמען דיך באַשלוס איז ניט שייך; געזען, אַז דו ביסט געגוג — דו, אַז ווויסנדיק

וואָס דו נעמסט אויף זיך, זאָלסטו ניט פּיאיק זיין דערנאָך ווידער דיין וואָרט ענדערן. און דעם אמת זאָגנדיק, איז ווען מ׳לייגט מיר דעמאָלט פאַר די ברירה, וואָלט אויך איך דיר ניט געראָטן טאָן קעגן דיין באַ־שלוס...

— טאַטע, טייערער, — האָב איך געקלאָגט און האָב פון דיר קיין טרייסט און קיינע פאַרזיכערונגען אויף קיין בעסער פאַרשטייענדיקע אויסזיכטן ניט געוואָרט, וויסנדיק, אַז דו ביסט אַליין ניט זיכער, און אויב יאָ, איז אין פאַרקערטן — אַז ס׳איז קיינע אויסזיכטן, און אַז דאָס זעען מיר זיך מיט דיר איצט, מעגלעך, דאָס לעצטע מאָל.

דו האָסט דעם קאָפּ אין אַ זייט אָפּגעדרייט געהאַלטן, ניט וועלנדיק קוקן אויף מיר, און איינגעשלאָסן אין מיינע אָרעמס, און האָבנדיק מיין קאָפּ אויף דיין ברוסט, האָסטו אַליין אויך מער ניט געקאָנט טאָן, ווי דאָס זעלבע — מיך אומאַרמען, מיך ניט אָפּלאָזן, ניט זאָגנדיק דערביי גאָרניט, ווי פאַרשטומט פון טרערן, וואָס האָבן דיך ניט דער־לאָזט קומען צום וואָרט.

האָסט זיך אַ ריזיקן כוח אָנגעטאָן, האָב איך געזען, ווען דו האָסט מיך עטוואָס אָפּגערוקט און זיך באַפרייט פון מיין אומאַרמונג, ווייל דעמאָלט, שוין באַלד, פאַרן געזעגענען זיך, האָסטו נאָך געוואָלט האָבן צייט אויף מיר נאָך עפּעס צו זאָגן.

— קינד, — האָסטו געזאָגט, — פאַר מיר זאָרג ניט. אפשר וועט זיך נאָך פאַרט עפּעס בייטן, און אפשר ניט. אַלנפאַלס, איך האָב אָפּגע־לעבט. דו אָבער — נאָך ניט. איז זעסטו, וואָס דו קאָנסט, אויף אַרויס־קומען פונדאַנען און זיך אַריבערקלייבן אַהין, וואוהין כ׳האָב דיר אָנגע־וויזן. ס׳איז דער איינציגער אויסגאַנג.

דעמאָלט איז די וואָך אונטערגעקומען, זאָגנדיק, אַז די צייט פון דער זעאונג איז געענדיקט. און דעמאָלט האָב איך דיך ווידער אויף צום לעצט אַרומגעכאַפּט, ווי אויף פאַרשלונגען ווערן, און אַ טויטע צי אַ לעבעדיקע, לעבן דיין ברוסט בלייבן.

מ׳האָט דיך כמעט אָפּגעריסן פון מיר און אונדז צעשיידט, און... שוין אויף שטענדיק; ווייל אויף מאָרגן האָבן פריער אַנדערע זיך דערוואוסט, דערנאָך — איך, אַז שוין יענע נאַכט ביסטו שוין ניט געווען. האָסט ניט געוואַרט, אַז אַנדערע זאָלן מיט דיר ענדיקן, נאָר האָסט עס אַליין געטאָן. און געטאָן האָסטו עס אי צוליב זיך, זיכער זייענדיק, אַז סיי־ווי ביסטו שוין פון לעבעדיקן צעטל אויסגעשטראָכן, און אי דער עיקר, דוכט מיר, צוליב מיר, כדי כ׳זאָל פאַרשפּאָרן ווידער

געשטעלט ווערן פאַר אַ פּרואוו און אויף אַ ניט געוואונטשענעם פאַר דיר אופן דיר דיין גורל וועלן פאַרגרינגערן.

אין יענער נאַכט, האָט מען זיך דערנאָך דערוואוסט, האָסטו עפּעס איינגענומען, און דאָס איז געוויס געווען יענע רפואה־זאַך, וואָס דו האָסט, אַוועקגייענדיק פון דער היים, פון שופלאָד אַרויסגעקראַגן, און אַז ס׳האָט דיר געדוכט, אַז פונעם איינגענומענעם קומט די ווירקונג ניט אַזוי גיך, האָסטו געפונען נאָך עפּעס, וואָס האָסט מיטגענומען, אויף זיך אויך אָן אָדער אויפצוהאָקן...

און פאַרטאָג, ווען מ׳האָט געוועקט צום אויפשטיין, האָט אַ שכן, וואָס איז געלעגן מיט דיר אויף איין נאַרע, זיך דערפילט ליגן ווי אין אַ קאַלוזשע... ער איז בייז געוואָרן אויף זיינע שכנים — אויף איינעם אַ שכן פון איין זייט, און אויף דיר — פון דער צווייטער, מיט וועלכן ס׳האָט זיך, געוויינלעך אין יענע „באַדינגונגען״, אומאָנגענעם געקאָנט טרעפן — פון קעלט, פון אומגליקלעכער ענגשאַפט א. אַז. וו. ... אַז ער האָט אָבער אויף דיר אַ קוק געטאָן אין פאַרטאָגיקן האַלב־פינצטער און האָט דערזען דאָס בלאַסקייט, וואָס האָט פון דיין פּנים אַפּירגעקוקט, האָט ער גלייך פאַרשטאַנען, וואָס דאָ איז געשען... באַזונדערס, וויסנדיק דיך אַלס דאָקטער, וויסנדיק אויך, אַז דו האָסט ניט איינמאָל מיט די אַרומיקע וועגן דעם גערעדט, ווי וועגן אַ מיטל; און באַזונדערס נאָך וויסנדיק, אַז פריער מיט אַ טאָג האָסטו געהאַט אַ זעאונג מיט מיר, דיין איינציקער, און אַז פון אָט דער זעאונג ביסטו אַרויס אַ נאָך־מער דערשלאָגענער, ווי ביז אַהער, ווייל עפּעס, האָט מען געזאָגט, איז דיר צוגעקומען נאָך איינע אַ מורא, אַחוץ דער, וואָס ביי אַלע פאַראורטיילטע. דעמאָלט איז אַלץ קלאָר געוואָרן, און דעמאָלט ביסטו שוין ניט געווען...

„יתגדל ויתקדש שמיה רבא״ — זאָגט מען, דוכט זיך, נאָך אַ טויטן.

טאָג . . . חודש . . . יאָר . . .

טאַטע טייערער. ס׳קומט מיר איצט ווידער אויפן זינען דער „מורה״, דער גאַרניט אויף קיין יידן ענלעכער, נאָר אויף אַן אַראַבער, מיט זיין שאַרף שלענגעלדיקן, ברווינעם בליק ווי פון ערגעץ אַ וויטער מדבר־היץ מיטגעבראַכט; ווי ער שטייט ביי דעם לערער־פּולט, האַלטנדיק אין זיין האַנט זיין שטענדיק מיט זיך מיטהאָבנדיק תנכ״ל; האַלט אָביסל קינדעריש דעם קאָפּ אָן אַ זייט און מיט אַן אָפּגעפּרעמדטער גאַרגל־שטים און מיט קיין אונדזעריקער אויסשפּראַך לייענט ער אַרויס

פון דער וואָרזאָגנדיקער שריפט פון דעם ווילד־וויזיאָנערישן בן־אדם, פון דעם נביא יחזקאל בן בוזי הכהן:

„ואני על נהר כבר" . . .

כ׳ווייס ניט וואו אָט דער טייך „כבר" געפינט זיך, און צי געפינט ער זיך נאָך בכלל, — צי האָט ער פאַר די דריטהאַלבן טויזנט יאָר, זינט דעמאָלט, שוין ניט איינגעקוואָרט, אויסגעטריקנט און וואַסערע־ניט־איז סימנים נאָך זיך געלאָזט; און דאָך זע איך זיך צוזאַמען מיט יענעם נביא דאָרט שטיין און הער, ווי ער מורמלט שטיל אין דער נביאיש־בייזער באָרד זיך אַריין:

„ואני בתוך הגולה" —

— און איך, הייסט עס, בין אין סאַמע מיט צווישן די אין גלות־פאַרטריבענע...

יאָ, ער, יחזקאל, מיט דריטהאַלבן טויזנט יאָר צוריק, אין גלות־בבל, און איך, דיין טאָכטער, מיט אַזויפיל יאָרן שפּעטער, דאָ, אין פוילן דער מדינה, אין אַ גלות אַ פיל ערגערן — גאָרניט צו פאַרגלייכן.

יאָ, טאַטע, „ואני בתוך הגולה" . . . ווי נאָר דו ביסט ניט גע־וואָרן; ווי נאָר כ׳האָב פאַרלוירן מיינע פּריווילעגיעס, ווי דיינס אַ קינד — אַ קינד פון אַן אָנגעזעענעם אַמטס־מאַן, און מ׳האָט מיך אַרויסגעזעצט פון אונדזער ביז־דעמאָלטיקער דירה און מיך אַריבער־געפירט אינעם דריי־פערטל־מעטערדיקן וואוין־שטח, וואָס איז באַ־שטימט פאַר אַלע געטאָ־איינוואוינער אַלס נאָרמע, — האָב איך אָנגע־טראָפן אין אַ הויז — ניט קיין הויז, נאָר אַ לאָך, אַ באַגרעבעניש, וואו די סטעליע איז אויפן קאָפּ און וואו אַ וואַסערע־ניט־איז שיין איז אפילו אין מיטן אַ העלן טאָג דאָרט אַ זעלטענער אורח. איך, מיט פיל אַזוינע „באַגליקטע", ווי איך, וועלכע געפינען זיך דאָרט ווי עופות אין אַ שטייג, און וואו צום גאַנצן רומל ענגשאַפט פעלט אויך ניט, אַלס צוגאָב, איינער אַן עלטערער עלנטער ייד, מיטן נאָמען הירשל שוסטער, וואָס וועגן אים לוינט זיך אַ פּאָר ווערטער זאָגן, ווייל קוקנדיק אויף אים קאָן מען האָבן אַ קליין שטיקל פאַרשטעלונג, ווי מיר זעען אויס אין אונדזער אַזוי „ליבער"־באַשערטקייט.

אַ גאַנצן טאָג איז ער פאַרנומען אויף אַרבעט אין אַ ווערקשטאַט, וואו מ׳פאַרטיקט אויס שטיוול פאַרן פראָנט. ער אַרבעט שטיל, מיט בעל־מלאכהשער שלימות און געוויסן, און אַפילו שוין מיט צופיל געוויסן... אַז די איבעריקע אַרבעטער פרעגן אים אַמאָל:

— הירשל, וואָס אַזוי געטריי? צו וואָס אַזויפיל פלעקלעך? און

אַז איינער פון זיי וועט, חלילה, בלייבן אַן שיך און אַפילו אַן אַ פוס, איז וואָס? איז וועט דיר, חלילה, האַרט זיין צוקאַפּנס? — ענטפערט ער ניט, גלייך ער הערט ניט, טוט ווייטער זיין זאַך, ניט אָפּרייסנדיק זיך און ניט אויפהייבנדיק דעם קאָפּ אויף אַ קוק טאָן, ווער ס׳פרעגט אים.

מ׳פרעגט אים אויך מער ניט. מ׳ווייסט, ווער ער איז, — אַז אַ גאַנצן טאָג איז ער פון פאַך, און דערפאַר, אַז ער קומט אַהיים אויפדער־נאַכט, איז ער אויס ער. איז ער . . . משיח. דעמאָלט איז ער שטאַרק באַשעפטיקט מיט איינשטודירן די ראָל, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען... ער קאָן אין די קליינע אותיותלעך, איז אַ שטיק מלומד... און אַמאָל זאָגט ער, זעט ער זיך, אַן אַרעמען רייטער, אויף אַן אַרעמען אייזל אַריינפאָרן קיין ירושלים, און ער טוט דעמאָלט אַ שפּאַן אין צימער, אויף וויפיל נאָר דער געענגטער שטח דערלויבט אים, אויף מאַכן אַ וואָרע און זיך אַליין אָפּגעבן „שלום" — איין מאָל, צוויי מאָל, דריי מאָל און פיר מאָל, פאָרשטעלנדיק זיך, אַז דאָס גרויסע ירושלימער פאָלק שטופּט זיך, אים אַזוי צו באַגעגענען און מיט „שלום" באַגריסן. אַן אַנדערש מאָל זעט ער, אַזוי ווי אין ספר דניאל, זאָגט ער, איז געשריבן, זיך אַראָפּבאַווייזן פון די הויכע הימל־וואָלקנס און דעמאָלט שטעלט ער זיך אַוועק מיטן קאָפּ פאָרריסן, און אין גרויס ציטערניש און אַנטציקונג טוט ער אויף זיין אייגענער הערלעכער דערשיינונג מיט אַ צעעפנט מויל קוקן... און גאָר אַמאָל זעט ער זיך צווישן קרעציקע, צווישן שלע־פּער און אויסגעלאָסענע פּרויען, ביי די טויערן פון רוים, אַליין אויך אַ קרעציקער, וואָס האָט מיט די אייגענע וואונדן פיל צו טאָן, זיי אויפבינדן און צוריק פאַרבינדן, און דעמאָלט איז קיין מער אומגליקלעך פּנים, ווי זיינס, ניט צו זען און ניט צו טרעפן אין ערגעץ, ווען ער לאָזט זיך אַראָפּ אויף דער ערד, מיט פיס אונטער זיך, און מיט אַ שטיל־יאָמערנדיקער שטים נעמט ער בעטלען אויף דער אים פרעמד־רוימי־שער שפּראַך ביי אַלע, וואָס קומען אַרויס און וואָס גייען אַריין אין רוים.

יאָ, ער האָט רעכט, הירשל, אויף דער משיח־ראָל, ווייל צוזעענדיק, וואָס דאָ אַרום טוט זיך, קאָן קיין שום משוגענער אויף קיין קלענערער, ווי אויף דער, ניט איינגיין, טאָר ניט איינגיין.

• • •

טייערער טאַטע, כ׳ווייס, אַז דו ביסט ניטאָ. כ׳ווייס אָבער אויך, אַז ווי דו זאָלסט נישט זיין, איז אַז דו וועסט דערהערן, וואָס איך וועל דאָ באַלד ווייטער זאָגן, וועסטו זיך אַ רודער טאָן — פון אַנגסט, פון בושה, פון ביטערניש און פון פּאַטערלעכן און מענטשלעכן צער.

צוריק מיט אַ שטיקל צייט האָט מען מיך איין מאָל געשלאָגן...

— ווער ?

דער לאַנגער אומגעלומפּערטער גלאָמפּ, דער אויפזועער איבער דער אַרבעט־קאָלאָנע, וואו אויך איך געפין זיך : דער, וואָס האָט מיט די נאָך־שוואַרצע וואָנצעס האַרט ווי קלאַמערן ביי אַ זשוק, דער, וואָס איז שוין געווען אַלט, אַז אויפן פּראָנט גיין זאָל ער זיך ניט טויגן, אָבער נאָך גענוג „טויגער״, מ׳זאָל אים די אויפזועעריי איבער אונדז, אַ קאָלאָנע אַרבעטס־פּרויען, אָנפאַרטרויען, ער זאָל אויף אונדז האָבן די השגחה, אונדז ניט לאָזן זיך אונטערפוילן און אָפּשטיין, פּאָדערן פון אונדז די נאָרמע, און אויך מער, אויב אים פאַרגלוסט זיך. דערצו האָט ער מאַכט, דערויף איז ער באַפולמעכטיקט, און דערצו איז אים געגעבן ניט נאָר די „פּייטשע״, נאָר אויך געווער, אויף דאָס אויסנוצן אויפן אָרט און שטעלע, אויב ער וועט פילן אַ מוז און אַ נויט אין דעםביים אויספילן זיין באַפעלהאָבערישע פליכט... כאָטש ער איז שוין גענוג אַלט און פון פּאָדאַגרע אין די קנעכל און אין די קני געבראָכן, אָבער די בייטש און געווער, ווי געזאָגט, האָט ער, און דערצו נאָך אַ היפּשן פּאַק זידל־ווערטער, וואָס ער לאָזט זיי אין גאַנג ביי יעדער געלעגנהייט, ווי „בלוט־יודע״ און „יודע־פּערדעקע״, וואָס אַז ער ברענגט אַרויס נאָר איינס פון זיי, אַזוי כאַפּט ער די היץ און דערפילט די געדעכטיקייט דאָס צווייטע, דאָס דריטע א. אַז. וו. אַרויסצוברענגען, אַן אָפּשטעל... ס׳ווייזט אויס, אַז אויסער די רעכט, וואָס די אויבערשטייענדיקע מאַכט האָט אים געגעבן אויף אַזוי צו טאָן און צו שאַפן, נעמט ער זיך אויך אַליין די רעכט, געפינענדיק דאָ אַן אָרט און מעגלעכקייט אויסצולאָדן זיין כעס פאַר איינער אַ באַליידיקונג — אַ פעלער פון דער נאַטור, וואָס ער טראָגט זיך מיט אים אַרום פון געבוירן, און וואָס אין דער יוגנט און אַפילו ביז היינט האָט ער געהאַט און האָט פון אים, זעט אויס, שטילערהייט צו ליידן. דאָס זיינען זיינע קרום־קיילעכדיקע פיס, וואָס דער חלל פון צווישן זיי מאַכט אויס דאָס, וואָס אויף זיין לשון טאַקע רופט מען דאָס : ״O BEINE״ אין לאַטיין : „אָ־בעינע״.

מיט איינעם וואָרט, ס׳וואָלט געווען פון דעם פּאַרשוין ניט צום איבערטראָגן, ווען ניט קיין צוויי שוואַכקייטן, וואָס ער פאַרמאָגט, און

וואָס אַ דאַנק זיי, קאָן מען, ווי־ניט־איז, פון אים אָפּטעמען. דאָס איז, ערשטנס: „זיינעם ביר‟, וואָס ער מוז אַלע טאָג, אַלע תמיד אַריינשלינגען אויפן חשבון פון די, אויף וועלכע ער גיט אַכטונג און וועלכע מוזן דאָס אים פון זייער „געהויבענעם‟ אַרבעטס־לוין אויסטיילן; אַנדערש, ווייסט מען, „וואָרדן זי געפּריגעלט‟, ד. ה. געשלאָגן, און ווען ער באַקומט יאָ דאָס געוואונטשענע, מאַכט דאָס אים פיל ווייכער, צוגע־לאָזטער... און דאָס צווייטע, וואָס שטאַמט פון ערשטן, איז — זיין פאַרקוקן זיך אויף פרויען, ווען ער איז באַזויפן, און ווען ער נעמט זיך דעמאָלט זינגען זיין זיס־פאַרבענקט ליד, וואָס ער האָט פון זיין אַזוי־געליבטער היים־שטאָט האַנאָווער מיטגעבראַכט:

„אין האַנאָווער, אַן דער ליינע,
מיידל האָבן דיקע ביינע‟ א. אַז. וו.

דעמאָלט כאַפּט ער צוערשט אַ טרויעריק־שמייכלענדיקן בליק אויף זיינע אייגענע פיס, און דערנאָך אויך אויף די פיס פון יענע פרויען, וואָס געפינען זיך אין זיין נאָענטקייט און וואָס ער טיילט זי דעמאָלט אויס, זי זאָל אים אינעם איצטיקן מאָמענט זיין געפעלן...

כ׳ווייס ניט, צי איז ער דעמאָלט געווען „אין שלעכטער לוינע‟, ווייל די אַרבעט־פרויען האָבן יענעם טאָג, צום באַשטימטן מאָמענט, אים זיין גאָב אויף „זיינעם ביר‟ נאָך ניט געהאָט אָפּגעשטעקט; צי איבער אַן אַנדער סיבה, נאָר עפּעס האָט ער אויף מיר יענעם טאָג אַ בייז האַרץ געהאָט, האָט מיר בייזלעך נאָכגעקוקט, צי איך פיל אויס מיין אַרבעט, צי ניט, און מיטאַמאָל האָט ער זיך צו מיר גענומען בינדן, אויף מיר שרייען, און דווקא ניט מיט דער „פּייטשע‟, נאָר מיט די הענט מיך שלאָגן.

ניט אַזוי דער ווייטיק, ווי דער בזיון האָט מיך דערנומען. ניט אַזוי דאָס ערשטע, ווי די גאַנצע אָנשיקעניש פון דער גאַנצער צייט נאָך פריער, איידער כ׳בין געשלאָגן געוואָרן, האָט אין מיר אויפדער־וואַכט און מיך ביים גאַרגל געפּאַקט...

כ׳האָב איבערגעריסן די שווערע אַרבעט, ניט געקוקט דערויף, וואָס דער אויפזעער האָט דערפאַר רעכט געהאַט מיך מער צו שלאָגן און באַגיין זיך מיט מיר פיל ערגער, אָן שום מורא פאַר פאַראַנטוואָרט־לעכקייט, וואָס ער וועט האָבן צו טראָגן פאַר די העכער־שטייענדיקע פון אים פאַר זיין טאַט, נאָר פאַרקערט — ווי האַרב די טאַט זאָל ניט זיין, וואָלט ער, פון זייער זייט, זיכער, געקאָנט דערוואַרטן צושטימונג און באַרעכטיקונג, — ניט געקוקט דערויף האָב איך איבערגעריסן

די אַרבעט, בין אָוועק אין אַ זייט, זיך אָפּגעטיילט פון די פרויען־חברטעס, וואָס האָבן דאָס צוגעזען, און קומענדיק צווישן צוויי הויכע קלייטלעך אָנגעלייגטע קלעצער, האָב איך גענומען וויינען...

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, דאַכט מיר, נאָך דעם ווי איך האָב דיך, טאַטע, אָנגעוואוירן. אַזוי פאַרשטיינערט בין איך געווען, צוזעענדיק וואָס אַרום טוט זיך און וואוהין איך האָב אַריינגעטראָפן. כ׳האָב געוויינט אויף מיינע יונגע יאָר, זיך דערמאָנענדיק, ווער ס׳האָט צו זאָגן אויף זיי; געוויינט אויף דעם, וואָס כ׳בין געבוירן אונטער אַזאַ פינצטערן שטערן, ניט וויסנדיק פאַרוואָס.

כ׳בין לאַנג דאָרט אַזוי געשטאַנען... און אַז כ׳האָב זיך אויסגעוויינט, האָב איך זיך צוריק צו דער אַרבעט אומגעקערט, ניט אויסרעדנדיק מיט די חברטעס קיין וואָרט, זייענדיק די גאַנצע איבעריקע צייט אין זיך איינגעשלאָסן.

און נאָכדעם, שפּעטער, ווען דער אויפזעער האָט, אָפּנים, שוין געהאָט געקריגן זיינס, האָט אויפגעלייגט אַריינגעזויפּט און האָט צו דער האַנאָווערשער גוטמוטיקער לוינע דערלאַנגט, אַזוי ווייס איך ניט פאַר־וואָס, נאָר דווקא נאָך דעם, וואָס ער האָט היינט אויף מיר דאָס באַפעל־האָבערישע האַרץ אָפּגעריסן, האָבנדיק מיך געשלאָגן, האָט ער דווקא דאָס מאָל מיך אויסגעקליבן פאַר דער, וועלכע זאָל אים געפעלן און ער זאָל זיך, ווי זיין שטייגער, אויף אירע „ביינע" פאַרקוקן...

און נאָך מער: דאָס מאָל איז ער זיך אַזוי צעגאַנגען אין זיין שיכור־לעכער צעשמאָלצנקייט, אַז ער האָט אַזש אויסגעשטרעקט אַ האַנט צו מיר, וועלנדיק אָנרירן די בוילעטע פרויען־פּאַרמען, אויף וועלכע ער פלעגט אויך אין זיין שיכור־צושטאַנד אַמאָל מיט אָפענער פרעכקייט זיינע נמאסע בליקן ווענדן...

דעמאָלט האָט ער פון מיר געקריגן אַזאַ זעץ איבער דער האַנט, אַז זי איז אים פאַרפלויגן אויף צוריק, ביז אַרונטער דעם רוקן און ביז אַזש זיין פּאַטיליצע, דוכט זיך. און זע אַ וואונדער: ניט נאָר ער האָט זיך ניט געפילט באַליידיקט פון אַט דעם אָפּשטויסנדיקן זעץ, וואָס דערפאַר וואָלט ער אויף מיר מיט דער גאַנצער „וואוט" באַדאַרפט אָנפאַלן, ער האָט, ווי האָבנדיק צו טאָן מיט אַ זיך גלייכן, אין אַ לייכט־זעליקן שפּאַס דאָס פאַרוואַנדלט: אויף זיינע ליפּן האָט זיך אַ שמייכלענ־דיקע מחילה באַוויזן, ווי אַט, ווי פון אַ טאַטן צו אַ ליב שטיפנדיקן קינד, וואָס נאָכן שטיפן טוט עס ביי אים נאָך אויסנעמען.

אַזוי — ער. די חברטעס אָבער, ווען זיי האָבן געזען, מיט וואָס

פאַר אַן אימפּעט כ׳האָב דעם אויפזעערס האַנט אויף צוריק אָפּגעשמיסן, האָבן, ניט ווילנדיק פון וואַנען די דרייסט האָט זיך צו מיר גענומען, און יאָ ווילנדיק, וואָס אַזאַ־אַ זאַך האָט ביי יענעם אַן אַנדערש מאָל, אין אַ ניט־שיכורן צושטאַנד, אָדער אפילו יאָ שיכורן, געקאָנט אַרויס־רופן, — שטילערהייט דערנאָך, אַז יענער זאָל ניט הערן, מיר גענומען אויסוואָרפן:

— סטייטש, וואָס האָב איך געטאָן? און צו וואָס אַזאַ איינשטעלע־רישקייט, וואָס קאָן דערנאָך פיל קאָסטן אי מיר אַליין, אי אויך אַלע איבעריקע, וואָס דער שאָטן פון מיין כעס וואָלט אויף זיי געפאַלן.

— שעמען זאָלן זיי זיך... דער בזיון פון אונדזער לאַגע איז דאָך ערגער פון דער לאַגע אַליין, און ווער ס׳מיאוסט זיך ניט, זאָל מיטן שווין פון איין שיסל עסן.

— קוקט זי באַר אָן, — האָבן אייניקע אויף מיר זיך אַרויפגעוואָרפן.

— וואָס איז אין איר אַזוינס דער יחוס? מיט וואָס ביסטו בעסער פון אַנדערע? און צי האָט מען דען אַן אַנדער ברירה? אַנדערע האַלטן זיך דאָך איצט אַפילו פאַר גליקלעך, אויב דער שווין באַשטייט צו גיין מיט זיי אויף שותפות.

— און זאָל זיי זיין צו געזונט!...

אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט און ס׳איז געקומען צו הויכע רייד און קידער־ווידער.

— מ׳וואָלט געקאָנט מיינען, — האָבן אייניקע זיך געפּרוּווט פאַרענטפערן פאַר זייער נאַכגיביקייט און פאַר ווערן גיין אויף פשרות, — מ׳וואָלט געקאָנט מיינען, אַז מ׳האָט זיך עס אַליין גענומען, און אַז מ׳קאָן מאַכן בעסער.

— אַוודאי קאָן מען! — האָב איך געזאָגט, ניט אָננעמענדיק די פאַרענטפערונג.

— איז אַדרבא, זאָל איך זאָגן, ווי אַזוי?

— ווי יענע, — האָב איך זיך אַרויסגעכאַפּט, — ווי די, וואָס מ׳הערט פון זיי, אַז זיי אַרודוועזן אונטנאַרומער, טוען וואָס זיי קאָנען, שטעלן זיך איין און זאָל זיין זיך ביידע אויגן, אַבי יענעם כאָטש איינס.

— האָסט געפּרוּווט? — האָט מען מיך געפרעגט, אַנדייטנדיק אויף די סכנות, וואָס זיינען מיט יענער זאַך פאַרבונדן, און דער־מאָנענדיק מיר אויך די געוויסע דורכפאַלן, וואָס די רעזולטאַטן האָבן זיך באַקומען אַזוי טרויעריק ניט נאָר אַליין פאַר די אוממיטלבאַרע

אָנטיילנעמער, נאָר אויך פאַר פיל פון די, וואָס ס'איז אויף זיי בלויז אַ מינדסטער חשד געפאַלן, אַז זיי האָבן אַ מינדסטע שייכות צו יענע.

זיי האָבן רעכט געהאַט, די חברטעס: ס'זיינען שוין געהאַט פאַר־געקומען פיל אַזוינע פאַלן, פון וועלכע אַלע געטאָ־איינוואוינער האָבן געוואוסט און האָבן ניט געקאָנט ניט וויסן, און דאָס האָט דעם גרויסן עולם שטאַרק אָפּגעשראָקן, און גורם געווען, מ'זאָל זיך שאַפן אילוזיעס, אַז אפשר וועט מען פאַרט באַוויזן זיך אויסדרייען פון דעם, וואָס אַנ־דערע, וואָס האָבן דערויף ניט געוואַרט, האָבן פון הוילער פאַרצווייפ־לונג מיט דער האַנט אָוועקגעמאַכט, ניט וועלנדיק געבן די בכורה אין פאָרם טויט איבער דער צווייטער, זאָגנדיק, אַז סיי־ווי — שטעל זיך יאָ קעגן, שטעל זיך ניט — איז מען פאַראורטיילט, איז צו וואָס נאָך פאַרכאַפּן אַפּריער? מ'וועט דאָך ניט אַנווערן...

— קינדעריי, — האָבן זיי געזאָגט, — סיי־ווי איז דאָס קיין האָפע־נונג, און סיי־ווי איז אָט דער מין ווידערשטאַנד קיין רעטונג ניט פאַר אַלע, בלויז פאַר איינצלנע, אי דאָס אויך, אויב ס'וועט זיי אין הונדערטן פאַל געלינגען. און אויב אַזוי, איז זאָלן דאָס טאָן די, וואָס זייער לעבן איז זיי ניט טייער און וועמען ס'מאַכט ניט אויס פריער, אָדער שפּעטער.

— בעסער פריער, איידער שפּעטער, — האָב איך געזאָגט, פון אינערלעכער איבערצייגונג אין מיין גערעכט, נאָך דעם, ווי איך האָב היינט דורכגעמאַכט דעם טאָג, פריער אַ געשלאָגענע, דערנאָך אויף אַזאַ שענדלעכן אופן אַנגערירט.

צום סוף טאָג איז מיר ווידער דאָס געוויין אָנגעקומען, כ'האָב זיך ניט געקאָנט האַלטן און בין ווידער אַוועק אויף מיין פריערדיקן אָרט, אויף הינטער די קלייטלעך קלעצער, דערמאָנענדיק זיך אין דער אייגענער געפאַלנקייט און אין דער פון די אַרומיקע, וואָס אַפילו דאָס געפיל פון פּראָטעסט איז שוין ביי זיי אָפּגעסמט. איך האָב ווייטער געוויינט — זיך דערמאָנענדיק אין דער צוואה, וואָס דו, טאַטע, האָסט, ביים געזעגענען, מיר געלאָזט, אָנוויזנדיק, פון וואַנען איך האָב אויף הילף צו וואַרטן — אַז פון דאָרט, וואוהין ס'איז כמעט מיט דער האַנט צו דערלאַנגען, און מ'דאַרף זיך נאָר אַ שטעל טאָן מיטן פּנים אַהין, מ'זאָל דערפילן דעם אַנדערשדיקן אָטעם, וואָס ווייעט פון דאָרט...

כ'ווייס ניט, ווי לאַנג כ'האָב זיך געזאַמט אַן אָפּגעזונדערטע צווישן די קלעצער. נאָר שוין פאַרנאַכט, ווען מ'האָט געגעבן אַ צייכן זיך זאַמלען אויף אַהיימגיין, בין איך אַרויס פון דאָרט שוין ניט קיין ווײ־נענדיקע, נאָר דוכט מיר ווי מיט גלאָז אין די אויגן: אַזוי זייטיק־

אָפּגעפּרעמדט האָב איך געקוקט אויף די איבעריקע, און אַזוי אויך די איבעריקע, דוכט מיר, אויף מיר, גלייך מיינע בליקן האָבן זיי געשטאָכן.

כ׳האָב די גאַנצע צייט, אַהיימגייענדיק, געשוויגן און מיט קיינעם קיין וואָרט ניט אויסגערעדט, און פון דעם ווייט־ליגנדיקן אָרט אַהינטער דער שטאָט, וואו אונדזער פּרויען־קאַלאָנע האָט געאַרבעט, ביז מיר זיינען אין שטאָט אַריין, האָב געהאַלטן נאָר אין איין דעם קאָפּ קערעווען און קוקן אַהין, פון וואַנען איך האָב אויף גאולה געוואַרט און ניט געוואוסט ווי אַזוי מ׳דערלאַנגט צו איר.

• • •

יענער טאָג, טייערער טאַטע, איז, דוכט זיך, געווען אַ באַשליסנדיקער אין מיין לעבן... כ׳ווייס ניט, צי דיין גוטער נאָמען האָט מיר דאָ צוגעדינט, צי אַליין די פּאַרקומעניש מיטן אויפזעער האָט צו איינעמס אַ געהעריקנס אויער דערגרייכט און מיין באַגיין זיך מיט יענעם איז גוט אויפגענומען געוואָרן און געפעלן, אַזוי צי אַזוי, נאָר די, וואָס אַרודעווען הינטנאָרום האָבן מיך, אָפּנים, באַמערקט, און אויף מיר אַן אויג געוואָרפן, ניט צום שלעכטן.

כ׳מעג שווערן, אַז יעדעס מאָל האָב איך פון דעמאָלט אָן באַמערקט, ווי עפּעס שפּירט מען מיך נאָך, מ׳גייט מיך פאַרביי און מ׳באַטראַכט מיך אויפמערקזאַם, און ווען מ׳קומט מיך אַריבער, קערעוועט מען זיך אויס און מ׳קוקט מיר נאָך — ניט נאָך מיין שיינקייט, געוויס, נאָר מיט אַ געוויסן אַנדער אינטערעס.

און אָט, גייענדיק איינמאָל אין געטאָ אין אַן אָפּרו־טאָג, האָב איך זיך אָנגעשלאָגן אָן איינעם אַ פּאַרשוין, וואָס ווי נאָר מיר האָבן זיך געטראָפן פּנים אל פּנים, אַזוי האָב איך באַמערקט, אַז די באַגעגעניש איז ניט קיין צופעליקע, נאָר אַז די צייט און דאָס אָרט איז פונעם יענעם אָפּריער געווען פאַראויסגעזען, ער זאָל מיך גראָד דאָ און גראָד איצט באַגעגענען.

ס׳איז געווען אַביסל אין אַ זייט פון די מער־באַלעבטע גאַסן, און אָנקומענדיק מיר אַנטקעגן, האָט דער פּאַרשוין זיך אָן איילנדיקן כאַפּ געטאָן, ווי גלייך ער וואָלט אַקאָרשט געקאָנט פאַרזען, מיך פאַרבייגיין און ניט באַמערקן, און איצט, אַז ער האָט מיך יאָ דערזען, האָט ער מיר אַ זאָג געטאָן:

— גוט, וואָס מיר האָבן זיך מיט אייך געטראָפן...

ס'האָט זיך געהערט אינעם וואָרט „מיר״ ניט ווי ער וואָלט זיך אַליין געמיינט און פאַרגעשטעלט, נאָר ווי ער וואָלט גערעדט אין נאָמען פון עפּעס אַ גרופּע, וואָס האָט אים באַפולמעכטיקט דאָס צו זאָגן.

ס'האָט מיך אי פאַראינטריגירט, אי כ'האָב אויך אַביסל מורא געקראָגן, דערזעענדיק זיך אויג אויף אויג מיט עפּעס פּרעמדלעכן; דאָך האָב איך זיך באַהערשט, און ווי אַ פּרווּ, צו ווען מ'שטייט צו אומבאַקאַנט, מיט אַ געוויסן צוועק — מיט איר זיך צו באַקענען, האָב איך, אַ צוריקגעהאַלטענע, ניט לייכט זיך געלאָזט דערויף, ניט אַזוי גיך אַנטקעגנגעגאַנגען דער געגאַרטער באַקאַנטשאַפט, און אַ פרעג געטאָן:

— און ווער איז עס דער „מיר״?

— שרעקט זיך ניט, פרוילין פלאַראַ. מ'מיינט קיין בייז. און די „מיינערס״ זיינען ניט קיין בערן... מ'קאָן איך, מ'ווייסט פון אייך — און מ'האַלט פון אייך פאַר אַזאַ וועמען מ'קאָן פאַרטרויען.

— יאָ, אָבער, ווער איז פאָרט דער „מיר״?

— דאָס זיינען די, וועגן וועמען איר האָט מסתם ניט איינמאָל געהערט, און וואָס מיר גלויבן, אַז איר וואָלט געוואָלט ניט נאָר פון זיי הערן, נאָר אויך מיט זיי זיך באַקענען... איר שטויסט זיך שוין אפשר אָן... איז אויב איר ווילט, זייט אַזוי גוט, און קומט צו גיין היינט אין אָוונט אַהין און אַהין, און ס'וועט אייך פיל מער קלאָר ווערן.

און דאָ האָט מיר דער, מיט וועמען כ'האָב זיך באַגעגנט, אַ געניטעם און פאַררוקטן אַדרעס איבערגעגעבן פון גאָר אַ פאַררוקטער וואוינונג ערגעץ אין אַ ווייט געטאָ־געסל, וואָס איז, ווי דערנאָך האָט זיך אַרויס־געשטעלט, גאַרניט לייכט געווען צו געפינען; און באַלד ווי ער האָט מיר איבערגעגעבן, אַזוי האָט ער, כמעט אָן אַ זיי־געזונט, זיך אָפּגע־קערט, און גלייך ווי ער וואָלט אָקאָרשט ערשט און צוריק מיט אַ רגע מיט מיר ניט צו טאָן געהאַט, זיך ניט אָפּגעשטעלט און ניט געזאָגט — וואָס געזאָגט, — האָט ער גענומען שפּאַנען און וואָס אייליקער אַוועק אין יענער ריכטונג, אין וועלכער ער האָט זיך בעתן באַגעגענען מיט מיר געהאַט געלאָזט. ער האָט זיך אָבער באַלד ווידער געכאַפּט, איז ווידער צו מיר צו, און ווידער אָן איילִיקן זאָג געטאָן:

— אויב מ'וועט אייך פרעגן, ווען מ'וועט אייך באַגעגענען אויף דער שוועל: „צו וועמען דאַרפט איר?״ — ענטפערט: „צו ראָסין...״ כ'גלויב, אַז איר פאַרשטייט און וועט אַלץ פאַרגעדענקען.

ס'האָט אויסגעזען פאַרדעכטיק און כמעט ווי אין אַ דעטעקטיוו־

ביכל איז געשריבן, און דאַך האָב איך דערפילט אַ פאַרהוילענע ציאונג צו דעם, וועלכער האָט מיך אָפּגעשטעלט און מיר דאָס אַלץ פאַרטרויט, באַשליסנדיק, אַז ס'איז ערנסט און ניט פוסט געמיינט, ווייל אַליין דער מענטש האָט אויסגעזען אַזאַ, וואָס איז ווייט פון פוסט, אַזאַ, וואָס לייכטזין איז ניט זיין באַשעפטיקונג, און אַזאַ, וואָס מ'מעג זיך אויף אים פאַרלאָזן.

דאָס איז געווען בערל בענדער (דער נאָמען ניט זיינער — אַן אויס־געטראַכטער), וועלכער האָט זיך געדוכט צו זיין אַ מענטש פון דער מלאכה — אַ שוסטער אָדער אַ שמיד, ביי וועמען די סימנים פון פאַך בלייבן שטענדיק שטעקן אונטער דער הויט נאָך דעם אַפילו, ווען זיי טוען זיך לאַנג וואַשן... אין דער אמתן אָבער ניט פון דער מלאכה — אַן אינטעליגענט; אמת, אַ דורכשניטלעכער, אָבער דערפאַר אַ טוער פון יענעם קערנדיקן, געבענטשטן סאָרט, וואָס אַלע ניי־אויפקומענדיקע אידייען נויטיקן זיך אין זיי, ווי מיין יונגער שכל זאָגט מיר, ווי אין לופט, מחמת זיי זיינען דאָס די יעניקע, וועלכע רייסן זיך אַריין אין דער אַלט־אָפּגעשטאַנענערווירקלעכקייט, אויף צו מאַכן אָרט, וואָס מער אָרט, פאַר דער נייער, פאַר וועלכער זיי זיינען גרייט אָפּצוגעבן ביז אַ לעצטן אָטעם־צוג.

„דער געבוירענער" — האָט מען אים גערופן אין זיין סביבה, ניט דערזאָגנדיק דאָס וואָרט: „רעוואָלוציאָנער", מחמת מ'האָט עס אַליין באַדאַרפט פאַרשטיין. אַ פאַרשוין, וואָס איז אויסגעווען וואו אַ טורמע אין זיין נאָך פאַר־מלחמהדיקער פויליש־אונטערערדישער פּראַקטיק, טוענדיק פאַר דעם, וואָס די דעמאָלטיקע פוילן — די מדינה האָט עס גאָרניט געהאַט גערן און האָט צוליב ניט לאָזן זיך מערן אַזוינע טוער, אויסגעהאַלטן אַ גרויסן אַפּאַראַט מיט אַ גוט־אָוועקגעשטעלטן שטאַט נאָכקוקער, וועלכע האָבן געהאַט די אויפגאַבע אויפצופאַנגען אַזוינע און זיי „באַזעצן", וואו מ'דאַרף: קליין־וויכטיקע און ווייניקער־שעדלעכע — אין קלענערע טורמעס, און מער־וויכטיקע און מער־שעדלעכע — אין אַזעלכע, ווי אַ קאַרטוז־בערעזע, וואו אויך ער, בערל בענדער, האָט שוין געהאַט די זכיה אַ לאַנגע צייט אַן אָרט דאָרט פאַרנעמען, ווי אַ בכבודיקער תושב...

ער האָט שוין אַריבערגעשפּאַנט ווייט איבער די דרייסיק, און דאָך האָט זיך אין אים ניט געפילט יענע מיושבדיקייט, וועלכע קומט מיט יאָרן און מאַכט דעם מענטשן געזעצטער אין גאַנג. ניין, ער — נאָך שטאַרק רירעוודיק־באַוועגלעך, ניט נאָר אין זיין געוויינלעכן,

האַסטיקלעכן שפּאַן, נאָר ווען מ׳דאַרף, האָט מען געפּילט, קאָן אַזאַ איינער נאָך אַ גאַר־גאַר יוגנטלעכן לויף טאָן — דעמאָלט, ווען ס׳שטייט פאַר אַ סכנה און ווען מ׳דאַרף זיך, למשל, פון ניט־געוואונטשענע הענט אַרויסדרייען.

אַ קרעפּטיקער אין געביין, מיט שוואַרצע שו־וואַקס־אויגן, מיט צוויי הויכע שטערן־ווינקלען אין זיין נאָך שוואַרצהאַריקן קאָפּ, וואָס האַלט זיך פעסט אויף גראָד־פעסטע אַקסל. דערצו מיט פאָלגנדיקע צוויי מעלות באַשאַנקען: אי צאַרט־צוגעלאָזט און געטריי ביז מסירת־נפש צו אייגענע מענטשן פון איין שול און געזינונג מיט אים, און פון דער אַנדערער זייט — מיט דער ברענענדיקסטער שנאה צו די לעצטע שונאים, מיט וועלכע ער האָט זיך לעצטנס אָנגעשלאָגן — מיט די פּרעמדלענדישע אכזריותדיקע באַצווינגער.

אגב, דאָס איז דער, וואָס אויך דו, טאַטע, האָסט, דוכט זיך, געוואוסט פון אים; דער, וואָס, ווי איך בין דערנאָך געוואויער געוואָרן, איז ווען דו ביסט נאָך געווען ביי דיין „אמת״ און די מאַכט האָט געפּאָדערט פונעם „יודען־ראַט״, אומבאַדינגט און אָן שום תירוץ, זען אויסגעפינען און אַרויסגעבן אָט דעם פּאַרשוין, וועלכן זי זוכט שוין לאַנג, ווי אַזאַ, וואָס האָט אַ גאַר־נאָענטע שייכות מיט די געהיים־אַרודעווענדיקע אויפשטענדלער, וועלכע מערן זיך וואָס אַמאָל ווייטער דאָ אין געגנט, און וואָס לויט די זיכערסטע ידיעות, וואָס זי, די מאַכט, האָט, האַלט ער זיך און באַהאַלט זיך אויס טאַקע דאָ ביי איר, דאָס הייסט ביי אונדז, אין געטאָ; דעמאָלט, ווען דו, אַ געצוואונגענער, האָסט לפּנים צוגעזאָגט, און דערביי, ווידער לפּנים, אַפילו געלאָזט אויסרופן אַ גוטן פּרייז, אַ פּרעמיע, כלומרשט, פאַר דעם, וואָס וועט העלפן אים אויפזוכן און אין די געהעריקע הענט איבערגעבן; דעמאָלט אָבער, ניט זייענדיק דערביי, האָסטו, מיט דער הילף פון אייניקע גלייכגעזינטע מיט דיר אָנגעשטעלטע פון יודען־ראַט, כדי ניט צו דערלאָזן אים ווייטער נאָכ־שפּירן און אים האַלטן אין שטענדיקער סכנה, סוף־כל־סוף, אויסגעפונען אַ מיטל אויף אים דערפון צו באַפרייען דורך דעם, וואָס איר האָט דערלאַנגט זיין פּאַספּאַרט, איינגעשמירט אין בלוט, זאָגנדיק, אַז דאָס האָט מען אים געפונען בעתן באַערדיקן די הרוגים נאָך איינער אַ גע־וויסער אַקציע, צווישן וועלכע אויך ער, אָט דער בערל, האָט אַריינ־געטראָפן — אַ סימן, הייסט עס, אַז ער איז שוין ניטאָ און אַז מ׳מעג אים שוין פאַרגעסן.

דאָס איז איינס. און נאָך איינס, אגב, טאַטע: ווען איך זאָל ניט

זיך אַזוי יונג, און ער, אַט דער בערל, ניט אין זיך עלטער; ווען איך, ניט אַזוי ווייניק דערפֿאַרן אין דעם, אין וועלכן ער איז אַזוי גרויס דערפֿאַרן, בין איך זיך מודה, אַז מעגלעך, אַז ער, דוכט זיך, וואָלט אפשר געווען דער, אין וועמען איך, דיין טאָכטער, וואָלט זיך דעם ערשטן געקאָנט פֿאַרליבן.

• • •

דעם זעלבן אויפֿדערנאַכט, אַז כ׳האָב, נאָך לאַנגן נאָכפֿרעגן זיך, אָנגעטראָפֿן אויפֿן אַדרעס, וואָס איז מיר פֿון אים אָנגעגעבן געוואָרן, האָב איך זיך אַריינגעשטעלט אין אַ קליין צימערל פֿון איינער אַ שטאַרק־פֿאַררוקטער שטוב, אַן איינגעטישקעוועטער צווישן ווענט און פֿאַרקנס, וועלכע האָבן זיך האַרט לעבן די שוואַך־באַלויכטענע, אוונטיקע פֿענצטער אָנגעזוען.

כ׳האָב דערזען פֿאַר זיך אַ פּאָר ייִנגלעך, מיידלעך, אַהער צונויפֿ־געראָפֿן, ווייזט אויס, פֿון זעלבן, וואָס איך; אָבער שוין מער היימישע און באַקאַנטע צווישן זיך, ווייל ווי ס׳זעט אויס, האָבן זיי שוין ניט איינמאָל אַט די וואוינונג באַזוכט. זיי האָבן זיך געהאַלטן חבריש איינס מיט איינס, זיך פֿאַרשטענדיקט אויף האַלבן וואָרט, ניט רעדנדיק קיין סך, אי דאָס אויך מער מיט בליקן, ווי מיטן מויל. און דעמאָלט ווען איך בין אַריין, און נאָכדעם ווי גלייך נאָך מיר האָט זיך אויך דער, וואָס האָט מיך איינגעלאַדן, באַוויזן, האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטיקל זיצונג, פֿון וועלכער כ׳האָב זיך דערוואוסט, אַז איך ווער צוגעצויגן צו איינעם אַ פֿינפֿטלינג, וואָס האָט די אויפֿגאַבע ווי אַלע אַזעלכע: פֿון איין זייט, וואָס מער צו שעדיקן אין די געביטן, וואו־ווער ס׳איז באַשעפֿטיקט, דעם, וואָס האָט דאָס אָרנטלעך פֿאַרדינט; און פֿון דער צווייטער זייט — אַרויסצוהעלפֿן מיט וואָס נאָר ס׳איז מעגלעך די, פֿון וועמען מ׳דערוואַרט אַליין געהאָלפֿן ווערן... די לעצטע געמיינט; די אונטערערדיש־אַרודעווענדיקע, מיט וועלכע מ׳האָט אויף אַזאַ אָדער אַנדער אופֿן שוין איינגעשטעלט באַציאונגען, און ווי גרויס ס׳איז ניט די געפֿאַר מיט זיי צו טאָן האָבן און צו זיי צוקומען, האָט זיך דאָך שוין איינגעגעבן זיך צונויפֿרעדן און מיט זיי אַ צוזאַמענשליסנדיקן קאָנטאַקט קריגן, וואָס דריקט זיך אויס, ווידער פֿון איין זייט, אין דעם, וואָס יענע באַקומען פֿון געטאָ, וואָס נויטיק, ווי בגדים, וועש, געווער א. אַ. און פֿון דער צווייטער זייט — אין דעם, וואָס פֿון צייט צו צייט דערלאַנגען יענע אַ האַנט אין געטאָ, כדי פֿונדאַנען וואָס מער קאַמף־

פּיאיקע צו זיך אין די וואַלדיש־אויפשטענדלערישע טיילן אַריבער־צוציען.

דערביי האָט דער, וואָס האָט מיך איינגעלאַדן אויף דער וואוינונג און אויף דער געהיימער זיצונג, מיך פאַרגעשטעלט און פאַררעקאָמענדירט פאַר די איבעריקע, ווי אַן אייגענע, אויף וועמען מ׳מעג זיך פאַרלאָזן; ער איז ערוב פאַר מיר... און באַלד נאָך דעם ווי מ׳האָט שטיל, געשעפּטלעך און אויף אַ גאַר געקירצטן אופן די אַלע אויף דער זיצונג געשטעלטע אויפגעשוואומענע פּראָגעס דערליידיקט, האָט ער צום סוף פון דער זיצונג, און פאַרן צעגיין זיך, מיך אין אַ זייט אָפּגערופן און מיך אַ פרעג געטאָן:

— האַ? צי האָב איך עפּעס קעגן זיין איינלאַדונג?

— ניין, — האָב איך געזאָגט ניט נאָר לפנים, נאָר טאַקע פון אינערלעכער איבערצייגונג, אַז דאָס, וואָס ווערט דאָ געטאָן און פאַרגענומען, איז דאָס, וואָס מ׳דאַרף — דאָס סאַמע ריכטיקע, וואָס אין אונדזער, אַזוי־אויסגאַנגלאָזער, לאַגע איז נויטיק און מעגלעך.

— און צי ווייס איך אויך מיט וואָס די אַרבעט איז פאַרבונדן, ד. ה., די סכנה, וואָס שטעקט דאָ? — האָט ער ווידער געפרעגט.

— כ׳ווייס, און כ׳בין אויף אַלץ גרייט, — האָב איך געענטפערט, פילנדיק שוין דעם אָטעם פון יענער גליקלעכער פריי, אויף וויפיל איך האָב זיך זי געקאָנט פאָרשטעלן און האָבן פון איר אַן אָנונג.

דעמאָלט האָט מיך דער, וואָס האָט מיך איינגעלאַדן, גענומען גענוי אויספרעגן וואו איך אַרבעט, ביי וואָס, צווישן וועמען, און צי וואָלט איך געקאָנט עפּעס ביישטייערן צו דעם, וואָס ווי איך האָב געהערט, ווערט דאָ פון אַלעמען געפאָדערט.

— כ׳ווייס ניט, — האָב איך געזאָגט, — כ׳וועל זען, כ׳וועל באַטראַכטן.

— אויך מיר וועלן זען, — האָט ער אַ זאָג געטאָן, אָנדייטנדיק מיר דערויף, אַז אויב מיין אַרבעטס־פּלאַץ איז ניט גענוג גינסטיק פאַר עפּעס דאָרט דורכצופירן און צו מאַכן, וועט מען אפשר אָפּזוכן פאַר מיר אַן אַנדער פּלאַץ, וואו ס׳וועלן זיין בעסערע מעגלעכקייטן.

מ׳איז זיך צעגאַנגען. איך בין אַוועק אַ שטיק באַפליגלטע פון דעם, צו וואָס איך בין צוגעשטאַנען און וואָס דורך דעם האָב איך דערזען ווי אַן ערשטן דורכלויכט־שפּאַלט אויף צו קאָנען קומען צו יענער טעטיקייט, צו וועלכער איך האָב געגאַרט און זיך געצויגן ביז אַהער, ניט ווייסנדיק ווי זי אָנצורופן.

און פון דעמאָלט אָן, פון יענעם אויפדערנאַכט, פון זינט דער געהיימער זיצונג מיט די ניי־מיר־צוגעקומענע חברים, חברטעס פון איין גורל, האָט ביי מיר, ביי דיין טאָכטער, טייערער טאַטע, גענומען אַרבעטן די זעל און דער מוח אין אַ באַשטימטער ריכטונג — אין דער ריכטונג פון דערפינדערישקייט און פון וועלן זיך אויסצייכענען אין אַ געביט, אויף וועלכן איך וואָלט ביז אַהער קיין הענט און קיין פיס ניט געפונען, ניט האָבנדיק פון אים קיין מינדסטע השגה.

• • •

אין איייניקע טעג אַרום האָבן מיינע חברטעס פון דער אַרבעטס־קאַלאָנע, צו וועלכער אויך איך האָב געקערט, מיך געקאָנט זען טאָן אַ זאַך, וואָס האָט כלל ניט געשטימט מיט מיין פריערדיקער אויפפירונג און מיט מיין גאָר־בייזער פריידיקעריי און מוסר־זאָגן, בעת איך האָב, מיט אַ שטיקל צייט צוריק, מיט אַזאַ אימפּעט אָפּגעשליידערט די האַנט פונעם אויפזעער, נאָכדעם ווי איך האָב באַקומען פון אים געשלאָגן. זיי, די חברטעס, האָבן אין איינעם אַ טאָג געקאָנט זען, פאַרקערט גאָר, ווי עפּעס האָב איך זיך גענומען צופיל שאַרן צו יענעם, ווי גלייך איך וואָלט געוואָלט אויף אַ חניפהדיקן און אויף אַ ביליקן אופן ביי אים חן געפינען און זיך דערדינען צו עפּעס אומפּאַרדינטס...

זיי האָבן געקאָנט זען, ווי בשעת איך האָב אים, ווי דעמאָלט, באַ־מערקט אַ גוט־געשטימטן און אינעם הויכן גראַדוס, נאָך דעם ווי ער האָט „זיינעם ביר" אַריינגעזויפט, און ווען איך בין אים צופעליק ווידער אין אויג געפאַלן און ער האָט מיך אויסגעוויילט פאַר דער, וואָס זאָל אים איצט, אינעם בגילופינדיקן שטאַנד, געפעלן, און ער האָט גענומען קוקן אין מיינע „ביינער" פרעך און שיכור, גאַווערדיק, ווי זיין האַנאָווערישער שטייגער, — אַזוי האָב איך מיט אים, אים אָפּפירנדיק אין אַ זייט, ווי מ׳טוט מיט אַ גאָר־נאָענטן, גענומען פאַר־פירן אַ שטיקל שורם־בורם, וואָס דאָס האָט געוויס געקאָנט אַרויסרופן חשד און אַ גאָר ניט קיין גוט געפיל צו מיר.

ס׳איז טאַקע אַזוי געווען: חברטעס האָבן געקוקט און זיך גע־חידושט, און כ׳מעג שווערן, אַז צו מיין אויער האָבן דעמאָלט דערגרייכט נקמהדיקע, און אָפּילו שאָדנפריידיקע ווערטער פון איייניקע, באַגלייט מיט בליקן אין מיין גאָר ניט פיינער זייט אַריין, וואוהין איך האָב זיך מיטן אויפזעער אָפּגעזונדערט, זאָגנדיק: „זעט, זי, די אַזוי שטרענג־געזינטע, וואָס איז אָקאָרשט־ערשט בלויז פאַר אַ פאַר פשרהדיקע

ווערטער אויף אונדז אָנגעפּאַלן, איז איצט אַריבער צו מער ווי ווערטער — צו פשרהדיקע מעשׂים, וואָס זיינען איר, אַפּנים, צום טעם געקומען.״

— קוקט זי נאָר אָן, — האָבן געזאָגט אַנדערע, — די, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ טייערוניע און אין דער מעלה פון אומבאַפלעקטן ווייסן זיידנס, כאַפּט, דוכט זיך, באַלד אַ פלעק אויפן ווייסן.

ניט ווויסנדיק, וואָס מיט מיר קומט פאָר, האָבן זיי רעכט געהאַט צו פאַראורטיילן מיין איצטיקע אויפפירונג. אין דער אמתן איז דאָס אַלץ, פון מיין זייט, געווען בלויז אַנשטעל אויף צו קאָנען שליסן חבר־שאַפט מיט דעם, וואָס איז מיר געווען ניט ווייניקער דערווידער, ווי זיי, ניט ווייניקער איצט, ווי אויך פריער, אָבער נאָר כדי אַרויסצוציען נוצן פאַר דעם גאָר־וויכטיקן צוועק, וואָס איך האָב פאַר זיך געשטעלט.

די ניי־מיר־צוגעקומענע חברים האָבן זיך דאָך אין אַלץ געגוטיטיקט, און באַזונדערס אין געווער, וואָס איך האָב געטראַכט אַרויסצוקריגן ביים אויפזעער, אין וואָס פאַר אַ צאָל ס׳וועט זיך נאָר לאָזן.

ס׳איז אפשר געווען קינדערש־ריזיקאַליש, אָבער ס׳האָט מיר געדוכט, אַז ס׳איז מעגלעך, אַז ס׳וועט מיר געראָטן, און איך האָב זיך אויך ניט געגאַרט... כ׳האָב, גאָרניט איינשטעלנדיק, אויסער נאָר אַ קליין ביסל נישטיק אויסערלעכע נאָכגיביקייט, אַרויסגעבראַכט אין דער פאָרם פון אַ גוט־צוגעלאָזט, אָפּגאַרעריש וואָרט, סוף־כל־סוף, זיך דערשלאָגן צו קאָנען אַרויסנאַרן, וואָס געדאַרפט, און דווקא ניט אין קיין קליינער צאָל, און דווקא מער, ווי מ׳וואָלט זיך געקאָנט ריכטן.

כ׳האָב איינמאָל, צוויי מאָל די גוט־ברודערשע, גוט־שוועסטערשע שפּיל מיט אים געשפּילט — מיר צום ווידערווילן, און אים — צום קרומפּיסיקן פאַרגעניגן — און דערביי האָב איך, זעענדיק ווי ער צעגייט אין מיין אָנוועזנהייט, שוין אין איינעם אַ נאָענטן טאָג, האָבנדיק די זיכערקייט אין דערפאָלג, געקראָגן די דרייסט אים אַ זאָג צו טאָן:

— הער קוויקענקוואָס, צי קאָן איך זיך דערלויבן ווענדן צו אייַנען מיט איינער ביטע? — און דערביי האָב איך זיך אַ דריי געטאָן מיט אַ געמאַכט־חנדלענדיקער מינע, זיס אַ־לאַ קאַנדל־צוקער...

— אָך, ווי... אָך, ווי האָבן זי דאָס געזאָגט? — „הער קוויקענ־קוואָס? — האָט ער זיך צעקייכט פון געלעכטער דערפון, וואָס איך האָב, קלאַמפּערשט על־פּי־טעות, אַרויסגערעדט זיין פאַמיליע־נאָמען ניט ריכטיק, ווייל אין דער אמתן רופט מען אים גאָרניט קוויקענ־קוואָס, נאָר „הער פּוטערפּאָס״, — פיר זי, פאַר מיר, הייסט עס, — איז ער גרייט אין פייער און אין וואַסער, — האָט ער זיך מילד צע־

גאַרטלט און צעלייגט, — פאַר פרוילײן פלאַראַ איז ער אַפילו גרייט „איין קליין ביסכען" אין זיינער „פּראַו", וואָס אין האַנאָווער, צו פאַר־געסן, — האָט ער געזאָגט, און האָט די איינציקע לוין און באַגיטיקונג צוריק פון מיר באַקומען — בלויז די דערלויבעניש לעמעליש־פאַר־ליבט אויף מיר צו קוקן...

— יאַ, אָבער אין וואָס באַשטייט מיין ביטע? — האָט ער זיך גע־כאַפּט צו פרעגן.

— אָט אין וואָס: אַזוי ווי אים איז באַוואוסט, אַז אַלע „יודען", אַזוי מאַנצבילן, אַזוי פרויען, זיינען פאַראורטיילט פון די זייניקע אויף „הערונטערגעשמעלצט" צו ווערן, ד. ה. אויף אומקומען, איז וואָלט זי, פלאַראַ, געוואָלט, אַז ווען ס'וועט קומען איר ריי, זאָל זי זיך דאָס קאָנען מאַכן אַליין און זיך פאַרשפּאָרן שטעלן אונטער דער קויל פון די, וואָס מאַכן דאָס אין הורט און אונטער קולי־קולות פון גרויסע מאַסן, וואָס ווערן צוזאַמענגעטריבן אין דער צייט פון אַן „אַקציע".

דעם הער קוויקענקוואָס האָט זיך עס געלייגט אויפן שכל... ער האָט זיך אַ ווײלע נאָר ווי אויסגעניכטערט און גענומען שטיל צעקייען, וואָס מ'האָט אים אַקאָרשט־ערשט דאָ פאַרגעשלאָגן, און איינשטימענ־דיק און אָפּגעבנדיק מיר דעם רעכט, ווי איעדער בר־דעת, וואָס רעדט צו דער זאַך, האָט ער נאָר אַ פרעג געטאָן:

— איז אין וואָס־זשע, אייגנטלעך, באַשטייט פּאָרט מיין בקשה? אויב איך וויל דאָס מאַכן אַליין — איז ווער לאָזט מיך ניט? זאָל איך... כאָטש ווי ער ווייסט, מאַכן דאָס די „דויטשע סאָלדאַטן" אויך גאַרניט שלעכט...

— פאַרשטייט ער זי, דער הער אויפזעער, — דערצו מוז מען אָבער האָבן מיט וואָס דאָס צו מאַכן — שיס־געווער... און זאָל ער ניט מיינען, אַז זי מיינט דאָס צו קריגן ביי אים, גאָט באַוואַר, אומזיסט. זי איז גרייט צו צאָלן מיט וואָס נאָר זי פאַרמאָגט און וואָס נאָר אין איר רשות געפינט זיך: מיט די בעסטע קליידער, וואָס זיינען איר געבליבן, נאָכדעם ווי מ'האָט דעם איריקן עולם באַנומען, און וואָס איר האָט זיך איינגעגעבן אויסצובאַהאַלטן; אויך מיט אַ קליין ביסל צירונג, וואָס האָט זיך ביי איר פאַרהיט, און וואָס וועט געוויס, ווי אַ פיין געשאַנק, גערן אויפגענומען ווערן פון דער „פראַו" פונעם הער אויפזעער, וואָס איז אין האַנאָווער.

— זאַ, — האָט דער שיכורלעכער אויפזעער, דערשמעקנדיק געשעפט, גענומען וועגן און מעסטן אין קאָפּ איינס קעגן איינס — די

לוינבאַרקייט פונעם פאַרשלאַג מיט דעם קליין שטיקל געפאַר, וואָס קאָן זיך דאָ פאַר אים באַקומען ביים אַרויסקריגן פאַרבאַהאַלטענערהייט, פאַרשטייט זיך, דאָס, וואָס ס׳פאָדערט זיך פון אים.

— זאָ. — האָט ער געזאָגט, ניט דערזאָגנדיק, און מ׳האָט געזען ווי דער פאַרשלאָג האָט אים פאַרשמעקט און אַז זיין זשעדנע באַגערנ־דיקע פישל איז שוין אויף אַ האַלב פון ווערעמל, וואָס אויף מיין ווענטקע, פאַרכישופט צוגעצויגן, אויף ניט אָפּצוטרעטן און אויף זיך, סוף־כל־סוף, לאָזן פאַנגען.

און ס׳איז אַזוי געווען. אין איינעם אַ נאָענטן טאָג האָט דער הער אויפזעער, שוין דווקא ניט אין שיכור שטאַנד, נאָר אין אַ ניכטערער, אויסגעמאַנקירט אַ צייט, ער זאָל מיך אָפּרופן אָן אַ זייט, מיט אַ וואונק, אַז אַנדערע זאָלן אונדז ניט באַמערקן, און פאַרשטעלטערהייט, האָט ער מיר אָפּגעשטעקט אַ קליין שטיקל געווער — אַ רעוואָלווער פון אַ געוויסער סיסטעם, באַקומענדיק דערפאַר, פון מיין זייט, צוריק באַצאָלט מיט אַ פרויען־חפץ, וואָס ער איז לאַנג מיט אים פאַרשטעקט געבליבן און מיט טענדלערישער מבינות אים אין די הענט געדרייט און מיט די אויגן געשאַצט, וועלנדיק וויסן אויף וויפיל ער וועט דאָרט, אין זיין האַנאָווער „ביי זיינער פראַו״, אויסנעמען. ער איז אַרויס צו־פרידן. און דערפאַר איז פון דעמאָלט אָן, פונעם ערשטן מאָל מסחרן מיט אים, דער שליסל צו זיין אויפזעערישער געשלאָסנקייט ביי מיר אין דער האַנט געווען אויף צו קאָנען צוטרעטן צו אים מיט מער דרייסט, ווען מ׳דאַרף: איינמאָל, נאָך אַמאָל און אַ סך מאָל, אָן מורא, אַז ער זאָל מיך אָפּשליידערן, אָדער גאָר אַרויסגעבן.

ער האָט זיך דאָך דאָ, אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין, אין אַ פאַר־באַטענעם האַנדל אַריינגעלאָזט, וואָס ווען מ׳דערוויסט זיך, וואָלטן די פאָלגען פאַר אים ניט ווייניקער געפערלעך געווען, ווי פאַר מיר, וואָס איך האָב אים אָנגערעדט און אין שותפות אַריינגעצויגן.

אַ צווייט מאָל האָב איך געזאָגט, אַז דאָס זעלבע, וואָס איך, באַ־גערט אויך מיין שוועסטער זיך צו דערווערבן, און ווידער, נאַטירלעך, ניט אומזיסט, נאָר אויב ער וויל, איז פאַר געלט, און אויב ניט, איז פאַר פרויען־זאַכן.

אוי גאָט, אוי טאַטע טייערער! ווי שווער אָט די שפּיל איז מיר ניט אָנגעקומען, ווי אומריין כ׳האָב זיך ניט געפילט ביים מסחרן מיט אים, ביים בייטן זיך און עפּעס פון זיין האַנט אין מיינער אַריינבאַקומען, האָט זיך דאָס אַלץ אָבער דאָך אויסגעקויפט מיט דער שיינענדיקער

צופרידנקייט, וואָס פּלעגט זיך באַווייזן אין די אויגן פון די מייניקע אינעם פינפטלינג, ווען איך פלעג, נאָך גרויסער סכנה ביים דאָס דורכ־טראָגן דורך דעם באַוואַכטן געטאָ־טויער, וואו מ׳פּלעגט אַלעמען באַזוכן, זיך דאָך מיט דעם אַרויסקריגן, און ווען אין אַלעמענס אויגן, קוקנדיק אויף דעם, האָט אויפגעשיינט אַ שטיק יום־טוב... ס׳איז דאָך ניט קיין קלייניקייט: געווער, וואָס אָן דעם איז מען גול, אָן הענט און צו גאָר־נישט ניט גערעכנט...

ס׳האָט זיך מיר איינגעגעבן אַרויסבאַקומען, וויפיל גאָר ס׳האָט זיך געלאָזט, און דערצו נאָך כמעט אָן ריזיקע אויפגעדעקט אָדער אַרויסגעגעבן צו ווערן, מחמת דאָס שותפות פונעם הער קוויקענקוואַס האָט געדינט פאַר אַ גאַראַנטיע, אַז אַלנפאַלס, די ערשטע העלפט אָפּע־ראַציע, ביז צום אָנקומען צום געטאָ־טויער, וועט דורכגיין בשלום.

סוף־כל־סוף האָט זיך אָט דער קוואַל אויסגעשעפּט. צי מ׳האָט דעם הער אויפזעער איבער אַנדערע סיבות פון זיין אַמט אָפּגערופן, צי ער האָט אפשר טאָקע אויך אַ שטיקל חשד צו זיך דערוועקט — ווייס איך ניט. דעמאָלט האָבן די אונדזעריקע געפונען פאַר נויטיק אויף מיך פון מיין אַרבעט־פּלאַץ אַוועקנעמען און מיך איינאָרדענען אויף אַן אַנדערן, וואו אויך דאָרט האָב איך געטאָן, וואָס אין די נייע באַדינגונגען איז מעגלעך געווען, אויף ווידער אַרויסצוהעלפן אַנדערע, כדי דערנאָך אַליין געהאָלפן ווערן.

ווייל ווירקלעך: איניקע זיינען שוין מיט דער הילף פון די אין די וועלדער זיך געפינענדיקע חברים דורך צוימען פון געטאָ אַריבער־געצויגן געוואָרן, און אַנדערע שטייען דערווייל נאָך אין דער ריי. מען זאָל מיט זיי אויך טאָן דאָס זעלבע, אין פאַל, ווען אַ גוטער, גינסטיקער מאָמענט דערצו וועט קומען.

און אויך איך בין אין דער ריי. כ׳געפין זיך דאָך אונטער דער פּרוּאוו און אויפזיכט פונעם אָנפירער פון אונדזער פינפטלינג, וואָס האַלט מיך, ווי איך באַמערק, אין אויג, און וואָס פון צייט צו צייט טו איך פון די קורצע געהיימע באַגעגענישן און פון זיין באַציאונג צו מיר אַרויספילן, אַז איך בין ביי אים פאַררעכנט פאַר ניט פון די ערגסטע, און אַז זיין צוטרוי צו מיר, ווי צו אַ צוגעצויגענער, האָט זיך אַרויס־געוויזן פאַר באַרעכטיקט... איז אַלזאָ, בין אויך איך אין דער ריי.

טאָג . . . חודש . . . יאָר . . .

טייערער טאַטע. און איצט געזעגן איך זיך, דוכט זיך, מיט דיר.

ס׳קומט די אַנטשליסנדיקע שעה, ווען כ׳דאַרף אַריבער פון באַוואוסטן אין אומבאַוואוסטן — אין וואַלד, וואו איך וועל האָבן צו באַגעגענען מיט אַזאַ סאָרט דערפאַרונג, וואָס אין קיין ביכל איז ניט פאַרשריבן און אין קיין קעגנשטאַנד אין קיין שול צום שטודירן. און אַ שאָד, אַ שאָד... בענטש מיך, טאַטע.

אָט וואָס ס׳איז לעצטנס פאָרגעקומען. ס׳האָט מיך איינמאָל אין אַן אָוונט, קומענדיק צום פינפטלינג אין אונדזער ווייט־פאַררוקטער און געהיים־געהאַלטענער וואוינונג, בערל בענדער אין אַ זייט אָפּגע־רופן און מיר אַ זאָג געטאָן, אַז ווען אַלע וועלן זיך צעגיין, זאָל איך מיט אים אויף אַ קליינער ווײַלע אַליין פאַרבלייבן: ער האָט מיט מיר עפּעס איבערצורעדן.

כ׳האָב, בלייבנדיק מיט אים אַליין, זיך דערוואוסט, אַז מ׳האָט באַ־שלאָסן בקרוב אַרויסשיקן מיך מיט אַ גרופּע געטאָ־חברים, אָבער ניט סתם, ניט געוויינלעך, נאָר מיט אַ מיסיע, וואָס ווערט מיר מיטגעגעבן אין וועג.

— אַן ערנסטע, זייער אַן ערנסטע, — האָט בערל בענדער, מיר דאָס פאַרטרויענדיק, צוגעגעבן.

די זאַך איז באַשטאַנען אָט אין וואָס:

אין געהיימען צענטער פון די אונטערערדישע אָנפירנדיקע געטאָ־טוער און פון אויסער דער געטאָ האָט זיך אַריינגעכאַפּט אַ פאַררעטער. ער האָט זיך צוערשט גרויס צוטרוי דערוואָרבן, שאַפנדיק, לפנים, וואונדער אין די געהיימע אומשטענדן, דורכשלייכנדיק זיך אונטער דער נאָז פון אַלערליי נאָכשפּירער מיט אַלערליי פאַרבאָטענעם, אָן שום שאָדן פאַר דער זאַך. ער האָט אַלץ, וואָס ס׳האָט זיך געפאָדערט, דורכגעפירט ווי ס׳געהער, פאַרבלענדנדיק די אויגן פון די אייגענע, כדי די פאַרגלויבטקייט אין אים זאָל שטייגן אָן אויפהער, און כדי ס׳זאָל אויסגעשלאָסן זיין, אַז וואָסער ניט איז שאָטן פון אַ וואָסער ניט איז פאַרדאַכט זאָל ווען ניט איז אויף אים פאַלן. ער האָט צוערשט, צוליב פאַררעטערישע צוועקן, טאַקע באמת גרויס נוצן געבראַכט, מיט איינשטעלן דרוקערייען, מיט איינאָרדענען ראַדיאָ־פּונקטן און מיט איבערפעקלען אַלץ, וואָס נויטיק, פאַר די, וואָס קוקן אומגעדולדיק אַרויס אויף דעם, ביז אַפילו אַריבערפעקלען מיט גרויס־כלומרשטער געניטקייט און באַהאַוונט זיין אין דער זאַך פון וועגווייזעריי, גאַנצע גרופּעס געטאָ־איינוואוינער, יוגנטלעכע, ווי אויך עלטערע, וועמען מ׳האָט באַשטימט אַריבערפירן.

ס'איז קיינעם אויפֿן זין ניט געקומען, אַפֿילו ווען אַ דורכפֿאַל פֿלעגט זיך מאַכן, אים, דעם אַזוי געטרייען, דעם אַזוי איינשטעלער אונטערן שפּאַקטיוו צו נעמען, אים בודק זיין, וועלנדיק אין אים אויס־געפֿינען פֿאַרראַט־באַצילן. אַזוי אַלע, אויסער איינעם, בערל בענדער, וואָס פֿון דער ערשטער מינוט אָן, ווען ער האָט זיך מיט אים אויף אַ צוזאַמענקום מיט חברים געטראָפֿן, האָט ער באַלד אויף אים אַן אומחן געוואָרפֿן, ניט וויסנדיק פֿאַרוואָס, אָדער בעסער געזאָגט: יאָ וויסנדיק. אַן אויסערגעווײנלעכער, טיף־איינגעשאַפּטלעכער חוש, וואָס קומט פֿון פּראַקטיק פֿון אַ לאַנג־יעריקער, אונטערערדישער שול דורכ־מאַכן, האָט אים גלייך אונטערגעזאָגט, אַז מ'האָט דאָ צו טאָן מיט אַ פֿויגל מיט פֿרעמד־פֿאַרפּוצטע פֿעדערן.

דער פֿאַרשוין — נאָך אַ יונגער, פֿאַר די דרייסיק, אָבער עפּעס שוין איבעריק געפֿאַקט אין קאַרק, אין דער ברוסט, אויך העכער דער ברוסט מיט איבעריק פֿלייש און פֿעטס; מיט אַן אומקלאָרן, שמאַלציק־צעשוואומענעם בליק; אויך מיט אַ צו־גראָבער, אונטערשטער צע־שפּאָלטענער ליפּ, מיט אַ ווייס־דורשטיק שרינטעלע אינדערמיט; האָלט זיך פֿריי, אויפֿגעבונדן, און דאָך מאַכט ער דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט ערגעץ פֿאַרשפּיליעט געוואָרן אויף הינטן, אויפֿן רוקן — פֿאַרקערט ווי אַלע מענטשן.

אַז בערל בענדער האָט אָט דעם פֿויגל דערזען, האָט ער גלייך דערפֿילט, אַז יענער האָט פֿאַרדינט, אַז ניט געקוקט אויף אַלע זיינע פֿאַרדינסטן, זאָל מען אויף אים פֿון צייט צו צייט דווקא יאָ דעם שפּאַק־טיוו אָנשטעלן און יאָ בודק זיין מיט פֿאַרדאַכט אויף באַצילן.

ער האָט גלייך דעמאָלט וועגן דעם מיט זיינע נאָענט־באַגלויבטע חברים זיך געפּרואווט טיילן; אָבער אַזוי ווי אַלע זיינען אומגעהויער באַגייסטערט געווען פֿון יענעמס אויפֿטוען ביים לייזן די שווערסטע אויפֿגאַבן, וועלכע מ'האָט אים פֿאַרגעבן, אַזוי אַז פֿון וועגן צווייפֿלען אין אים האָט ביי קיינעם פֿון די חברים קיין שום רייד ניט געקאָנט זיין — האָט דערום אָט דער בערל באַקומען פֿון אַלעמען אַזאַ סאָרט אָפּשניט, אַז ס'האָט געהאַלטן דערביי, אַז מ'זאָל פֿאַרקערט, אים, בער־לען אַליין, האָבן חושד געווען, אַז ער מיינט אַ געטריי־נוצלעכן טוער באַזייטיקן, צוליב, חלילה, — נאָר אייגענער אומגעטריישאַפֿט...

אַז ס'איז שפּעטער געשען אַ דורכפֿאַל, האָט מען אַלע דורכקאָנ־טראָלירט, אפֿשר . . . אויסער אים, וואָס מ'האָט אויף אים אַפֿילו אין זיין זייט ניט געקוקט, פֿון גרויס בטיחות, אַז ס'איז ניטאָ וואָס צו קוקן...

און אַזוי אויך דאָס צווייטע מאָל. די לעצטע צייט אָבער, ווען עס איז געשען אַזאַ מוראדיקער בראַך אינעם גאַנצן אונטערערדישן בנין, אַז ס׳האָט אַלעמען אויפגעשיטערט זעענדיק, אַז אָט־אָט וועט מען זיך שוין צו די לעצטע דערקלייבן, האָט מען זיך ערשט דעמאָלט געכאַפּט אַ צווייפל טאָן אויך אין יענעם, און ווען מ׳האָט אויסגעפונען צוערשט בלויז איינעם אַ קליינעם דעמאַסקירנדיקן פאָדעם, האָט מען זיך באַלד צו דעם גאַנצן פאַררעטערישן קנויל דערביוועט: מ׳איז אָנגעפאַלן אויף אַ שפּור, וואָס דורך אים איז מען דערגאַנגען, אַז אַלץ, וואָס איז פריער געהאַט געשען, שטאַמט פון אים: זיין האַנט, זיין מלאכה... מ׳האָט אָבער פון פאַרזיכט־וועגן זיך ניט וויסנדיק געמאַכט, כדי יענער זאָל, דערזעענדיק, אַז סיי־ווי וועט ער שוין מער ניט קאָנען זיין צוויי־פּנימדיקע שפּיל פאַרזעצן, ניט וועלן מיטאַמאָל, מיט איין מאַך מיט דער האַנט, אַלץ מיט אַן אַנדער אַרויסגעבן און די גאַנצע אונטערערד ביז ענד ליקווידירן. מ׳האָט דערום באַשלאָסן אים באַזייטיקן... נאָר כדי ער זאָל זיך וועגן באַשלוס ניט אָנשטויסן, האָט מען זיך געמאַכט ניט וויסנדיק פון גאַרניט און די כלומרשט־חברשע באַציאונגען מיט אים אָנגעהאַלטן אויך אויף ווייטער. און פאַרקערט, מ׳האָט אים צולעצט נאָך מיט אַ זייער פאַראַנטוואָרטלעכער שליחות באַפולמעכטיקט, וואָס מ׳איז זיכער געווען, אַז ער וועט זי אָננעמען, זייענדיק פאַראינטערע־סירט צו קאָנען בלייבן דאָס, וואָס ביז אַהער, ד. ה. פאַררעטעריש־פאַרמאַסקירט, כדי צו האָבן די מעגלעכקייט אויך ווייטער טאָן און שאַפן לטובת די, וועמען ער האָט פאַר גוט געצאָלט געדינט.

מ׳האָט באַשלאָסן, ווידער מיט זיין הילף און אונטער זיין אָנפירונג, אַריבערפעקלען אַ גרופּע חברים אַהין, וואוהין נויטיק, אַזוי ווי מ׳האָט דאָס טאַקע שוין ניט איין מאָל דורך אים דורכגעפירט, און ניט אַן דערפאָלג.

מ׳האָט דאָ געוואָלט דערגרייכן צוויי צילן מיטאַמאָל: אי דורכ־צופירן און אַרויסברענגען פון סכנה די חברים, וועלכע האָבן מער לענגער שוין דאָ ניט געטאָרט פאַרבלייבן, און אין דער זעלבער צייט, זאָל מען דעם פאַרשוין אַליין אונטערפירן און אים איבערענטפערן אין די הענט פון די, וועלכע וועלן זיך שוין מיט אים באַגיין ווי געהעריק — אים אומשעדלעך מאַכן.

ס׳איז געווען אַ שווער שטיקל אַרבעט, אַ כמעט ניט־געוועזענע ביז אַהער אין דער פּראַקטיק אַפילו פון זייער געניטע און אויפן שאַרף

פון מעסער גייענדיקע אונטערערדלער: אויסנוצן אויף אַזאַ סאָרט אופן אַ פאַררעטער — אים צום אומקום און זיך לטובה...

ס׳איז געווען, ווי געזאָגט, נאָך אַ שווערן בראָך, ווען די גאַנצע גרופּע זייער טיכטיקע און אויסגעשפּילטע קינסטלער פונעם אונטערערדישן פאָך זיינען אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די, וועלכע האָבן שוין לאַנג אויף זיי אַרויסגעקוקט זיך צו קאָנען די הערצער קילן און זיי אַרויסשטעלן אַלס מוסטער, צום באַווייז, וואָס פאַר אַ סוף ס׳וואַרט אויף אַזוינע, וואָס די קעפּ זייַנען ביי זיי ביליק.

צווישן זיי, צווישן מאַנצבילן און פרויען — אויך איינע, גאָר אַ יונגע, מיט שטאַרק־צעעפנטע, תמיד זיך וואונדערנדיקע אויגן, אונטער אַ הויכלעך־ווייסן, אומשולדיקן שטערן, מיט תמיד פאַרלייגטע בייגל־צעפּ אַרום קאָפּ, ווי אַ קריינדל, וואָס אויך איך האָב זי געקענט און האָב זיך קיינמאָל ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז אַזאַ איינע קאָן האָבן אַ וואָסער ניט איז שייכות צו דעם, וואָס זי האָט באמת יאָ געהאַט — און נאָך אַ מין האָבן!

אויסזעענדיק אומשולדיק־קינדעריש, איז זי געווען מייסטער אויף צו קאָנען אַרויסטראָגן, דורך די סאַמע אויסגעהיטסטע ערטער דאָס געדאַרפטע, מאַכנדיק דעם איינדרוק אויף די, וואָס האָבן, לויט זייער אַמט, ניט געטאָרט דורכלאָזן קיינעם אַן גוט באַקוקן, אַן רעכט צו באַטאַפּן, — אַז זיי האָבן פאַר זיך, משטיינס־געזאָגט, אַ תם, אויף וועמען ס׳לוינט זיך ניט צו קוקן, ווייל וואָס ווייסט אַזוינס...

און זי האָט שוין דווקא יאָ געוואוסט. דערפאַר האָט מען זיך אין איר באַזונדערס נוקם געווען — סיי די, וואָס האָבן מיט איר צו טאָן געהאַט בעת די אויספרעגן און בעת דער דערבייאיקער פּייניקונג, בעת וועלכן זי האָט ווידער געוואָלט שפּילן די ראָל פון תם; און סיי די הענקער דערנאָך, וואָס האָבן אָדער אויף אייגענער אחריות זיך צו דער משונהדיקער עקזעקוציע דערטראַכט, צי אָדער זייער אייגענער קאָפּ אַליין האָט דערויף ניט געטראָגן, און זיי האָבן באַקומען אַ באַפעל, ווי אַזוי זייער זאַך אויסצופירן, פון אַ העכערן און מער־ראַפינירטן און אויסגעקליגלטן הענקער...

מ׳האָט זי אויפגעהאַנגען האַלב־נאַקעט, אַן די אויבערשטע טייל קליידער, און צו אירע צוויי לאַנגע צעפּ, וואָס מ׳האָט זיי איר אויף איבער דער ברוסט אַריבערגעוואָרפן, האָט מען אַנגעבונדן צוויי טויטע שטשורעס, צום פּוץ־פּאַראַד און שענדונג... אַט אַקוראַט, ווי איך האָב אַמאָל געלייענט אין אונדזער געשיכטע, ווי אַזוי ס׳האָבן זיך אויפגעפירט

די אור־עלטערן פון די איצטיקע הענקער, אין אַ צוועלפטן, דרייצנטן יאָרהונדערט, אין איינער זייער אַ באַוואוסטער שטאָט שפּייער, אין איינעם אַן ענלעכן פאַל, מיט איינער אַן אַנדער יונגער יידישער טאָכ־טער.

אַלע האָבן זיך דערפילט באַטריבט און דערשלאָגן, ניט געקוקט, וואָס קיינע גרוילטאָטן האָבן שוין אין אונדזערע באַדינגונגען קיינעם ניט געקאָנט איבעראַשן. באַזונדערס האָבן זיך אַזוי געפילט די אייגענע, גאָר־נאָענטע, די וואָס האָבן מיט איר אין געהיים צוזאַמען געאַרבעט און וואָס האָבן זיך אין אירע אַרטיסטישע פעיִקייטן גע־שפּיגלט און זיך געריכט מיט איר, ווי מיט אַן אבן־טוב. און גאָר באַזונדערס האָט זיך אַזוי געפילט דער אויבנדערמאָנטער בערל בענדער, אי דערפאַר, וואָס ער איז געווען דער, וואָס האָט דער ערשטער וועגן דער סכנה, וואָס מ׳האָט צו דערוואַרטן פון דעם פאַררעטער־פאַרשוין, אַלאַרמירט; אי דערפאַר, וואָס זי, אָט די אונטערערדישע אַרטיסטין, האָט זיך, דוכט זיך, אוממיטלבאַר אונטער זיין אויפזיכט און אָנפירונג געפונען — אויך אַזאַ, ווי איך, אַ מיטגליד פון אַ פינפט־לינג, וועלכע מ׳האָט ביי אים איצט, ווי אַ שטיק לייב מיט אַן אָפּצווייגונג אַרויסגעריסן.

און אָט, נאָך אָט דער געשעעניש, וואָס איז אַלעמען באַוואוסט געוואָרן, סיי אין שטאָט, סיי אין געטאָ, און וואָס האָט אָבער באַזונדערס אָנגעגרירט און געטראָפן די, וועמען ס׳האָט דערוואַרט דער זעלבער גורל, וואָס יענע אַרטיסטין, — אָט דעמאָלט איז בערל בענדער, ווי דערציילט, אין יענעם אָוונט, אין יענער געהיים־פאַררוקטער וואוינונג מיט מיר אַליין פאַרבליבן און מיר דערציילט וועגן אָנגענומענעם באַשלוס בסוד; און דערביי האָט ער צוגעגעבן, אַז אויך איך וועל מיט דער אַרויסגעפירטער גרופּע געשיקט ווערן, אָבער צוזאַמענ־זייענדיק מיט אַלע, וועל איך אויף זיך אַ ספּעציעלע מין מיסיע מוזן נעמען.

— אַן ערנסטע, זייער אַן ערנסטע, — האָט ער צוגעגעבן, ניט זאָגנדיק אין וואָס זי באַשטייט.

זי איז באַשטאַנען אין דעם, מ׳זאָל, גייענדיק מיט דעם פאַרשוין, אים האַלטן צוגעבונדן — ניט מיט שטריק, נאַטירלעך, נאָר מיט אַן אַנדער אינטערעס, דורך וועלכן ער וועט זיך לאָזן ציען...

יאָ, אגב, אָננעמענדיק דעם באַשלוס וועגן אַרויסמשלחן און אומ־שעדלעך מאַכן דעם פאַרשוין, האָבן די אָנפירנדיקע חברים באַפול־

מעכטיקט אַלעמען, און באַזונדערס בערל בענדער, וועלכער האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַזוי פּיאיק ביים דערקענען דעם פאַררעטערישן ריח, וואָס זעצט פון אַזוינע, — זיך צו דערוויסן וועגן זיינע נטיות, ליידנשאַפטן, אַדאַנק וועלכע אַזאַ איינער גליטשט זיך אָפּט אויס, און וועלכע דינען פאַר דער סיבה, דורך וועלכער ער לאָזט זיך פון ווענען ס'ניט איז פאַנגען.

מ'האָט זיך דערוואוסט: פּרויען איז זיין שוואַכקייט... אַ טיף־צע־לייגטער, וואָס זיין פאַרטונקלטער בליק און זיין טרוקענע, עטוואָס אין דער מיט אַנגעשפּאַלטענע, אונטערשטע ליפּ ווערט אויפדערלויכטן און פעטלעך אויפגעלעבט, ווען ער טרעפט זיך צוזאַמען מיטן צווייטן מין, וואָס האָט אויף אים גרויס ווירקונג און מאַכט אים זיך פאַרגעסן ביז שיכרות און קאַפּשווינדל.

— פרויען? — האָב איך אַ פרעג געטאָן, אויסהערנדיק בערלען און באַנעמענדיק, וואָס ער מיינט.

— יאָ.

— איז וואָס פאַדערט זיך פון מיר?

דערויף, אויף אָט דער פראַגע, איז פון בערלס מויל קיין ענטפער ניט געקומען. ער האָט אַפילו אייניקע רגעס די אויגן צו די שפּיץ שיך אַראָפּגעהאַלטן פון בושה, פון פאַרלעגנהייט און פון ניט האָבן וואָס צו זאָגן. און אָט די געציילטע, שווייגנדיקע פאַרלעגנהייט־רגעס וויל איך, טאַטע, אויסנוצן אויף צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער צו זיין פאַר־טיידיקונג.

ס'איז אים אַוודאי ניט לייכט געווען צו קומען צו מיר מיט אַזאַ סאָרט פאַרשלאַג, — אים, דעם וועמען כ'האָב, דאָס ערשטע מאָל אים דער־מאָנענדיק, אַזוי אויסגעלויבט. און וואָס, ווי איך האָב געזאָגט, איז ווען איך זאָל ניט זיין אַזוי יונג און ער — ניט אין זיין עלטער, ווען איך ניט אַזוי וויט־שטייענדיק פון דעם, פאַר וואָס ער איז גרייט זיין לעבן שטרעקן, וואָלט איך געקאָנט זיין די, וואָס וואָלט די ערשטע זיך אין אים פאַרליבט. ער, דער אַזוי זיטלעכער, אין וועמען איך זע איין איינעם פון יענע, וועלכע טראָגן מיפּול און מיט שוויס די ערשטע שטיינער פאַר אַ נייעם בנין, וואָס דער רוב האָט נאָך פון אים קיין אַנונג. מערער: ניט בלויז זיי זיינען די טרעגער פון די שטיינער, נאָר זיי זיינען אָפּט גרייט זיך אַליין אין די גרונט־גריבער, אין די פונ־דאַמענטן זיך פאַר שטיינער לייגן, וואָס זיי טוען דאָס טאָקע אָפּט.

און דאָ, נאָ דיר גאָר ער, בערל — און אַזאַ פאַרשלאַג, מיט וועלכן מ׳קומט ניט צו קיין ערגסטן אַפילו...

— נייִן, — האָט ער זיך געכאַפּט, נאָכן עטוואָס לענגלעכן שווייגן אין פאַרלעגנהייט און אַראָפּקוקן צו די שפּיץ שיך אין בושה. — ער מיינט, חלילה, ניט קיין בייז... זאָל איך אים שלעכט ניט פאַרשטיין. וואָלט ער מיך געהאַלטן פאַר צו שוואַך און ווייניק שטאַנדהאַפטיק, וואָלט ער מיך, נאַטירלעך, מיט אַזאַ סאָרט מיסיע ניט באַאויפטראַגט. אָבער אַזוי ווי ער איז זיכער אינעם היפוך: אַזוי ווי ער האָט פאַר דער קורצער צייט פון אונדזער באַקאַנטשאַפט באַוויזן מיך אָנקוקן און אויסשטודירן מיין כאַראַקטער, אויף וויפיל ס׳איז אים געווען מעגלעך, און אויף וויפיל ניט — האָט ער אויך ביי אַנדערע, וואָס קענען מיר נעענטער, זיך אָנגעפרעגט — אויף אַזויפיל האָט ער אויך געקריגן דאָס בטיחות, אַז זיין אונטערנעמונג איז ווייט פון געפערלעך, און אַז איך וועל דורכפירן דאָס, וואָס ס׳פאָדערט זיך פון מיר, אי זיך ניט צו שאָדן און אי דער אַלגעמיינער זאַך לטובה.

— די צייט, — האָט ער געזאָגט, האַלטנדיק דעם קאָפּ אַראָפּ, — איז דאָך, ווי איך ווייס, אָן אויסערגעוויינלעכע, די אומשטענדן — פול פאַראַנטוואָרטלעך, — און נו, איז אויב אַזאַ פאַל, מוז מען דעמאָלט פאַרבויגן אַפילו אַזאַ שטיק געוויסן, וואָס אָן אַנדערש מאָל לאָזט מען זיך בעסער אַ האַנט אָפּהאַקן, און גאָר אַמאָל — אַפילו דעם קאָפּ.

— אָבער, — האָט ער ווייטער געזאָגט, רעדנדיק ווי צו זיך אַליין און פאַרענטפערנדיק זיך פאַר זיין פאַרבויגענעם געוויסן, — זאָל איך זיך ניט שרעקן... איך וועל ניט זיין אַליין, נאָר אין דער געזעלשאַפט פון חברים, וועט חלילה, יענער וועט זיך וועלן מנובלדיק צעגיין... און די גאַנצע מיין־זאַך וועט באַשטיין נאָר אין דעם — אים לייכט צוציען, ניט צוציען, דאָס הייסט, האַלטנדיק אים אויף אַ געוויסן מהלך, און אין דער זעלבער צייט אים אויך ניט אָפּשטויסן. דער עיקר, אים ניט לאָזן אַליין, ניט לאָזן באַדענקען, אים פאַררעדן, פאַראינטערעסירן און אים מאַכן מיינען, כלומרשט, וואָס ער מיינט...

— אַנטשולדיק... — האָט בענדער געפּונען פאַר נויטיק צו די לעצטע ווערטער נאָך דאָס גאָר לעצטע וואָרט צוגעבן אין זיין לעצטער פאַר־לעגנהייט, און דערביי האָט ער, זעענדיק, אַז איך האָב ביי זיך געפּועלט און באַשטיי אויף זיין פאַרשלאַג, געגומען מער אויספירלעך מיר מיין אויפגאַבע דערקלערן און מיר עצהנען, ווי אַזוי זיך צו האַלטן און זיך אויפפירן אין וועג.

דערביי האָט ער ווייטער צוגעגעבן, אַז איידער איך וועל זיך אין וועג לאָזן, וועט מיר מיטגעגעבן ווערן אַ שיפער־שריפט, אין מיין קלייד איינגענייט, אויסגעפּאַרטיקט פון די היגע אונטערערדישע חברים צו יענע, וועלכע איך וועל זיך מיט דעם פאַרשוין דאַרפן וויזן, אויף אים צו דעמאַסקירן און זיין טריפהנעם מהות אויפדעקן...

• • •

איך פאַרענדיק, ווייל באַלד גרייט איך זיך צו לאָזן אַהין, וואו איך וועל פריי ווערן פון אָט דעם אַלעם, און וואו איך וועל אימשטאַנד זיין צו געברויכן מיין גוף, מיין זעל און אַלע מיינע פּייאיקייטן אויף דעם, אויף וואָס איך בין, דוכט זיך, מער באַרופן — אויף זען און זיך מיען, אַז דאָס גאַרע מין מנובלים זאָל אויף דער וועלט ווערן וואָס־וויניקער.

יאָ, און דאָ קומט מיר ווידער אויפן זין דער „מורה״, דער ניט אויף קיין ייד ענלעכער, נאָר אויף אַן אַראַבער, מיט זיין שטילער גאַרגל־שטים ,מיט זיין פרעמדלעכער אויסשפּראַך, ווי ער שטייט און דערקלערט אונדז די טעקסטן פון אונדזער אוראַלטער געשיכטע, פון פאָלקס־עפּאָס, פון פאָלקס־געזאַנג, וואָס ער מאַכט עס אונדז אַרי־בערקלינגען פון יענע אַלטע צייטן, ווי גליך דער דעמאָלטיקער זינגער וואָלט עס דירעקט אין אונדזער היינטצייטיקן געהער אַריין דערלאַנגט.

ווי אָט די „שירת דבורה״ — די ערשטע שלאַכט־ליד פון אונדזער עלטסטער, דוכט זיך, פאָלקס־זינגערן, ווי זי דערציילט אין ליד, רימענדיק און לויבנדיק די דרייסט פון אַלע די, וואָס האָבן אָנטייל־גענומען אין דער באַוואוסטער מלחמה מיט יבין מלך כנען און זיין פעלד־האַר סיסרא; ווי אַזוי איינע אַ פרוי, מיטן נאָמען יעל, דאָס ווייב פון חבר (כעווער) הקיני, האָט, שטייענדיק אויף דער שוועל פון איר געצעלט, און זעענדיק, ווי אָט דער סיסרא לויפט פון שלאַכט־פעלד אַ געשלאָגענער און וויל זיך אויסבאַהאַלטן פון זיינע נאָכיאָגער, — ווי אַזוי זי האָט אים צו זיך פאַררופן אויף כלומרשט אים באַשיצן; און אַז ער האָט, אַ מידער, אַ דורשטיקער, ביי איר וואַסער געבעטן, האָט זי אים מילך געגעבן, דערנאָך האָט זי אים באַלייגט אַ מידן, און ווען ער איז איינגעשלאָפן, האָט זי אים מיט אַ שאַרפן פלאָקן דעם שלייף דורכגעהאַקט — כן יאבדו כל אויביך ה׳, — אַזוי זאָלן פאַרלוירן גיין אַלע דיינע פיינט, גאָט! — פאַרענדיקט די זינגערין.

יאָ, ווי זאָגט זיך דאָרט; מים שאל, חלב נתנה — וואַסער האָט

ער געבעטן, מילך האָט זי געגעבן — דערמאָנט זיך מיר איצט דער טעקסט אין פאַרבינדונג מיט דעם, וואָס אויך מיר, אָן אור־אור־איניקל פון אָט דער יעל, שטייט איצט, מעגלעד, פאַר...

• • •

טאָג . . . חודש . . . יאָר . . .

היינט, טייערער טאַטע, האָב איך זיך צום לעצטן מאָל געטראָפן מיט בערל בענדער. איך, צוזאַמען מיט דער גאַנצער גרופּע, וואָס דאַרף זיך אין וועג לאָזן, האָבן זיך פאַרזאַמלט אין יענער געהיים־פאַררוקטער וואוינונג אין יענעם פאַררוקטן געסל, וואו אַלע אונדזערע ביז־אַהעריקע פאַרזאַמלונגען פלעגן פאָרקומען. דאָרט האָט מען מיר די פאַרשיפּירטע שריפט אין קלייד פאַרנייט, צוזאַמען מיט מיין פינגערל — דיין געשענק, לויט מיין בקשה. בערל בענדער האָט נאָך צולעצט מיר געהאָט צו ראָטן און געוויסע אָנווייזונגען געבן צו מיין פאַרשטייענדיקער ראָל און אויפפירונג.

מ׳האָט זיך באַדאַרפט שיידן. מ׳האָט באַשטימט אַ פּונקט, וואוהין די אָוועקגייענדיקע גרופּע וועט זיך דאַרפן צונויפזאַמלען איינציקווייז ערגעץ אויסער דער שטאָט, נאָכדעם ווי מ׳וועט מיט מזל די געטאָ האָבן פאַרלאָזן, וואָס דאָס איז, אגב, גאָרניט גרינג: ווער ס׳וועט זיך דאַרפן דורכשלייכן דורך די געטאָ־צוימען, וועלכע ווערן שטאַרק באַוואַכט; און ווער גאָר דורך דער קאַנאַליזאַציע, וואו ס׳איז פאַראַן אַ געפאַר אי פון פאַרבלאָנדזשעט ווערן אין די פינצטערע דורכגענג, פיל וואַסער, געשטאַנק און שטשורעס, וואָס האַלטן זיך דאָרטן אין די מענגעס; און אי, ווידער פון ניט קאָנען אַרויסקומען צום אָרט, וואו ס׳איז שוין קיין מורא ניט צו האָבן פאַר אַ שלעכט באַגעגעניש, נאָר פאַרקערט, פון שלעכט אָריענטירן זיך אין יענע גענג, — זיך גאָר אַרויסכאַפּן אַהין, וואו מ׳קאָן לייכט אַריינפאַלן, און ווי ס׳האָט זיך שוין ניט איין מאָל טאָקע געמאַכט...

מ׳איז זיך צעגאַנגען יעדערער אין זיין היים, וואו מ׳האָט נאָך געהאָט צו מאַכן די לעצטע פאַרבערייטונגען. אויך איך בין אָוועק, און אַז כ׳בין געקומען אויף דער שוועל פון מיין איצטיקער „היים״, איז איידער איך בין אַריין אין שטוב, האָב איך זיך אויסגעקערעוועט צו יענער גאַס, מיטן פּנים געווענדט צו יענעם הויז, וואו ס׳איז אַמאָל געווען מיין אמתע היים, וועגן וועלכער כ׳וויל איצט ניט דערמאָנען...

ס׳איז איצט ווינטער. ס׳איז אַ שנייאיקער, קאַלטער אָוונט דרויסן.

אין די ווייטלעכע וועלדער, וואָס אין אונדזער געגנט, הוילן איצט די וועלף אין די געדיכטענישן, אַרומלויפנדיק טשאַטעסווייז, און די, וואָס האַלטן זיך אויף די ראַנד־וועלדער, בלישטשען אַרויס מיט פאַספאָרדיקע בליץ־בליקן און וואַרפן אָן פחדים אויף פאַרבייפאָרנדיקע פערד און רייזנדע.

כ׳האָב שטייענדיק אין דרויסן, קיין קעלט ניט געפילט. כ׳האָב אויך ניט געפילט, ווי טרערן האָבן זיך מיר געגאָסן וואַרעמע, באַ־האַרצטע, געזעגענענדיק זיך מיט דעם, וואָס איז מיר אַמאָל אַזוי ליב געווען, און וואָס כ׳האָב אַזוי אומפאַרדינט, און ניט ווייסנדיק פאַרוואָס, פאַרלוירן.

כ׳האָב זיך געכאַפּט, אַז ס׳איז שפּעט. כ׳האָב זיך דערמאָנט, אַז ס׳איז ניט נאָר מיין מוז און מיין ווילן ביים איצטיקן אָפּגיין, נאָר אויך אַ טייל פון דיין צוואה, וואָס איך היט און וואָס וועט דיר געוויס זיין לרצון.

כ׳האָב זיך דערום באַלד אָפּגעדרייט פון מיין פריערדיקער היים און בין אין מיין איצטיקער אַריין. און מיין איינציקע אַרבעט, וואָס איך האָב נאָך געהאַט אָפּצוטאָן, איז אָט די לעצטע פּאָר שורות אָנ־צושרייבן, זיך מיט דיר געזעגענען און ביי דיר בעטן: בענטש מיך, טאַטע, אויף מיין וועג...

דאָ ענדיקט זיך דאָס שרייבן פון דער פּלאַראָן. און ס׳איז אויך פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס: זי איז דאָך אַוועק אַהין, וואו ס׳איז קיין אָרט און קיין צייט געווען אויף האַלטן אַ פּען אין האַנט, נייערט אָרט און צייט אויף האַלטן עפּעס בילכערס — אַ ביקס.

אגב, זאָל דאָ אין קלאַמערן געזאָגט ווערן, אַז אויך דאָס ביסל ביז אַהער פון איר אָנגעשריבענע האָט נאָך דעם, ווי זי האָט זיך באַפרייט פון די וואַלד־באַדינגונגען, אַריינגעטראָטן אין אַ האַנט פון אַ פּראָפעסיאָנאַל, מיט דער געגעבענער אים רעכט צו אויספאַרריכטן, רעדאַגירן און, אַזוי צו זאָגן, דורך דער סטיליזירנדיקער שרייב־מאַשין דורכלאָזן . . . און אָט דער פּראָפעסיאָנאַל נעמט זיך איצט אונטער, אויפן סמך פון אַ מינדלעכן באַריכט, וואָס ער האָט שפּעטער, ביים באַקענען זיך מיט איר, פון איר אַרויסבאַקומען — פאַרצוזעצן אין זעלבן סטיל און נוסח, וואָס ס׳האָט מיט איר ווייטער, אין וואַלד גייענדיק, געטראָפן.

און אָט דער פּראָפעסיאָנאַל האָט צו דערציילן:

— נסים, גרויסע נסים, זיינען איר געשען, בעת זי — אַזאָ נאָך

יונגע — האָט זיך געהאַט צו באַהערשן ביים אַריינקומען אין יענעם לאַבירינט, וואָס ניט איר טאַטע־מאַמע, ניט אירע זיידעס־באָבעס זיינען אים ווען ניט איז אַדורכגעגאַנגען.

זי וואָלט באַדאַרפט האָבן דורכגעמאַכט אַ גרויסע שול פון גאָר אייגנאַרטיקע קעגנשטאַנדן, וועלכע לערנען און ווייזן אָן, ווי אַזוי צו האַנדלען מיט אַ פאַררעטער, אָדער אויב ניט קיין שול, איז על־כל־פנים, זיין באַוואָפנט מיט עפּעס מינים איינגעבוירענע יעגער־אייגנשאַפטן, ווי אַזוי אַרום אַזאַ חיה אַרומצוגיין, און אויב ניט קיין איינס פון די צוויי, איז האָט איר, זיכער, דאָ געדינט בלויז דער הוילער פרויען־חוש, ווי אויך דער באַוואוסטזיין, אַז זי גייט אויף דער שאַרף פון שווערדן, אַז קיין אַנדער וועג, ווי אויסצוגעווינען די שפּיל, איז דאָ ניט שייך, ווייל אַנדערש וואָלט געהייסן זיך, מיט אַ גאַנצער גרופּע, און אויך מער ווי די גרופּע — די גאַנצע אונטערערד — אונטערן חלף אונ־טערפירן.

אַז די גרופּע, וואָס איז אַרויס פון געטאָ, האָט, ווי אָפּגערעדט, יעדערער באַזונדער, נאָך די איבערגעקומענע מאַטערנישן, זיך פאַר־זאַמלט אויפן באַשטימטן אָרט, פון וואַנען מ׳האָט באַדאַרפט דעם ווייטערדיקן מאַרש שוין צוזאַמען מאַכן; און נאָכדעם, ווי אויך דער פאַררעטער־פאַרשוין האָט, ווי אָפּגערעדט, וואָרט געהאַלטן און האָט זיך אויך אַהין צוגעשטעלט, אַזוי האָט מען באַמערקט, ווי עפּעס איז זיין שטערן שטאַרק פאַרפינצטערט — אָדער פון סתם זויערע מחשבות, אָדער פון עפּעס אַן אומווילן, ווי ביי איינעם, ווען ער גייט טאָן אַ זאַך, וואָס איז קעגן אים און איז אים ניט צום האַרצן.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף דער גרופּע, וואָס ער, ווי אַ געניטער, האָט באַדאַרפט זיין איר אָנפירער — מיט האַלב ביטול און האַלב גלייכגילטיק, און נאָך מער — ווי אָט אַזעלכער, וואָס איז אים ווי צו אַ שווערער משא . . . אַז ער האָט אָבער אַ שטיקל וועג מיט דער זעלבער גרופּע אין אַ באַשטימטער ריכטונג אָפּגעשפּאַנט און האָט זיך מער נעענטער און היימישער אין אייניקע פון די מיטגעפירטע איינ־געקוקט, אַזוי גלייך האָט זיך אים געוואָרפן אין אויג זי, פלאַרא, מיט די עטוואָס הויכלעכע פיס, און ער איז אַן אַנדערער געוואָרן . . .

ער האָט באַלד אין איר אויך נאָך פרויען־מעלות דערזען — אַזעלכע, וואָס אַזאַ איינער לאָזט ניט דורך, ער זאָל זיי גלייכגילטיק פאַרבייגיין . . . ער איז צו איר צו, און באַלד האָט זיך איבער זיין פינצטער־געוועזענעם שטערן ווי עפּעס אַ ניי הייטל איבערגעצויגן,

ווי אַ נײַ שטיקל דעקאָראַציע פֿאַר אַ נײַער און מער אויפֿגעלייגטער שפּיל. ער האָט אויך גלייך אַ לעק געטאָן זײַן אונטערשטע, טרוקן־צעשפּאָלטענע ליפּ, אויף וועלכער ס׳האָט זיך געוויזן אַן אָפּנטלעכער גלאַנץ פֿון צופֿרידנקייט, וואָס אָט די ביידע זאַכן, אי דער באַנייטער שטערן, אי די איצט גלאַנציקע ליפּ, האָבן געזאָלט זײַן אַ סימן, אַז דער פּאַרשוין האָט דאָ געמיינט האָבן אָנגעטראָפֿן, וואָס ער האָט זיך ניט געריכט צו טרעפֿן, און וואָס, פֿון דער אַנדערער זײַט, אין די אינ־טערעסן פֿון עמיצן אַנדערש — אַ סימן, אַז זײַן אַנטרעפֿעניש וועט קאָנען דינען פֿאַר יענעם האַטשעק, אויף וועלכן ער וועט זיך לאָזן פֿאַנגען.

ער איז שוין ניט אָפּגעגאַנגען פֿון איר. ער האָט פֿון אַלעמען, ווער נאָר ס׳האָט זיך געווענדט צו אים מיט וואָס ניט איז, דעם קאָפּ אָפּגעדרייט פֿון אומאינטערעס, ניט הערנדיק כמעט, וואָס מ׳פֿרעגט אים, און האַלטנדיק, פֿאַרקערט, דעם קאָפּ און דעם גהער צו פֿלאָראַס זײַט געווענדט, אַז טאָמער, הייסט עס, האָט זי בײַ אים עפּעס וואָס צו פֿרעגן, ער זאָל ניט דורכלאָזן און ניט פֿאַרשפּעטיקן מיט זײַן ענטפֿער.

ער האָט גייענדיק צוזאַמען, אַמאָל זיך געזען אַרויסרוקן מיט איר פֿאַראויס פֿאַר אַלע, און אַן אַנדערש מאָל, פֿאַרקערט, הינטער־שטעליק בלײַבן און גיין צום לעצט, און דאָס אַלץ צוליב דעם, ער זאָל אַמאָל כאַפּן איר אַ קוק טאָן אין פּנים, און אַן אַנדערש מאָל, אונ־טערווײַלעכס, איר גאַנצן קערפּער אַ מעסט־טאָן מיט אַזאַ מאָס, נאָך וועלכן די אויגן האָבן זיך אים מיט אַ פֿרעסעריש שײַנדל צעגלאַנצט.

ער איז נאָך אין די סאַמע מאַנצבילשע סאַקן געווען, בײַ די דרייסיק, גראָד אין שטאַלט, און אַ געניוג דערפֿאַרענער אינעם אַרומגיין און צו טאָן האָבן מיט פֿרויען, בײַ וועלכע ער האָט געמיינט עפּעס פּועלן . . .

דאָ אָבער, האָט ער גלייך דערפֿילט, איז עפּעס אַנדערש . . . אי ער אַליין האָט צום אָנהויב ניט געהאַט די דרייסט זיך צו דערלויבן ניט מיט קיין וואָרט, און אַוודאי ניט מיט מער, ווי אַלעמאָל דעמאָלט און דאָרט, וואו דער חוש האָט אים געזאָגט, אַז פֿון צווייטן צד וועט מען אים באַגעגענען מיט אַ וואויל־וועלנדיקער צושטימונג; אי ער האָט געזען, אַז דאָ איז אויך ניט דאָס אָרט פֿאַר צו ראַש און איבעריק אײַליק זיך צו דערלויבן, ווי אומעטום . . .

ער האָט דערום געפּרוּווט צוגיין פּאַמעלעך, בהדרגה, און מעשה־

חבר האָט ער איר געגומען אויסדערציילן און פאַרטרויען דאָס, וואָס פאַר אַנדערע וואָלט ער, כלומרשט, ניט. ער האָט איר פאַרטרויט וועגן זיינע אויפטועו פאַר דער אונטערערד פון ביז אַהער, און וואָס ער דענקט אויך אויפטאָן אויף ווייטער.

דערביי האָט ער באַמערקט, ווי פלאַראַ האָט, הערנדיק אים, קיין איין מאָל די אויגן ניט אויפגעהויבן אויף אים אַ קוק צו טאָן מיט פאַרכאַפּונג אָדער כאָטש מיט אַכטונג, ווי מ׳טוט מיט אַזאַ, וועמעס דערציילן ס׳פאַרחידושט און איבערראַשט און וועמען ס׳קומט, על־כל־פנים, אויף אַ שטילן אופן צו באַלוינען, אויב ניט מער שטורעמדיקער און באַגייסטערט. זי האָט, הערנדיק אים, — ניט פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס, — געהאַלטן דעם קאָפּ אַראָפּ און אויסגעמיטן זיין בליק. ער האָט דאָס צוערשט אויסגעטייטשט צו זיין גונסטן, רעכענענדיק, אַז דאָס נעמט זיך פון צופיל אַכטונג און פון צו גרויסער איבערראַשונג, ווען מ׳וויל זיך ניט אויסגעבן פאַרן צווייטן, באַזונדערס אין אַ פאַל, ווען אַ פרוי, אַ יונגע און אומדערפאַרענע, ווערט פון אַ מאַנצביל איבערראַשט. זי האָט אָבער אויך שפּעטער, ווען ער האָט שוין געמעגט מיינען, אַז ער האָט רעכט זי זאָל זיך פילן מיט אים מער פרייער, אַדאַנק זיין פאַרטרויען, זיך ווידער ניט פריי געפילט און האָט אַלץ דעם קאָפּ אַראָפּגעהאַלטן, אַפילו דעמאָלט, ווען ער האָט שוין ניט דערציילט וועגן זיינע אויפטועו, נאָר סתם זיך געטיילט מיט איר וועגן סתם־זאַכן.

אַז ער האָט זיך געפּרוּווט זי אַ מונטער טאָן מיט אַ מער־צוגעלאָזט וואָרט, מינע, אָדער מיט אָנרירן זי מיט אַ האַנט, וועלנדיק, כלומרשט, איר אַ העלף טאָן אין גאַנג, ווי געוויינלעך — האָט ער ווידער באַמערקט, אַז זי האָט אַלץ אָפּגעלייגט, און זיך אַ רוק געטאָן פון אים אָן אַ זייט, ווי פון אַזאַ, וואָס זיינער אַ צוגעלאָזטער ריר שאַפט ניט נאָר ניט קיין אָנגענעמלעכקייט, נאָר פאַרקערט — אַ ברי ווי פון עפּעס אָפּשטויסנדיקס...

ס׳איז ניט גוט געווען פון איר זייט; ניט די ריכטיקע האַלטונג מיט אַזאַ, ווי ווערדליק די ראָל, וואָס זי האָט אויף זיך גענומען, האָט פון איר געפאָדערט. זי האָט זיך אָבער ניט געקאָנט באַהערשן צוערשט. זי האָט דאָך אויך אַוודאי ניט געקאָנט שפּעטער, אין אָוונט פון דעם זעלבן טאָג, ווען ער, דער פאַרשוין, דער געניטער פירער אין וועג, וועלכן ער האָט שוין ניט איינמאָל דורכגעמאַכט, האָט דאָס מאָל געבראַכט צו פירן די גרופּע אין איינעם אַן אומבאַקאַנטן כוטאָר, וואו

ער האָט געפונען אַ סטאַנציע פאַר אַלע ביי איינעם ווידער אַן אומ־באַקאַנטן פויער, וועלכער האָט אויף נאַכטלעגער, נאָך וועטשערע, אַריינגעבראַכט אַ פּאַק שטרוי, זי אויפן דיל אויסגעשפּרייט, אַז אַלע, די נאַרוואָס אָנגעקומענע און פון וועג מידע, זאָלן זיך אויף איר באַלייגן.

דעמאָלט האָט דער פאַרשוין געפּלאָנירט, און הינטאָרום, ווי כמעט אָן אַ באַזונדער כוונה, אַזוי איינגעאָרדנט דעם עולם, אַז זיין אָרט אויפן דיל איז אויסגעקומען לעבן איר, לעבן אָט דער פלאָרא, וועלכע ער האָט שוין געהאַלטן פאַר אַ מער נאָענטערע צו זיך פון אַלע אַנדערע פון אים געפירטע, אַדאַנק דעם, וואָס ער האָט מיט איר דעם גאַנצן טאָג אין היימישע געשפּרעכן פאַרבראַכט, און וואָס דאָס האָט אים, לויט זיין פאַרשטעלונג, געגעבן אַ גרונט צו מיינען, אַז ער האָט זיך ביי איר איינגעקויפט אין שוין ווירקלעכער טאַקע היימישקייט, וועלכע גיט אים אויך די רעכט אַפילו אויף אַזאַ סאָרט נאָענטקייט, ווי איבער־צונעכטיקן איינס לעבן איינס מיט איר.

דעמאָלט האָט פלאָרא שוין ווי גאָר אין גאַנצן איר ראָל פאַרגעסן. זי האָט אָפן, אָן שום אָנשטענדיקע צערעמאָניעס, אַוועקגעשפּאַנט פון איר אָרט, וואָס יענער האָט איר לעבן זיך אויסגעטיילט און בשכנות באַשטימט, בעטנדיק אַ חבר פון דער אַהער־געבראַכטער גרופּע, ער זאָל זיך מיט איר בייטן, ווייל דאָרט איז איר ניט באַקוועם, הייסט עס, זי וויל ניט דאָרט . . .

דאָס האָט דעם פאַרשוין זיכער ניט געשמעקט, און ווי טונקל אין פויערשן שטיבל איז ניט געווען, ווי ניט ווייניק און גאָר ניט געהויבן באַלויכטן, וואָלט מען דאָך געקאָנט באַמערקן, ווי אַזוי דער פאַרשוין איז אַן אָפּגעשמיסענער און באַליידיקטער אויפן דיל ליגן געבליבן בשכנות ניט מיט דער, וואָס ער האָט געוואָלט לעבן זיך האָבן, נאָר גאָר מיט אַ פרעמדן אונטערגעשיקטן, וואָס פלאָרא האָט זיך מיט אים מיט די ערטער געביטן, אַזוי האָט זיך די דעקאָראַציע אויף זיין שטערן ווידער געענדערט פון אויפגעלייגט אויף פינצטער, און זיין אונטערשטע ליפּ האָט אַ וויס טרוקן פּאַסיקל אין דער מיט געקריגן — אַ סימן פון עפּעס אַ דורשט, וואָס ס׳שטייט אים פאַר ניט אַזוי גיך געשטילט ווערן.

די זעלבע סימנים זיינען אים געבליבן אויך אויף מאָרגן, נאָכדעם ווי מ׳האָט איבערגענעכטיקט, מ׳איז גאַנץ פרי אויפגעשטאַנען און מ׳האָט זיך ווידער באַדאַרפט לאָזן אין וועג, און מ׳האָט געזען, אַז

יענעם איז עפּעס אָנגעזאָלעט, ווי גלייך נאָך אַ הערינג־סעודה מיט גאָר שאַרפע ליאַג. די שלעכטע לוינע האָט אים ניט אָפּגעלאָזט דער־נאָך אויך אַ שטיק צייט אויפן טאָג.

דעמאָלט האָט זיך פלאָרא אין איר מיסיע דערמאָנט, געדענקענדיק דעם אָנזאָג פון בערלען ניט צו לאָזן יענעם אַליין, כדי ער זאָל ניט בלייבן מיט זיינע מחשבות, ווער ווייסט, צו וואָס זיי קאָנען אים ברענגען.

מ׳האָט דאָך, ווי געזאָגט, באַדאַרפט מורא האָבן, טאָמער וועט זיך דער פאַרשוין אין הונדערטסטן פאַל נעמען שטויסן, אַז מ׳שפּילט מיט אים די לעצטע שפּיל, און אַז אָנשטאָט זיך לאָזן ווייטער פאַרפירט ווערן פון אים, ווערט ער דאָך אַליין פאַרפירט . . .

דעמאָלט איז זי צו אים צו און האָט זיך מיט אים מיט די ראָלן געביטן. זי האָט, אַזוי ווי נעכטן ער — זי, איצט — אים גענומען מונטערן מיט אַ וואָרט, מיט אַ מינע און זיך אַפילו דערלויבט אים מיט דער האַנט אָנרירן, כדי אים אין אַ היימישן געשפּרעך אַריינצייען, און כדי אים די געדאַנקען צו צעשלאָגן.

ס׳האָט געווירקט. ער האָט, סוף־כל־סוף, אַ דערמונטערטער אויפגעוואַכט. ער האָט ווידער דעם נעכטיקן ראַש באַקומען אויף צו וועלן געפעלן אָט דער פלאָראַן, ביי איר אויסנעמען און זיך דערשלאָגן צום דערפאָלג אין דעם, אין וואָס נעכטן האָט זיך אים ניט איינגעגעבן.

ער איז, אַדאַנק איר צוגעלאָזנקייט, אַזוי האָפערדיק געוואָרן, אַז בשעת זי איז מיט אים אַליין געבליבן, ווידער ווי נעכטן, אָפּגעזונדערט און אָפּגעטיילט פון דער גאַנצער גרופּע מיטגעפירטע, וועלכע זיי האָבן געלאָזט אָדער פאַר זיך, אָדער הינטער זיך — האָט ער, דער פאַרשוין, געכאַפּט די העזה איר אַפילו שטילערהייט פאַרצולייגן אַזאַ זאַך, ווי אַז אפשר וואָלט געווען אַ פּלאַן, זי זאָל זיך גאָר אינגאַנצן אָפּטיילן פון דער גרופּע, צוליב זיינע, צוליב אירע, צוליב זייערע ביידנס, הייסט עס, אינטערעסן:

— ער ווייסט פון אַ דאָרף דאָ אין דער נאָענט, וואו ער האָט אַ גוטן באַקאַנטן, ביי וועמען זי וואָלט זיך געקאָנט אויסבאַהאַלטן אין פולשטענדיקער זיכערקייט די גאַנצע צייט, ביז וואַנען ס׳דראָט די סכנה.

— ער זעט, — האָט ער פאַרגעזעצט, — אַז דער וואַלד און די אויפשטענדלערישע שטייגערישע ווילדעניש דאָרט איז ניט פאַר איר... און אויב זי האָט מורא, מ׳זאָל זי ניט חושד זיין אין עפּעס אַ פעלשונג

אַדער אין פּחדנות, וואָס צוליב דעם, כּלומרשט, איז זי אָפּגעשטאַנען פון די איבעריקע, נעמט ער, דער פאַרשוין, אויף זיך איבערצורײדן מיט וועמען מ׳דאַרף און צו דערקלערן, אַז דאָס האָט ער, אויף זײן אײגענער אחריות, זי דאָרט אײנגעאָרדנט צוליב פאַרבינדונג און צוליב האָבן אַ שטענדיקן אײגענעם מענטשן אין דאָרף אויפן פאַל, ווען מ׳דאַרף אַזאַ האָבן.

יאָ, דער פאַרשוין איז דערגאַנגען צו אַזאַ הויכן גראַדוס ביז איר פאַרצולײגן אַזש דאָס אויבנגעזאָגטע.

— נײן, — האָט פלאַראַ רואיק און אײנגעהאַלטן זײן פאַרשלאָג אָפּגעלײגט, אין דער זעלבער צײט אים אַלײן ניט אָפּשטויסנדיק, און דערבײ געמאַכט דעם אָנשטעל, ווי גלײך זי איז ניט איבעררױשט, און אַז פאַרקערט, אַז וועגן אַזאַ און ענלעכן פּלאַן וואָלט זיך אין אַן אַנדער, מער באַקוועמער צײט יאָ געלאָזט רײדן . . . זי פאַרשטײט, כּלומרשט, צוליב וואָס ער וואָלט זי געוואָלט זען אָפּגעזונדערט און אויסגעטײלט פון דער גאַנצער מיטגײיענדיקער גרופּע.

— שײן . . . — האָט זי געזאָגט, — אָבער איצט ניט: איצט איז זי געבונדן מיט אַלע יענע, מיט וועלכע זי האָט אַלץ צוזאַמען ביז אַהער אין געטאָ דורכגעמאַכט און וואָס זי קאָן זיך באין אופן ניט דענקען אָן זײ . . .

דערבײ האָט פלאַראַ, אינמיטן אָפּגעזונדערטן, אינטימען געשפּרעך מיט יענעם, פּלוצלונג אַ גײ געטאָן אויף פאַראויס, אַדער זיך אַ קער געטאָן אויף צוריק צו די הינטערגעבליבענע חברים און דערמיט האָט זי באַוויזן, אַז נײן, ס׳גײט ניט, און אַז ס׳איז זי ניט אָפּצוטײלן, ניט אָפּצורײסן פון די יעניקע, ווי אַן אבר פון אַן אבר.

דעמאָלט, ווידער, איז יענעמס פּנים און שטערן צוריק פינצטער געוואָרן. זײן קלײנער, קלאָר־אויסצוזעענדיקער אומדערפאַלג בײ אַט דער פלאַראַ איצט, אינמיטן וועג, אויף וועלכן ער פירט זי, זי האָבנדיק אין האַנט, ווי די גאַנצע גרופּע, אויף זי צו דערפירן, וואו מ׳דאַרף, אַדער זי אומצוברענגען — האָט אים געמאַכט זיך פאַרקלערן וועגן אומדערפאַלג בכלל...

אַזוינע זײנען דאָך, לויט זײער פאַלשער לאַגע, אָפּט פּיאַיק בכלל איבערגלויבעריש צו זײן און פון צווײפל, און לויט זײער ווירקלעכער לאַגע זײנען זײ דאָך אַמאָל טאַקע אויך מחויב אַ טראַכט טאָן, אַז טאָמער, הײסט עס, האָבן די פון אים געגאַרטע די גאַנצע צײט אַן עק פון פאַדעם פון פאַרראַט אַרײנגעפּאַקט, דורך וועלכן זײ וועלן זיך

צום גאַנצן קנויל דערקלייבן? און דערום איז מעגלעך גאָר, אַז אין דער צייט, ווען ער גייט און טראַכט, אַז ער האָט יענע אין האַנט, געפינט ער זיך גאָר ביי זיי געפאַנגען, אַליין גאָר זיין לעצטן גאַנג דאָ גייענדיק . . . ס׳איז דאָך מעגלעך, אַז אַזאַ זאָל זיך וועגן אַזוינס דערטראַכטן.

ס׳איז געווען, ווי געזאָגט, ווינטער. דער פאַרשוין מיט דער געפירטער גרופּע האָבן זיך שוין דעמאָלט ווייט פון שטאָט געהאַט געפונען, אין אַ שיטערלעך־באַפעלקערט אָרט, מיט ווייניק דערפער און מיט קנאַפּ־איינגעפאָרענע וועגן, אַדאַנק דער מלחמה, וועלכע האָט פאַרקירצט דעם פאַרקער צווישן שטאָט און דאָרף, און בפרט די לעצטע צייט, ווען יעדער דאָרף איז געשטאַנען אונטער אַ פאַרדאַכט, אַז ס׳האָט עפּעס געהיימע, אויסבאַהאַלטענע מחשבות פאַר דער שטאָט, ד. ה. פאַר דער מאַכט, וועלכע האָט צוליב דעם טאָקע, צוליב מער זיכערקייט, זיך פאַרשאַנצט און פאַרפעסטיקט . . .

פיל שניי האָט זיך אַלע מאָל, ווינטער־צייט, אין יענער געגנט, ביי די זייטן וועגן, אַ ניט־גערירטער, געקליבן, וואָס איצט אָבער האָט ער, אַדאַנק דעם קנאַפּן פאַרקער, אויך די וועגן אַליין פאַרפּראָשעט, פאַרשאָטן, אַזוי אַז אַ גאַנץ פרי אָדער אַ פאַרנאַכט איז שוין שווער געווען זיך פאַנאַנדערקלייבן, וואו איז יאָ, אָדער וואו איז ניט אַ וועג.

דאָס האָט דעם פירער־פאַרשוין מיט די טונקעלע מחשבות געגעבן די רעכט זיך אַלעמאָל אָפּצושטעלן ווי אויף צו זוכן די שפּורן פון אַ לאַנג שוין דורכגעפאָרענעם פור־וועג, ווייל כלומרשט, ער ווייסט ניט, צי מ׳גייט ריכטיק . . . אָביסל האָט ער טאָקע רעכט געהאַט, ווייל אַביסל האָט מען טאָקע ניט געקאָנט וויסן, אָבער מער פון דעם איז געווען די סיבה פון זיין אָפטן אָפּשטעלן זיך דאָס, וואָס עפּעס איז אים דעמאָלט, מעגלעך, טאָקע אַ צווייפל באַפאַלן, פאַראויספילנדיק אַ שפּור פון דער פאַראורטיילטקייט, וואָס ס׳שטייט אים, מעגלעך, פאָר . . .

אייניקע פון די געפירטע האָבן זיין צערודערונג באַמערקט. די פון זיי, וועמען ס׳איז אָנפאַרטרויט געווען צו וויסן וועגן לעצטן אַקט אין דער ראָל, וואָס דער פאַרשוין האָט דאָ, אין זיין לעצטן גאַנג, צו שפּילן, האָבן פון אים די אויגן אָפּגעקערט און זיך געמאַכט ניט ווויסנדיק, גלייך זיי גלויבן באמת, אַז ער זוכט, וואָס מ׳זוכט, ווען מ׳פאַרלירט דעם וועג. זי, פלאָראַ, אָבער, האָט לויט דער ספּעציעל איר פאַרגעבענער אויפגאַבע, געמוזט מער טעטיק זיין, ווי די סתם־

וויסנדיקע, און איז געווען געצוואונגען אויף אַלערליי אופנים אים זען אָפּציען און אַרויסשלעפּן פון זיין דריקנדיקער פאַרפּלאָנטעניש.

ס'איז איר אָנגעקומען ניט גרינג, מ'האָט באַדאַרפט אי אַזוי, אי אַזוי: אי זיך דערנעענטערן, איז זיך האַלטן פון וויטן; אי אים ניט לאָזן איבעריקס זיך פאַרטראַכטן, אי אויך ניט לאַנג מיט איר צו־היימיש ווערן.

ס'האָט דאָס מאָל דאָס דערפירן די גרופּע ביז צום געוואונטשטן אָרט געדויערט לענגער, ווי אַלע מאָל, ווייל דער פאַרשוין האָט גע־פּלאָנטערט — אַביסל אומבאַוואוסטזיניק און אַביסל באַוואוסט, האַלטנ־דיק זיך די גאַנצע צייט אין איין ישובן און איבערלייגן זיך, צי טוט ער ריכטיק און צי וועט אים אויך דאָס מאָל געלינגען דאָס מאַסקירן זיך פאַר אַן אייגענעם, פאַר אַזאַ, אין וועמען ס'איז אוממעגלעך צו צווייפלען, כדי ער זאָל ווייטער קאָנען בלייבן ביי דעם, וואָס ער איז — אַן אונטן־אַרום פאַרקויפטער . . .

ביז איינמאָל, ווען אומבאַמערקט און איבערראַשנדיק אַפילו פאַר אים אַליין, האָט ער זיך מיט דער מיטגעפירטער גרופּע געטראָפן נאָענט צו יענער גרענעץ, וואו די אויפשטענדלערישע וואך וואַרט אָפּ אַלע מאָל צו באַגעגענען די זייעריקע, ליגנדיק אין באַשטימט־פאַרשטעקטע לאָקער־ערטער, וואָס פאַר פרעמדע ניט־געוואונטשענע אויגן זיינען זיי ניט צו באַמערקן.

דעמאָלט איז מען אונטערגעקומען צו איינעם אַ וואַלד־ראַנד, אַן אַנהייב פון יענע וועלדער, וועלכע האָבן אַ שם אין דער גאַנצער געגנט, און אויך אויסער אים, מיט דעם פיל־געווילד, וואָס האַלט זיך דאָרט פון אַלעמאָל־קדמונים, און וואו גאַנצע יאָרהונדערטער פלעגן די הערשער און גרויס־אייגנטימער פון יענער געגנט, מיט יאַגד־הינט, מיט פיל דינערשאַפט, מיט געסט און זייער גלייכן פון אייגענעם לאַנד, אויך איינגעלאַדענע פון פרעמדע לענדער, דאָרט פּראווען וואַכנוויז אין וואוילטאָג פאַרברענגערשע געיעגן אויף וועלף, אויף בערן און אַנדערע, וואָס יעדעס מאָל איז דער דערפאָלג — דאָס פאַנגען אָדער אויף טויט דערשיסן אַן אויסגעשפּילטן עקזעמפּליאַר — געפייערט געוואָרן אין קעניגלעכע און אין גרעפישע שלעסער מיט גרויס פּאָמפּע, און מיט לאַנג אַריינהוליען ניט אין איין טאָג אַריין, נאָר אין גאַנצע וואָכן.

אָט דעמאָלט, ווען מ'האָט זיך צו יענעם וואַלד־ראַנד דערנעענטערט, האָט זיך פּלוצלונג דערהערט אַ קורץ־שניידנדיקער פייף פון אַ פאַר־

שטעקטן אין אַ לאָקער — אַ פייף, אויף וועלכן אַלע האָבן שוין לאַנג לאַנגע אָנגעשפּיצטע אויערן אָנגעגרייט געהאַט, וואַרטנדיק אים צו דערהערן מיט גרויס אומגעדולד און פרייד, וואָס זיי האָבן סוף־כּל־סוף, נאָך אַזוי פיל מי, דערגרייכט צום ציל, צו וועלכן מ׳האָט געשטרעבט ווי צו דער לאַנג־געגאַרטער ישועה.

יאָ אַלע, אויסער אים, דעם פּאַרשוין, וואָס אויפכאַפּנדיק דעם פייף, האָט ער עפּעס אַן אומוויליקן ציטער געטאָן, ווי מ׳וואָלט געקאָנט באַמערקן.

באַלד האָט זיך פונעם פאַרשטעלטן און געהיים־געהאַלטענעם וואָך־אָרט איינער אַ באַוואָפנטער מענטש באַוויזן, גאָר ניט געהויבן געקליידט — האַלב מיליטעריש, האַלב ציוויל, און צוקומענדיק צו דער געפירטער גרופּע און צו דעם פּאַרשוין, וואָס האָט זיך אַרויס־געשטעלט אַלס איר פירער, האָט ער אַ זאָג געטאָן דאָס פּאַראָל־וואָרט און געוואָרט מ׳זאָל אים מיטן געהעריקן אַנטקעגנקומען... דער פּאַר־שוין, וואָס האָט געוואוסט דעם פּאַראָל, האָט אים עפּעס דאָס מאָל צו־שטיל און מיט אָפּגעבלאָסטע ליפּן אַ זאָג געטאָן, אַרויסגעבראַכט.

דעמאָלט האָבן זיך פון אַנדערע ערטער אַרויסגעוויזן נאָך אייניקע, וועלכע האָבן געגומען ברידערלעך די ניי־אָהערגעקומענע אין טיפן וואַלד פירן, אויפן וועג מיט זיי היימיש שמועסנדיק און זיך אָנפרעגנדיק ביי זיי אויף נייעס, וואָס איז כּדאַי זיך צו דערוויסן.

אַלע האָבן אויפגעלעבטע, און ווי פון אַ לאַנגער קלעם אויס־געלייזטע, זיך געטיילט מיט וואָס נאָר מעגלעך מיט יענע, וועלכע האָבן זיי באַגעגנט און חבריש אין וואַלד געפירט. אַלע, אויסער ווידער איינעם — דעם פּאַרשוין, וואָס האָט אויפן מויל ווי אַ שלאָס געהאַט, און דערצו נאָך ווי עפּעס אַ קוים־באַמערקבאַרן פּחד אין די אויגן, וואָס האָט אים געמאַכט אַלע מאָל אין אַן אַנדער זייט זיך אויסדרייען — אַמאָל אין איינער, אַמאָל אין אַ צווייטער, און אַן אַנדערש מאָל גאָר איינגאַנצן אַפילו אויף צוריק זיך אומקוקן, גלייך ער וואָלט גע־וואַרט, אַז עפּעס אַן אומגעריכטער זאָל דאָ מיטאַמאָל — פונוואַנען, פונוואו, ווייסט ער ניט, — אויף אים אָנפאַלן און אים ביים קאָלנער אָדער ביים קאַרק פּאַקן...

ס׳איז אויף אים, ניט ווי אויף אַלע מיטגעפירטע, קיין יום־טוב ניט געווען צו זען, ניט ווי אויף יענע, וואָס זיינען אָקאָרשט־ערשט פון אַזאַ ענגעניש אַרויס באַפרייטע, נאָר, פאַרקערט, ווי איינער, וואָס איז אין אַ זינקענדיקן זומפּ אַריינגעטראָטן, וואו דער באָדן איז קוואַטשיק

און וואָס מאַכט דעם, וואָס טרעט אַרויף אויף אים, זיך הוידען און וואַקלען אין אומזיכערקייט.

מ׳איז לאַנג געפירט געוואָרן אין וואַלד, ביז מ׳איז אָנגעקומען צו איינעם אַן אָרט, וואו די געהיים־פּאַרשטעקטע האָבן זיך געפילט, ווי אין דער היים, האָבנדיק דאָרט איינגעאָרדנט אַפילו עטוואָס ענלעכס אויף אַ ישוב־ערד־שטיבעלע, מיט אַן אייגענער באַלעבאַטישקייט, ווי פערד און וועגענער, מיט אַן אייגענער ברויט־בעקעריי און אַפילו מיט ניט־שלעכט אָוועקגעשטעלטע ווערקשטולן אויף פאַרריכטן און אויסבעסערן, וואָס מ׳דאַרף.

דעמאָלט האָט מען די גרופּע מיט זייער אָנפירער געבראַכט צו פירן פאַר איינעם אַן ערד־שטיבל, אין וועלכן ס׳האָבן געוואוינט דער קאָמאַנדיר פון די אויפשטענדלער צוזאַמען מיטן פּאָליט־טוער, מיט דעם, וואָס האָט צו זאָרגן פאַר דער, אַזוי צו זאָגן, גייסטיקער וואויל־איינאָרדענונג פון די וואַלד־לייט.

באַלד האָבן זיך יענע ביידע באַוויזן, אַרויסקומענדיק פון שטיבל, ווי פון אַ הייל: דער קאָמאַנדיר — אַ יונגער, פאַר־דרייסיק־יעריקער רוס, אַ שטאַרק־דראָטיקער אין דער האַלטונג, מיט העל־געלע רימענס איבער דער ברוסט און רוקן איבערגעקרייצט, אין אַ קורץ־ווינטערדיק פּעלצל ביז פאַר די קני, און שטיוול; און דער צווייטער, דער פּאָליט־טוער, שוין אַריבער די פופציק, אין אַ שינעל, שוין מער סאָליד אָבער נאָך געניג מיליטעריש באַהאַוונט, זייענדיק, ווייזט אויס, אַ וועטעראַן פון בירגער־קריג, וואָס איז איצט געקומען צו דער זעלבער טעטיקייט, וואָס דעמאָלט.

באַלד האָט דער קאָמאַנדיר זיך אַ ווענד געטאָן צו דעם פירער־פּאַרשוין, פאָדערנדיק די נויטיקע פּאַפּירן, וועלכע ווערן געוויינלעך מיטגעגעבן פון די ערטער, פון וואַנען מ׳ווערט אַרויסגעשיקט, אויף צו רעקאָמענדירן דעם געשיקטן אַלס אייגענעם, אויסער דעם מיט־געגעבענעם פּאַראָל, וועלכער דינט בלויז צום אָנהייב, צו לעגאַליזירן זיך פאַר די, וועלכע באַגעגענען אים צום ערשטן.

דער פּאַרשוין האָט, נאַטירלעך, די פּאַפּירן געהאַט פאַרנייט אין די בגדים, וואָס פון דאָרט האָט ער זיי גענומען אַרויסציען אין דער אָנוועזנהייט פון דער גאַנצער גרופּע.

דעמאָלט אָבער, ווען ער האָט, אַביסל אַ בלאַסער, און אויך איצט, שטייענדיק שוין פאַרן קאָמאַנדיר און פאַרן פּאָליט־טוער, עפּעס אַן לשון זיי גענומען דערלאַנגען, אַזוי האָט זיך פּלוצלונג און אומגעריכט

פאַרן פאַרשוין, און אַוודאי אויך פאַר די, וואָס האָבן די פּאַפּירן פון זיין האַנט באַדאַרפט באַקומען, זיך אַרויסגערוקט איינע אַ יונג־פּרוי פון די מיטגעפירטע מיט דער גרופּע, און דאָס איז געווען פלאָראַ, וואָס אויך זי, פון איר זייט, האָט זיך צו ערגעץ אַ פאַרנייט אָרט אין איר בגד געווענדט, אַ זאָג געבנדיק דערביי:

— חבר קאָמאַנדיר, אויך איך האָב פּאַפּירן...

זי האָט איילִיק און מיט אַ ציטערנדיקער האַנט דאָס פאַרנייטע אָרט אין בגד אויפגעריסן, פון דאָרט די איר מיטגעגעבענע שריפט אַרויסגעקריגן, און איידער נאָך דער קאָמאַנדיר האָט באַוויזן דאָס פון איר צוצונעמען, אַזוי האָט שוין דער פאַרשוין פאַרשטאַנען, אַז ער האָט שוין דאָ מיט זייניקע ניט וואָס צו טאָן און אַז ער פאַרשפּאַרט זיי שוין דערלאַנגען. ס'איז אים קלאָר געוואָרן, אַז די צווייטע מיט־געבראַכטע פּאַפּירן וועלן לייקענען אין זיינע, און דאָס איז מען אים אַזוי אַרומגעגאַנגען און איבערגעקליגט און אַז ער מיט זיין גאַנצער ביז־אַהעריקער פינצטערער קאַריערע, מיט זיין פאַרברעכערישן דאָברי־מזל זיינען איצט צום לעצטן ראַנד שוין אונטערגעקומען...

ס'איז איבעריק צו זאָגן, ווי אַזוי דער קאָמאַנדיר, צוזאַמען מיטן פּאָליט־טוער, האָבן, נאָכן דורכלייענען דאָס פּאַפּיר פון דער פלאָראַן, אויפן פירער־פאַרשוין אַ קוק געטאָן; איבעריק צו זאָגן, ווי אַזוי דער פאַרשוין האָט אַ געפאַנגענער, אַ ביי דער האַנט געפּאַקטער, אַ דע־מאַסקירטער, אויף זיך אַליין געקוקט, ד. ה. וואָס פאַר אַ צורה ער האָט דעמאָלט געקריגן און ווי אַזוי ער האָט, אַ געשלאָגענער, די אויגן און דעם קאָפּ ניט געהאַט וואו אַהינצוטאָן, דאָס אַלץ איז איבעריק צו זאָגן, ווייל זעלבסט־פאַרשטענדלעך, און געזאָגט דאַרף דאָ ווערן נאָר דער שפּיץ בקיצור, און אָט־וואָס:

אין דער זעלבער שטאָט, פון וואַנען פלאָרא האָט געשטאַמט און פון וועלכער זי איז צוזאַמען מיט איר גרופּע פון געטאָ אין וואַלד אַריבערגעשיקט געוואָרן; אין יענער שטאָט, וואָס האָט פריער, פאַר דער מלחמה געקערט צו פוילן, און וואָס איצט, נאָך איר, איז זי אַריבער, צוזאַמען מיט אַ גרויסן שטיק געגנט, צו איינער פון אונדזערע מערבדיקע ראַנד־רעפּובליקן, אין יענער שטאָט, אַן אַלטער און באַ־וואוסטער, מיט אַ פיל־יאָרהונדערטדיקער געשיכטע, מיט אַלע בנינים, שלעסער און דענקמעלער, וואו ס'געפינט זיך אויך אַ היסטאָרישער מוזיי, וועלכער האָט, אגב, בעת דער מלחמה מיט די היינט־צייטיקע וואַנדאַלן וואַנדאַליש־שטאַרק געליטן, און וואָס איצט ווערט ער צוריק

אויפגעשטעלט און אין אָרדענונג געבראַכט; אין יענעם מוזיי איז אַחוץ די ביז־אַהעריקע אָפּטיילונגען, וועלכע פאַרמאָגן אוצרות־עקספּאָנאַטן, ווי אויסגראָבונגען און געפינסן פון שטיין, ביין, בראָנזע, אייזן און גלאָז, ווי אויך בגדים, בילדער, ביכער, דאָקומענטן און שריפטן, פון וועלכע מ׳באַקומט אַ פאָרשטעלונג וועגן די פאַרגאַנגענע תקופות און צייטן, איז איצט צוגעקומען נאָך איינע אַן אָפּטיילונג, וועלכע זאַמלט מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון דער לעצטער צייט, ד. ה. פון דער אָקאָרשט ערשט נעכטן פאַרגעקומענער מלחמה דאָ, אין דער היגער געגנט, סיי פון דער אָפענער און סיי אויך פון דער אונטערערדיש־געהיימער.

און אָט: צווישן די פאַרשיידענע, שוין אָנגעזאַמלטע מאַטעריאַלן פון יענער נייער אָפּטיילונג, צווישן פלוג־בלעטלעך, אויפרופן, פּלאַ־קאַטן, בראָשורן, בריוו, טאָג־ביכער פון די אונדזעריקע, און פאַרקערט, די זעלבע פון שונא, קאָן מען דאָרט טרעפן אויך איינעם אַ פּראָטאָקאָל פון אַ געריכט איבער איינעם אַ פאַררעטער — די באַווייזן פון פאַר־רעטער אַליין אויף זיך צו פאַרטיידיקן און דאָס עדות־זאָגן פון אַנדערע צו זיין באַשולדיקונג; ווי אויך דעם אורטייל איבער אים, פאַרגע־שטעלט אין אַ פּאָר בייגעלייגטע פאָטאָגראַפישע בילדלעך פון אַ ווייניק־דערפאַרענעם וואַלדישן פאָטאָגראַף און פון אַ שלעכטן אַפּאַראַט געמאַכט, אויף שלעכט, אָרעם פּאַפּיר און אויך צרהדיק, אומבאַהאָלפן טושירט.

דאָך קאָן מען זען אויף איינע פון יענע בילדלעך אַ שטיק וואַלדישע לאַנדשאַפט, וואָס ווי קליין דער פאַרנעם אירער איז ניט, קאָן מען פונדעסטוועגן באַקומען אַ פאָרשטעלונג פונעם וואַלד אינגאַנצן, ווי פון אַזאַ, וואָס דערמאָנט די באַוואוסטע וועלדער פון אַ מזרח־אַפריקע, יענע אוראַלטע־פינצטערע, וואו אויף די הויך־ריזיקע און פאַרמאַכטע בוימער האַלטן זיך אויף די קליין־קריפּלדיקע האַלב־מענשלעכע, האַלב־חיות — די פּיגמייען.

אויף איינעם אַ בוים, זעט מען, הענגט אַ מענטש, אין דער „פּאָזע״, ווי אַלע אויפגעהאַנגענע... און לעבן דעם תליה־בוים, ביי אַ זייט, שטייט אַ גרופּע מיידלעך איינס לעבן איינס, און די סאַמע ערשטע, די אַמ־מערסט אָנגעזעענע אויפן בילדל, איז די אונדזער באַקאַנטע, די הויך־פּיסיקע פלאָראַ אין פאַרטיזאַנישן „פּוץ״ שוין אָנגעטאָן: אין וואַטאָווע הויזן, אין פוישמען אַריינגעלאָזט, אין אַ קורץ וואַטאָווע רעקל, און מיט אַ ביקס אויפן רוקן איבערגעוואָרפן.

יאָ, דאָס איז טאַקע זי, צוזאַמען מיט די אַנדערע פון דער גרופּע, וועלכע זיינען גליקלעך פון דעם פירער־פּאַרשוין אין וואַלד געבראַכט געוואָרן, ניצול־געוואָרענע פון דער געפאַר אויסגעגעבן צו ווערן פונעם זעלבן, און וואָס פאַרקערט, ער, דער פּאַרשוין אַליין, איז פון אַ פירער אַ פאַרפירטער געוואָרן, האָט זיך ביטער אַריינגעכאַפּט און באַקומען פון די געהעריקע הענט, וואָס איז אים געהעריק געקומען...

— כן יאבדו, — קאָן מען איבערלייענען פון פלאָראַס גלייכגילטיקן בליק אויף יענעם בילדל, בעת זי קוקט אַרויף צום געהאַנגענעם.

יאָ, האָט דער קאָמאַנדיר זי מיט אירע חברטעס צום סאַמע פון פּאַרנט פון דער תליה אַרויסגערוקט, כדי זיי זאָלן גלייך צום אָנהייב שוין האָבן דורכגעגאַנגען אַ שטיק שול, וואָס לערנט, ווי אַזוי קיין ברעם זאָל זיך ניט קיין קרים טאָן, אין אַלע יענע פאַלן, ווען מ׳האָט צו טאָן מיט אַ שונא, אַ פאַררעטער.

דאָ האָט, אגב, דער קאָמאַנדיר באַזונדערס אין זינען געהאַט די פלאָראַ, וועלכע ער האָט אויפן סאַמע פון פּאַרנט, אַמנאָענטסטן צום בוים אַוועקגעשטעלט, איבער איינער אַ סיבה, און אַט איבער וואָ־סערער: ווען זי איז אַהערגעקומען מיטן פירער־פּאַרשוין און האָט אין זיין אָנוועזנהייט אינעם נויטיקן מאָמענט, אייליק, מיט ציטערדיקע הענט, דאָס פּאַרנייטע אָרט אין איר בגד אויפגעריסן אויף אַרויס־צוציען די שיפערשריפט, האָט דער קאָמאַנדיר באַמערקט, ווי צוזאַמען מיט דער שריפט האָט זי אַרויסגעכאַפּט עפּעס נאָך אַ זאַך, — אַ פינגערל, מעג ער שווערן, — וואָס זי האָט דאָס באַלד מיט דער צווייטער האַנט פאַרנומען, וועלנדיק דאָס אויסבאַהאַלטן פאַר פרעמדע.

אַז ער האָט ביי איר דערנאָך אַ פרעג געטאָן: וואָס האָט זי דעמאָלט, בעת זי האָט זיך אַזוי געאיילט, געוואָלט פאַרשטעלן, אַרויסבאַקומענדיק דעם שיפער? האָט זי אים געענטפערט: אַ פינגערל.

— וועמעס? — האָט ער ווייטער שטרענג געפרעגט, וועלנדיק איר צו וויסן־געבן, אַז פאַר קיין קאָמאַנדיר טאָרן קיינע אויסבאַהעל־טענישן ניט זיין.

— מיינס, — האָט זי געענטפערט, — אַן אָנדענק פון מיין טאַטן.

— און צי ווייסט זי, — האָט ער ביי איר ווידער געפרעגט, — אַז דאָ געדענקט מען ניט קיין טאַטן, און אַז מ׳געדענקט בלויז איינס — צילן, שיסן און טרעפן?

— יאָ, — האָט זי געענטפערט, — זי ווייסט. אָבער דאָס וועט

איר ניט שטערן, נאָר פאַרקערט, העלפן אין איר לערע, אין וועלכער זי האַלט ערשט ביי טראַף...

דעמאָלט האָט דער קאָמאַנדיר זיך עטוואָס מער דערנעענטערט און איר מער אויפמערקזאַמקייט אָפגעגעבן, ווי אַנדערע, און די ערשטע לעקציע, וואָס ער האָט איר דערלאַנגט ביי דער ערשט־מעגלעכער געלעגנהייט, איז געווען די, וואָס האָט זיך צוערשט געלאָזט דערלאַנגען: אויספּרואוון זי אויף מוט, ווען זי וועט דאַרפן נאָענט שטיין ביי אַזאַ זאַך, וואָס אין אַנדערע אומשטענדן ווערן אַפילו מער מוטיקע אַמאָל מוטלאָז...

זי האָט אויסגעהאַלטן, פלאַראַ, די פּרואוו, און ניט נאָר דאָס; זי האָט ניט נאָר די ערשטע איר געגעבענע לעקציע גוט באַנומען, נאָר איינס נאָך איינס אַלץ, וואָס האָט זיך פון איר אין די אויפשטענד־לערישע וואַלד־באַדינגונגען געפאָדערט, ביז אַרויסצואווייזן זיך פאַר איינער פון די פלינקסטע, פּיאַיקסטע אויף אַלערליי אויפגאַבן, וועלכע יעדער איינער דאָרט האָט אויסצופילן, סיי וואָס ער נעמט אויף זיך פון אייגענער איניציאַטיוו און סיי פון די, וואָס די העכערע קאָמאַנדשאַפט שטעלט פאַר אים, אים באַפולמעכטענדיק.

זי האָט זיך אויסגעטיילט, אויסגעצייכנט אַזוי, אַז אין אַ קורץ שטיקל צייט אַרום וואָלט איינער, וואָס האָט זי געקאָנט פון ערשט ניט לאַנג אין געטאָ, זיך ניט געגלויבט, אַז דאָס איז די זעלבע — די, וואָס ווען מ׳האָט באַדאַרפט האָט זי זיך בליץ־שנעל אויף אַ פערד געטראָגן; ווען מ׳האָט באַדאַרפט צופוס אַנגרייפן, איז צופוס, אַן מידקייט, און ניט צו ציילן די טעג און נעכט, ווען מ׳האָט יאָ גערוט, ווען ניט; און ווען מ׳האָט נאָר באַדאַרפט, האָט זי געקאָנט אָפליגן געדולדיק, מיט קיין אבר ניט רירנדיק און ניט אַרויסווייזן זיך מיט קיין שום באַוועגונג, שעהנווייז, ערגעץ אין אַ לאָקער פאַר אַ דיווערסיע־אַקציע, ווען ס׳פאָדערט זיך באַזונדערס זיין שטיל, אומבאַוועגלעך און פאַרזיכטיק.

מיט איינעם וואָרט, זי האָט זיך אויסגעצייכנט אַזוי, אַז דער קאָמאַנדיר, דער יונגער, פאַר־דרייסיק־יעריקער רוס, דער גראָדער און דראַסטיקער, מיט די איבערגעקרייצטע רימענס אויף דער ברוסט און אויפן רוקן, האָט איין מאָל אין אַ גוט־אויפגעלייגטער שעה, נאָך אַ דערפאָלג אין שלאַכט און האָבנדיק אויסזיכטן אויף נאָך גרעסערע

דערפאַלגן, קוקנדיק אויף איר, ווען ער איז מיט איר אַליין געבליבן, איר אַ זאָג געטאָן אין ברידערלעכער אויפגעלייגטקייט:

— עך, דו פלאָראַ, פיינע מויד... צי ווייסט זי, אַז ווען ניט דאָ און ווען ניט איצט וואָלט ער איר געהאַט פאַרצולייגן איינעם זיינעם אַ גאָר נאָענטן באַקאַנטן אויף לעבן־לאַנגער חברשאַפט און שותפות...

פלאָראַ האָט פאַרשטאַנען, וואָס דער קאָמאַנדיר מיינט, אַן איבעריקע אויסטייטשונגען, און ווען ער האָט איר דערצו נאָך, נאָך די נאָר־וואָס געזאָגטע ווערטער, אַ האַנט אויפן אַקסל אַרויפגעלייגט, אַן דער־קלערונגען און אַביסל ניט ווי זיין שטייגער, אַ ראָמאַנטיש־פאַרטראַכ־טער, האָט זי זיך בכבודיק אַ דריי אויס געטאָן פון אונטער זיין האַנט, האָט גאָרניט ניט געזאָגט, נאָר די טייטש פון איר אויסדריי איז געווען:

— ריכטיק, ניט איצט איז די צייט און ניט דאָ דאָס אָרט פאַר אַזוינע פאַרשלאָגן...

ווייל ווירקלעך: ס'איז שוין געווען שניט־צייט, שוין ערב דעם, ווען מ'האָט באַלד באַדאַרפט אַראָפּנעמען דאָס אויסגעוואַקסענע מיט געזאַנג, נאָך דעם, ווי מ'האָט אַזוי בלוטיק פאַרזייט, אין אַזאַ טרויער. ס'איז געווען ערב נצחון, ווען אָט באַלד־באַלד וועט די ווירקלעכקייט שוין האָבן איבערגעגאַנגען אין אַ לעגענדע, וועגן וועלכער יעדער איינער, מער־ווייניקער אָנטיילנעמער און שפּעטער אירער, וועט זיך האָבן געניג־געניג אָנצודערציילן, און וועגן וועלכע אויך זי פלאָראַ, וועט האָבן געניג, ווי אַן אָנטיילנעמערין.

זי וועט דאָס אויך טאָן... זי האָט דאָך צו דערציילן ניט נאָר וועגן די פּאַסירונגען פון ביז אַהער, ביז זי איז אין וואַלד אַריין, וואָס דאָס איז, דעם אמת געזאָגט, ניט מער ווי בלויז אַן אַריינפיר צום עיקר, נאָר דער עיקר טאָקע וועגן דער רעכטער־געדיכטער וואַלדיש־אויפ־שטענדלערישער טעטיקייט, צו וועלכער זי האָט אַליין געשטרעבט און אויף וועלכער זי האָט ביי איר טאָטן אַ ברכה געבעטן, און ניט נאָר ביי איר טאָטן, נאָר ביי אַלע אירע אבות־אבותיה — ביי אירע עלטערנס־עלטערן, ביז אַפילו אַרויף צו דער מוטער־דבורה, דער אַמאָל־אַמאָליקער פאָלק־זינגערין, ווי געזאָגט.

נו, און דערווייל אָבער, ביז וואָס־ווען, ביז זי וועט זיך דערפאַר נעמען און ביז מיר וועלן פאַר די אויגן האָבן איר קינפטיקע שריפט און וועלן זיך איבערצייגן מיט דעם, וואָס זי וועט אונדז האָבן שפּעטער צו זאָגן, שטעלן מיר אַ פּונקט און ווילן נאָר צוגעבן אַ פּאָר קלייניקייטן צו דער ביז־אַהעריקער דערציילונג.

3.

יאָ, ווען, וואו און ביי וואָס פּאַר אַן אומשטענדן האָבן מיר זיך באַקענט מיט אַט דער פלאָראַ?

— אַט וואו און ווען:

ס'איז דער נײַנטער מאַי, 1945, אין מאָסקווע.

אין איינער אַ יידיש־געזעלשאַפטלעכער אינסטיטוציע, געגרינדעט און אויפגעקומען אין מלחמה־צייט אויף זאַמלען און פאַרשפּרייטן ידיעות וועגן די אַזוי־טרויעריק־באַרימטע מעשים־תעתועים פונעם שונא, איז אין יענעם אָוונט פון יענעם נײַנטן מאַי, לכבוד דעם זיג איבער אַט דעם ניט געדאַכטן, פאַרגעקומען אַ באַל, אַזוי ווי אומעטום דעמאָלט ביי אונדז אין לאַנד, און ניט נאָר ביי אונדז אין לאַנד, נאָר אין אַלע פרייהייט־ליב־האָבנדיקע און אין קאַמף מיטן שונא שטייענדיקע לענדער.

ס'זיינען איינגעלאַדן געווען די מיטאַרבעטער פון יענער אינ־סטיטוציע, ווי אויך אַנדערע — פון אַנדערע, וועלכע האָבן געהאַט צו דער געגעבענער אַ וואָסערע ניט איז שייכות, ווי אַקאַדעמיקער, קינסטלער, שריפטשטעלער, און דער עיקר מיליטער־פאַרשטייער, אָנהייבנדיק פון די הויכע ראַנגען — פון אַ גענעראַל, ביז אַראָפּ, אַראָפּ נידעריקער, וועלכע זיינען דעמאָלט, אגב, אַלע, אָן אויסנאַם, געווען באַהאַנגען מיט אַזוי פיל שלאַכט־אויסצייכענונגען, מיט אָרדנס און מעדאַלן, אַז ווען מ'זאָל זיי געווען וועלן נאָך עפּעס וואָס אָנהענגען, וואָלט שוין, דוכט זיך, אויף זייערע ברוסטן קיין אָרט ניט געקלעקט, צווישן די מיליטערישע — אויך פאַרטיזאַנער פון ביידע געשלעכטן — האַלב מיליטעריש, אָדער גאָר ציוויל געקליידט.

ס'איז געווען אַ געדראַנג און אויפגעלייגטער טומל אין דער געביידע פון יענער אינסטיטוציע, שוין אונטן, אינעם ערשטן שטאָק, ביי דער גאַרדעראָב און אין אַלע אַרבעט־צימערן, איידער מ'האָט דעם עולם אינעם אויבער־שטאָק אין דער קאָנפערענץ־זאַל, וואו אַלע מאָל קומען פאָר מיטינגען און פאַרזאַמלונגען, איינגעלאַדן.

ס'איז געווען אַ זשום, ווי אין אַ בינשטאָק, ווען באַקאַנטע, נאָר־וואָס אָנגעפאַרענע פון פאַרשיידענע פראָנטן מיליטער־לייט, וועלכע האָבן זיך לאַנג ניט געזען איינס מיט איינס נאָך לאַנגער צעשיידונג, האָבן זיך איצט אויפסניי באַגעגנט צווישן זיך און אויך מיט ציווילע,

וואָס האָבן די גאַנצע מלחמה־צייט צוליב מלחמה־צוועקן, אין הינטער־לאַנד פאַרבראַכט.

ס׳איז געווען יום־טוב אויף אַלעמען, און ווען שפּעטער איז דער עולם אין אויבערשטאָק אַרויפגערופן געוואָרן, וואו מ׳האָט אין דער דערמאָנטער קאָנפערענץ־זאַל זיך געטראָפן פאַר לאַנגע, רייך־געדעקטע טישן, אויסגעשטעלט ביי די דריי ווענט פון זאַל אין דער פאָרם פון אַ „חת״; און ווען דער עולם האָט זיך אַהין גענומען אייגציקווייז, פאַרלעכווייז און גרופּענווייז צונויפגיין, אַזוי האָט מען געקאָנט זען, ווי צווישן די עטוואָס שפּעטער און צום לעצט אָריינגעקומענע האָט זיך באַוויזן עפּעס נאָך איינע אַ פּאָר — אַ עטוואָס נידעריק־פעסטער מאַנצביל שוין ניט קיין יונגער, מיט הויכלעכע שטערן־ווינקלען, מיט שוואַרצלעכע שוואוואקס־אויגן און אַביסל פרעמדלעך־בעריש אין זיין האַלטונג און גאַנג; און ביי זיין זייט — אַ יונגפרוי, אַזאַ, וואָס זי ניט צו באַמערקען איז אַפילו צווישן גאָר אַ גרויסן עולם געווען אויסגעשלאָסן און ניט שייך.

דאָס איז געווען בערל בענדער און פלאַראַ, וועלכע האָבן, נאָכדעם ווי אויך בערל איז אַרויס פון געטאָ, זיך צוזאַמענגעפונען אין איינער און אַ זעלבער טייל פון אַ איינער און דער זעלבער וואַלד־מאַנגע. זיי האָבן זיך פיל פריער באַפרייט ווי די שלאַכט־לייט פון דער רעגולערער אַרמיי — נאָך דעמאָלט, ווען די לעצטע האָט זייער געגנט אַריבערגע־שפּאַנט, ציענדיק אויף מערב, און אין זיי, אין די אונטערערדישע אויפשטענדלער, האָט מען זיך שוין ניט איבעריקס גענויטיקט. מ׳האָט זיי פון זייערע שלאַכט־ערטער און פּאָסטנס אויף רו צעלאָזט. ווער ס׳איז אַהיים אַוועק, איז אַוועק, און ווער ס׳האָט קיין היים ניט געהאַט, ווי אַט אַזאַ בערל און פלאַראַ, וועלכע האָבן, ווי פיל, אַלץ אָנגעוואוירן, האָבן זיך געלאָזט וואוהין — ווער ס׳האָט געוואָלט.

די לעצטע האָבן באַגערט קיין מאָסקווע. מעגלעך, צו קרובים, מעגלעך, צו פריינט, און מעגלעך, אַז אַליין צו דער שטאָט, וואָס איז זיי געווען אי אַ פריינט, אי אַ קרוב.

אַ סברה, אַז פלאַראַ האָט טאַקע דאָ אָנגעטראָפן אויף קרובים, ווייל קוקנדיק אויף איר איצט, ווען זי האָט זיך צווישן די פאַרשפּע־טיקטע אין זאַל אַריינגעשטעלט, האָט מען געקאָנט זען, אַז זי קומט פון אַ שטוב און פון , ווי ס׳ווייזט אויס, אַ פאַרמעגלעכער שטוב, ווייל איר אָנטאָן, סתם־אויסזען און באַל־און סאַלאָן־פּיאיקייט האָט אַרויס־גערופן חידוש ניט נאָר ביי מענער, נאָר אויך ביי אַלע די בייוועזנדיקע

פרויען, וועלכע האָבן קיין „וואַלד״ אין די אויגן ניט געזען און צו פּאַרטיזאַנען־פּראַקטיק קיין שייכות ניט געהאַט.

זי האָט אויסגענומען ניט נאָר מיט איר אויסערלעכקייט, נאָר מיט זיך אַליין, אגב, אויך דאָס אויסערלעכע האָט דאָ צוגעהאָלפן...
— צי זי האָט צופעליק אויף אַזאַ קלייד אָנגעטראָפן, קומענדיק אין קליידער־מאַגאַזין, צי זי האָט ספּעציעל טאַקע געזוכט אַזאַ, נאָר ס׳האָט זיך געמאַכט, אַז דאָס שטאָף, סיי דער קאָליר, סיי דער פאַסאָן זיינען ענלעך געווען אויף יענעם, וואָס איר פאָטער האָט, ווי מיר געדענקען, איר ספּעציעל געלאָזט נייען צום אַרויסלאָז־באַל אין שול, ווען זי האָט זיך נאָך אַ גליקלעך קינד אונטער זיין שוץ־פליגל געפונען:
— מיט דעם זעלבן גורט פון זעלבן ווייסן שטאָף אויף אונטן, אויפן רוקן געבונדן, מיט צוויי עקן ביז אַראָפּ צום זוים פון קלייד אַראָפּגעלאָזט.

זי האָט שוין גלייך, ווי זי איז אַריין, די מערסט־גרעסטע אויפמערקזאַמקייט אויף זיך פון כמעט אַלע זי דערזעענדיקע געצויגן — אויף אַזוי ווייט, אַז אייניקע האָבן זיך גלייך גענומען צו איר שאַרן, נעענטער הינטערקומענדיק, און אייניקע, פון דעם רעשטל נאָך ביי אונדז פאַרבליבענע עסטעטישע סנאָבן, האָבן פון גרויס התפעלות גענומען זוכן אַ פאַרגלייך צו איר ניט אין אונדזער דור, נאָר ערגעץ גאָר אין דער געשיכטע:
— זעט, — האָט אַזאַ איינער אַ זאָג געטאָן — ס׳איז דאָך אַ הענריעטע הערט פון אַמאָליקן דייטשישן שטורעם־און־דראַנג־פּעריאָד; דאָס שלעגל־ווייב, וואָס אַ גאַנץ־גייענדיק דור ראָמאַנטיקער האָבן געקלעפּט אַרום איר, ווי פליגן אַרום זיס...
— און אַזוינס האָט פּאַרטיזאַנעוועט! — האָט געזאָגט אַ צווייטער.
— צום שונאס קאָפּ און צו זיין פאַרשריגענעם יאָרהונדערט!

אַז מ׳האָט זיך אויסגעזעצט ביי די רייך־געגרייטע טישן מיט די פיל מאכלים און משקה לכבוד דעם יום־טוב, איז דאָס אָרט פון בערל בענדער און פלאָראַן אויסגעקומען פונקט אַנטקעגן, ווי־זאַ־ווי דער גרופּע פאַרשטייער פון דער מאָסקווער יידישער קהלה, בראש מיטן רב, דעם הרב שירער, וועגן וועלכע מיר האָבן שיר ניט פאַרגעסן זאָגן, אַז אויך זיי זיינען צום באַל פון דעם לאַנדס גדולה איינגעלאַדן געוואָרן.

אגב, איין קליין וואָרט וועגן אָט דעם הרב שירער: כאָטש ער האָט אויסגעזען נאָך פאַר די פופציק, האָט ער שוין געהאַט אַ דער־

וואָקסענעם איינציקן זון זיך באַטייליקן אין דער מלחמה, וואו ער איז אויך אומגעקומען און איבער דעם איז אויף זיין ווייס־געוואַשן און געשטילט פּנים, מיט דער געצערטלטער, ניט לאַנגער באָרד, צו זען געווען אי ווי גרויס־פאַרגליווערטן אַנגסט, ווי ביי יעדן פאָטער, וואָס פאַרלירט דאָס טייערסטע, וואָס ער פאַרמאָגט — אַ בן־יחיד. און אי אויך, חוץ דעם, נאָך יענעם מין פּראָפעסיאָנעלע גלויביקייט, וואָס לאָזט ניט אַזוינע זיך פאַרלירן, ניט מיאש זיין זיך אַפילו דעמאָלט, ווען ס׳טרעפט זיי דאָס לעצטע, וואָס אַ מענטשן קאָן טרעפן.

בראש, ביי ערשטן מיטלסדיקן טיש, האָט מען געקאָנט זען די אַממערסט בכבודיקע מחותנים, אַזוי צו זאָגן, פון דער היינטיקער פייערונג — די מיליטערישע, וואָס זיי די ערשטע זיינען אויך באַערט געוואָרן די ערשטע טאָסטן צו האַלטן.

מ׳האָט גערעדט און געהויבן דעם כוס, צוערשט, נאַטירלעך, פאַר די אָנפירער און אָרגאַניזאַטאָרס פונעם צווישן־פעלקערלעכן זיג, דערנאָך פאַר די פעלקער אַליין, דערנאָך פאַר די מיט מסירת־נפש קעמפנדיקע אַרמייען, און יעדער מיליטערישער האָט פאַר די קורצע מינוטן, וואָס זיינען אים אויסגעטיילט געוואָרן אויף זיין וואָרט, געהאַט צו ברענגען אַ היפש ביסל גאָר־געהויבענע ביישפּילן פון זיין אייגענער שלאַכט־פּראַקטיק, ווי אויך פון זיינע נאָענטע און אין זיין רשות זיך געפינענדיקע מיטהעלפער, וועלכע האָבן באַוויזן, ווי ווייט מוטיק, דרייסט אַלע, אָן אויסנאַם, ווער־וואו, אויף וואָס פאַר אַ פּאָסטן ער איז ניט געווען געשטעלט און וואָס פאַר אָן אויפגאַבע ער האָט ניט געהאַט אויסצופילן, האָט געטאָן און אויסגעפילט, ניט געדענקענדיק אין זיך, ניט אין זינען האָבנדיק זיין אייגן לייב און נפש, אַבי דער אַלגעמיינער זאַך פון זיג זאָל דאָס דינען, און אַבי דער שונא זאָל מיט בלוט־פאַר־לאָפענע אויגן וואָס גיכער, וואָס גיכער זיין אייגענע, ענדגילטיקע מפּלה דערזען.

ס׳האָבן גערעדט אויך ניט ־מיליטערישע, וואָס האָבן בעת דער מלחמה אין הינטערלאַנד געהאַט צו טאָן און וואָס אויך זיי האָבן געהאַט געגנוג וואָס צו דערציילן.

מ׳האָט אַ וואָרט געגעבן אויך בערל בענדער, ווי אַ פאָרשטייער פון די אונטערערדישע אויפשטענדלער, צו וועמען מ׳האָט זיך באַ־זונדערס צוגעהערט, ווי צו איינעם אַ זייער באַשיידענעם העלד צווישן נאָך אַזוינע, ווי ער, העלדן, וואָס אָן שליפעס, אָן אַמוניציע, אָן געווער, נאָר מיט הוילע כמעט הענט, זיינען זיי אַרויסגעטראָטן קעגן אַ פון

קאַפּ ביז די פּיס באַוואָפנטן שונא, און וואָס צו באַזינגען אָט די העל־דישקייט זייערע וועלן זיך פאָדערן גאָר באַזונדערע מיני מינים זינגערס און באַרדן.

דעמאָלט איז געגעבן געוואָרן אַ וואָרט צו אַ טאָסט אויף פלאָראַן, ווי אַ פאָרשטייערין פון פרויען־העלדן, וואָס איז נאָך מער חידוש, און וואָס ווען זי האָט זיך נאָר פון איר אָרט אַ הויב געטאָן און זיך אַ שטעל געגעבן מיט אַ זייט אַביסל, געוווּנדערט ניט נאָר צו די, וואָס זיינען ביי איר טיש געזעסן, נאָר צו אַלע, אַלעמען אין זאַל, אַזוי איז שוין דער עולם, נאָך איידער ער האָט פון איר אַ וואָרט דערהערט, גרייט געווען צו אַפּלאָדירן — אַליין איר וואוקס, אַליין איר האַלטונג, אַליין איר אויסזען, וואָס איז זיך כלל ניט געווען פאַרצושטעלן, אַז זי, אַזאַ, אי ערשט פון וואַלד און פון יענער געפּאַרפּולער, אויפשטענדלע־רישער ווירקלעכקייט אַרויסגעקומען.

זי האָט זיך אַ שטעל אויף געטאָן, און דערזעענדיק זיך אין אַן אייגנשטאַמיקער סביבה, פון וועלכער זי איז אַ צייט געווען אָפּגעריסן, האָט זי אַ רעד געטאָן אויף איר אייגן יידיש־לשון, פון וועלכן זי איז שוין אויך אַ צייט, אין וואַלד זייענדיק, געווען אָפּגעוואוינט, — אַזוי, אַז אַלע האָבן זיך גענומען גרויסן סיי מיט איר אַליין, סיי מיט דעם, וואָס דער פאָלקס־קוואַל האָט ניט אויסגעטריקנט, זעענדיק דאָ אַ סימן, אויב נאָך אַזאַ בראָך, וואָס האָט אונדז געטראָפן, זיינען נאָך אונדז פאַרבליבן אַזוינע טעכטער מיט אַזאַ אויסזען, מיט אַזאַ שטעל און מויל.

אַז זי האָט, פאַרבייגייענדיק, דערציילט אַ פּאָר עפּיזאָדן פון איר פּאַרטיזאַנען־פּראַקטיק, האָט עס דעם עולם אַזוי אויפגעריסן, אַז מ׳האָט זיך אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין, אַלע פון די ערטער אויפגעהויבן, כדי זיך בעסער אין איר איינצוקוקן און כדי זי בעסער צו הערן.

מ׳איז געשטאַנען מיט אָפענע מיילער און געוואַרט, זי זאָל ווייטער און נאָך דערציילן, מיט אַזאַ דורשט, נייגעריקייט און פאַרכאַפּונג, ווי דורשטיקע קוקן אַמאָל, לעכצנדיקע נאָך רעגן.

דעמאָלט האָט זי גענומען ריידן אויף וועגן דער געטאָ, אויפ־קלערנדיק דעם עולם, וועלכער האָט ניט געוואוסט, וואָס דאָס איז אַזוינס — וואָס מיט דעם וואָרט איז געמיינט, זאָגנדיק דערביי, אַז ווען ס׳זאָל געווען זיין אַנדערש, ד. ה. ווען ניט די אומשטענדן, וואָס דער שונא האָט געשאַפן אויף אוממעגלעך צו מאַכן און ניט צו דערלאָזן צו קיין יידישער העלדישקייט, וואָלט מעגלעך יעדעס אומ־

געבראַכט קינד אָדער זקן געלאָזט נאָך זיך אַזאַ באַוואונדערנדיקן ביישפּיל, וואָס וואָלט שווער געווען אים צו נאָכטאָן.

און דערום, — האָט פלאָראַ געזאָגט, פאָדערנדיק ערע פאַר דער דערמאָנונג פון געטאַ, וועלכע האָט ניט באַוויזן אָפּצוגעבן בפועל דאָס, וואָס האָט פאַרמאָגט בכוח — לאָמיר פאַר איר די קעפּ פאַרנויגן...

דעמאָלט האָט פלאַראָן אויסגעפּעלט לשון פון דער פאַרערנדיקער שטילקייט, וואָס האָט אַ ווײַלע געהערשט אין זאַל.

דעמאָלט, ווידער, האָט זי אויפגעהויבן די רעכטע האַנט, וואָס אויפן פאַר־לעצטן פינגער, האָט מען געזען, האָט זי עפּעס אַ פינגערל געהאַט, אַראָפּנעמענדיק עס מיט דער לינקער האַנט, האָט זי דאָס הויך געהאַלטן ווי אויף צום שעצן און צום באַווײַזן, און קערעוועענדיק זיך צום פרויען־טייל פונעם עולם, וואָס האָט זיך אין זאַל געפונען, האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— שוועסטער, דאָס איז אַ ירושה־פינגערל פון מיין טאַטן, וואָס איז אומגעקומען, און וואָס האָט, געבנדיק דאָס מיר, האָט ער מיך פאַר־קנסט צו אונדזער פאַרגאַנגענהייט, און אָט די פאַרגאַנגענהייט, פאָדערט פון אונדז איצט אַ חוב — אויפצושטעלן אַ דור, וואָס זאָל ווערט זיין דעם פאָדעם פון אונדזער שטענדיקן, איבערשטענדיקן פאָלקס־קיום. לאָמיר, שוועסטער — האָט זי געזאָגט און האָט ווידער מיט דער לינקער האַנט דאָס פינגערל אויף דער רעכטער אָנגעטאָן, ווי פאַרקנסנדיק זיך אַליין צום געגעבענעם צוזאָג, וואָס זי האָט אָקאָרשט פון מויל אַרויסגעבראַכט.

דאָ האָט עס דעם עולם אויפגעריסן.

— יאָ שוועסטער, — זיינען אייניקע צו איר צוגעפאַלן און זיך גענומען מיט איר קושן.

דאָס התפּעלות פון איר אַרויסטרעטונג האָט דערגרייכט אַזוי ווייט, אַז ווען גלייך נאָך איר איז געגעבן געוואָרן דאָס וואָרט דעם רב, — דעם הרב שירער, אַזוי האָט ער, האָבנדיק זי ווי־זאַ־ווי, און זייענדיק גערירט פון איר וואָרט, צו וועלכן ער האָט כמעט ניט געהאַט וואָס צוצוגעבן — זיך באַנוגנט בלויז מיט געציילטע ווערטער, וואָס זיינען באַשטאַנען פון אַ ברכה, פון אַלטן חומש אַרויסגענומען:

— אחותנו, — האָט ער זיך געווענדט צו אָט־דער פלאָראַ, ווי צו אַן אייגן קינד, ווי צו זיינער אַ שנור, וואָס ער וואָלט זיך אַוודאי גע־וואונטשן זי צו האָבן פאַר זיין לעבעדיקן זון אויסגעגעבן:

— אחותנו, את היי לאלפי רבבה — זיי צו אונדז, און ווער צו אונדז, הייסט עס, צו טויזנטער און צו צענער טויזנטער.

מער האָט ער פֿאַרשפּאָרט צו זאָגן... דער עולם האָט מיט אים מסכים געווען, אים אויך אַפּלאָדירט.

און אַז שפּעטער, ווען טאָסטן האָבן זיך אויסגענומען, די סעודה האָט זיך געענדיקט, און דעם עולם איז געגנוג לוסט אונטער דער הויט אַרונטערגעקומען אויף ניט צו באַנוגענען זיך בלויז מיט דעם ביז־אַהעריקן — און מ׳האָט געוואָלט נאָך מער און ראַשיקער פֿאַרברענגען, אַזוי האָט די דינערשאַפֿט דאָס געשיר, די לאַנגע טישן, בענקלעך, שטולן פֿון זאַל אַפּירגענומען און געמאַכט אָרט פֿאַר פֿאַרווייַלונג.

דערווייַל האָט זיך איינער אַ מוזיקאַנט געזעצט צום אינסטרומענט, וואָס האָט זיך באַשטענדיק אויף אַזוינע פֿאַלן אין זאַל געפֿונען, און באַלד האָט ער איבער די קלאַווישן מיטביידע הענט אַן אויפֿמונטערנ־דיקער גיי געטאָן און דער עולם האָט דערהערט, אַז ער ווערט צום טאַנץ איינגעלאַדן.

בעלנים האָבן זיך געפֿונען געגנוג. צום ערשט אָבער האָט דער עולם טענצער זייער באַגער אָפּגעהאַלטן, דערזעענדיק, ווי צווישן אַלערליי פֿאַרלעך האָט זיך באַוויזן אַ פּאָר, וואָס מ׳האָט זיי דעם ערשטן כבוד און די ערשטע אויפֿמערקזאַמקייט געמוזט אָפּגעבן, אַליין זיך דערווייַל אָפּהאַלטנדיק פֿון טאַנצן.

דאָס איז געווען בערל בענדער מיט פֿלאָראַן, וועלכע איז איצט פֿון איר אייגנסטן, פֿון איר נאָענטסטן, פֿון דעם, וואָס זי האָט מיט אים אַזאַ שטיק געטאָ, וואַלד, און געפּאַר־געשיכטע דורכגעמאַכט, איינגעלאַדן געוואָרן.

דער עולם האָט זיי אַרומגעשטעלט. מ׳האָט געהערט, ווי בערל, איר „קאַוואַליער״, האָט איר אַ זאָג געטאָן: פֿלאָראַ, אַן אונדזעריקס...

דעמאָלט האָט ער מעשה־קאָזאַק איר אין אַ רעדל גענומען אַרומ־גיין... ער האָט אויף אַ ניט־יידישן אופֿן צוערשט די רעכטע האַנט צו דער רעכטער זייט פּאַטיליצע אַ הויב געטאָן, גייענדיק פּוס־טראַט און קיילעכיק אַרום איר, וועלכע האָט אים צוגעשמייכלט, אים כוח אונטערגעגעבן, אים צופֿליעסקענדיק און, אַ שמייכלענדיקע, מיט אים מיטגעטאַנצט.

דעמאָלט האָט ער געביטן די רעכטע האַנט אויף דער לינקער, און האַלטנדיק זי פֿאַר דער לינקער זייט פּאַטיליצע, האָט ער דורכ־

גערמאַכט דאָס זעלבע — דאָס מאָל מיט געבויגענע קני, אין האַלב־וואוקס די גרויס און ווי זיצנדיק געטאַנצט.

אויך זי האָט אים נאָכגעטאָן: אים געלאָזט שטיין ווי אינמיטן אַ קרייז און זי האָט זיך אַרום אים געדרייט פּוס־טראָט און קיילעכיק, און מיט אַלע העוויות, וואָס ווייזן אויף הפקר און אויף גאַסט־באַראַט, ווי מ׳זאָגט, און אַז אַזוינע טענץ ווערן ניט אין קיין זאַלן, נאָר אויף הוילער ערד ערשט רעכט־גוט אויסגעטאַנצט.

דער עולם האָט אַוודאי זיי באַגיטיקט און באַדאַנקט. מ׳האָט אָבער געזען, אַז בערל איז בלויז אַ חבר, אָבער ניט קיין פּאָר, מחמת זיין עלטער און מחמת ער איז שוין צו סאָליד פּאַר איר.

און דערפאַר, שפּעטער, אַז מ׳האָט אויסגעשפּילט, איינלאַדנדיק צום צווייטן טאַנץ, האָט זיך שוין דער ריכטיקער געפונען — אַ מילי־טער־יונג, וואָס מ׳פּרעגט אויף אים, אַ קאַוואַלעריסט, דוכט זיך, מיטן קנאַק און מיט שפּאָרן, ווי מ׳זאָגט.

דעמאָלט האָט מען אַ טאַנץ געטאָן מאָדערן — אַזאַ, צו וועלכן די יוגנט איז געוואוינט און בעת וועלכן זי פילט זיך אין איר סטיכיע.

דעמאָלט האָט פלאָרא, אַרויפלייגנדיק אַ האַנט אויפן קאַוואַליערס אַקסל, שוין ביים ערשטן גאַנג, וואָס זי האָט געמאַכט, באַוויזן אַזאַ „קלאַס", אַז דער גאַנצער, זייטיקער, ניט־טאַנצנדיקער עולם האָט זיך אין שפּאַליערן אויסגעשטעלט, וואַרטנדיק, זי זאָל זיך פאַרביי־טראָגן און מ׳זאָל זי וואָס נעענטער, וואָס נעענטער פאַר די אויגן האָבן.

ס׳איז שוין דווקא געווען אויף וואָס צו קוקן: ווען דעם קאַוואַליערס האַנט אויף איר טאַליע, און אירע — אויף זיין אַקסל, און ווען פון איינעם אַ פינגער פון איר זעלבער האַנט האָט זיך אַלע מאָל, ווען זי האָט זיך פאַרבייגעטראָגן, אַ וויז געטאָן דאָס פינגערל, וואָס האָט איר אַזוי פיל חן געגעבן, און באַזונדערס נאָך, ווען מ׳האָט זיך דערמאָנט פון וואַנען ס׳שטאַמט און אַז ס׳דינט פאַר אַ געדעכעניש פון איר פאָטער, וועגן וועלכן זי האָט אין איר טאָסט געזאָגט.

— לעבן זאָל אַזאַ — האָבן געזאָגט, ניט געזאָגט, נאָר געטראַכט אַלע אין די שפּאַליערן־שטייענדיקע עלטערן, זעענדיק פאַר זיך אַ קינד, וואָס פאַרשעמט ניט קיין עלטערן, און וואָס איז פאַרקערט — זיי אַ צירונג.

— מיידל־טריאומף!... שוין יענע מיידל! — האָבן נאָכגעקוקט יונגע מיט קנאה נאָך דעם, וואָס ער האַלט זיין האַנט אויף איר טאַליע און האָט זי איצט לעבן זיך נאָענט.

אַן עבירה גאָר, זאָגן מיר דאָ, וואָס צווישן די שפּאַליערן־שטייענ־דיקע האָט זיך דעמאָלט ניט געפונען נאָך איינער אַ צושויער, — דאָס מיינט מען פלאָראָס פּאָטער, וועלכער וואָלט אויך איצט, ווי דעמאָלט, ווען ער האָט זי געזען בעתן אַרויסלאָז פון שול, באַשיידן צווישן עולם זיך געווים פאַררוקט און פון ניט וועלן איר געבן קיין עין־הרע — זיך געמאַכט ניט זעענדיק. אַ שאָד, אַ שאָד...

מאָסקווע, אַפּריל־מאַי, 1946.

מיט איבערוואַנדערער קיין ביראָ־בידזשאַן

— ווער פֿאָרט אין עשעלאָן? ווער זיינען די איבערוואַנדערער־קאָנטינגענטן?

— כלערליי.

— פֿאַכן און פּראָפֿעסיעס?

— פֿאַרשיידן, וואָס פֿאַרשיידן הייסט: אָנגעהויבן פֿון אַ גאַסן־שוסטער, אַ לאַטוטניק, ביז אַ וועג־אינזשעניער; פֿון אַ טראַקטאָריסט ביז אַ שוחט; פֿון אַן אַלטמאָדישן באָנדער, פֿון וועלכן ס׳שמעקט מיט פּאַס, מיט דייזשקע, מיט רייפֿן און קלעפּקע, ביז אַ גאָר קוואַליפֿיצירטן אינסטרומענטן־מייסטער פֿון פּינקטלעכער מעכאַניק; היינט אַלע איבעריקע, ווי סטאָליערס, טעסלערס, שלאָסער, טאָקער, שטעפּער, שניידער, צושניידער, רימער, און ווער קאָן זיי דען אַלע אויסרעכענען?

עטוואָס מער אויספּירלעך: אָט פֿאָרט אַ פֿרוי אַ נאַטשאַלניק פֿון אַ פּאָסט און טעלעגראַף־אָפּטיילונג, וואָס דאָס אָרט, וואו זי האָט געוואוינט, האָט זי פֿאַר קיין פֿאַל ניט געוואָלט אָפּלאָזן, וויסנדיק, אַז אַזאַ געניטע און דערפֿאַרענע טוערין אויף דעם געביט איז איצט ניט אַזוי לייכט צו קריגן. און אַנטקעגן — אַזאַ, וואָס דאָס אָרט, וואו ער האָט געאַרבעט, האָט זיך פֿאַר אים ניט איבעריק באַדאַרפֿט שלאָגן — אַ טויבלעך־אָפּגעפֿאַרענער פֿאַריקמאַכער, מיט אַ בלאַס־תעניתדיק פּנים, מיט שטאַרק אויסגעגריבלדיקע באַקן און שוואַרץ־זשוקישע וואָנצעס, וואָס אַחוץ פֿאַריקמאַכעריי האָט ער נאָך אַ ביי־פּרנסה: ער שפּילט, טויבערהייט, אויף אַ טראָמבאָן, אויב אַזאַ איינער פֿעלט אַמאָל אויס אין אַ קאַפּעלע.

אָט פֿאָרט אַ געוועזענער בעל־עגלה, איצט — אַ זאַווטראַנספּאָרט, אַ ייד מיט אַ ביסל פֿאַרלאָפֿן בלוט אין אויג, וואָס האָט ליב אַ שאַרף וואָרט און בעת אַ קריג מיט עמעצן קאָן ער באַשטיין זיין שטעטל. צוזאַמען מיט אים — אַ גרופּע גרים, טיפּישע רוסן מיט עפּעס סעקטאַנטיש־געדעמפּטע יצר־הרעס און מיט פֿרומע פּסוקים אין מויל. ס׳פֿאָרן יידישע פּויערים פֿון קרים און פֿון אַנדערע ראַיאָנען, מיט קנאַכיק פֿאַרברוינטע פּנימער און מיט גאָר ניט קיין יידישלעכן געמיט

אין די געביינען, און פון דער אַנדערער זייט — אימפּעטפּולע שטאָט־לייט, מיט פולע טשעמאָדאַנעס טאַראַראַם און טומל...

ס'פּאַרט אַ 56־יאָריקער העקער, וואָס זעט אויס, ווי פון אַ האַרבער קלאָץ אויסגעדויבעט, אַ טומלער, שוין מיט איין צאָן אין מויל, פון פּאַרנט, וואָס האָט אָבער ערשט ניט לאַנג חתונה געהאַט פאַר אַ יונגנט און זיך דערלעבט אַ בן־זקונים; אַן אַלטער פּאַרטיזאַן, וואָס האָט צוריק מיט אַ יאָר דרייסיק געדינט אין בודיאָניס קאַוואַלעריע, און דער שינעל און דאָס מיליטערישע היטל, וואָס ער טראָגט איצט און זאָגט, אַז ער האָט זיי פון דער לעצטער מלחמה, אין וועלכער ער האָט אויך אָנטיילגענומען, שמעקן נאָך אָבער באמת מיט שוויס און פּולווער פון בירגער־קריג.

ס'פּאַרט זיינער אַן אַנטיפּאָד. אַ שטאָלענער מעטאַליסט, אַ שוויגנ־דיקער יונג, מיט אַ שוויגנדיק־שטאָלענער פיגור, וואָס פאַר גאַנצע מעת־לעתן קאָנט איר אים ניט הערן אַ וואָרט אויסרעדן און וואָס ס'רעדט פאַר אים נאָר זיין באַיאַן, אויף וועלכן ער שפּילט אין די אָוונטן, וואו, אין וואָס פאַר אַ וואַגאָן ער כאַפּט זיך אַריין, און וואו ס'געפינען זיך מיידלעך, וועלכע האַלטן זיך שטאַרק נאָענט לעבן זיין שפּיל־כלי, און דער עיקר — לעבן אים אַליין.

און אָט איז נאָך איינער, אַ זיבעצן־אַכצן־יאָריקער מעטאַליסט, מיט אַ קרעפּטיק חנעוודיק פּנים, מיט אַ שמאָל מויל, וואָס דערלויבט אים זיך ניט ברייט צעלאַכן און וואָס די אויגן לאַכן פאַר דעם, — אַ יאָט, וואָס אויסער זיין מלאכה, פּאַרנעמט ער זיך נאָך מיט ספּאָרט, מיט אַקראָבאַטיק, און די הענט און די ברוסט זיינען ביי אים, ווי ביי אַן עכטן מאַטראָס, טאַטואירט מיט שלענג, מיט אָדלערס, מיט מיידלעך־מענטשן און וואַסער־מיידלעך — מיט מיפישע פיגורן.

מיט איין וואָרט, איר האָט דאָ אַ מין נחס תיבה, סטיל מאָדערן, ד. ה. ניט אויפן וואַסער אַ תיבה, נאָר אויף דער אייזנבאַן, און ניט אין קיין מבול, נאָר נאָך אַ ריזיקן וועלט־קריג, וואָס איז ניט בעסער פון אַ מבול...

איר האָט דאָ אַ דור, וואָס איז שוין בלויז אויף סאָוועטיש ברויט אויסגעהאָדעוועט געוואָרן, און אויך אַנדערע, וואָס האָבן פאַרזוכט אויך אַנדערע ברויטן, ביז אַפילו אַ 96־יאָריקע זקנה, פון ערגעץ אונטער אַ הייסין, וואָס געדענקט נאָך כמעט דעם מלך סאָביעסקיס קדמונים... זי זעט שוין אויס האַלב ערד, האַלב מענטש, דאָך האַלט נאָך קאָפּ און באַדינט נאָך אַי זיך אַליין, אַי די פאַמיליע, און אַז זי

צערעדט זיך מיט עמעצן, הערט זי ניט אויף צו דערציילן די וואונדער פון אַמאָל און טשמאָקעט דערביי אונטער מיטן אָנציינענדיקן מויל.

ס'פאָרן מענטשן פון פאַרשיידענע אויסשפּראַכן: וואָלינער, קרימער, אָדעסער, און מערסטנטייל — פּאָדאָליער. ס'פאָרט אַ טייל, וואָס יידיש איז זיין ברויט, און אַנדערע, וואָס פילן זיך מיט יידיש ווי שוין ניט אין דער היים, שעמען זיך אונטער מיט זייער אומקענטעניש און טרוימען, אַז אָט קומען זיי אָן אַהין, וואוהין זיי שטרעבן, וועלן זיי זיך נעמען דערלערנען און דערפילן דעם בלויז. ס'פאָרן אויך אַזוינע, וואָס שטרעבנדיק שוין פון לאַנג אין דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט און ניט קאָנענדיק דאָס לשון, האָבן זיי זיך באַצייטנס עס גענומען דערלערנען און האָבן שוין אויך געוויסע דערפאָלגן. ווי אָט, דער שוין ניט יונגער אינזשעניער, וואָס לייענט שוין, שרייבט שוין און רעדט-שוין מער ווייניקער לויפיק, למזל.

מיט איינעם וואָרט, איר האָט דאָ אַ טויזנטקעפּיקן געמיש פון טיפּן, געשטאַלטן, געשלעכט, שטייגער, לשונות און העוויות, וואָס אַפילו אַ געניטער פאָלקס-קענענדיקער סטאַטיסטיקער וואָלט זיך דאָ דערזען שטיין, ווי פאַר אַ ים, מיט אַן אָפן מויל פאַר חידוש, באַ־קומענדיק אַזאַ סאָרט לעקציע אין זיין אייגנטלעכן געביט — אין דעמאָגראַפיע, וואָס זיצנדיק אין קאַבינעט, האָט ער ביז אַהער געמיינט, צו גלויבן, אַז ער גריטיקט זיך ניט אין אַזעלכער.

ער וואָלט זיך, צווישן אַנדערן, למשל, דערוואוסט, אַז אין אָט דער געדיכטעניש וואָלטן אונדזערע קלאַסיקער אַפילו נאָך געקאָנט געפינען גענוג פאַרשוינען (אמת, אַביסל שוין דעפאָרמירט און האַלב־וועזנטלעך געענדערט) אויף זיי קינסטלעריש צו שילדערן; אַז אַפילו אַ מענדעלע, ווען ער שטייט אויף, קומט אַהער און גיט אַ קוק דורך זיינע טיף-דורכדרינגלעכע שפּאַקולן, וואָלט אויך ער דאָ אויסגעפונען פאַר זיך ליטעראַרישע חיונה, דערזעענדיק אייניקע פאַרקאַנסער־ווירטע רעשטלעך פון זיין, פון לעבן שוין פאַרשוואונדענער, טיפּן־גאַלערייע, וועלכע וואָלטן זיך געבעטן אונטער זיין פען, זאָגנדיק, ווי ער זאָגט: דרשני, נעם מיך, מאָל מיך!

כאָטש צוריק גערעדט, זיינען שוין אַפילו אָט די רעשטלעך אויף אַזוי פיל קולטורעל אויסגעוואַקסן און האָבן זיך אַליין אַזוי ווייט שטייגעריש איבערגעשטיגן אויף צו וויסן, ווער און פאַר וואָס איז ווערט „געמאָלט" צו ווערן.

אַזוי, למשל, ווען איינע אַ פרוי, אַ שטאַרק בייזע, מיט אַ לאַנג־

דאַרער נאָז, וועלכע מאַכט זי פאַרביטערט, ווייל מסתמא איז זי ניט איבעריק נושא־חן ביים מאַן, — אַז אָט די פרוי נעמט אַמאָל אונטן־אַרום שאַרף אונטערקנייפּן אירס אַ קינד און עס שעלטן מיט די קללות פון שלום־עליכמס שטיף־מוטער, אין זיין „פונעם יאַריד״, — איז דערהערנדיק זי, זאָגט אַ צוויטע:

— אוי, אַן עבירה, וואָס איז דאָ קיין שרייבער ניטאָ, מ׳וואָלט זי שוין רעכט באַשריבן.

— נישקשה, מ׳שרייבט, — זאָגט אַ דריטע און קוקט בעת־מעשה, כיטרע אונטערווינקענדיק צום קאָרעספּאָנדענט פון „איינקייט״, וואָס קומט גראָד אונטער און דערהערט אויך יענערס קללות, מיט דער זיכערקייט, אַז ער, דער קאָרעספּאָנדענט, וועט זיך שוין אויפן ריכטיקן אופן אָפּרעכענען מיט אָט דער שעלטערקע אין „זיין״ בלאַט.

בקיצור: מאַטעריאַל — און אַ ים מאַטעריאַל — קאָן דאָ קלעקן גענוג און איבערגענוג אי פאַרן פאָלקס־קענענדיקן סטאַטיסטיקער, אי פאַרן צייטונגס־טוער, אי פאַר כלערליי שרייבערשע זשאַנרען, וועלכע וואָלטן דאָ האָבן צו שעפּן מיט שעפל און מיט לעפל, ווי מ׳זאָגט.

ווייל נאָכאַמאָל: אָט פאַרן דאָ מענטשן, וואָס זייער מיין איז בלויז מאַטעריעל זיך בעסער איינצואָרדענען: און אָט אַנדערע — מיט אַנדערע, מיט מער נאַציאָנאַלע מיינען, וועלכע פרעגן זיך ניט נאָך אויף בעסערס: זאָל זיין, ווי ס׳וויל זיך, אַבי דאָרט... און אָט האָט איר שוין גאָר פלאַמיקע ענטוזיאַסטן, וועלכע זיינען גרייט אַלץ אָפּצוגעבן, אַבי אַליין זיך דאָרט צו געפינען און אויך אַ האַלבע וועלט אַהין איבער־שלעפּן.

ווי אָט, צום ביישפּיל, דער געוועזענער פּאַלעסטינע־פּאַטריאָט — דער, וואָס מיט דער גאָר רייכער ביאָגראַפיע, וועלכער האָט אין זיין יוגנט שטאַרק געפלאַמט פאַר דער פּאַלעסטינע־קאָלאָניזאַציע, און ניט נאָר פלאַטאָניש געפלאַמט, נאָר אַליין טאַקע אַ קרעפטיקן מאַרך־ביין אין קאָן אַריינגעלייגט... איבערלאָזנדיק אין רוסלאַנד אַ רייכן טאַטן אַ פּאָסעסאָר, און אַליין, מיט געציילטע עטלעכע גילדן אין זיין אידעאַליסטישן טאַש, האָט זיך אַוועקגעלאָזט אַהין אויף צו טאָן כל עבודת־פרך לשם זיין אידעאַל, ביז זיך ניט אָפּצושטעלן פון צו זיין אַפילו אַן אַסעניזאַטאָר, ביז צו פאַרזוכן דעם טעם פון אַלערליי שלעק, וואָס זיינען פריער געווען פאַרבונדן מיט דער אַרבעט אין יענע מקומות, ווי קדחת, ווי כאַראַרע, און נאָך און נאָך, און... ביז ס׳האָט זיך אים אויסגעלאָזט דער פּאַטאָס פאַר דאָרט, און ביז ס׳האָט אים ניט

אַ טראָג געטאָן אויף צוריק, פונוואַנען ער איז געקומען, לשם אַנדערע אידעאַלן.

איצט איז דער פאַרשוין שוין אַריבער די חמישים, ד. ה. אַריבער די פופציקער, און דאָך קלעקט אים נאָך אימפעט אויף גאַנצע טעג צו האַוועז און נעכט ניט צו דערשלאָפן, אַבי צו זען זיין נייע אונטער־נעמונג אין גאַנג, אין בלי... קלאָרער: אָט דעם בן־חמישים איז נאָך אַזוי פיל פיאָנערישע ענערגיע און איניציאַטיוו פאַרבליבן, אויף ניט נאָר צו קאָנען אַליין אין אַ נייעם בויאונג־יאָך זיך איינצושפּאַנען, נאָר אויך צו זיין אַן אָרגאַניזאַטאָר אויף מיטצושלעפּן מיט זיך אָט די טויזנט פון דעם עשעלאָן און נאָך טויזנטער פון קינפטיקע עשעלאָנען — מיט פייער, מיט פלאַם, מיט ברען און התלהבות ביז קנאות און ביז פאַנאַטיש ניט קענען הערן קיינע דערווידערונגען און קיין שלעכט וואָרט, חלילה־וחלילה, מכוח דער זאַך, פאַר וועלכער ער שטעלט זיך אַזוי יוגנטלעך־פלאַמיק איין.

יאָ, אויך אַזוינע געפינען מיר דאָ אינעם 45־וואַגאָניקן עשעלאָן, וועלכער האָט איצט דורכצומאַכן אַ 10־טויזנט־קילאָמעטערדיקן קווער־שניט דורכן אומגעהויער־גרויסן לאַנד, זומער־צייט, ווען מען ווערט אי מיד, אי פאַרשטויבט, אי אויסגעשעפּט אין משך פון דער וואָכן־לאַנגער רייזע... און אַז איינער, אַ מיד געוואָרענער, טוט זיך אַמאָל אַ ווענד צו דעם אויבנדערמאָנטן אומדערמידלעכן, צו דעם, וואָס איז שוין אַריבער די חמישים, מיט אַן אומשולדיקער פראַגע: „האָ, ווי מיינט מען, וויפיל קילאָמעטער איז נאָך פאַרבליבן ביז אַהין?" — ענטפערט יענער האַלב מיט שפּאַס, אָבער מער מיט ערנסט:

— צו וואָס פרעגט איר? צו וואָס דאַרפט איר עס וויסן? אַז מ׳פאָרט בויען ביראָבידזשאַן, ציילט מען ניט קיין קילאָמעטער, מ׳האָט קפיצת־הדרך.

אָבער גענוג, צי איז אונדז ניט צייט איבערצוגיין פון קאָנטינגענטן בכלל צו מער פרט, צוליב מער בעסערער כאַראַקטעריסטיק פונעם מענטשן־מאַטעריאַל?

יאָ, מיר הויבן אָן פון דער יוגנט, און צוערשט וועגן איינעם אַ זיבעצן־יאָריקן מיטן נאָמען מאַנגערל.

אַלעמאָל, ווען דער צוג שטעלט זיך אָפּ ביי אַ סטאַנציע, אָדער ווען ער דערפאָרט ניט צו איר, מחמת דער סעמאַפאָר איז פאַרמאַכט,

און דער עולם דערפילט, אַז מען וועט זיך דאָ מער־לענגער פּאַר־האַלטן, — אַזוי איז דער ערשטער פּאַסאַזשיר, וועמען מ׳זעט אַראָפּ־שפּרינגען און אויפן פּעראָן, אָדער אינמיטן פעלד, זיך באַוויזן, איז איינס אַ זיבעצן־יאָריק בחורל, שטענדיק אין אַ פּלאַטשיק שאָפּער־קעפּקעלע, מיט וועלכן ער שיידט זיך ניט קיינמאָל, ניט מחמת אַז דאָס נויטיקט זיך אין דעם איבעריקס (ס׳איז זומער), נאָר מחמת אַז דאָס קעפּקעלע איז, דאַכט זיך, זיין איינציקער באַגאַזש, מיט וועלכן ער איז זיך באַלד גרייט אַוועקצולאָזן אָדער אין אַ נאָענטער שטאָט, אָדער אין נאָענטן פעלד, אָדער אַפילו אין דער וויטער וועלט אַריין, ניט אויסגעשלאָסן. מער דאַרף ער ניט, מער האָט ער ניט, אויסער נאָך די הענט אין די קעשענעס, אין וועלכע ס׳געפינט זיך, זיכער, גאָרניט, און אויסער אויך זיין שאַרף־זייטלדיקן קוק, ווי פון עפּעס אַ חיהלע, אין דער קרום.

ער האָלט אויך דעם קאָפּ אַלעמאָל דעמאָלט אַביסל אין אַ זייט געקערעוועט, ווי גלייך בשעתן אַראָפּשטייגן פון צוג וואָלט ער צוערשט באַטראַכט, מעשה־באַלעבאָס, זיין נחלה, דאָס מיינט מען אַלע איבע־ריקע רייזנדע פון אַלע איבעריקע וואַגאָנעס, וואָס אייניקע פון זיי וועלן אים באַלד נאָכטאָן און אויך אַראָפּשטייגן, און דער עיקר וועלן אים נאָכטאָן אייניקע יוגנטלעכע פון זיין וואָוינאָרט און עלטער, צווישן וועלכע ער האָט, זעט אויס, גרויס אויטאָריטעט, און איבער עפּעס — גרויס אָנזען.

ווייטער... אַלעמאָל, סיי ווען דער צוג וועט זיך צוערשט נאָך געפינען אין אייראָפּייאישן טייל פון לאַנד, סיי שפּעטער, ווען אין אַזיאַטישן — אויף אוראַל, אויף מערב־סיביר, מזרח־סיביר און אויפן וויטן מזרח, וועט מען ווידער קאָנען זען, ווי בעת אַזאַ־אַ רייזע־הפסקה, ווען דער צוג וועט זיך האָבן פּאַרהאַלטן אין אַ פּרימאָרגן, אַ בייטאָג, אָדער פאַרנאַכט אין אַ שטיל־טויבן און אין אויער־קלינגענדיקן סטעפּ, — ווי אַז דאָס זיבעצן־יאָריקע יאָטל ליגט צוזאַמען מיט אַ קרענצל חברים אויף דער הוילער ערד, קיילעכיק און איינס צום אַנדערן מיט די פּנימער געווענדט, אַמאָל צווישן זיך עפּעס שטיל שמועסנדיק, חבריש־צוטרוילעך, און אַן אַנדערש מאָל וועלן אַ צוויי אָדער דריי פון זיי זינגען אַ געטאָ און לאַגער־ליד און די איבעריקע וועלן שווייגנ־דיק־אויפמערקזאַם הערן.

אַט זינגען זיי:

קופּיטיע — קויפּט־זשע פּאַפּיראָסן,
טרוקענע, פון רעגן ניט פאַרגאָסן.
קויפּט־זשע, יידן, בנאמנות,
קויפּט און האָט אויף מיר רחמנות,
לאָזט מיך דאָ פון הונגער ניט אויסגיין...
קופּיטיע, קויפּט־זשע שוועבעלעך אַנטיקן,
דערמיט וועט איר אַ יתומל דערקוויקן.
קויפּט־זשע, יידן, בנאמנות, א. אַז. וו.

דאָס זינגען חברה פון אייגענער דערפאַרונג, וועלכע זיי האָבן זיך אָנגעאייגנט אין די לאַגערן פון אַ פּעטשאָרע, פון אַ ניקאָלייעוו און אַנדערע, וואו וועמען דער גורל האָט באַשערט אַריינצוטרעפן אין דער צייט פון דער אָקופּאַציע. און איצט, איבערגעקומען און זיך באַפרייט פונעם גורל, ליגן זיי אָט דאָ, אינעם מיט הויכן און גרינעם גראָז באַוואַקסענעם פעלד אָדער סטעפּ, אי אַליין בני־חורין, ד. ה., אַליין באַפרייטע, און אי שוין אויך אינעם גאָר באַפרייטן לאַנד מיט אַלע זיינע ווייטסטע, צעשפּרייטסטע, טויזנט־מייליקע רחבותן, און דערצו נאָך, זייענדיק פאַסאַזשירן פון איינעם אַ צוג, וואָס האָט דעם ציל זיי צו פירן ערגעץ אין אַ געגאַרטער געגנט, וואו זיי וועלן די קאַשמאַרפולע ווירקלעכקייט פון זייער אָקאָרשט פאַרגאַנגענער קינדהייט ווען אַמאָל נאָר אין נחת זיך האָבן צו דערמאָנען.

דאָס זינגט צוערשט דאָס אויבנדערמאָנטע מאַנגערל, צוזאַמען מיט אַ זיין־גלייכן, אויך אַ זיבעצן־יאָריקן, אין אַ היטל פון אַן אַרטילעריסט, עטוואָס גרעסער פון זיין מאָס, מיט אַ גרינלעך־אָפּגעבליאַקעוועט רעמל, וואָס זעט אויס, ווי פון אַ טעאַטראַלן רעקוויזיט אַרויסבאַקומען; און קוקנדיק אויף אָט דעם פאַרשוין אינעם היטל — אַ ירושה, געוויס, פון דער אַרמיי אָדער פון די פּאַרטיזאַנער, וועט איר באַין־אופן ניט זאָגן, אַז דאָס איז אַ יידישער יאָט, ניין, אַ רוס, אַן אוקראַאינער, אַ ווער איר ווילט, נאָר ניט ער.

ס'זינגט אויך אַ דריטער, אין דער זעלבער עלטער, וואָס די פאַבריקע צוויי — אַ מאָהילעוו־פּאָדאָלסקער קצבל, מיט אַ טונקל רוסיאָון טשוב, מיט אַ שטייף־דראָטיקן קערפּער, און מיט אַ יענע פּאָר ידים, וואָס קאָנען, דוכט זיך, אַ יונג עקסל פאַר די הערנער אַ פּאַק טאָן און דאָס אַ ברעך טאָן מיטן קאָפּ צו דער ערד... אַ יאַטל, וואָס אַז מען טוט אַמאָל אַ רעד וועגן בייטן די פּראָפעסיע און זיך

איבערקוואַליפיצירן אויף אַ מער בעסערער, זאָגט ער: ניין, אהבתי — ער האָט ליב דאָס קצבות... ער קאָן שעכטן, שינדן, טרייבערן, האַקן און פּאַרקויפן, און דענקט גאָרניט זיך נעמען פאַר עפּעס אַנדערש.

„דער אַרטילעריסט" איז אַ שוסטערל. אויך מאַנגערל — דאָס זעלבע. דער לעצטער — אַ שוסטער בן־שוסטער, אַן אייניקל פון אַ שוסטער, ביז, דוכט זיך, שלום־עליכמס כלאַוונע, עליו־השלום.

זיין זיידע האָט, ווי באַוואוסט, ניט פיינט געהאַט דעם טרונק, און ביים אייניקל איז געבליבן דאָס פּנימל האַלב ראָז, האַלב רויט... ער איז קליין אין וווּקס, האָט אַ שטיל־טרעטנדיק גענגעלע און קוקט מיט אַ זייטל, ווי אַ יונג חיהלע, וואָס ריכט זיך אַלעמאָל אויף אַן אָנפאַל, אָבער וואָס ווייסט זיך אויך ווי אַזוי אויסצוהיטן און זיך אַרויסדרייען פון סכנה.

דאָס איז אים, ווייזט אויס, פאַרבליבן אַ זכר און רגילות פון פּעטשאָרער לאַגער, וואו די יידן, וואָס זיינען צוזאַמען מיט אים דאָרט געפאַנגען און איינגעשלאָסן געווען, האָבן אים גערופן „דאָס מאָסקווער משיחל", מחמת ער, דאָס איצט שוין זיבעצן־יאָריק יאַטל, האָט דעמאָלט, נאָך אַן עלף־צוועלף־יאָריקער, באַוויזן מיט הוילע הענט, בלויז מיט קינדעריש־איינשטעלערישער קענטעניש, אַרויסצופירן אויף דער פריי אַ פּאָר טויזנט יידן פון די צוועלף, וואָס זיינען דאָרט פאַרזעצט געווען, און וואָס אַ צען פון זיי זיינען דאָרט טאַקע פאַרבליבן — אומגעקומען.

— עך, — זאָגט איצט אָט דאָס יאַטל אין זיין מאַהילעווו־פּאָדאָלסקער דיאַלעקט, האַלטנדיק דאָס קעפּל טראַציק־איבערנעמעריש אין אַ זייט, — עך פאַר מיר אין דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט, ווי איר זעט, אַן גאָרניט, ווי איך שטיי און גיי, און אַן שום שמייכלענדיקס.

— אָן וואָס?

— אָן דאָס, — טוט ער אַ רייב דעם גראָבן פינגער אין די דער־בייאיקע צווי, מיינענדיק די מטבעה, — שווערקייטן, זאָגט איר? מעד שרעקן ניט קיינע שווערקייטן!... עד בין פון לאַגער...

ער האָט ווייניק געלערנט, דער יאַט. ער האָט נאָך ניט באַוויזן רעכט די שול־באַנק אָנצוואַרעמען, ווען די פאַשיסטישע פלאָג האָט אים פאַרכאַפּט און אים פון איר אָפּגעריסן, ער רעדט דערום אַביסל געמישט — דער עיקר טאַקע אַ זאַפטיק יידיש לשון, אָבער פאַרבראַקט אויך מיט רוסישע ווערטער, מיט אוקראַיִנישע, און אַפילו מיט אַביסל דייטש, מיט וועלכן ער האָט זיך אָנגענומען אין דער צייט פון זיין געצוואונגענער באַציאונג מיט זיינע באַצווינגער. מאָלט אייך, ווי איז

זיין „דייטש": ער זאָגט „שטראַסע־גאַס", מיינענדיק, אַז „שטראַסע" איז אַן אייגן־נאָמען...

אָבער ס'מאַכט נים. דער יאָט וועט נאָך באַוויזן, אויב נאָר ער וועט אין גוטע הענט אַריינפאַלן און מען וועט אים געבן די מעגלעכקייט צו דערפילן, וואָס ער האָט דורכגעלאָזט — אין וואָס, אגב, מיר צווייפלען נים. נישקשה, מ'מעג אים געטרויען. אַלס ראיה קאָנען דינען זיינע באַוואוסטע לאַגער־מעשיות. ניט אומזיסט האָט מען אים דאָך גערופן „דאָס משיחל". אַ קלייניקייט: אַ פּאָר טויזנט צום לעבן געראַטעוועטע נפשות אויף זיין לעבעדיק געוויסן... אָנו, אַדרבא, זאָגט נאָר, זייט אַזוי גוט, נאָכאַמאָל: אַ פּאָר טויזנט. דאָס איז דאָך אַפּילו פּאַר גאָר אַ גרויסן און לעגענדאַרן העלד אַ גרויסע צאָל...

דאָס — בכלל, און בפרט דאַרף מען הערן, ווי דער יאָט דערציילט, ווי אַזוי ער האָט איינמאָל, קראַנקערהייט, האַבנדיק גרויס היץ, באַ־דאַרפט דורכמאַכן דעם וועג פון פעטשאָרע קיין מאַהילעוו דורכן גרויסן וואַלד, וועלכער מאַכט אויס פיל מיילן צווישן איינס און צווייטן, און זייענדיק שוין כמעט אַן באַוואוסטזיין, און מוזנדיק זיך אָוועקלייגן אָפּרוען, האָט אים דאָך נאָך אויף אַזויפיל באַוואוסטזיין יאָ געקלעקט, ער זאָל געדענקען זיך צו מאַכן אַ סימן, פון וואָס פאַר אַ זייט ער איז אַריין אין וואַלד, כדי, אַז ער וועט אויפשטיין, זאָל ער וויסן, פון וואָס פאַר אַ זייט אַרויס פון אים... ער האָט זיך אָוועקגעשטעלט אַ שטעקן צוקאָפּנס... אין שלאָף אָבער, זאָגט ער, האָט ער זיך אַזוי געוואָרפן, אַז, אויפשטייענדיק, האָט ער געטראָפן דעם שטעקן אומגעוואָלגערט... ער האָט פאַרלוירן דעם אָריענטיר.

— כ'האָב אַ פרעג געטאָן ביי אים, — טוט ער אַ וויז אויפן „אַרטילעריסט", מיט וועמען ער האָט דעמאָלט צוזאַמען דעם וועג דורכן וואַלד געהאַט דורכצומאַכן, — האָט ער זיך צעוויינט... ווייל יאָ, וואָס האָט ער געוואוסט פון וואַלד? ער איז דאָך נאָך געווען אַ שנעק, — וויצלט ער זיך איבער יענעם, גלייך ער אַליין וואָלט שוין דעמאָלט געהאַט געווען דער ווער ווייסט וואָסערער טוריסט, טאָפּאָגראַף, געאָגראַף, אָדער בכלל דער גרויסער בר־דעת.

— אַהין־אַהער, און וואָס מיינט איר, ער האָט, סוף־כל־סוף, דעם וועג צוריק פּאַרט אויסגעפונען און איז אַרויס, וואוהין ער האָט גע־דאַרפט, — זאָגט דאָס מאַנגערל ווייטער און שמייכלט דערביי מיט אַזאַ זאַרגלאָזיקייט און לייכט לונג־און־לעבערל, גלייך ס'זאָל זיך

דעמאָלט געוועזן האַנדלען ניט וועגן זיין אייגענעם און זיין חברס נפש, נאָר ווי וועגן רייסן עפּל אין אַ פרעמדן סאָד...

מ׳דאַרף אויך ווייטער הערן, ווי אַט דאָס קליינוואָוקסיקע, זשוואַווע בחורל גיט איבער אַ בילד, בשעת ער האָט איינמאָל בייגאַכט געפירט אַ קאָמפּאַניע געראַטעוועטע ווייבער דורכן זעלבן וואַלד; ווי אַזוי ער האָט אָנגעטראָפן אויף אַ פּאָליציי; ווי אַזוי יענער האָט זיך מיט אים גענומען דינגען און פאָדערן אויסקויף־געלט, און ער, ניט האָבנדיק, האָט אים אין דער פינצטער דערלאַנגט אַ פעקל טיטון, זאָגנדיק, אַז ס׳איז אַ פעקל אַסיגנאַציעס; ווי אַזוי יענער האָט דערקענט דאָס גע־נאַרעריי, און ווי פירנדיק דעם יאַט שוין צו דער מיתה, האָט ער, דער יאַט, מיט אים געטאָן אַ טענה, עלעהיי אַ גרויסער מלומד, אויפן שטייגער פון אַ טביה דער מילכיקער, מיט יענעמס בקיאות אין די פסוקים, אַז — אַזוי און אַזוי, פאַרשטייט ער אים, דער פּאָליציייסקער, ער־גען אין דער ביבל שטייט געשריבן, אַז מ׳קוילעט אויס אַ פאַמיליע, דאַרף מען, על־כל־פנים, איינעם פון איר איבערלאָזן... און אַט, די זייניקע זיינען אַלע אויסגעהרגעט און ער איז איינער, אַ קיילעכיקער יתום... איז לכן, איז על־פּי דין און על־פּי יושר און על־פּי דעם, וואָס ס׳שטייט געשריבן, מוז ער אים לאָזן אויף אַ זכר, אויף זוימען און אויף ווידער־וואוקס...

— מיט איינעם וואָרט, — זאָגט דער יאַט, — ער איז ווי־ניט־איז אַרויס פון יענעם גאַנץ, און מיט אַ האַלב טרויעריק, האַלב איראָניש שמייכעלע, וואָס אַ טייל דערפון קאָנט איר נאָך איצט אויף זיינע ליפּן געפינען, ווען ער דערמאָנט זיך, ווי אַנשטאָט געלט האָט ער דעם פּאָליציי פאַרגעלייגט די ווערט פון געלט — בגדים, און ווי אַזוי ער איז דעמאָלט צוגעטראָטן צו זיינע געפירטע ווייבער און זיי אַ זאָג געגעבן: — אַנו, ווייבער, טוט זיך אויס, און גיט אָפּ אַלץ, וואָס איר האָט אויף זיך... מ׳האָט אָפּגעגעבן, און פון דאָרט אָן האָט ער געפירט זיין קאָמפּאַניע שוין כמעט אַ נאַקעטע ביזן העמד...

— מ׳כו... — האָב איך גלייך נאָך אַט דער דערציילונג פון יאַטל פלוצלונג דערהערט פון הינטער זיך, ווי עמעצער וואָלט זיך מיט אַ הוסטל דעם גאָרגל אַ ריייניק געטאָן, אָדער ער וואָלט עפּעס אַ שטיקל געוויין, אַ כליפּ פאַרשטיקט.

ס׳האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז מיין ייד, מיט וועלכן כ׳האָב שוין אַ געוויס שטיקל פּראַקטיק געהאַט אין דער ערשטער נאַכט פון מיין אָנהויב רייזע, האָט, פון הינטער מיר שטייענדיק, איצט אויך אַט די

דערציילונג אויסגעהערט, און, אויסהערנדיק, האָט ניט מער ווי אַן איינזילביקן מרוק אָדער אַ האַלב־אָפּגעהאַקטן כליפּ געהאַט צו טאָן:

— מ׳כו...

דערביי האָב, קוקנדיק אויף אים, באַמערקט, ווי אין איין שאַרף ווינקל פון איינעם זיינעם אַן אויג איז ווי אַ שטיק גאַלגאַפּא־לאַנדשאַפט געווען אָפּגעשפּיגלט — אַן אָרט, — וואו דער לעצטער אָפּשניט פון אונדזער געשיכטע איז מאַרטירעריש געקרייציקט; און אין דער זעלבער צייט האָב אין אַ צווייטן ווינקל פון זיין צווייטן אויג דערזען, ווי אַ חתונה מיט קלעזמער, גלייך ער וואָלט דעם אָקאַרשט ענדיקנדיקן דערציילער פאַר זיך שטיין געהאַט און ניט געקאָנט זיין פריידיקן, באַוואונדערנדיקן בליק פון אים אָפּרייסן...

— יאָ, — האָט ער שפּעטער עטוואָס אַ זאָג געטאָן, — היינט זאָל מען זאָגן, וואָס פאַר־אַ בנינים לאָזט זיך מיט אַזעלכע ניט אויס־בויען... און נאָך זאָל מען זאָגן: וואָר פאַר־אַ משה־רבנו וואָלט, זעענדיק אָט דאָס יאָטל מיט זיין געפירטער קאָמפּאַניע ווייבער — פריער אַנגעטאָנענע, דערנאָך נאַקעטע — אים ניט מקנא געווען און אים ניט באַוואונדערט מער ווי זיך אַליין?...

ס׳וואָלט שוין געקאָנט זיין גענוג מיט אָט דעם יאָטל, נאָר דאָ קומט נאָך, צום פאַרבייסן, אַ קליין שטיקל שמייכלענדיקע פּראָזע אין געשטאַלט פון זיין עלטערן ברודער.

אויב דער יונגער איז אַ שוסטערל נאָך אין דער לערע, איז דער עלטערער — אַ פינפ־און־צוואַנציק־יאָריקער און, דוכט זיך, שוין אויך אַ באַווייבטער — אַ שוסטער מיט אַלע תגן.

ער איז עטוואָס נידעריקער פון מיטלוואוקס, אַ שמאַל־ביינערדיקער, און אויך ער האָט אַ האַלב ראָזע, האַלב רויטע פאַרב אין פּנים, אָבער שוין ניט בלויז אַ ירושה פון זיין זיידן כלאוונעס נטיה צום טרונק, נאָר זיכער — פון זיין אייגענער.

ער טראָגט לאַנגע שטיוול מיט כאַליעוועס, וואָס שטייען אים שטאַרק צו צו די פיס, ער האָט אויך אַ טשוביקל, מעשה־קאַזאַקל אַרויסצושטעקן פון אונטער זיין קיילעכיק־באַראשקן היטעלע דעם קובאַנקעלע, אין וועלכן ער פאַרפוצט זיך אַלע מאָל אין אַ פאַרנאַכט, ווען דער צוג שטעלט זיך אָפּ און ער גייט אַרויס, צוזאַמען מיט אַנדערע, אויף אַ פעראָן אָדער אין פעלד אויף אַ שפּאַציר.

הכלל, אַ שוסטער מיט אַלע אַרכאַאיש־פּראָפעסיאָנעלע פּאַסטעמ־קעלעך, און דערצו אויך אַזאַ, וואָס אַפילו פּאַרנדיק אין וועג, לאָזט ער די מלאכה פון די הענט ניט אַרויס, און זיצנדיק אין וואַגאָן, האָט ער אונטער זיך אַן אימפּראָוויזירט שוסטער־בענקעלע, און מיטן געצייג, וואָס ער האָט פון דער היים פאַרכאַפּט, שוסטערט ער, און ניט איין איבערוואַנדערער וועט אַדאַנק אים קומען קיין ביראָבידזשאַן מיט גאַנצע שיך.

ער איז אויך אַ גראַטעוועטער דורך זיין ברודערל, ער איז דער־נאָך, נאָכן לאַגער, אַוועק אין דער סאָוועטישער אַרמיי, וואָס מיט אירע אויסצייכענונגען, מיט אָרדענס און מעדאַלן, פאַר זיינע שלאַכט־פאַר־דינסטן טוט ער זיך קיינמאָל ניט שיידן, טראָגנדיק זיי באַשטענדיק אויף דער ברוסט פאַר אַ צירונג, ווי ס׳געהער. זיין ברודערלס העל־דישקייט אָבער האַלט ער מער ערלעך, ווי זיין אייגענע. ער רימט זיך מיט אים און קוקט אים אַלע מאָל אין מויל, ווען יענער דערציילט, ניט דערלויבנדיק קיינעם קיין וואָרט אַריינצושטעלן, אויסער זיך אַליין, אויף ווען אַמאָל נאָך פּאַטאַקעווען און באַשטעטיקן, וואָס יענער זאָגט.

און דאָס מאָל, ווען ער באַמערקט אַ חשוב רעדל צוהערער אַרום זיין ברודערל און בתוכם אויך דעם קאָרעספּאָנדענט פון „איניקייט״, צו וועמען ער, ווי אַלע איבעריקע איבערוואַנדערער באַציען זיך מיט גרויס אָפּשיי, אַזוי טרעט ער צו אים צו און נעמט זיך פאַר אים קלאָגן אויף איינער אַן עולה, וואָס מ׳איז באַגאַנגען דעם, מיט וועמען ער שטאָלצירט און רימט זיך אַזוי.

— ווי דער ח׳ קאָרעספּאָנדענט זעט, — טוט ער אַ ווייז אויפן ברודערל, וועלכער געפינט זיך אין צענטער פון רעדל, — קאָן מען פון אים אָנשרייבן אַ בוך. מ׳האָט שוין טאַקע אָנגעשריבן... איינער אַ שרייבער, אַ געבוירענער טאַקע פון אונדזער שטאָט, פון מאָהילעוו, איז צו אונדז אַראָפּגעקומען אַזש פון מאָסקווע, וואו ער וואוינט איצט, ער האָט זיך אָנגענומען ביי אים, — טוט ער ווידער אַ וואונק צום ברו־דערל, — מיט אַ סך פון זיינע מעשיות, איז אַוועקגעפאָרן און האָט אָנגעשריבן אַ בוך, פאַר וועלכן ער האָט באַקומען, זאָגט מען, אַ גרויסע פּויטיקע, און אים, — טוט ער ווידער אַ ווייז אויף יענעם, ווי אַ פּאַטראָן אויף זיין קליענט, מיט באַדויערונג, — זאָלט איר זאָגן, ער זאָל געבן אַפילו אַ גראָשן, פּע, ניט שיין...

דאָס וואָרט „ניט שיין״ איז געזאָגט געוואָרן אויפן חשבון פון חברה קאַלאָשן, ד. ה., אויפן חשבון פון חברה שרייבער, צו וועלכער אויך

ער, דער קאָרעספּאָנדענט, געהער דאָך געוויס, און וואָס פאַר אים, ווי פאַרן סאַמע אָנגעזעענסטן און צום בעסטן אויסגעטיילטן אין עשעלאָן, קומט מען אַלע מאָל מיט אָנשטענדיק־אינטעליגענטע טענות, אויף וועמענס־ניט־איז אומאָנשטענדיקע מעשים, וועלכע פאַרדינען פאַראורטיילט ווערן.

דער, צו וועמען די טענות זיינען געווענדט, ווייסט ניט פון וואָס צו זאָגן, מחמת די גאַנצע מעשה איז דאָך באמת ניט געשטויגן און האָט נאָר געקאָנט אין דער פאַנטאַזיע פון אַ ניט געניטן פּראָווינציאַל אויפקומען. דער קאָרעספּאָנדענט איז אין פאַרלעגנהייט, אָבער דאָ קומט אים צו הילף אַ צווייטער, אַ קינאָ־קאָרעספּאָנדענט, דער, וואָס מיט די אָנדערהאַלבן הענט, ווייל איינע אַ העלפט פון איינער אַ האַנט האָט ער נאָך אין דער פינלענדישער מלחמה פאַרלוירן. ער קומט אונטער און דריקט אויס זיין באַגער אָפּצופאָטאָגראַפירן אַ גרופּע לאַגערניקעס, האַבנדיק אין צענטער דאָס קליינע מאַנגערל.

דעם עלטערן ברודער געפעלט דעם קאָרעספּאָנדענטס באַגער...

— ווי דען? — זאָגט ער שוין איצט מיט האַלב געשטילטער תרעומות, אַ ביסל קאָמפּענסירט און באַפרידיקט פאַרן חלק „אַפּוטיקע״, וואָס מ׳האָט זיין ברודערל ניט אויסגעצאָלט, — וואָס־זשע? ווער דען האָט נאָך אַזוי פאַרדינט, מ׳זאָל אים אויפן בלאַט באַווייזן, ווי ער?

דער קאָרעספּאָנדענט מיט די אָנדערהאַלבן הענט, וואָס די אָפּגעשניטענע העלפט פאַרבייט אים אַ שוואַרץ־גלאַנציק העלצל מיט פינגער אין אַ הענטשקע, מאַכט דאָס פלינק. ער כאַפּט אָן און שטעלט אַוועק צוערשט דאָס יאַטל מאַנגערל אין צענטער; ביי זיין איינער זייט — דעם אַרטילעריסט אינעם רעקוויזיט־היטל, עטוואָס גרעסער פון זיין מאָס, און פון דער צווייטער זייט — דאָס קצבל, מיטן טונקל־רוסיאַוון טשוב, און איבער זיי — אַליין דעם עלטערן ברודער, מיט דעם קובאַנקעלע און מיט די אָרדענס אויף דער ברוסט, וואָס צוליב דער פייערלעכקייט פון מאָמענט, טוט ער זיך אַ גלייך אויס, ווי אין „סטראָי״, און נאָך מער ווי אין סטראָי. ס׳ווערן צוגעגעבן אויך נאָך איניקע שייכות־האָבנדיקע צום דעקאָרום.

דעמאָלט טוט דער קינאָ־אַפּאַראַטאָר אַ גיי אָפּ אויף צוריק אויף אַ געוויסער דיסטאַנץ, ער כאַפּט אַרויס זיין צייס־אַפּאַראַטל פונעם לעדערנעם שאַכטל, וואָס ער האָט דאָס שטענדיק הענגען אויף אַ לעדערנעם רימען אויף איבער דער האַלדז איבערגעוואָרפן. ער טוט זיך אַ זויג איין, אַן איינגעבויגענער, מיטן רעכטן אויג אינעם מעסט־

גלעזל פונעם אַפּאַראַט, אויף צו זען, צי האָט ער די גרופּע אין ריכטיקן פּאָקוס אַריינגעפּאַקט און צי וועט זי אים געראָטן, ווי אים איז געוואונטשן.

— יאָ, ריכטיק.

— רואיק, רואיק!

דעמאָלט טוט ער די קנאָפּקע אַ קוועטש: ציק, ציק, ציק.

און דאָס האָט איר איך אַן עשעלאָן — קאָדר נומער איינס.

יענע טעג האָט דער דרויסן אין הויכבלענדנדיקער זונענשיין געהיצט. פעלדער אַרום — אין גרין־געלן ערב־שניטיקן שטילשטאַנד. דער הימל — טיף־ברונעמדיק בלוי, און וואָלקנס, וואָס ביי די האָריזאָנטן, האָבן שניי־ווייס ביי די ברעגעס און מיט פּאַרטונקלטן אַש־קאָליר אין דער מיט, ווי מידלעך־לײדיק־גייערישע שומרים, ביי זייערע שוועלן גערוט.

אַט דעמאָלט, אין איינעם אַזאַ טאָג, האָט אונדזער עשעלאָן געפּראַוועט אַ חתונה פון איינעם אַ מיטפּאַרנדיק פּאָרל, וואָס האָט אַליין, ניט וויסנדיק דערפון, געדינט דעם איבערוואַנדערער־עולם, וועלכער איז אין אַ גרויסן טייל באַשטאַנען פון צום טויט פאַרמשפּטע לאַגערניקעס — אַלס סימבאָל פון ווידער־אויפלעבונג פון זייער גאַנץ קיבוץ, וואָס האָט אַט־אַט געהאַלטן ביי אונטערגיין און גענצלעך פון דער ערד אָפּגעווישט ווערן.

אַליין די חתונה איז שוין פון אַן אַנדערן געשילדערט געוואָרן אַרנטלעך, מיט ליבע און געהעריקער פּאַטעטישער דערהייבונג. די באַשרייבונג איז, דוכט זיך געגעבן געוואָרן אונטערן קעפּל „אַ חתונה אויף רעדער״. איך, פון מיין זייט, וויל דאָ נאָר צוגעבן, אַז אַ פּאָר שעה פאַר יענער אויסערגעוויינטלעכער חופּה האָט זיך חתן־כלה אַריינגעשטעלט אין מיין וואַגאָן, וואו איך האָב זיך געפונען, צו מיר, ווי צו אַ פּרעסע־מענטש, פון וועלכן מען האָט געוואוסט, ווי אויף צו באַקומען ברכה. ערב אַזאַ פייערלעכן מאָמענט, ווען נשמות און קערפּערס פאַראייניקן זיך אין צוזאַמענשליסנדיקער ליבע, דער עיקר, ווייזט אויס, האָט די כלה זיך געוואָלט אויסריידן, עלעהיי אַמאָל, ווען מען פלעגט אין טאָג פון דער חופּה פאַסטן, וויינען, זאָגן על־חטא, כדי זיך אויסבעטן אַ גוט מזל...

אמת, אויב ס׳זאָל זיך דאָ געווען האַנדלען וועגן וויינען, וואָלט

די כלה פריער זיך באַדאַרפט משדך זיין מיט אַ ים, כדי צו באַקומען די נויטיקע מאָס טרערן... אָבער ניין, ניט געווינט האָט די כלה, נאָר דערציילט — אַ דערציילונג, וואָס צענדליקער ענלעכע וואַריאַנטן פון זעלבן מין איז איצט צו הערן פון פאַרשיידענע אַנדערע דאָ אין עשעלאָן, און ניט נאָר אין עשעלאָן, נאָר אומעטום אויף אַלע לענג און ברייטן פון אונדזער פאָלקס־אומגליק... אַ מעשה, וואָס געשעט אין כמעלניק, וואו פאַר דער כלה אין די אויגן דערשיסט מען איר פאָטער, מיט וועלכן זי געפינט זיך שטיין האָנט ביי האַנט צום געשאָסן ווערן, צוזאַמען מיט דער גאַנצער כמעלניקער יידן־עדה... ווי אַזוי זי ראַטעוועט זיך, אַ פאַרוואונדעטע, אַ פאַרבלוטיקטע, און באַהאַלט זיך אויס ניט וויט פון יענעם אָרט, ווי אַזוי, ווידער, ס׳קומט צו איר אין באַהעלטעניש, איינער אַ באַקאַנטער אוקראַינישער בחור, וואָס האָט געהאַט בחורישע ליבע־אויסזיכטן אויף איר און העלפט איר אַרויסקומען פון דאָרט, וואו זי האָט שוין געזאָלט אָט באַלד דערפרוירן ווערן, מחמת ס׳איז געווען ווינטער און ס׳האָט געסמאַליעט אַ שטאַרקער פראָסט, אויף וועלכן זי האָט שוין פיל שעהן פאַרבראַכט, פון אינדערפרי, ווען די „אַקציע" איז געשען, ביז איצט אין אָוונט, ווען אַלע אברים זיינען איר פאַרקליאַקנעט געוואָרן... און ווי אַזוי ערשט נאָכן ראַטונעק הויבט זיך אָן איר סדרה ליידן, ווען זי פאַלט אַריין פאַר אַ דינסט צו אַ דייטשישן מיליטערישן אין אַ נאָענט־ליגנדיק שטעטעלע.

די כלה רעדט גיך, אַ האַסטיקער שטראָם געדעכעניש פאַרפלייצט זי, און זי איילט זיך אים אַרויסגעבן און אין אַ פרעמדנס אויער וואָס מער פון אים אַריינברענגען. זי — רעדט, און דער חתן קוקט איר אין מויל, אַ פאַרחידושטער, ווייל ער, זעט מען, איז אויף אַזאַ אָרט גיכן דיבור ניט פּיאיק.

ער קוקט איר אין מויל, ווייל אין זיין איגענעם, ווי געזאָגט, וואָלט ער, זיכער, ניט געפונען קיין צענט־חלק פון דעם, וואָס זי, זיין כלה, באַוויזט אַרויסצוברענגען פאַר דער קורצער צייט גיך־גיך, אַזוי ווי ס׳טרעפט איצט אָפט מיט פיל פון די, וואָס האָבן דורכגעמאַכט דאָס זעלבע, וואָס זי, און וואָס אַליין צו דערציילן, ווילנדיק איך געבן כאָטש אַ מינדסטע פאָרשטעלונג פון דעם, וואָס דער וויסטער גורל האָט זיי מיט אַזאַ באַדויערונגס־ווערטיקער מילדקייט באַשאָטן...

זי דערציילט אויך צום סוף, אַנווייזנדיק אויפן חתן, וואָס זיצט ביי איר זייט, אַז קומענדיק אַהיים פון דער אַרמיי און ניט טרעפנדיק

אין כמעלניק קיינעם פון די זייניקע, ווייל בעת יענער אַקציע, ווען זיין כלה האָט געזאָלט אומקומען, האָבן אַלע זייניקע אין גרוב אַראָפּ־געגנידערט, אויף ניט אַרויסקומען פון דאָרט, אַז ער איז אַהיים געקומען און האָט קיינעם ניט געטראָפן, און אַז אויך זי האָט זיך, אומקערנדיק אין שטעטל, געפונען אין דער זעלבער לאַגע, איז אַזוי ווי זיי זיינען געווען באַקאַנט פון קליינערהייט, נאָך פון קינדרוייז, האָבן זיי זיך דערנעענטערט און באַשלאָסן זיך נעמען... זי לאָזט דערביי אַ טרער, אי סתם פון דערמאָנען זיך אין שווערע איבערלעבונגען, אי, ווייזט אויס, נאָך דערפאַר, וואָס אין אַ טאָג פון חופה וויינט זיך.

און אָט דעמאָלט, ווען זי האָט פאַרענדיקט ריידן, און דער חתן, וואָס איז ביי איר זייט געזעסן און זי באַוואונדערט — שווייגן, אַזוי האָבן זיי זיך ביידע געווענדט צו מיר און מיך איינגעלאָדן אויף שפּעטער אַ פּאָר שעה, טאַקע היינט, אויף זייער חתונה, וואָס וועט פאָרקומען אין דעם וואַגאָן, וואו זי געפינט זיך.

איך בין, צום באַדויערן, אויף דער חתונה ניט בייגעווען, ווייל איך בין געווען ניט געזונט. וואָס אָבער ס׳האָט זיך געטאָן שפּעטער מיט אַ פּאָר שעה אין יענעם וואַגאָן, ווייס איך פון פיל דאָרט יאָ זייענ־דיקע, כ׳ווייס, למשל, אַז דער אַמאָל געוועזענער פּאַלעסטינע־פּאַטריאָט, וואָס איז שוין אַריבער די „חמישים״, האָט געווינט, ס׳האָבן געווינט אויך אַלע ווייבער, וועלכע האָבן זיך געפונען אין יענעם וואַגאָן און האָבן די כלה צו דער פייערלעכקייט געגרייט, ווי ס׳געהער, מיט מלבושים, און אויך געגרייט די חתונה אַליין מיט מאכלים און משקה פאַר די געסט, אויף וויפיל ס׳האָט זיך געלאָזט אין די וועג־ און עשעלאָן־באַדינגונגען.

ס׳האָט צום באַזעצנס, וואָס איז געמאַכט געוואָרן כמעט טראַדיציאָ־נעל, געווינט די פליט אינעם מויל פונעם פליטיסט, פונעם לאַנגן קלעזמער אין טונקל־ברוינע, ווי פאַררויכערטע ברילן; ווי אויך דער פידל אין דער האַנט פון צווייטן קלעזמער, וועמענס פנים זאָגט, אַז די קלעזמער־פרנסה איז נאָכן פאַלקס־אומגליק, אין די אַלטע היימען, געשלאָגן און מען פאָרט אין אַ נייער היים מיט דער האָפענונג, אַז דאָרט וועט דאָס קלעזמעריי ווידער אויפלעבן.

דער שוחט, דער איינציקער כלי־קודש אין עשעלאָן, האָט מסדר־קדושין געווען, פאַדערנדיק צו דער צערעמאָניע אַ פינגערל, וואָס קיינער טראָגט איצט ניט, ווייל פינגערלעך און אַלע אַנדערע צירונג־חפצים זיינען געבליבן ביי די גאָר גרויסע ליבהאָבער פון דעם מין —

ביי די דייטשן און רומענער, וועלכע האָבן ניט געלאָזט ביי דער יידי־שער באַפעלקערונג דערפון אַפילו אויף קיין רפואה...

ער האָט שוין, דוכט זיך, געפּראַוועט די קדושין אָן אַ פינגערל, און אויך געזאָגט די ברכות אויף בראָנפּען, ניט אויף ווייַן, וואָס אין וועג איז ניט געווען צו קריגן. דערביי, אַז ער האָט דערלאַנגט דעם חתן דעם כוס בלויז אויף טועם זיין און נאָר זיך צורירן מיט די ליפּן, ווי ס׳פירט זיך, האָט יענער — אַ סאָלדאַט, וואָס איז געוואוינט אַ מער היפשערן זופּ טאָן, אַריינגעכאַפּט מער, וויפיל ס׳דערלויבט זיך אַ חתן. אויך די כלה, פון פאַרשעמטקייט און פאַרלוירנקייט — דאָס זעלבע.

דעמאָלט האָט מען זיך צעטאַנצט... אין וואַגאָן איז געווען ענג פון די פיל איינגעלאַדענע געסט און סתם נייגעריקע, וועלכע האָבן זיך אַהין אָנגעקליבן, אָבער דאָס האָט ניט געשטערט, מען זאָל אויס־טאַנצן אַ שער, ווי געהער, און אַז וויבער מחותנתטעס און מאַנצבילן מחותנים זאָלן היפּש שוויצן האָפּקענדיק און פון ניט האָבן קיין פריי אָרט, וואו די טאַנץ־פיגורן דורכצומאַכן.

גראָד האָט דעמאָלט דער צוג אויף דער סטאַנציע זיך לאַנג פאַר־האַלטן. גראָד אויך איז אויף דער דערבייאיקער ליניע, ווי־זאָ־ווי דעם עשעלאָן, געשטאַנען אַן עשעלאָן געפאַנגענע יאַפּאַנער. יענע האָבן, דערהערנדיק די פרעמדלעכע מוזיק און דערזען די זיי אומ־באַקאַנטע צערעמאָניע, געהאַלטן אין איין פאַרחידושט בליקן מיט די שמאָל־געשניטענע קוקו־אייגעלעך, אַזוי ווי נאַכט־פויגלען, ווען זיי טרעפן אַריין אין טאָג־שיין. אַז מען האָט געטאַנצט, האָבן זיי, פריידיק שמייכלענדיק, מיטגעפּילט, און מ׳האָט געזען, אַז ווען מ׳דער־לויבט זיי ,וואָלטן זיי גערן אין דער מיט פון טאַנצנדיקן רעדל אַריין.

מען האָט געגעבן, זאָגט מען, דרשה־געשאַנק, ווער וואָס זיין האַרץ האָט אים באַוויליקט און זיין קעשענע — דערלויבט.

אויך אַ גרופּע יונגע רוסישע פויערים און פויערטעס פון יענע ווייט־סיבירער מקומות, וואָס האָבן, שטייענדיק אויפן פּעראָן, די חתונה צוגעקוקט, האָבן מיט פולע מיילער ווייסע ציין און מיט מילד פאַרגינערישן שמייכל מיט חתן־כלהס גליק זיך מיטגעפרייט.

דעמאָלט האָט זיך דער מיטפאָרנדיקער קינאָ־קאָרעספּאָנדענט, דער, וואָס מיט די אַנדערהאַלבן הענט, באַוויזן, און האָט ווידער זיין באַגער אויסגעדריקט דאָס יונגע פּאָרל אין זיין אַלבאָם־קאָלעקציע צו האָבן.

איר קאָנט זיי ביי אים זען: זי — אַ מיטלוואוקסיק־געפּאַקטע,

מיט שיטער־צעשטעלטע ציין און שוואַרצע אויגן, מיט מידל־קראַפּט אין די אַקסל און מיט מוטערשאַפּטלעכן צוזאָג אין בוזעם, ער — כאַטש אַ סאָלדאַט, דאָך שוואַכער אין פאַרגלייך מיט איר: מיט אַ דאַרלעך פּנים און אַ בליק, וואָס אַנטהאַלט ניט מער, ווי שטיל־באַגייסטערטע ליבע־פאַרערונג צו דער, וואָס געפינט זיך ביי זיין זייט זיצן אויפן בילד.

יאָ, זי, די כלה, זעט מען, וועט שוין זיין דער וואָרט־זאָגער... אגב, זי איז שוין: ווי מיר האָבן געהערט, קומענדיק אויפן אָרט, איז ווי נאָר דאָס פאַרפאַלק האָט אַ פוס אַהין אַריינגעשטעלט, אַזוי גלייך זיינען זיי אויפגענומען געוואָרן אין אַ קאָלווירט, וואו פון ערשטן טאָג אָן האָט זי, די כלה, גענומען אויספילן צוויי אַרבעט־נאָרמעס אַ טאָג, און ער, דער חתן, האָט נאָך אַלע נאָכיאָגענישן און ניט וועלן אָפּשטיין פון זיין באַשערטער, ניט באַוויזן מאַכן מער ווי איינע. אָבער ס׳מאַכט ניט: דאָך אַרבעטן זיי אויס צוויי פאַר דריי...

דאָס אַלץ דערציילטע איז מיר געבליבן אין זכרון אַ בילד אין אַ ראַם פון אַ שיינעם זומער־טאָג, ווען דער דרויסן איז געווען הייס און דער עשעלאָן — יום־טובדיק.

און ווי דער גאַנצער עולם פון מיין וואַגאָן, וועלכער איז אויף דער חתונה איינגעלאַדן געוואָרן, איז געווען פאַרטאָן אויף דער שמחה אַ גאַנצן שטיק פון טאָג, דעם גאַנצן פאַרנאַכט און אַ שטיק אויך אין אָוונט, אַזוי איז מיר די מיטלוואוקסיק־געפּאַקטע כלה פאַר די אויגן געשטאַנען, דינענדיק פאַר אַ סימבאָל פון דעם, פון וועלכן איך האָב, פאַרנדיק, געהאַלטן אין איין טראַכטן.

פאַרנאַכט־צו, אינעם טונקל־ווערנדיקן וואַגאָן, האָב ווידער גע־טראָפן מיין אָפּגעהובליעוועטן ייד ביי מיין זייט זיצן, און אויפכאַפּנדיק מיינע מחשבות מכוח דער טאָג־געשעעניש אין עשעלאָן, האָט ער מיר זיי אויף זיין אופן גענומען צעשיפרירן, זאָגנדיק:

— יאָ, אָרעם, אָבער פריילעך: צוויי קלעזמער, אין כלי־קודש, אָן אַ קדושין־רינג און בראָנפן אַנשטאָט וויין, אָבער מען ווינט און מען טאַנצט, אויסגעבנדיק אַ טאַכטער מיט אַ זון פון אונדזער שיר־ניט אומגעקומענעם כלל, אַ זון מיט אַ טאַכטער פון דער אַלע מאָל לעבנס־פייאיקער און אַלע מאָל פון אַלע פייערן און אומגליקן גאַנץ אַרויסקומענדיקער אומה...

— הוראַ, לחיים! — האָט זיך פלוצלונג מיין ייד־פאַרשוין פון אָרט אַ הייב געטאָן און ביי דער טונקל־פאַרנאַכטיקער שיין פון פענצ־

טער האָב, דוכט זיך, אין זיין האַנט אַ כוס דערזען, און אויך פּאַרב אין זיין בלאַס־אָפּגעצערטן פּנים, וואָס מיט דעם בלאַנדן בערדל בלאַנזשע.

— לחיים! — האָב איך נאָכגעזאָגט, האָבנדיק אין זינען די איצט פאָרגעקומענע עשעלאָן־גדולה, די אָרעמע, אָבער פריילעכע שער, וואָס ווערט איצט אויסגעטאָנצט אין דעם הייסן חתן־כלה־וואַגאָן, לכבוד און צום משמח זיין חתן־כלה.

— ויבנה בית בישראל — זאָל ווידער געבויט ווערן דאָס הויז פון פאָלק פאַר קינדער און פאַר קינדס־קינדער.

און אָט איז אַ דריט בילד אינעם קינאָ־קאָרעספּאָנדענטס יוגנט־קאָלעקציע.

ס׳איז ווידער אַ זומער־פאַרנאַכט ערגעץ אויף אוראַל, אין סיביר, אָדער אויף טראַנסבייקאַלער טראַסע, אין אַ טויבלעכן סטעפּ, וואו דער צוג האָט זיך אויף אַ לענגערער צייט פאַרהאַלטן.

יוגנט האָט, אַ פריילעכע, נאָך דער טאָג־רייזע, גוט געשטימט, אין סטעפּ, נאָענט צום איזנבאַן זיך אַרויסגעשיט, מען שמועסט, מען ווערטלט זיך און מען זוכט פאַרווייליונג.

ס׳טרעט אַרויס אַ פּאָרל אויף אַ צוויקאַמף־געוועט, איינער — דער אונדז שוין באַקאַנטער זיבעצן־יאָריקער מעטאַליסט אַקראָבאַט, וואָס איז טאַטואירט מיט שלענג, מיט אָדלערס, מיט מענטשן־פיגורן, דער, וואָס מיטן שמאָלן מויל ,וואָס לאָזט זיך אים ניט ברייט צעלאַכן און וואָס זיינע אויגן לאַכן פאַר דעם — פון איין זייט, און אַנטקעגן אים — אַ שלאָסער־אַרבעטער ביי דער וואָסערלייטונג, אַ פיל על־טערער פון ערשטן, אַ פיל העכערער אין וואוקס, אַ שטענדיק שמייכ־לענדיקער, וואָס דער שמייכל קומט אים קיינמאָל אָבער איבער די ליפּן ניט אַריבער, נאָר בלייבט ביי אים אין בליק, וואו ער פילט זיך, וויזט אויס, אַמבעסטן...

די טרעטן אַרויס צוערשט אין אַ מין נאַציאָנאַל־טאַטערישן גע־ראַנגל, ד. ה., מען נעמט זיך אָן איינס דאָס אַנדערע פאַר די גאַרטלען, וואָס בעסער, וואָס קרעפּטיקער, כדי איינער דעם אַנדערן זאָל מער זיכערער און אַנקלאַמערנדיקער אין די הענט האַבן בעת די שפּעטער פאָרקומענדיקע קאַמף־מאַניפּולאַציעס. מען שטעלט זיך קאָפּ צו קאָפּ, ווי צוויי זיך שטויסנדיקע אָקסן, פעסט אָנגעשפּאַרט מיט די פיס אין באָדן, וואו יעדער האָט פאַרנומען זיין ערשטיקע פּאָזיציע, ניט וועלב־

דיק אָפּטרעטן אַ האָר אויף צוריק און ניט לאָזנדיק דעם צווייטן פון זיין אָרט זיך רירן.

מען שטייט אַזוי לאַנג קאָפּ צו קאָפּ, אויסוואַרטנדיק און פון די ערטער זיך ניט רירנדיק, טאַקע ווי צוויי גלייך כּוח האָבנדיקע אָקסן אין אָנהייב קאַמף, שפּעטער אָבער ווערט איינער, דער מער שוואַ־כערער, דאָך פון אָרט געריררט, און דער צווייטער גייט איבער אין אָנגריף אין איינעם אַ גינסטיקן מאָמענט, אויף וועלכן ער האָט שטיל־שווייגנדיק אויסגעוואַרט און פאַר אים עקשנותדיק אָנגעשטרענגטע כּוחות געזאַמלט.

דערביי האָט מען אין דעם פאַל געראַנגל, אין יענעם פאַרנאַכט, אין זומערדיקן סטעפּ, אין דער אָנוועזנהייט פון פיל יוגנטלעכע, וועלכע האָבן דאָס אָרט פון די זיך ראַנגלענדיקע אַרומגעשטעלט — באַ־מערקט, אַז כאָטש דער עלטערער און מער וואוקסיקער איז פיל גע־זינטער פון קלענערן, וואָס דערגרייכט אים, דוכט זיך, נאָר ביז די אַקסל, דאָך האָט מען, זעענדיק די ברייט אַנטוויקלטע ברוסט פון קלע־נערן, אויך זיין האַרבלעכן האַלדז־און־נאַקן, און די קרעפטיק פאַר־ברויינטע הענט־מוסקולן פון קאָפּע־קאַליר, אים — דעם קלענערן, געגעבן קרעדיט אויף נצחון, צוגעגעבן צום קרעדיט אויך סימפּאַטיעס און באַגער, דווקא אים צו זען אַרויסקומען אַלס זיגער אינעם צוויי־קאַמף־געוועט.

און אַזוי איז דאָס טאַקע געווען. ניט געקוקט אויף דער מער רייפער גבורה פונעם עלטערן, ניט געקוקט אויך אויף זיין מער העכערן וואוקס, וואָס שפּילט אַ ראָל אין אַזעלכע אָרט געוועטן, האָט זיך דעם קלענערן, דעם מעטאַליסט אַקראַבאַט, אַדאַנק זיין פלינקייט און געשולטקייט, איינגעגעבן אַלע מאָל זיך אויסדרייען פון די שווערע לאַגעס, צו וועלכע ס'האָט אים דערפירט זיין איבערגעוויכטיקער פאַרטנער, און סוף־כּל־סוף נאָך לאַנג הין און הער, האָט דעם קלענערן אויך געגליקט אויסצוגעפינען אַזאַ סאָרט געלונגן פאַרטל אין קאַמף, ווען זיין קעגנערס אַלע פאַרזוכן אים איבערצושטאַרקן און אומצוואוואַל־גערן, זיינען געבליבן הינטערשטעליק און צריבן לגבי זיין ספּאָרט־קונסט, וועלכע האָט, פאַרקערט, געבראַכט דעם גרעסערן צו נידער־לאַגע.

יענער איז געלעגן איבערגעקערט, צו דער פרייד פון די פאַר־זאַמלטע, וועלכע האָבן דעם קלײנעם זיגער אויסגעדריקט זייער צו־פרידנהייט, עלעהיי זיי וואָלטן דאָ צוגעזען אַ געראַנגל פון גרויס גבור־

דיקן גלית מיט אַ קליינעם, יונגן און אומדערפאַרענעם אין קאַמף דודן, מיט אַלע ציטערדיקע סימפּאַטיעס אויפן צד פון צווייטן.

דאָס זעלבע איז דערנאָך פּאַרגעקומען, ווען די זעלבע צוויי האָבן זיך פאַרמאָסטן פּראַנצויזיש, לויט אַלע רעגעלן און כללים, וואָס זיינען איינגעפירט פאַר יענעם מין קאַמף. אויך דאָס מאָל האָט דער עלטערער, אַ הינטערשטעליקער, שוואַך אָפּגעשניטן: דער קלענערער האָט אים צו דער ערד געלייגט, בלייבנדיק רייטן אויף אים, צום יובל, ווידער, פון די דערבייזייענדיקע און דעם קאַמף צוזעענדיקע.

דערביי האָבן מיר פאַרגעסן איינע אַ דעטאַל צו דערמאָנען, אין פלוג אפשר ניט קיין וויכטיקע, אָבער דאָך אַ כאַראַקטעריסטישע. דער זיבעצן־יעריקער מעטאַליסט אַקראָבאַט איז די צייט פון געראַנגל ביז אין גאַרטל געווען נאַקעט, אָן אַ העמד, נאָר אין ווייסע מאַרליע־באַנדאַזשן קווער־און־קרייץ איבערגעבונדן.

— וואָס איז די מעשה?

— אַ קלייניקייט: ערב דעם, ווען ער האָט זיך שוין באַדאַרפט זעצן פאָרן אין עשעלאָן, האָט ער זיך ערגעץ אין אַ פאַררוקט־אָפּגעזונדערט אָרט פאַרקליבן — דוכט זיך, לעבן טייך, וואו ער האָט זיך געזאָלט באָדן. ס'זיינען אים באַפאַלן אַ כאַפּטע כוליגאַנעס. זייענדיק אַליין, — דערציילט ער, שמייכלענדיק מיטן שמאָלן מויל, — האָט ער זיך געווערט, ווי געקאָנט: איינעם איבערגעקערט, אַ צווייטן און אַ דריטן האָט ער מיטן קאָפּ אונטער די קין־בערד אַזאַ שטויס געטאָן, אַז זיי וועלן שוין, זיכער, אויפן גאַנצן לעבן בלייבן אָן גאַנצע קאַסטנס ציין. אָבער דאָך זיינען יענע געווען מער, און זעענדיק, אַז מיט הוילן וועלן זיי אים ניט נעמען, האָט אים איינער מיט אַ גאַל־מעסערל דעם ברוסט־קאַסטן ביז טיף אין לייב צעבלוטיקט.

אַזאַ־אָ, אַ צעקאַרדאשעטן, האָב איך אים דערזען שוין דעם ערשטן טאָג פון מיין איינשטייגן אין צוג. ווען ער, אָט דער זיבעצן־יעריקער יאָט, וואָס האָט זיך קעגנגעשטעלט אַ גאַנצער באַנדע כולי־גאַנעס און איז אַרויס פון זיי ניט מער געשעדיקט, ווי נאָר מיט אַ צעבלוטיקט־צעפּאַסעוועטן ברוסט־קאַסטן, איז געקומען צום פעלדשער אין אונדזער וואַגאָן, וואו דער מעד־פּונקט האָט זיך געפונען, די וואונד איבערצובינדן און צו שמייכלען דערביי מיט זיין שמאָל־חנעוודיקן, יוגנטלעכן מויל זאָרגלאָז: אייסעך... ס'טרעפט... היינט, הייסט עס, האָבן יענע אים צורעכט געמאַכט, מאָרגן וועט ער זיי...

דערביי האָב איך, קוקנדיק אויף אים, געטראַכט:

— אוי, ווי גוט, וואָס אין די באַדינגונגען פון דער סאָוועטן־מאַכט איז אָט דער נייער דור אונדז אויפגעשטאַנען — אָט דער דור, וואָס וואַלט, זיכער, אויסגעוואַקסן משוגע אין די אויגן פון די ייִדעס פון מסעות בנימין השלישיס צייטן, וועלכע האָבן אין יעדן שאָטן געזען אַ גזלן און אין יעדער אומבלאָנקענדיקן צאָפּ — אַ גלגול, פֿאַר וועלכן מען דאַרף ציטערן.

— אוי, ווי גוט, וואָס מיר האָבן שוין בכוח אָט די קליינע דרייסטע דודלעך, וועלכע דאַרפן אָבער נאָך מער און נאָך מער בפועל, אומ־אויפהערלעך און וואָס ווייטער אין אַן אַלץ גרעסערער מאָס באַוואָפנט ווערן אויך מיט יענער דוד־שטאָלץ, מיט יענער דוד־ווירדע און ליבע צו זייער פֿאָלק, צו זייער פֿאָטערס הויזגעזינד און צו זייערע ברידער, כדי קיינע, קיינע גליתן זאָלן זיי קיינמאָל ניט שרעקלעך זיין, ווייל פֿאַר יעדער פרואוו צו שענדן זייער שטאָם און זייער סאָוועטיש היימ־לאַנד וואָלטן די שענדער געקריגן מיטן שאַרפסטן שטיין אין שטערן געטראָפֿן, בלייבנדיק ליגן פגר, אַזוי ווי דער גלית־הפלשתי אין זיין באַרימעריש־שענדערישן קאַמף מיטן קליינעם, יונגן, נאָך אומדער־פאַרענעם אין תכסיסי־מלחמה דודן...

— יאָ, — האָט מיין ייִד, מיין „אַלטער עגאָ", מיין צווייטער איך, הייסט עס, וואָס האָט זיך אויך איצט, צוזעענדיק דעם צווייקאַמף־געווער, ביי מיין זייט געטראָפֿן און האָט אויך איצט מיין מחשבה אויפגעכאַפּט, מיר מער אָבער ווי נאָר איין וואָרט צו זיין מיטשטימונג איצט ניט געהאַט צו זאָגן, ווי נאָר: „יאָ", ווייל ווי, ס'ווייזט אויס, האָב איך דאָ אַרויסגעזאָגט דאָס, וואָס ער אַליין וואָלט געהאַט צו זאָגן.

— און דאָס וועט זיין, — האָט ער זיך דאָך געאײַלט נאָך אַ פּאָר ווערטער צוצוגעבן, — און דאָס וועט קומען אין דער גאָר גרויסער און געווינטשנטער מאָס, ווען אָט די דודלעך, אָט די פאַרברוינטע און מיט שטאַרקע מוסקולן באַשאָנקענע מעטאַליסטן אַקראָבאַטן, וועלן זיך געפינען אין יענעם אָרט פון פאָלקס־שעפערישער אַנזאַמלונג, פון ניי־געבוירט אין איבערדערציאונג, אַוואוהין זיי שטרעבן און ציען איצט, ווי פויגלען מיט פרילינג־בשורה אין די פליגל.

1947.

פרץ האָט גערעדט און איך האָב געהערט

די געוואַלדיקע פאַרערונג, דער יראת־הכבוד, וואָס איך האָב געהאַט פאַר פּרצן, האָט מיך געבראַכט אין 1910 קיין וואַרשע, אויף צעגליאַנע נומער 1. מיט האַרץ־קלאַפּעניש האָב איך געקוקט אויפן מעשענעם שילדל מיטן העברייאישן אויפשריפט:

„י. ל. פרץ, מקבל משעה . . . עד . . . אחה״צ״.

ס׳האָט מיך פיל געקאָסט, איידער איך האָב זיך באַשלאָסן קומען אַהער, און דאָ, שטייענדיק פאַר דער טיר, האָב איך נאָך געהאַט דעם לעצטן ישוב־הדעת: אָנקלינגען, צי ניט. ס׳איז געווען אַ מאָמענט, ווען כ׳האָב זיך געזאָגט: צוריק... עפּעס האָט דאָך גובר געווען מיין פּחד און שעמעוודיקייט און כ׳האָב אָנגעקלונגען — כ׳ווייס ניט, צי מיט מיין אייגענער האַנט, צי עמיצער אַן אַנדערער האָט זי מיר אונטערגעהויבן.

און מאַלט אייך אויס מיין איבעררעשונג, ווען די טיר האָט זיך געעפנט און אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן ניט קיין דינסט, ניט קיינער פון זיינע שטוב־אייגענע, נאָר ער, פּרץ אַליין... כ׳האָב אים דערקענט פון זיין פּאָרטרעט אויפן שער־בלאַט פון זיינע געזאַמלטע שריפטן, אין איין באַנד, וואָס איז דערשינען צו זיין יובילײ אין 1902.

אַז איך בין אַריין, האָב איך זיך באַדאַרפט פאָרשטעלן און זאָגן, ווער איך בין, איז איין גאָט ווייסט, ווי מיר איז שווער געווען אַרויס־צוברענגען מיין נאָמען — דעם נאָמען פון אַ נישטיקן אָנפאַנגער — פאַר אַזאַ מפורסם, קעגן וועמען איך בין איצט געשטאַנען. כ׳האָב שטיל אַ שטאַמל געטאָן... דאָך האָט ער איינגעהערט, און דערמאַלט האָט ער מיר גענומען העלפן אויסטאָן דעם פּאַלטאָ (ס׳איז געווען ווינטער), ער האָט אים אַליין אויפגעהאַנגען און מיך אַריינגעפירט אין זיין קאַבינעט.

אַביסל האָט ער, ווייזט אויס, געוואוסט פון מיר פון דעם, וואָס כ׳האָב שוין געהאַט געדרוקט; אַביסל דערפון, וואָס פאַר מיין רייזע קיין וואַרשע האָב איך אים צוגעשיקט אַ זאַך, וואָס ער האָט זיך אָפּ־געזאָגט זי צו דרוקן, און דאָך האָט ער זי פאַרגעדענקט; אָבער מער

פון אַלץ האָט ער געוואוסט וועגן מיר פונעם שריפטשטעלער א. ווייטער, וועלכער האָט מיך שטאַרק פּראָטעזשירט, און ער, ווייטער, איז, אייגנטלעך, געווען דער, וואָס האָט מיך אַרויסגעצויגן פון מיין פּראָווינץ־שטאָט קיין וואַרשע, און — אויך דער, וואָס האָט פאַר פריער אָנגעזאָגט פּרצן וועגן מיין קומען צו אים.

א. ווייטערן, ווי אַ טעאַטראַל און ווי אַ מענטש מיט אַביסל קרומע אינטעליגענטישע גענג, האָט זיך צוערשט פאַרוואָלט אַ שטיקל אינטריגע: איך זאָל קומען זיך פאַרשטעלן פאַר פּרצן ניט מיט מיין שוין־פאַרפיקסירטן ליטעראַרישן נאָמען, נאָר מיט אַ פרעמד־אויסגעטראַכטן; וועלנדיק, ווייזט אויס, אויספּרובירן פּרצס מבינות, צי וועל איך אויף אים מאַכן דעם איינדרוק, וואָס אים, ווייטערן, איז געווען געוואונטשן, אויב פּרץ וועט ניט האָבן געוואוסט, ווער איך בין.

דערויף בין איך ניט איינגעגאַנגען: ערשטנס, ווייל כ׳האָב צו גרויס געאַכטעט פּרצן, איך זאָל זיך דערלויבן בנוגע אים אַ וואָסער ניט איז גענאַרעריי און מיסטיפיקאַציעס; און צווייטנס, ווי מאָגער־אָנפּאַנגעריש מיין ליטעראַרישער באַגאַזש איז ניט געווען, דאָך האָב איך דאָס געהאַלטן פאַר זיך פאַר אַ פּחיתת־הכבוד: ווער איך בין, בין איך, וואָס איך האָב, פאַרקויף איך, און פאַרשטעלן זיך בין איך קיין בעלן.

קיין פּרטים וועגן ערשטן געשפּרעך, ביי מיין ערשטן באַזוך ביי פּרצן, געדענק איך ניט. דער געשפּרעך איז, אייגנטלעך, געווען אַן איין־פּערזאָניקער: פּרץ האָט גערעדט און איך — געהערט. כ׳געדענק נאָר, אַז גערעדט האָט ער די גאַנצע צייט וועגן מיר. געדוכט האָט מיר, אַז כ׳האָב פאַר זיך אַ „זנאַכער", וואָס זעט מיך אויף דורך און דורך, וויסט אַלע מיינע אויסבאַהעלטענישן, באַגערן און פעלערן... צי ווייל מיין פאַרערונג האָט מיך געמאַכט אַזוי אויסטייטשן זיין יעדן וואָרט, צי ווייל זיין אינטואיציע האָט מיך טאַקע באמת אַזוי דורכגענומען; אַזוי צי אַזוי, נאָר וואָס ווייטער ער האָט גערעדט, אַלץ מער האָב איך געפילט, אַז מיין גאַרע געשלאָסנקייט האָט פאַר אים קיין באַטרעף, אַז ער נעמט פון מיר אַראָפּ אַ לבוש נאָך אַ לבוש, און אַז באַלד וועל איך בלייבן, ווי מען זאָגט, הויל, נאַקעט... דאָס האָט מיך אי איבעראַשט, אי פאַרשעמט, אי געמאַכט מיך זייער אָראָפּפאַלן.

ער האָט דאָס דערפילט, און כדי מיך צו שטאַרקן און אויפמונטערן, איז ער צו מיר צוגעגאַנגען, מיר אַרויפגעלייגט אַ טרייסטנדיקע האַנט אויפן אַקסל און מיך אַ פרעג געטאָן:

— וויפל זייט איר אַלט?

כ׳האָב געזאָגט.

— לאָמיר זיך בייטן, — האָט ער פאַרגעלייגט.

ס׳איז געווען געזאָגט, געוויינלעך, אין אַ שפּאַס, אָבער אויך מיט אַ האַלב־ערנסטן אונטערטעקסט, וואָס האָט באַדאַרפט געבן אָנצוהערן, אַז אַראָפּפאַלן ביי זיך דאַרף מען ניט, ווייל יוגנט איז אַ זאַך, וואָס מען קאָן אויף איר אויסשטעלן, ווי אויף אַ גוטער קאָרט: זי האָט פיל צוזאָגנדיקע געהיימנישן אונטער איר פאַלע פאַרשטעקט.

דעמאָלט איז ער אַריבער צו רעדן מער קאָנקרעט. ער האָט מיך געגעבן מוסרן. ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן איינער מיינער אַ יוגנט־לעכער געדרוקטער זאַך, וואָס אַלס טעמע האָט מיר געדינט דאָס געבורט פון קריסטוס. ער האָט צוערשט מיך אָפּגעמאָסטן פאַרחידושט: ווי קום איך גאָר אַריינצוקוקן אין אַ ווינקל, וואָס לויט מיין דערציאונג האָט דאָס מיר באַדאַרפט זיין אַזוי פרעמד... דערנאָך, כדי מיך איבער־צייגן אין מיין גרייז און מיך פאַרהיטן פון ראָמאַנטישן פאַרערן דאָס, וואָס לויט מיין יוגנטלעכער אומדערפאַרנקייט קאָן זיך מיר דוכטן צו זען אין דעם אידעאַל, — האָט ער גענומען רעדן וועגן דער קלאַסיק פון דער ביבל, וועגן אירע עפּישע פאָרמען, און להיפּוך צו איר — וועגן דעקאַדאַנס און צעיוירענער מאָראַליטעט פון דער עוואַנגעליע.

ער האָט זיך צעהיצט, צעפלאַמט, גערעדט מיט קורצע, אָפּגעהאַקטע זאַצן, אַפאָריסטיש. דערביי האָט ער, ריידנדיק, וואָס אַמאָל אַלץ העכער און העכער אַזוי הויך אַרויפגעשטיגן, אַז עס האָט געדוכט, אַז ער איז זיין אייגענע אודיטאָריע, פאַרגעסנדיק, אַז עמיצער הערט אים, און לאָזנדיק הינטער זיך — מיך, וואָס כ׳האָב אים נאָכגעקוקט אַ פאַרגאַפטער, און געקאָנט בלויז זען דעם שטויב, וואָס זיין רייט־פערד הייבט אויף, שוין ערגעץ ווייט און ווי ביי די שפּיצן פון אַ הויכן באַרג פליענדיק.

אַז ער האָט שוין געהאַלטן גאָר הויך, האָט ער זיך מיטאַמאָל אַ שטעל אָפּ געטאָן, ווי גלייך אין סאַמע מיטן פלי האָט ער זיך עפּעס דערמאָנט, אָדער פאַרלוירן... אַזאַ טבע האָט ער געהאַט: קומענדיק אין דער הויך, האָט ער מיטאַמאָל אַ פאַל געטאָן, ווי אַ שטיין. אָבער שפּעטער עטוואָס, ווי נאָר ס׳איז אים אויפגעקומען אַ וואָרט, אַ געדאַנק, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צום ענין, וועלכן ער האָט אָקאָרשט באַ־האַנדלט, אַזוי האָט ער זיך ווידער אָנגעצונדן, ווידער צעפלאַקערט,

און ווידער לוסט באַקומען צום ווייטער האַסטיקן אַוועקרייסן און אַרויפשטייגן.

איך האָב פון אים די אויגן ניט אָפּגעריסן. ס׳איז מיר געווען אַלץ איינס, צי הער איך, וואָס ער רעדט, צי ניט. כ׳האָב זיך געפילט באַגליקט און באַגייסטערט פון דעם אַליין, וואָס איך געפין זיך אין זיינע פלאַקערנדיקע פיר איילן.

יענעם אָוונט, ביי דעם אויבנדערמאָנטן געשפרעך, האָט מיט מיר געטראָפן אַ קאַנפוז, וואָס באַוויזט, ווי ווייט איבערגליקלעך כ׳האָב זיך געפילט צו אָטעמען מיט איין צימער־לופט מיט דעם, צו וועמען ס׳האָט מיך אַזוי ווילד געצויגן...

פּרץ האָט מיך מכבד געווען מיט אַ בלעטער־ציגאַר. כ׳האָב, לפנים, אים אָנגעצונדן און פאַררויכערט. אָבער באמת האָב איך אים געוואָלט לאָזן אויף אָנדענק. ס׳האָט מיר אויך געדוכט ווייניק דרך־ארץ אַוועקצולאָזן פּרצס אַ געשאַנק מיטן רויך... כ׳האָב דערום גע־מאַכט דעם אָנשטעל, אַז איך רויכער. אָבער פאַרשטעלטערהייט האָב איך גענומען אויסלעשן דעם ציגאַר, מיט דער כוונה דעם רעשט צו פאַרהיטן און אויסבאַהאַלטן. ווען כ׳האָב געמיינט, אַז ער ברענט שוין ניט, האָב איך, אַז פּרץ זאָל ניט זען, אים אַריינגעלייגט אין זשילעט־קעשענע. מיטאַמאָל אָבער האָט זיך דערהערט, אַז עפּעס טשאַדעט... כ׳האָב דערשפּירט מיין טעות: דער ציגאַר האָט געברענט און צו־זאַמען מיט אים מיין זשילעט־קעשענע, וואו ער איז געלעגן. פּרץ האָט דאָס באַמערקט, ער האָט גלייך געכאַפּט, וואָס דאָ קומט פאָר, האָט זיך געוואָלט צעלאַכן, אָבער ניט וועלנדיק מיך פאַרשעמען, האָט ער זיך אָפּגעקערעוועט, און כדי מיר געבן די מעגלעכקייט אַרויסצוקומען פון מיין צרהדיקער לאַגע, האָט ער זיך געמאַכט, גלייך ער דאַרף עפּעס האָבן אין אַ צווייטן צימער... אַ גרוב, ווען ס׳עפּנט זיך מיר, וואָלט מיר אַוודאי געווען ניחאער. איך האָב זיך געפילט ווי אַ גנב, ווען ער ווערט געכאַפּט פאַר דער האַנט.

אַגבֿ, אַט דעם רעשט ציגאַר האָב איך טאַקע לאַנג פאַרהיט, ווי אַ מין קמיע, וואָס האָט מיך דערמאָנט אי מיין באַציאונג צו פּרצן, אי אין פּרצס אויסבאַהאַלטענער הנאה, דוכט זיך, ווען ער האָט געזען, ווי אַזוי זיינע אַ ליאַדע מתנה קאָן געשעצט זיין פון זיינעם אַ פאַר־עַרער.

אין דעם זעלבן אָוונט איז מיט מיר נאָך עפּעס געשען, וואָס כ׳שעם זיך עס אַפילו איצט צו דערמאָנען: שוין טאַקע אַן אמתע גנבה... ווען

פרץ איז בעתן געשפּרעך, צוליב עפּעס אַרויס פון קאַבינעט און מיך געלאָזט אַליין, האָב איך באַמערקט אויף זיין טיש אַ קליין שטיקעלע פּאַפּיר מיט זיין האַנט־שריפט... אַ שמאָל, פּיצל פּאַסיקל, אָבער מיט זיין כתב. כ'בין זיך מודה, כ'האָב זיך ניט איינגעהאַלטן און האָב אויך דאָס גענומען אויף אָנדענק. זאָל מיר דער געבאָט פון „לא תגנוב" מוחל זיין, נאָר דער נסיון איז געווען גרויס, ניט בייצושטיין. כ'האָב געוואָלט זען, וואָס פאַרצייכנט פּרץ אַמאָל איבערכאַפּנדיק פאַר זיך, און וואָס וואַלגערט זיך ביי אים...

פאַר מיין אַוועקגיין האָט זיך פּרץ דערמאָנט אין זיין בריוו, וואָס ער האָט מיר געשריבן, זיך אָפּזאָגנדיק צו דרוקן די זאַך, וואָס איך האָב אים געשיקט פאַר זיין וואָכנבלאַט, וואָס איז דעמאָלט דערשינען.

— מיין בריוו, — האָט ער געפרעגט, — האָט איר באַקומען ?

— יאָ, — האָב איך געזאָגט.

— איז אָט : ווייסט, אַז בריוו שרייב איך זעלטן, כ'האָב געמאַכט פאַר אייך אַן אויסנאַם, אויב איר ווילט, נעמט זיך איבער.

ווידער אגב : אין אָט דעם בריוו, וועלכן כ'האָב לאַנגע יאָרן פאַר־היט און וואָס איז, צו מיין באַדויערן, סוף־כל־סוף, פאַרלוירן געגאַנגען, האָב איך טאַקע געפילט אַ שטיקל ספּעציעלע באַציאונג. דאָרט איז געווען איינע אַ פראַזע, וואָס כ'האָב זי פאַרגעדענקט : „אפשר בין איך פאַר אייך צו גרוי און אפשר איר פאַר מיר צו גרין"... אַן אַנדער יונגער קאָפּ האָט זיך דאָ געקאָנט פאַרדרייען פון וועלן נעמען טראַכטן מער פון פּרצס גרויקייט, ווי פון אייגענער גרינקייט, מיט מיר אָבער איז דאָס, גאָט זיי דאַנק, ניט געשען. כ'בין געווען געשיצט דערפאַר נאָך פיל איידער כ'האָב אים געזען, בפרט, ווען כ'האָב אַריבערגעשפּאַנט זיין שוועל און האָב אָנגעטראָפן אַ מענטשן שוין באַלד קרוב צו די זעכציק, וואָס האָט אָבער זיך געקאָנט פאַרגלייכן מיט יוגנטלעכן ברען, מיט געשיקטקייט פון קערפּער, מיט פלינקייט פון וואָרט און מחשבה מיט וועמען איר ווילט — האָט מיר שוין אַפילו ניט אויסגעזען אַזוי ווילד פּרצס קאַטאַוועסדיקער פאַרשלאַג צו בייטן זיך מיט מיר, וואָס האָב ערשט געהאַלטן אינמיטן די צוואַנציקער.

פאַרקערט, לעכערלעך־אַרעמזעליק האָבן מיר דערום אויסגעזען יענע האַלב־אָפּגעריבענע, האַלב־אָפּגעריסענע פליגלמאַנישע שריי־בערלעך, מיט וועלכע כ'האָב דערנאָך, זייענדיק איניקע טעג אין וואַרשע, זיך באַגעגנט, און ווען כ'האָב געהערט פון זיי דאָס אָוועק־מאַכנדיקע ביטול־וואָרט : ע, פּרץ איז שוין אַלט... „קבצנים און מינץ־

פאַרשוינען״ — האָב איך זיך געטראַכט... דאָס רעדט פון זיי אַרויס אי די ביליקע קאַוויאַרניע־השגה, אי דאָס ניט קאָנען זיך געפינען אין איין מחיצה מיט אַן אמת גרויסן, כדי מען זאָל זייער אייגענע קליי־ניקייט ניט אַרויסזען, אי פשוטע קנאה, אי נאָך און נאָך, וואָס געהער צו באַנומענער ליטעראַרישער קיבעצאַרניע.

צו אים איז דאָס וואָרט ניט געווען אָנגעמאָסטן. כ׳האָב דאָס אַרויסגעזען איינמאָל, בעת אַ לאַנגן שפּאַציר מיט אים, ווען איך בין געבליבן הינטערשטעליק אין גאַנג און האָב זיך געמוזט צופּאַסן צו זיין האַסטיקייט; איינמאָל ווען ער איז, ווי אַ יינגל, כמעט מעשה־קונדעס, אַרויף אויף דער טריבונע אין „הזמיר״; איינמאָל, ווען ער האָט זיך אַ שפּיל געטאָן ביי זיך אין שטוב מיט זיין אייניקל, אַן אַכט־ניין־יעריק פאַרשייט יאַטל, און ווען מען האָט ניט געקאָנט כאַפּן, ווער־ווען שטייגט איבער אין פלינקייט...

כ׳האָב עס אַוודאי און אַוודאי אַרויסגעזען פון זיין שרייב־מלאכה, אין וועלכער ס׳איז קיין סימן שימל, קיין סימן מידקייט ניט געווען צו מערקען, הן אין זיינע פּובליציסטיש־פּאָלעמישע אַרויסטרעטונגען דעמאָלט אין דער טאָג־פּרעסע, הן אין זיין אייגנטלעכן געביט, אין וועלכן זיין פען האָט זיך געוויזן אין איר גאַרן גלאַנץ, שאַרף־שפּאַרעוו־דיק און קונציק־טרעפלעך, ווי אַלעמאָל זיין געבענטשטער שטייגער.

כ׳בין אַרויס פון מיין ערשטן באַזוך ביי אים, ווי מיט אַן ערשטן דערפאָלג אין ליבע, ווען דו קריגסט די זיכערקייט, אַז דיין באַגער געפינט מיטגעפיל און איז פון צווייטן צד אין אַ געוויסער מאָס באַ־וויליגט... קיינע ווערטלעך זיינען מיר ניט אַרויסגעגעבן געוואָרן, נאָר ס׳האָט מיר גענוגט אַליין דאָס, וואָס כ׳האָב געהאַט מוט צו אים אָנקלינ־גען, אַריין, הערן וואָס געהערט, אַז איך זאָל זיך שוין פאַררעכענען פאַר אַ שטיקל ליטעראַרישן בן־בית און זיך אַליין גיבן קרעדיט.

וואָס האָב איך באַמערקט אין פּרצס אַרומרינגלונג ביי מיין ערשטן באַזוך? זיין באַשיידענע דריי־צימער־וואוינונג, באַשיידן מעבלירט: זיין שרייב־טיש, באַשטעלט מיט אַלערליי שרייב־געצייג, אַלבאָמען, ספרים יקרי־המציאות, ווי אויך מיט פאַרשיידנאַרטיקע ציגאַרן, פּאַ־פּיראָסן, טיטין און גילזן, וואָס ער פלעגט אָפט בייטן, רויכערנדיק אַמאָל פון די, אַמאָל פון יענע, קלאָגנדיק זיך אויך: אוי, ווען ווערט ער שוין פטור פונעם רויכערן, וואָס זיצט אים אין האַרצן...

צום סוף פון מיין באַזוך האָט זיך באַוויזן פּרצס פרוי — ווייזט אויס, ערשט פון שטאָט געקומען. זי האָט דערלאַנגט כיבוד — קאַווע

מיט געבעקס. זי האָט אויסגעזען נאָך יוגנטלעך־שלאַנק, מיט נאָך פאַר־היטער פאַרב, — זי, אָט די פרוי, וועגן וועלכער כ׳האָב געהערט, ווי ליטעראַטן מורמלען, אַז זי פלעגט אַמאָל קיין יידיש ניט וועלן רעדן, און אַז זי איז פרצס מקורבים ניט איבעריק גערן געווען, באַזונדערס שרייבער מקורבים. איצט איז דערפון קיין סימן ניט געווען, פאַרקערט, זי האָט זייער העפלעך, צוגעלאָזט און גאַסטפריינטלעך, זיך באַצויגן צו פרצס אַ גאַסט, ווי וועלנדיק אונטערשטרייכן איר שותפות און מיטשטימונג מיט פרצן אין זינען פון שאַפן געמיטלעכן קאָנטאַקט מיט די אים נאָענטע. אַזוי האָב איך דאָס אַן אַנדער מאָל געזען אין איר באַציאונג צו א. ווייטערן, אַז אויך דאָס מאָל אין איר באַציאונג צו מיר.

כ׳האָב ווידער באַמערקט, אַז פרץ האַלט זיך מיט איר קאָרעקט, אָנשטענדיק, ווי ס׳געהערט צו אַ מאַן און פרוי; אָבער אין דער זעלביקער צייט אויך אַ היבש ביסל קיל, אָפט אַפילו אָוועקקוקנדיק, וואָס דאָס האָט געקאָנט געבן אַ גרונט פאַר איינעם, וואָס האָט אינטערעס פאַר אַזוינע זאַכן, צו חושד זיין, אַז פרץ, וואָס איז שוין כלל ניט יונג, האָט אָבער נאָך גענוג אויסבאַהאַלטענע לוסט אויף אַן אַנדער פרוי עטוואָס אַנדערש צו קוקן... און שוין.

ביי מיין צווייטן באַזוך האָב איך פאַר פרצן געלייענט צוויי זאַכן. די ערשטע איז אים געפעלן, און די צווייטע האָט ער אויפגענומען קאַלט און אַפילו מיט פאַרדראָס, פאַרוואָס איך בין פאַרקראָכן, וואוהין מען טאָר ניט — אין איבעריקער מאַלעריי, פאַרגעסנדיק, אַז דער עיקר־עיקר אין אַ דערציילונג איז, ס׳זאָל זיין וועגן וואָס צו דערציילן, פאַסירונגען און האַנדלונג.

איך דערמאָן זיך נאָך איצט מיט ציטערניש, ווי אַזוי איך בין פאַר אים געזעסן, געלייענט און אין דער זעלביקער צייט אויך נאָכ־געשפּירט, ווי ער נעמט אויף דאָס געהערטע. איך האָב באַמערקט, אַז איך האָב פאַר זיך אַ איינעם, וואָס איז לויטער אויער, און אַז אַ מינדסט פאַלשע, ניט ריכטיקע נאָטע מאַכט אים גלייך צושליסן די אויגן, וואָס האָבן ערשט, ביים רעכטן און גוטן געלויכטן מיט צופרידנקייט, ווי פון אייגענעם גוטס. ווען דאָס פאַלשע האָט זיך לענגער געצויגן, איז ער כמעט איינגעשלאָפן — אַ שטראָף פאַר אַ שרייבער, וואָס איז ערגער פון די ערגסטע זידל־ווערטער, אַן אַטעסטאַציע, וואָס כאַפּט דעם טעם פון יסורים פון גיהנום.

אויף מאָרגן האָט מיר א. ווייטער, וואָס האָט, ווי געזאָגט, מיך

שטאַרק פּראַטעזשירט, און ווי אַ גייסטיקער מעצענאַט, איז געווען גוואַלדיק פאַראינטערעסירט אין מיין אויסנעמען און האָבן דערפאַלג ביי דער ערשטער באַקאַנטשאַפט מיט פּרצן, — מיר איבערגעגעבן אייניקע פּרצס מיינונגען וועגן מיר, וואָס דעם רוב פון זיי וויל איך דאָ, איבער געוויסע טעמים, פאַרשוויגן און בלויז איינע דערמאָנען.

— מיט דעם פאַרשוין, — האָט פּרץ געזאָגט א. וויטערן, מיינענדיק מיך, — דאַרף מען טאָן, ווי מיט אַ באַל: אַז מען וויל, ער זאָל הויך אויפשפּרינגען, דאַרף מען אים פריער אַ גוטן זעץ־אַראָפּ טאָן...

כ׳האָב דאָס אָנגענומען פאַר ליב.

כ׳האָב זיך אין וואַרשע ניט לאַנג פאַרזאַמט, בסך־הכל אַ טאָג אַכט־צען. פאַר דער צייט האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו זען דעם קולט פון פּרצס פּערזענלעכקייט ביי דער מאַסע, זיין פּאָפּולאַריטעט און באַליבטקייט ביי איר. ס׳איז געווען אַ שבת בייטאָג, אויף וועלכן ס׳איז צונויפגערופן געוואָרן אַ פאַרזאַמלונג, אַ מין מיטינג, אויף צו באַהאַנדלען געוויסע טעאַטער־פראַגן. ס׳האָט באַדאַרפט אַרויסטרעטן פּרץ, א. וויטער און נאָך ווער. אַליין דער ענין איז מיר ניט אָנגעגאַנגען. כ׳האָב נאָר געזען, ווי פּרצס נאָמען איז צוציענדיק, מען איז געלאָפן, ווי אין גאַר אַמאָליקע צייטן יום־כפור אין שול. דער עיקרשט אַרבעטס־מענטשן, אינטעליגענץ, אויך לערן־יוגנט, טראַדיציאָנעל־געקליידטע, אין וואַרשעווער קליין־ראַנדיקע קאַשקעטלעך מיט פּיצלעך דאַשעקלעך... דער זאַל פון פילהאַרמאָניע איז געווען פול געפּאַקט און מער ווי פול. אַז פּרץ האָט זיך אַ וויז געטאָן אויף דער טריבונע, איז דעם עולם ניט געווען איינצושטילן. מען האָט געשטורעמט פון פרייד, פון באַגייסטערונג און פון האָבן פאַר די אויגן דעם אמתן פאָלקס־פירער, וואָס האָט די נבואה אין מויל און פון וועמען מען ריכט זיך צו הערן דאָס, וואָס פון קיינעם ניט...

פאַר דער צייט האָב איך נאָך אייניקע מאָל באַזוכט פּרצן. כ׳האָב אַביסל אַריינגעקוקט אין זיין לאַבאָראַטאָריע, אַביסל צוגעזען זיין ליטעראַרישע הנהגה, אַביסל — ווי לעבט זיך אים מאַטעריעל.

— וויפיל פאַרדינט איר? — האָט ער מיך איינמאָל געפרעגט.

— אַזוי פיל, — האָב איך געענטפערט.

— און איך אַזוי פיל און ס׳איז קאַרג, און איך מוז די בעסטע צייט אָפּגעבן דער גמינע.

— און פון דער פען? — האָב איך געפרעגט.

— פון דער פען אין מויל אַריין האָב איך קיינמאָל ניט געאַרבעט.

ער האָט זיך געקלאָגט אויף דער צייט, וואָס גייט אים פאַרלוירן. אַכט אינדערפרי דאַרף ער שוין זיין אין דער גמינע, 4 בייטאָג קומט ער אַהיים. ער איז מיד, רוט זיך אָפּ ביז אַזייגער זעקס. דעמאָלט קומען געזעלשאַפטלעכע פליכטן — אַמאָל אַ פאַרזאַמלונג, אַמאָל אַ לעקציע, אַזוי גייט אויך אַוועק דער אָוונט.

— איז ווען אַרבעט איר פאַר זיך?

— מערסטנס ביינאַכט, אָט, — האָט ער דערציילט, — האָט ער נעכטן באַדאַרפט אָנשרייבן פאַר דער צייטונג, אין וועלכער ער איז מיטאַרבעטער, עפּעס צום שבת־נומער. די גאַנצע נאַכט, ביז אַזייגער זעקס, האָט ער פיל געראויכערט, און אינדערפרי איז ער געווען אַזוי פאַרחושכט און איבערגעמידט, אַז אָנשטאָט צו צערייסן דעם שוואַרצן עקזעמפּליאַר, וועלכן ער איז זיך ניט נוהג אויפצוהיטן, האָט ער צע־ריסן דעם איבערגעשריבענעם. ער האָט געמוזט נעמען איבערשרייבן אויפסניי... אין קלאַמערן געזאָגט: דאָס איז געווען זיין דערציילונג „שרה בת־טובים", וואָס האָט זיך דעמאָלט געדרוקט אין דער צייטונג „דער פריינד".

כ'האָב אויך געזען, ווי ער פאַרהאַלט זיך צום אָרום. דאָס מיינט, צו אייניקע, יונג־אונטערוואַקסנדיקע ליטעראַטן, ווי צו וויסענבערגן, צו קאַגאַנאָווסקין. וויסענבערגן האָט ער איינמאָל אין מיין אַנוועזנהייט געשענקט אַ באַנד שעקספּירס דראַמעס, און אַז וויסענבערג איז אַוועק, האָט ער מיר אַ זאָג געטאָן האַלב צוטרוילעך, אַביסל מיט אַ קרעכץ: „אפשר וועט דאָס אים נוצן... ער שרייבט איצט אַ דראַמע!..." כ'האָב געזען: ער שעצט זייער וויסענבערס געזונט־שטאַמיקע פאַר־וואַרצלטקייט, באַדויערנדיק זיין קולטורעלע אָפּגעשטאַנענקייט, וואָס ער האָפט, ווייזט אויס, וויניק, אַז יענער זאָל פון איר ווען ס'ניט איז פּטור ווערן.

איך האָב געזען, ווי ער באַציט זיך צום יונגן, גאָר יונגן, כמעט נאָך מיט דער מוטער־מילך אויף די ליטעראַרישע ליפּן קאַגאַנאָווסקין, וואָס האָט פון יוגנטלעכער אומשולד זיך געפילט אַזוי פריי — אויפ־געבונדן מיט פרצן, ווי מיט אַן עלטערן ברודער, כמעט פּאַני־בראַט: ער האָט ביי יעדער באַגעגעניש מיט פרצן אים געהאַט צו פאַרטרויען אַן אַנדער געהיימניש וועגן אַן אַנדער „מיידל"...

דאָס האָט מיך אַביסל שאָקירט. איך, וואָס האָב זיך געפונען וויט פון ליטעראַרישע צענטערן מיט זייערע זיטן, האָב ניט פאַרשטאַנען, ווי דערלויבט זיך אָפילו אַ קינד צו זיין אַזוי היימיש מיט אַזאַ, וואָס

יעדעס מאָל, אַפּילו שוין נאָכן ערשטן קלונג אין זיין טיר, איז מיר דאָס קלינגען אָנגעקומען שווערלעך.

אין דעם פּרט האָב איך געפונען אַן ענלעכקייט צווישן זיך און א. ווייטערן, וואָס, ווי כ׳האָב באַמערקט, איז ער יעדעס מאָל, קומענדיק פאַר פּרצן, אונטער אַן אַנדער אויסרייד, געבליבן שטיין פאַר אים און זיך ניט געוואָלט זעצן. און אַז כ׳האָב איינמאָל אים געבעטן אָנקלינגען פּרצן וועגן עפּעס אַן ענין, האָט ער געזאָגט: „ניין, ער קלינגט ניט. ער קאָן זיך ניט דערלויבן ציען פּרצס אויער צום טעלעפאָן... אַז ער דאַרף, פאָרט ער צו“... אָט דאָס האָב איך פאַרשטאַנען.

פּרץ האָט דאָס געפילט. ער האָט איינמאָל מיך אַ פרעג געטאָן:

— ווי רופט מען דאָס מקום, וואו איר געפינט זיך? זשיטאָמיר? וואָס עפּעס זשיטאָמיר? ווער זשיטאָמיר? וואוהין האָט איר זיך פאַרקליבן? וואָס ליגט איר דאָרט? קיעוו דאַרף איך זיין קליין! פּעטערבורג, וואַרשע, בערלין — אָט וואָס איר דאַרפט!...

ער האָט מיר פאַרגעלייגט בלייבן אין וואַרשע.

— און מה נאכל, פון וואַנען הייסט עס, וועל איך לעבן?

— אָט מען טרעט צו אַרויסגעבן זיינע ווערק אין העברייאיש, איז זאָל איך זיין זיין איבערזעצער... איר קענט דאָך העברייאיש?

ווי ס׳האָט מיר ניט געשמייכלט אָט דער פאַרשלאַג, דאָך האָב איך זיך אָפּגעזאָגט, אויסגעפינענדיק פאַרשיידענע תירוצים, וויכטיקע, ניט וויכטיקע, — דער עיקר ווייל איך האָב זיך ניט געפילט צוגעפּאַסט צו דער טומלדיקער גרויס־שטאָט, און לויט מיינע אייגנשאַפטן, וועלכע איך האָב ריכטיק אָדער ניט ריכטיק אָפּגעשאַצט, איז מיין אָרט געווען אין פּראָווינציעלער אויסבאַהאַלטעניש, פון וואַנען איך זאָל פון צייט צו צייט אַרויסשטעקן דעם קאָפּ, ווי דורך אַ קליין־שטוביק פענצטערל אין גאַטס דרויסן אַרויס, און בלויז טרוימען וועגן טומל און גרויס־שטאָט.

איינע פון די סיבות, וועלכע האָט מיך אָפּגעהאַלטן פון צו בלייבן אין וואַרשע, איז געווען, דוכט מיר, אויך די ניט־אַרויסגעזאָגטע באַהאַלטענע מורא, עס זאָל מיר ניט ביליק ווערן, וואָס דאַרף זיין טייער — צווישן אַלעם אַנדערן, אויך ער, פּרץ, וועמען איך האָב ניט געוואָלט האָבן צו זען, ווען איך וויל, אין יעדן אינדערוואָכן. ס׳איז אפשר נאַריש, אָבער אַ פאַקט, וואָס געשעעט מיט אַ פּראָווינציאַל לויט דער טבע.

איך בין אַוועק. און פאַרשטענדלעך, אַז איך האָב יאָרן לאַנג דערנאָך געהאַט צו דערציילן פאַר מיינע חברים אין דער פּראָווינץ וועגן מיין

באַזוך ביי פּרצן פיל מער, וויפיל איך דערצייל דאָ — ניט אַזוי קיין פאַקטן מער, ווי איינדרוקן פון זיין שטיק, גייק, האַלטן זיך און מער־גייסט פון אַ גדול, וואָס שטראָמט אַרויס פון אים און מאַכט אים מיט קיין פּרט ניט ענלעך אויף די, וועלכע מיר באַגעגענען אין אונדזער טאָג־טעגלעכקייט.

אַז איך פלעג אַרויף אויף דער טעמע, פלעג איך פילן אין זיך אַ געוויסע חשיבות פון צו זיין כאָטש אַ זייטיק צווייגל פון יענעם גרויס־צעוואַקסענעם פאָלקס־בוים, וואָס מען רופט „פּרץ". איך פלעג אים אַלעמאָל זען אי אַלס מענטש, משכמו ומעלה — העכער פון אַלע, אי אַלס שעפער, וואָס די סטיכיע רעדט פון אים מיט אַזאַ פּראַכט, אַז ס'איז זי ניט איבערצוחזרן, איר ניט נאָכצוטאָן.

אַז איך פלעג אים פאַרגלייכן מיט זיינע מיטצייטלער, מיט די גרונט־לייגער פון דער יידישער ליטעראַטור, פלעגט ער מיר כסדר אויסזען ווי די זון איבער זיי: מענדעלע — דער שוואַרץ־אויפגעאַקערטער באָדן, שלום־עליכם — די אַרויסגעוואַקסענע זאַנגען־שפע, און ער — די זון, וואָס וואַרעמט, לויכט בענטשט און מאַכט וואַקסן.

איך ווייס ניט פאַרוואָס, נאָר מער ווי איינמאָל האָב איך ניט גע־טרוימט אים צו זען. איך האָב זיך, ווייזט אויס, אָסקעטיש ניט פאַרגונען... עס האָט מיר אָבער גענוגט אויך דאָס איינמאָל, כ'זאָל שוין באַשטענדיק האָבן זיין געשטאַלט פאַר די אויגן, און פילן זיין אויפזיכט און לערעריש־זיטלעכן קאָנטראָל, וואָס היט און וואָרנט: געדענק פאַר וועמען דו ביזט פאַראַנטוואָרטלעך...

.1940

אַ בריוו צו דוד בערגעלסאָן

טייערער דוד:

.... אַ יובילײ פון אַזאַ קינסטלער, ווי איר, פון אַזאַ גרויס און פּאַרנעם, באַדײַט אַן אָרנטלעכער און אויפריכטיקער סך־הכּל פון אויפריכטיקער קינסטלערישער ענערגיע, פאַרוואַנדלט אין וואָרט, בילד, געשטאַלט, האַלב־טיפן און טיפן, וואָס דאָס פאָלק זעט אין זיי אַ פאַרקערפּערטע שטיק געשיכטע פון זײַנעם אַ געוויסן פּעריאָד, און לערנט זיי, און לייענט זיי ווי דאָס בוך פון זײַנע גורלות.

אַלץ, וואָס דאָס פאָלק האָט אין יענעם פּעריאָד געטראָפן, דאָס סאַמע פּריידיקסטע אָדער פײַנלעכסטע, איז אין יענע טיפן און האַלב־טיפן פאַרפיקסירט און פאַרגעשטאַלטיקט דורך דעם קינסטלערישן וואָרט, וואָס איז דער פאָלקס־עדות, אַרויסגעגראָבן פון זײַנע טיפסטע איניקסטע אוצרות, און דורכגעשליפן און געלייטערט, מיט אַלע מיטלען, מיט וועלכע זײַן קינסטלער, זײַן באַפולמעכטיקטער דערויף איז פון דעם באַשאַנקען.

דאָס פאָלק זעט זיך אין די געשאַפענע ווערק פון זײַן גרויסן קינסטלער, — סײַ אין דעם פּעריאָד, ווען זיי ווערן געשאַפן, סײַ אויך מיט דורות שפּעטער, — ווי אין אַ געטרייען שפּיגל געגעבן, מיט אַלע יענע מעלות און חסרונות וואָס אַ פאָלקס־קערפּער, ווי יעדער קערפּער, פאַרמאָגט, פרייענדיק זיך מיט די מעלות, וועלכע דינען דעם פאַר אַ מוסטער און שטאָלצירנדיקער פרייד, און אָפּקערעוועענדיק פון די חסרונות, וועלכע האָבן זיך אויפן געשיכטלעכן וועג צו דעם צוגעקלעפּט, ווי אַ פרעמד־פּאַראַזיטירנדיק געוויקס.

יאָ ... דעם אמתן פאָלקס־קינסטלערס באַרוף איז ניט נאָר די קונסט אין ענגסטן זין פון וואָרט, נאָר יעדעס מאָל, צוזאַמען מיט איר און ניט אָפּצוטיילן פון איר, אויך דאָס דידאַקטישע, דאָס לערערישע, דאָס שטראָפנדיקע, אָדער טרייסטנדיקע, וואָס דאָס באַדײַט אויך יעדעס מאָל דאָס פאָראויסגיין און פאָראויסזען פונעם קינסטלער ווי אַ פאָלקס־פירער, וואָס זאָרגט פאַר די געפירטע, זאָלן זיי קיין שטרויכלונגען

אויף זייער סאָציאַלן וועג ניט טרעפן, און אויב שוין יאָ געטראָפן, — זאָל זיך דאָס מער ניט איבערחזרן.

דאָס איז דער העכסטער קינסטלער־באַרוף, פאַר וועלכן דער קינסטלער גיט אַוועק און שענקט זיין גאַנצן לעבן אָן איבערבלייב, און דאָס פאָלק באַלוינט דערפאַר מיט די שענסטע ווערטער אין זיינע פאַנטעזיעס, דאָס מיינט מען — אין זיינע באַערנדיקע געדעכעניש, וועלכע נעמען זיך ניט אויס און לעבן אייביק, ווי אייביק דאָס פאָלק לעבט.

טייערער דוד! אייער אָרט איז צווישן יענע אויבנדערמאָנטע קינ־סטלער. איר האָט אייער גאַנצן ביזאַהעריקן לעבן געווידמעט דעם געט־רייען שילדערן און קינסטלערישן פאַרפיקסירן יענע פּראָצעסן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין אונדזער פאָלקס־לעבן, — אָנהויבנדיק פון אייער געוויסער סעריע־יורדים, געזעלשאַפטלעכע שלימזלס און „איבע־ריקע" מענטשן — דער אומפאַרמיידלעכער פּראָדוקט פון אַ געוויסער געזעלשאַפטלעכער פאָרמאַציע און פּאָליטישן רעזשים, אייערע מירלס, מלכס, חיים־משהס, און אַנדערע, און איבערגייענדיג און האָבנדיק די זכיה מיטצושאַפן צו פאַרגעשטאַלטיקן אויף די נייע פּראָצעסן, וואָס זיינען אַזוי ווייט פון די פריערדיקע, ווי הימל פון ערד.

איר האָט מיט גרויס בראָך באַערדיקט אייער יורדים־דור און אויף זיין קבר אָפּגעזאָגט דעם כליפענדיקן קינסטלערישן „קדיש".

ס'האָט אייך זייער ווי געטאָן, צוזעענדיק, ווי דאָס סאַמע פייאיקסטע, אָרנטלעכסטע און געוויסנהאַפטיקע גייט צו גרונט, ניט געפינענדיק קיין אָרט אין יענעם לעבנס־שטייגער, ניט געפינענדיק קיין וואָרט אויף אויסצודריקן זיינע פאַרשטומטע ליידן, און אַ פּשיטא שוין — ניט קיין שטיין אויף אַריינצוהאַקן אין די טירן און שויבן פון יענע אורזאַכן און פאַראורזאַכער, וואָס האָבן זיי — אַזוינע פייאיקע — אונטערגעהאַקט די פליגל, און זיי געמאַכט קריכן, פויזען, צו גאָרנישט ניט טויגן, און נאָר צום „לייטיש" געלעכטער.

איר האָט שטילערהייט, שילדערנדיק יענע פאַרשוינען, אונטער־געוויינט, מיטפילנדיק זייער אומקומען, זייער „אָפּגיין" און לאָזן נאָך זיך נאָר שטומע שלעסלעך אויף זייערע טירן, און אויף שטענדיק פאַר־שלאָסענע, ווי אייער מלך.

און ווי אַלע — מירל, ווען ס'האָט געדוכט, און ס'האָט זיך געמוזט דוכטן, אַז איר לעבן האָט פאַר איר אַן אַנדער ווערט, ווען שוין אָפּגעלעבט, און איר, מירלען, אַליין, איז דאָ, אויף דער וועלט, געבליבן ניט מער

ווי נאָר דורך סימנים פון עמעצנס טריט דורצוגייך, אַליין די ערד כמעט ניט אָנרירן, זייענדיק דער טרוים פון איר אייגן לעבן, נאָר ערגעץ וויט־ווייט אין די זיך לעשנדיקע און צאַנקנדיקע האָריזאָנטן.

איר האָט מיט טרערן אין די אויגן, אַליין אויך, פון צייט צו צייט, הינטן אַרום, געכאַפּט אַ קוק אויף יענע האָריזאָנטן, פרעגנדיק: ווען, און פון וואַנען וועט ער אָנקומען, דער גורל פאַר יענע, וואָס גייען אום, ווי אין עולם־התוהו, פּטרן לעבנס אומזיסט און אומנישט, קומען אַפּ פאַר פרעמדע זינד, און ס׳איז צייט זיי אויסצולייזן...

אונדזער פאָלק איז שוין לאַנג אַוועק פון יענער צייט — אַזוי ווייט, אַז ס׳פילט צו איר קיין שום קרובהשאַפט, ניט וויסנדיק פון איר לעבן און געביין, זיך געפינענדיק שוין גאָר אין אַן אַנדער רעזשים, שוין גאָר אין אַן אַנדער געזעלשאַפט, און מיטן באַוואוסטזיין, אַז דאָס וואָרט „יורד", „געזעלשאַפטלעכער שלימזל" און „איבעריקער מענטש" האָט שוין ניט קיין אָרט אין זיין לעקסיקאָן אַפילו.

אָבער ווי ווייט דאָס פאָלק איז שוין איצט אַוועק, און שפּעטער, ווען ס׳וועט האָבן נאָך מער אַוועקגעגאַנגען, וועט עס דאָך, אומקוקנדיק אויף צוריק און וועלנדיק זען זיין אייגן לעבן, ווי עס האָט פריער אויסגעזען — אייך, דעם קינסטלער בערגעלסאָן געוויס דאַנקבאַר זיין פאַר אייער מי געטריי צו שילדערן יענע קללהדיקע פאַרגאַנגענהייט; און יעדעס מאָל, לייענענדיק אייערע ווערק, וועט עס האָבן דאָס בילד פאַר די אויגן, ווי אַזוי אין דער שווערער באַוואָלקנדיקייט פון יענער צייט, זייט איר מיט אַ הויך פאַרריסענעם קאָפּ געשטאַנען, זיך אויסקוקנדיק די אויגן און וואַרטנדיק אויף דער שיין, וואָס דאַרף און מוז זיך פון ערגעץ דורכרייסן.

איר האָט געקוקט, געוואַרט, זיך אויסדערוואַרט און דערזען... און מיט וואָס פאַר אַ הונגער, מיט וועלכן אַפּעטיט און גירישקייט איר האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו דער נייערווירקלעכקייט, וואָס זי איז נאָך כמעט קיין ווירקלעכקייט ניט געווען; דעמאָלט, ווען זי האָט ערשט געהאַלטן אין ווערן; דעמאָלט, ווען אַלע געזעלשאַפטלעכע יסודות האָבן נאָך געהאַלטן אין איין ציטערן און טרייסלען זיך פון אונטער־ערדישע שטויסן, — אָט דעמאָלט האָט איר זיך מיט אייער קלאָמעריקן געדאַנק שוין אָנגעכאַפּט פאַרן נייעם, ניט וועלנדיק אָפּלאָזן, וויסנדיק, אַז צום אַלטן איז קיין צוריקקער, אַז שלימזל איז געענדיקט, דאָס פּאַסיווע, דאָס זיך נאָכשלעפּנדיקע און אונטער דער ראָד צעריבענע איז אויס... ס׳הויבט זיך אָן אַן ערע פון מזלות — פון העכסטע, אַקטיווע, אין קאַמף

געבוירענע און אין בלוט בויענדיקע; און — אַוודאי און אַוודאי, וועט מען אייך אויך דערפאַר דאַנקבאַר זיין — פאַר אייערע געשילדערטע באַטשקאַס, פיליפּאָוס, פּענעקס, און אַנדערע — קינדער פון שטורעמפּיין און מאַרטירערטום, אָבער שוין מיט זיגער־שיין אויף די שטערנס.

יאָ, דאָס אַלץ איז באַוואוסט און פון אַלעמען אָנערקענט.

וואָס־זשע געהער אָבער באַזונדערס מיר — איינעם אייערן אַ בן־דור, וואָס דער צופאַל האָט אים געגליקט זיך צוזאַמענצוטרעפן מיט אייך אין זיין פריער נאָך יוגנט, און וואָס איך בין אַזוי פיל באַווירקט געוואָרן פון אָט דעם זיך צוזאַמענטרעפן און לאַנגן צוזאַמענלעבן, — בין איך אַוודאי שטענדיק דאַנקבאַר געווען און וועל, ווען איך וועל לעבן, דאַנקבאַר זיין אָט דעם צופאַל.

איך האָב אייך פאַר אַ משך פון פיל יאָרן נאָכגעקוקט און נאָך מער פיל זיך ביי אייך געלערנט.

געלערנט ... ערשטנס, באַציאונג צו ליטעראַטור.

דערמאָנט זיך, אַז יעדעס מאָל איז ביי אייך אַמאָל געווען איינגעפירט, אַז סיי, ווען איר פלעגט לייענען אייערע ווערק פאַר אַנדערע, סיי ווען אַנדערע פלעגן לייענען אייערע ווערק פאַר אייך, פלעגט דאָס יעדעס מאָל פאָרקומען ביי אָנגעצונדענע ליכט און לייכטער.

דאָס איז ניט געווען קיין פּוסטע ביליק־געבלאָזענע דעקאָראַציע. ניין! דאָס האָט יעדעס מאָל באַדייט: ליטעראַטור איז יום־טוב; ליטעראַטור איז פייערלעכקייט ...

דאָס איז געווען זייער איינפאַך און האָט לחלוטין ניט געשטימט מיט דעם דעמאָלטדיקן וואַרשעווער ליטעראַרישן מאַרק, וואו ליטעראַטור איז שוין געוואָרן אַ האַנט־פּרנסה, און וואָס ניט געקוקט, וואָס יענע ליטעראַטן האָבן נאָך געהאַט צווישן זיך אומגייען, שאַפן און ווירקן אַזאַ ווי י. ל. פּרץ, האָט דאָס פונדעסטוועגן זיי ניט אָפּגעהאַלטן פון צו זיין דאָס, וואָס זיי זיינען אַליין געווען, — דאָס, וואָס האָט דערנאָך געגעבן היפשע קאָדרען אין דער געלער פּרעסע אַריין, דאָס, וואָס ווען אַזאַ, ווי איר, פלעגט אַמאָל קומען אויף אייניקע טעג נאָר אין זייער געזעשאַפט, האָט עס אייך געקומען וואַרגן, איר האָט זיי מוחל געווען זייער ליטעראַרישע מעטראָפּאָליע און האָט זיך אַרויסגערוקט און צוריק אַוועק אינעם שטילן, פון טומל ווייטן, פּראָווינציעלן, אין ליטעראַרישן זין, דעמאָלטדיקן קיעוו.

ווער ס'איז געקומען אין אייער נאָענטקייט, דער האָט געמוזט יענעם הוהאַיקן ליטעראַרישן מאַרק ווערן אַ שונא, דער האָט זיך געשטעלט

אין אייער זייט און גענומען שאַפן אַ נייע פּאַר יענער צייט ליטעראַרישע טראַדיציע, אַ נייע ליטעראַרישע שול, וואָס בראש פון איר זייט גע־שטאַנען איר, וועלכער איז ווערט און באַרופן געוואָרן בראש צו גייך.

דאָס איז איינס.

צווייטנס: כ׳האָב זיך ביי אייך געלערנט באַשיידנקייט.

דערמאָנט זיך: ניט געקוקט, וואָס איר זייט שוין דעמאָלט געווען דער באַוואוסטער און פון אַלעמען אַנערקענטער, איז אַז אין פופצנטן יאָר, ווען פּרץ איז געשטאָרבן, און איך בין דעמאָלט געהאַט אָפּגעפאָרן פון קיעוו, אַז איך בין צוריקגעקומען און מיר האָבן זיך געטראָפן, האָט איר צו מיר אַ פאַל געטאָן מיט אַ געוויין: „אויף וועמען האָט ער אונדז איבערגעלאָזט?...״

איר זייט שוין גאָרניט אַזוי קליין געווען, גאָרניט אַזוי אומבאַהאָלפן און יתומדיק, און דאָך איז מיטן אָפּגיין און מיט אויספעלן אין דער ליטעראַטור פון אַזאַ פיגור, ווי פּרץ, האָט איר זיך דערפילט קינדיש געבראָכן און ווי געלאָזט אויפן וואַסער...

דאָס איז, אגב, די טבע פון אַלע גרויסע, וואָס ס׳קלעקט זיי אי אויף אַליין גרויס צו זיין, אי אויך גרויס צו פאַרערן אַנדערע; אי אַליין איבער־פולט זיין, אי פייאיק זיין די אייגענע איבערפולקייט צו אַן אַנדערנס פיס אַוועקצולייגן...

דאָס איז ווייטער געווען קעגן דער וואַרשעווער טראַדיציע, וואו יעדער נישטיק און האַלב־נישטיק ליטעראַטל האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט זיין „אָרעם זעלביקן״ „יאָך״, האָט געבלאָזן פון זיך און אויסגעזען, ווי אין ניינטן חודש טראָגנדיק מיט אַ גאון, שמועסנדיק צווישן זיך, ווען פּרץ איז נאָך געווען פּרץ, אַז ער איז שוין אַלט און אָפּגעלעבט, דעמאָלט ווען זיין מינדסטער פינגער האָט נאָך פאַרמאָגט אין זיך מער יוגנטלעכן פייער, ווי זייער גאַנץ באַהעמיש לייב־און־לעבן.

דאָס איז צווייט.

דריי: כ׳האָב זיך ביי אייך געלערנט אַכטן די אייגענע מלאכה. כ׳האָב אייך נאָכאַמאָל געזען וויינען: שפּעטער אין 1920—1921. דעמאָלט ווען איר האָט שוין געהאַט גענומען פאַר אַ טעמע די רעוואָלוציע, שוין גענומען שילדערן די נייע ווירקלעכקייט, און ס׳איז אייך לכתחילה שוין געגאַנגען, און איר האָט זיך איין מאָל פאַרהאַקט, ניט פון אָרט...

איר האָט געוויינט, אַ געבראָכענער פון גרויס צער, מורא האָבנדיק,

אַז קיין כוח וועט איך ניט קלעקן, און אַז דאָס נייע איז ניט פאַר איך דאָס איינצונעמען, גובר זיין, איינבייסן און באַהערשן.

איר האָט ניט געוואָלט קיין „גרינגע לעבערלעך", איר האָט אויף אייער מאָס קוואַליטעט און אויף אייער מייסטערשאַפט אינעם שאַפן אייערע פריערדיקע ווערק ניט געוואָלט נאָכגעבן, איר האָט, פאַרקערט — געוואָלט פאָרן נייעם נאָך מייסטערשאַפט. און איר האָט דעמאָלט אַ קליין שטיקל צייט גייסטיק אומגעוואַנדלט, זיך קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען, אומגענישטערט און געשמעקט, ווי אַ חיה אַן אומבאַקאַנטע זאַך, וואָס באַגעגנט זי...

און פאַרשטייט זיך, אַז ביי אַזאַ סאָרט אָנשטרענגונג, גאַרן, שטרעבן און ווען אַ זאַך צו באַהערשן, האָט איר סוף־כּל־סוף געמוזט אַרויס זיגער און איר האָט זי, די זאַך, די טעמע, טאַקע, סוף־כּל סוף, באַהערשט און אין האַנט אַריינבאַקומען — אויף אַזוי פיל און אין אַזאַ מאָס, אַז עס האָט איך גענומען די פולע פון די פינגער אַרויסצושפּאַרן.

איך האָב איך כּסדר געזען אַ שווער־באַלאָדענעם מיט אייער קינסטלערישער מיסיע, ווי אויף בערג־שטייגן. ס'איז קיינמאָל ניט גרינג אָנגעקומען. איר האָט כּסדר געהאַלטן אין איין נעמען באַריערן, און דאָס ציט זיך שוין אַזוי לאַנג באַלד 30 יאָר, — און ביז היינטיקן טאָג זייט איר ניט פון די פלינק־מאַכער, פון די, וואָס לעבן שוין אויף זייער אייגענעם פאַרגרייטן, אויף זייער אָנגעזאַמלטער טעכניק, און אויף אומזיסט־עסערישע רענטעס; נאָך ביז איצט, ביזן היינטיקן טאָג, זע איך איך נאָך אַלץ אַ באַרג־שטייגער מיט אייער שווערן פּאַק באַלאָדן.

כ'האָב איך ערשט פאַראַיאָרן נאָך איין מאָל אויף דער נאַכט געטראָפן ביי אייער טיש, נאָך אַ טאָג, צו זען געווען, שווערער אַרבעט; די הויט פון פּנים איז איך געווען דורכגעשפּיקעוועט און דורכגעגרויכערט פון אַ גאַנצן טאָג פּאַפּיראָסן — אַזש בלוי; און איר זייט נאָך אַלץ געזעסן ביי דער מאַטאָווער שיין פון לאָמפּ איבער אייערע פּאַפּירן פאַרטאָן.

כ'האָב עס דערנאָך דערציילט אַלע מיינע באַקאַנטע יונגע, און זיי געזאָגט: גייט, זעט, פאַרט, לערנט זיך, ווי אַזוי ס'אַרבעט דער, וואָס פילט פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אַרבעט...

מיט איינעם וואָרט, לערנען ביי איך איז געווען וואָס, און איך האָב ביי איך פיל געלערנט, און ניט נאָר איך, נאָר צוזאַמען מיט מיר

אַ גאַנצער יונגער דור פון אונדז, וואָס איז אַרויס פון אייערע „לענדן" און וואָס איז אויף אייערע קני דערצויגן.

איז נעמט־זשע צו, טייערער דוד, אַ דאַנק פון אונדז אַלעמען, און לאָזט זיך ווינטשן, וואָס אייך קומט:

לאַנג לעבן, גליק און אומאויפהערלעכע שטייגונג אין אייער ווייטער־דיקער שעפערישער אַרבעט.

אייערער און אייער דאַנקבאַרער

נסתר

כאַרקאָוו, 1940.